This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

אין דעם נומער:
מארק שאגאל
איזי כארוק
מאוקאצאווסקי

סאָוועטיש

7

1968

היימלאַנד

אינהאלט

זײַט

צום 75־טן געבורטסטאָג פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי

הערש רעמעניק. דער גרויסער דיכטער פון דער רעוואָליוציע 3

וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי צוגאַסט בײַ די ייִדישע ארבעטער פון ניו־יאָרק (פון ו. קאַטאַניאַנס בוך „מאַיאַקאָווסקי. ליטעראַרישע כראָניק“) 7

יעכיִעל פאַליקמאַן. דער שוואַרצער ווינט (ראָמאַן. דריטער טייל). צייכענונגען פון ג. פּאָנדאָפּולאָ 9

מאָטל גרוביאַן. פרימאָרגן (לידער) 64

יאָסל בוכבינדער. דרײַ לידער 67

יאַנקל יאַקיר. מײַן מאַמעס רעוואָליוציע (דערציילונג). צייכענונגען פון ב. וואַליט 68

יאַנקעוו שטערנבערג. פאַרשיידענע לידער . . . 95

אַוורהאָם גאָנטאַר. א רײַזע קיין לענינגראַד, וואָס פירט צום גנילאָפּיאַט. צייכענונגען פון ו. זובאָוו 99

שלוימע רויטמאַן. צוויי לידער — מײַסעלעך . . . 119

לייזער קאַצאָוויטש. דער רעטעך און די באַר. — דאָס ליכט און אַנד. מעשאָלים 123

טריבונע פון לעבן

מייער פּאָלאָנסקי. קינדער פון אָקטיאַבער (וועגן דער מאַלאַכאָווקער קינדער־קאָלאָניע) 126

די כאַריק־טעג אין ווײַסרוסלאַנד. רעפּאָרטאַזש וועגן אָוונט, געווידמעט דעם 70־טן געבורטסטאָג פונעם דיכטער . . . 132

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

אַרן ווערגעליס. געדאַנקען וועגן מאַרקישן 137

יוינע טרעמבאָוולע. פראַנץ קאַפקא און זײַן ראָמאַן „דער פּראָצעס“ 142

אונדזערע מיטטיילונגען. א. פּריבלודע. צו דער געשיכטע פון ייִדישע פאַמיליע־נעמען 147

אין א שעפערישער קאָמאַנדירונג... עס דערציילט דער קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאַנייעץ 151

פאַרשיידנס 152

רעפּליקעס. דאַניִעל שיידבערג. וועגן „היימישער“ קריטיק. ס. ראָכקינד. צו דער טעמע: שאָלעם־אַליי־כעם אין רוסישער איבערזעצונג 154

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאַטשיק. „מעשה בריעה וזימרה“ 157

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן . . . 158

כראָניק 146, 159

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 160

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פּאַראַנטוו. סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פאַליקמאַן,

ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

אַכטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

יולי

1968

1893 וולאדימיר מאיאקאָווסקי 1968

פאָטאָ א. ראָדטשענקאָ. 1924.

דער גרויסער דיכטער פון דער רעוואָליוציע

מאיאקאָווסקי איז געקומען אין דער ליטעראַטור ווי א קעמפער קעגן די אומרעכטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, קעגן די אַלע, וואָס לעבן א זאַט פּאַראַזיטיש לעבן, קעגן דער „לעפּראָזאָרי־שטאָט“, ווי מאיאקאָווסקי דריקט זיך אויס, ווו „גאָלד און שמוץ“ פאַרדאַרבן דאָס לעבן פונעם מענטשן, מאַכן אים דול און מעשוגע. מאיאקאָווסקי טרעט ארויס קעגן דעם גראָב־בײַכיקן, זעלבסטצופרידענעם בורזשוא. מיט גרויס צאַר זעט דער דיכטער, ווי די זאַכן, וועלכע דער מענטש האָט באַשאַפן מיט זײַנע הענט און מיט זײַן שׂכל, הייבן אָן צו הערשן איבער זייער באַשעפער, דריקן אָף אים מיט א קאָלאָסאַלער קראַפט, פאַרוואַנדלענדיק אים, דעם מענטשן, אין א געהאָרכזאַמען און דערשלאָגענעם שקלאַף פון זײַנע אייגענע שאַפונגען.

פּונקט ווי א סאַך אַנדערע פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ, האָט מאיאקאָווסקי זיך געפילט איינזאַם אין דער צעפוילטער בורזשואַזער סוויווע, אָבער אין זײַן איינזאַמקײַט האָט ער ניט געוואָלט און ניט געקענט שאָלעם מאַכן מיט דער דאָזיקער סוויווע, צופּאַסן זײַן שאַפונג צו די בורזשואַזע באַדינגונגען.

מאיאקאָווסקיס פּאָעזיע ביז דער רעוואָליוציע איז דורכגעדרונגען מיט גרויסער מענטשן־ליבע. דער דיכטער טרוימט וועגן א שיין פּילפאַרביק לעבן. אין זײַן האַרצן לעבט די זיכערקײַט, אַז ס׳וועט קומען א צײַט, ווען דער מענטש וועט אַראָפּוואַרפן פון זיך די קייטן פון שקלאַפערײַ און וועט ווערן פרײַ.

דער הומאַניסטישער טרוים וועגן גליק פון פעלקער, באַנאַנד מיטן בונט קעגן אונטערדריקונג, קעגן דער מאַכט פון געלט, שיידט אונטער מאיאקאָווסקין פון א גאַנצער ריי אַנדערע שרײַבער ביז דער רעוואָליוציע.

עס איז פאַראַן נאָך א וויכטיקער מאָמענט, וואָס טיילט אויס מאיאקאָווסקין אין דער ליטעראַטור פון דער פאַר־רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע — דער פאָרגעפיל פון דער אָנקומענדיקער רעוואָליוציע, דער רוף צו אַלע דערנידעריקטע און פאַרשטויסענע, זיי זאָלן ארויסגיין אין שלאַכט. דער דיכטער ווערט דער זינגער פון רעוואָליוציאָנערן אויפשטאַנד, וועלכן ער האָט נאָך פון פריִער פאָרויסגעזאָגט אפן יאָר 1916, מיט א יאָר פריִער, איידער די רעוואָליוציע איז פאָרגעקומען אין דערווירקלעכקײַט.

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט מיט א ליכטיקער שײַן באַלויכטן פאַר מאיאקאָווסקין די וועלט. אונטערן געשריי און געוויי פון דער בורזשואַזער פּרעסע, וואָס האָט געליאַרעמט וועגן „פּעראַט“, וועגן דעם, אַז ער האָט זיך „פאַרקויפט צו די באָלשעוויקעס“, האָט דער דיכטער מיט גרויס פרייד באַגעגנט די נײַע זון, דאָס נײַע לעבן. זײַן דיכ־

טונג פֿון יענער צײַט איז א קינסטלערישער דענקמאָל די ערשטע היסטאָרישע טעג פֿון אונדזער רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע. דער פֿלאַמיקער פּאַטאָס פֿון דער רעוואָליוציע, איר אַלפֿאָלקישער אופֿשוווּנג, איר שטרענגקײַט און הערלעכע געגרעכטיקײַט, איר אָפּטימיזם און די פֿולע זיכערקײַט אינעם ענדגילטיקן זיג — דאָס אַלץ האָט געפֿונען די בולטסטע אָפּשפּיגלונג אין מאַיאַקאָווסקיס דיכטונג. מאַיאַקאָווסקי איז ניט נאָר אוועק מיטן פֿאָלק, ער איז געוואָרן א טריבון פֿונעם פֿאָלק, אַן עכטער פֿאָלקס־דיכטער. זײַענדיק ביז דער רעוואָליוציע דורכויס א ליריקער, הייבט ער אָן שאַפֿן העראָאישן רעוואָליוציאָנערן עפּאָס. דאָס מעכטיקע פּאָליפֿאָנישע געזאַנג פֿונעם זיגערישן באַפֿרײַטן פֿאָלק הערט זיך איצט אין מאַיאַקאָווסקיס פּאָעזיע.

מאַיאַקאָווסקי ווערט דער דיכטער פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען. ער ווערט איר עפּיקער און איר ליריקער. ער שפּיגלט אָפּ און באַזינגט אירע עפּאָכאַלע אַלוועלטלעך־היסטאָרישע דאַטעס און געשעענישן, ווי אויך אירע וואָכעדיקע, טאָגטעגלעכע „קליינע" נויטן און באַדערפֿעניש. ער ווערט איר ריטער און פּאַרטיידיקער; אַלס דיכטער פֿון דער רעוואָליוציע שרײַבט ער זײַנע מאָנומענטאַלע פּאָעטישע לײַוונטן „וועגן אָט דעם" („פּראָ עטאָ"), „וולאַדימיר איליטש לענין", „גוט" („כאָראָשאָ"), „אָפֿן גאַנצן קאָל" („וואָ וויעס גאָלאָס") און זײַנע ליריש־געזעלשאַפֿטלעכע „לידער וועגן סאָוועטישן פּאַספּאָרט", „דעם כאַווער נעטע דעם דאַמפֿער און מענטשן"; אין דער זעלבער צײַט זינגט ער וועגן ליבע און שרײַבט „טשאַסטושקעס" און „טאָג־לידער" אויף די סאַמע פֿאַרשיידנסטע טעמעס. מיט זײַן שאַרפֿן פּאָעטישן געווער טרעט ער אַרויס קעגן די שׂונאים פֿון דער רעוואָליוציע, קעגן ביוראָקראַטן, קעגן באַלעבעסלדיקײַט און פֿיליסטערישקײַט אין שטייגער. דער דיכטער שטאָלצירט מיט זײַן סאָציאַליסטישן היימלאַנד, ער איז אַן אינטערנאַציאָנאַליסט און א פֿלאַמיקער פּאַטריאָט: „דאָס היימלאַנד רים איך אָט דאָס, וואָס איז דאָ, און דרײַ מאָל אָט דאָס, וואָס וועט זײַן". מיט זײַן מעכטיקער פּאָעטישער שטים באַזינגט מאַיאַקאָווסקי די אינדוסטריאַליזאַציע פֿונעם לאַנד, די קאָלעקטיוויזאַציע פֿונעם דאָרף, דעם אַרבעטס־מענטשן, וועלכער שאַפֿט א נײַ לעבן. ער שרײַבט לידער, לאָזונגען און מאַרשן פֿאַר דער רויטער אַרמיי, פֿאַרן קאָמיוג, פֿאַר קינדער; ער פֿאָרט אויס דאָס גאַנצע לאַנד, טרעט אַרויס אויף הונדערטער פֿאַרזאַמלונגען. ער ווערט דער דיכטער פֿון מיליאָנען אַרבעטער און פּויערים.

דער פּעסימיזם, וואָס האָט דורכגעדרונגען מאַיאַקאָווסקיס שאַפֿונג ביזן אָקטיאַבער, פֿאַרשווינדט איצט. זײַן ליד ווערט אָנגעזעטיקט מיט מוט, אָפּטימיזם, לעבנס־לוסט. דער טראַגיזם פֿון איינזאַמקײַט, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן דיכטער ביז דער רעוואָליוציע, ווערט איצט פֿאַרביטן מיט א פֿריידיק געפֿיל פֿון דער מעכטיקער קאָלעקטיווער קראַפֿט פֿונעם רעוואָליוציאָנערן פֿאָלק. די אַבסטראַקטקײַט אין מאַיאַקאָווסקיס ביז־אָקטיאַבערדיקער פּאָעזיע טרעט אָפּ איר אָרט דער רעאַליסטישער וואָר און דער קאָנקרעטקײַט פֿונעם נײַעם לעבן. „איך בין, קאָן זײַן, דער לעצטער דיכטער", — האָט מאַיאַקאָווסקי געשריבן אין זײַן טראַגעדיע „וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי" אין יאָר 1913. אין דעם האָט געשטעקט גרויסער ייִעש. איצט זעט דער דיכטער זיך אַליין ניט בלויז אַלס אַקטיוון שעפֿער פֿון זײַן דאָר. ער ווייסט איצט, אַז זײַן ליד וועט דערגיין צו די קומענדיקע דורות, צו ווײַטע אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

מאַיאַקאָווסקיס דיכטערישער סטיל אין זײַן סאָוועטישן פּעריאָד איז רעאַליסטיש לויטן אינהאַלט און לויט דער פֿאָרם. זײַן פּאָעטיש וואָרט איז אָנגעלאָדן מיט פּאַטאָס פֿון שעפֿערישע בויונגס־פּראָצעסן, עס איז וואָגיק, טרעפֿלעך, שלאָגעוודיק און שאַרפֿזיניק. די היפּערבאָלע — מאַיאַקאָווסקיס א וויכטיק שעפֿעריש מיטל ביז דער רעוואָליוציע — בלײַבט אויך איצט אין זײַן קינסטלערישן אַרסענאַל. זי באַקומט אָבער אַן אַנדער אָנווענדונג, אַן אַנדער פֿונקציע. איצט איז מאַיאַקאָווסקיס היפּערבאָליזם אַן אויסדרוק פֿון די גרויסע מאַסשטאַבן פֿון דער רעוואָליוציע, א באַצייכענונג פֿון איר אַלוועלטלעך־היסטאָרישן כאַראַקטער, פֿון דער קראַפֿט און זיכערקײַט פֿון קאָלעקטיוו, פֿון די אומויסשעפּלעכע קויכעס פֿונעם זיגערישן קלאַס.

מאַיאַקאָווסקי איז דער גרונטלייגער פֿון דער פּאָליטישער און סאַטירישער סאָוועטישער ליד. אויב די סאָוועטישע דיכטונג שטאָלצירט איצט מיט איר הויכן פּאָליטישן גאַנג, מיט איר קעמפֿערישער פֿאַרשאַרפֿטקײַט, האָט זי דאָס צו פֿאַרדאַנקען מאַיאַקאָווסקין אין דער ערשטער ריי. פֿאַרשאַרפֿטע פּאָליטישע סאַטירע איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מאַיאַקאָווסקיס שאַפֿן אויך ביז דער רעוואָליוציע. זי האָט אָבער דאַן געטראָגן אַן אַבסטראַקטן כאַראַקטער. נאָך דער רעוואָליוציע באַקומט מאַיאַקאָווסקיס פּאָליטיש־סאַטירישע ליד א קאָנקרעטע פֿונקציע. דער ציל איז קלאָר, ס'איז אָנגערופֿן דער אָביעקט פֿון לויבן אָדער דעמאַסקירן, באַזינגען אָדער פֿאַרניכטן, דערהויבן אָדער אָפּשפּעטן. דעריבער איז אַזוי שלאָגעוודיק, קאָנקרעט און ווירקעוודיק מאַיאַקאָווסקיס פּאָליטישע און סאַטירישע ליד.

מיט מאיאַקאָווסקיס נאָמען איז פארבונדן די פאָרשטעלונג וועגן אַ נײַעם טיפּ דיכטער, ניט בלויז לויטן טאָך פון זײַן שאפונג, נאָר אויך לויט זײַן עטיק און עסטעטיק, לויטן באַנעמען דעם טאָך און די סאָציאַלע פונקציע פון דער קונסט.

מאיאַקאָווסקיס טעאָרעטישע פאָרשטעלונגען וועגן די אויפגאַבן פון דער קונסט האָבן ביז דער רעוואָליוציע געליטן פון זײַן פארבינדונג מיט דער מאָסקווער גרופּע קובאָ־פוטוריסטן, וועלכע האָבן אָפּגעלייקנט די קולטור פון דער פארגאַנגענהײַט. טרוימענדיק וועגן אַ נײַער קונסט, איז אויך דער יונגער מאיאַקאָווסקי צומאָל דערגאַנגען ביז אָפּלייקענונג פון דער אַלטער. אָבער אויך דאַן האָט ער שוין געהאַט אינטערעסאַנטע קאָנצעפּציעס וועגן דער קלאַסישער ליטעראַטור. ער באַציט זיך מיט ביטל צו דער ליטעראַטור פונעם אַדל און פּאָזיטיוו צו דער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור פונעם ראַזנאָטשינעץ. שוין אינעם פאַררעוואָליוציאָנערן פּעריאָד פון זײַן שאַפן פּרעוואַלירט בײַ אים די פאָרשטעלונג וועגן דער הויכער מיסיע פונעם דיכטער. ער וואַרפט אָפּ די דעקאַדענטישע ליטעראַטור פון זײַן צײַט, ווײַל זי שלעפּט זיך אין אָבאָז פונעם לעבן. „עס איז צײַט צו באַווײַזן, — שרײַבט ער, — אַז די פּאָעטן זײַנען ניט קיין פלאַטערלעך, וואָס זײַנען באַשאַפן געוואָרן צום פאַרגעניגן פון „נוצלעכע“ באַלעבעסלעך, נאָר דעראָבערער, וואָס האָבן קראַפט צו דיקטירן אײַך זייער ווילן...“

ענדגילטיק ווערט רײַף מאיאַקאָווסקיס עטיק און עסטעטיק נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. איצט איז פאַר אים פולקום קלאָר די מיסיע פונעם דיכטער, די אויפגאַבע פון דער דיכטונג. די דאָזיקע אויפגאַבע באַשטייט דערין, אַז די קונסט זאָל זײַן נוצלעך דער רעוואָליוציע, דער דיכטער זאָל פאַרנעמען זײַן אָרט אין די רייען פון אַלע בויער פונעם נײַעם לעבן. דער דיכטער דינט דעם פאָלק, און איינצײַטיק איז ער זײַן וועגווײַזער. דער דיכטער דאַרף אָפּגעבן אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, דאָס בעסטע, וואָס בײַ אים איז פאַראַן — דעם שעפערישן טאַלאַנט — דעם רעוואָליוציאָנערן קלאַס, דעם „אַטאַקירנדיקן קלאַס“.

מאיאַקאָווסקי וואַרפט אָפּ מיט פאַראַכטונג יענעם סאָרט דיכטער, וואָס באַציִען זיך לײַכטזיניק צו קינסטלערישער שאַפונג, וואָס ציִען, ווי דער קונצנמאַכער, שורעס פונעם מויל בײַ זיך און בײַ יענעם. ער שטעמפּלט די „לירישע קאַסטראַטן“, וועלכע שטעלן אַרײַן פרעמדע שורעס צו זיך אין דער ליד און זײַנען דערמיט צופרידן. אַזאַ דיכטונג, האַלט מאיאַקאָווסקי, איז פּאַשטעטע גבֿיוועו. דאָס עמעסע דיכטערישע וואָרט דאַרף זײַן נײַ און אייגנאַרטיק, דאַרף טראָגן מיט זיך גרויסע אידייען פון דער עפּאָכע און דאַרף זײַן פונקט אַזוי נייטיק דער געזעלשאַפט, ווי עס זײַנען נייטיק די מאַטעריעלע פּראָדוציר־קויכעס.

מאיאַקאָווסקיס עסטעטיק איז די עסטעטיק פון פּאַרטייִשקײַט: ליטעראַטור און קונסט דאַרפן אויסדריקן די אידייען און געפילן פון די פאָרגעשריטנסטע עלעמענטן פונעם פאָלק. די פּאָעזיע פונעם סאָציאַליזם דאַרף זײַן פאַרבונדן מיטן אַוואַנגאַרד פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דערפאַר האָט ער געקענט דערקלערן מיט שטאָלץ, אַז ער וועט, „ווי אַ באָלשעוויסטישן פּאַרטבילעט“, ברענגען די צוקינפטיקע דורעס זײַנע „הונדערט בענדער פּאַרטייִשע ביכער“.

זײַן אָרט אַלס דיכטער באַטראַכט מאיאַקאָווסקי ניט איזאָלירט, נאָר ווי אַ רינג אין דער גאַנצער קייט פון דער פאָרגעשריטענער רוסישער דיכטונג. אין אַ ריי אַרטיקלען און לידער באַטראַכט ער זײַן שאַפונג אַלס פאָרזעצונג פון פּושקינס, לערמאָנטאָווס, נעקראַסאָווס און בלאָקס פּאָעזיע.

מאיאַקאָווסקיס דיכטונג איז אָבער ניט בלויז אַ פאָרזעצונג פון דער קלאַסישער רוסישער דיכטונג. אין אָנהייבער, אַ באַנײַער, אַ פּיאָנער — אָט ווער עס איז מאיאַקאָווסקי. אַ דיכטער, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך רעוואָליוציאָנערן אינהאַלט פון אַ נײַער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט, — אַזאַ דיכטער האָט געמוזט ברענגען אויך נײַע פאָרם, נײַע אויסדרוק־מיטלען, אַ נײַעם ריטם און אַ נײַע אינטאָנאַציע. מאיאַקאָווסקי איז אַ רעוואָליוציאָנער אין דער דיכטונג, אַ נאָוואַטאָר און רעפאָרמאַטאָר פון דער רוסישער פּאָעזיע.

מאיאַקאָווסקי האָט געהאַט אין זינען ניט ריין עסטעטישע צילן, נאָר די סאָציאַלע פונקציעס פון דער ליטעראַטור. פונדאַנען דרינגט אַרויס זײַן נאָוואַטאָרישע אָריענטאַציע אויף אָראַטאָרישקײַט און געשפּרעכמעסיקײַט פון דער דיכטונג. דער מוזיקאַלישער פּרינציפּ האָט דאָמינירט באַזונדערס אין דער שאַפונג פון טיוטשעוון און פעטן און איז געוואָרן אַן אוניווערסאַלער פּרינציפּ אין דער דיכטונג פון די סימבאָליסטן. בריוסאָוו און סאָלאָגוב, באַלמאָנט און אַנדריי בעלי — זיי האָבן שטרענג אָפּגעהיט ווערלענס באַרימטן פּרינציפּ פון פּאָעטישער שאַפונג: „מוזיק — פריִער פאַר אַלץ“. מוזיקאַלישקײַט און ווילקלאַנגעוודיקײַט האָבן געהאָלפן צו שאַפן שטימונגען פון אינטימקײַט, פון אינערלעכער לירישער איינזאַמקײַט און פאַרטראַכטקײַט. אָבער מאיאַקאָווסקין, וואָס איז געקומען ווי אַ דיכטער פון די מאַסן און האָט געוואָלט

אויסשרײַען דעם צאר און דעם װײטעק פון דער װאָרטלאָזער גאס, מאיאקאָװסקין האָט דער פּרינציפּ פון מוזיקאַלישקײט ניט געקאָנט באַפרידיקן. אָנשטאָט מוזיק ברענגט מיט זיך מאיאַקאָװסקי די אָראַטאָרישע אינטאָנאַציע, די אומרויִקע אויסרופן. זײַן דיכטונג גײט אַװעק פון מוזיקאַלישער אבסטראַקציע — פון אינטויִטיװיזם צו קלאָרער געדאַנקלעכקײט, װעלכע איז אָבער אין דער זעלבער צײַט צונויפגעפּאָרט מיט גרויסע און טיפע געפילן און איבערלעבונגען. דאָס האָט געבראַכט מאיאקאָװסקין צו א נײַעם ריטם און צו א נײַער מעטריק.

פון דערזשאַװינען אָן האָט אין דער רוסישער דיכטונג געהערשט די סילאַביש־טאָנישע מעטריק. מאיאקאָװסקי איז אריבער צו דער טאָנישער מעטריק, בא װעלכער די צאָל טראַפן אינעם פערז הערט אינגאַנצן אויף צו שפּילן א ראָל, װײַל די הויפּט־באַדײַטונג באַקומט דער טראָפּ. די דאָזיקע ענדערונג אין דער מעטריק גיט צו א באַזונדערס װיכטיקע באַדײַטונג דעם גראַם, װאָס האַלט אויף, װי מאיאקאָװסקי האָט געשריבן, א באַשטימטע דיסציפּלינירטקײט אין דער גאַנצער ליד. דערבײַ מוז דער גראַם זײַן א שלאָגעװדיקער און װי װײַט מעגלעך א נײַער אָדער א באַנײַטער. דאָס אַלץ איז ארויסגעדרונגען פון מאיאקאָװסקיס אָריִענטאַציע אַף רייד, אַף דערנעענטערן די פּאָעזיע צום לעבן, צו דער גערעדטער שפּראַך. און פון דעם איז ארויסגעדרונגען אויך דער געהאַקטער פּערז. די עקזיסטירנדיקע פּונקטואַציע האָט ניט באַפרידיקט מאיאקאָװסקיס פילאַרטיקע און פילפאַרביקע אינטאָנאַציע. די רײַכקײט פון זײַן דיכטערישער שטים, װאָס איז געװען געװענדט צו דער גאַס, צו די רעװאָליוציאָנערע קאַרנאַװאַלן, צו די רעװאָליוציאָנערע אופשטאַנד־פּלעצער, די װענדונג צו די מאַסן, די שטרעבונג דיכטעריש אויסצורײדן זיך מיט זײ האָט געפירט דעם דיכטער צו נײַע אינטאָנאַציעס, אויסער דער פּונקטואַציע. און ער איז געקומען צו דעם געהאַקטן פּערז, װאָס גיט צו נאָך ניואַנסן און שאַטירונגען דער מאָדוליאַציע פון דער שטים.

די סימבאָליסטישע פּאָעזיע און די פּאַררעװאָליוציאָנערע פּאָעזיע ביכלאַל איז געװען די דיכטונג פון אימפּרעסיאָניסטישן געמעל. די שפּיל מיט קאָלירן און פאַרבן, דער קאָנטראַסט צװישן קאָלירן, די קאָמבינאַציע פון קאָלירן — דאָס אַלץ האָט פאַרנומען גאָר אַן אָנגעזעענעם אָרט אין אָט דער דיכטונג. אין קעגנזאַץ צו אָט דעם אימפּרעסיאָניסטישן געמעל האָט מאיאַקאָװסקי ארויסגערוקט די שאַרפע רופנדיקע און װעקנדיקע פּלאַקאַט־ליניע, געװענדט צו די ברײטע פּלעצער, צו דער רעװאָליוציאָנערער גאַס, צו די מענגעס האַמוינישע רעװאָליוציאָנערע מאַסן.

מאיאקאָװסקי איז געװען אַן אומדערמידלעכער זוכער און דערפינדער אין דער קונסט, א פײַנט פון אַלטע, אָפּגעלעבטע גענג און שעפערישע מיטלען. ער האָט אָנערקענט בלויז נײַע רעװאָליוציאָנערע װעגן, עכטע קינסטלערישע שלײמעס. מיט זײַן שאַפונג האָט ער געװיזן מוסטערן פון אַזא מין רעװאָליוציאָנערער נאָװאַטאָרישקײט. די סאָװעטישע דיכטונג גײט מיט זײַנע װעגן ביז הײַנטיקן טאָג.

װלאַדימיר מאיאקאָװסקי האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע װירקונג אַף אַלע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן בא אונדז אין לאַנד און אַף דער גאַנצער רעװאָליוציאָנערער דיכטונג אין גאָר דער װעלט. ער האָט אויך שטאַרק געװירקט אַף דער ייִדישער רעװאָליוציאָנערער דיכטונג. האָפּשטײן, מאַרקיש, קושנעראָװ, פינינבערג, האַלקין, טײף, װערגעליס, גרוביאַן, אָשעראָװיטש, שטערנבערג און נאָך פיל אַנדערע האָבן מיט זײער שאַפונג אַזױ אָדער אַנדערש זיך באַרירט מיט מאיאקאָװסקיס דיכטונג און האָבן אין דער אָדער יענער מאָס געפילט אַף זיך די װירקונג פונעם גרויסן דיכטער פון דער רעװאָליוציע.

הערש רעמעניק

וולאדימיר מאיאקאָווסקי צוגאסט
בא די ייִדישע ארבעטער פון ניו־יאָרק

דעם 31 יול 1925 איז וולאדימיר מאיאקאָווסקי געקומען קיין ניו־יאָרק. אין צוויי וואָכן ארום, דעם 14 אווגוסט, האָט די ניו־יאָרקער ייִדישע צײַטונג „פרײַהײַט“ (שפעטער — „מאָרגן־פרײַהײַט“) אָפגעדרוקט אן אינטערוויו פון איר רעדאקטאָר שאכנע עפשטיין מיט מאיאקאָווסקין. דער אינטערוויו האָט געהייסן: „מיט מאיאקאָווסקין איבער דער פינפטער אוועניו“.

ש. עפשטיין פרעגט באם דיכטער:

— נו, וולאדימיר וולאדימיראָוויטש, ווי געפעלט אײַך עפעס אמעריקע?

מאיאקאָווסקי ווארפט דורכן פענצטער א בליק אף דער פינפטער אוועניו. מיט זײַן טיפער נידעריקער שטים, וועלכע פארהילכט אָבער דאָס גערויש פון דער גאס, רעדט ער ארויס:

— עך, אומעטיק בא אײַך... ווי געפעלט מיר אמעריקע? קומט, לאָמיר זיך דורכגיין איבער דער פינפטער אוועניו!

...עס רוישן די אווטאָמאָבילן, עס שרײַען די רעקלאמעס. מאיאקאָווסקי זאָגט:

— אָט זײַנען מיר אן „אָפגעשטאנען“, א „בארבאריש“ פאָלק. מיר הייבן ערשט אָן. א טראקטאָר איז פאר אונדז א גרויסע געשעעניש, נאָך איין דרעשמאשין — א וויכטיקע דעראָבערונג, א נײַע עלעקטראָסטאנציע — שוין גאָר אן אויסגעצייכנטע זאך... און פונדעסטוועגן איז בא אײַך אומעטיק, און בא אונדז איז פריילעך, בא אײַך עטעמט אלץ מיט גסיסע, פוילונג, און בא אונדז ברויזט דאָס לעבן, בא אונדז איז אן אופשטײַג. צו וואָס פארא זאכן דערטראכט מען זיך בא אײַך ניט? ביז א קינסטלעכן דונער. און פונדעסטוועגן הערט זיך צו, וועט איר דערפילן א טויטע שטילקײַט. אזויפיל עלעקטרישע ענערגיע פאר דער באלײַכטונג, אז די זון אפילע קאָן מיט איר ניט קאָנקורירן, און דאָך איז פינצטער. אזא שעפערישע שפראך אין טויזנטער מעכטיקע צײַטונגען און זשורנאלן, און דאָך איז זי א הילצערנע, א קאמצאָנישע. ראָקפעלערס, מאָרגאנס — גאנץ אייראָפע זײַנען בא זיי באלעכויוועס! — טרעסטן איבער טרעסטן, און דאָך — אזא קאפצאָנעס! מיר דוכט, אז גייענדיק דאָ מיט אײַך איבער דער גאס, וואָס איז די רײַכסטע אין דער וועלט, — זי פארמאָגט הויכע הײַזער, פאלאצן, האָטעלן און מאגאזינען, איז פול מיט אָן א שיר מענטשן, — בלאָנדזשע איך איבער כורוועס, און מיד דריקט אן אומעט. פארוואָס פיל איך דאָס ניט אין מאָסקווע, ווען איך גיי איבער די גאסן מיט א צעקאליעטשעטן ברוק, מיט פארוואָרלאָזטע הײַזער, מיט אָנגעפראָפטע צעבראָכענע טראמוויײַען? דער ענטפער איז א פאָשעטער: דאָרט שפרודלט די ענערגיע פונעם גאנצן האָרעפאשנעם פאָלק — פונעם קאָלעקטיוו. יעדער נײַער שטיין, יעדער נײַע ברעט איז א רעזולטאט פון קאָלעקטיווער איניציאטיוו, וואָס איז געווענדט צו א באשטימטן ציל. דאָ, בא אײַך, איז די ענערגיע בלויז האוועניש פון מאסן פארפירטע, אונטערדריקטע מענטשן, וועלכע ווערן דורך עמעצן געטריבן, ווי א טשערעדע, אין אונטערערד, אָדער פון אונטערערד, אָדער אף דער לופט־ליניע פון דער אײַזנבאן, אָדער פון דער לופט־ליניע פון דער אײַזנבאן. אלץ איז גראנדיעז, קאָפשווינדלעריש. דאָס גאנצע לעבן איז — א „לעוואָנע־פארק“, הוידעלקעס, אן ערמאָפלאן, וואָס איז מיט א קייט צוגעשמידט צו א סלופ, א ליבע־אליי, וואָס דארף פירן גלײַך אין גאניידן ארײַן, א טײַכל, וואָס באקומט וואסער פון פאָמפעס. און דאָס אלץ צוליב דעם, קעדיי פארטומלען מענטשן די קעפ, אויסטרייסלען זייערע קעשענעס, ניט לאָזן זיי דענקען, ארויסווײַזן איניציאטיוו. אָט אזוי איז סײַ אין דער היים, סײַ אין פאבריק, סײַ אין די פארווײַלונגס־ערטער. מיט אן ארשין מעסט מען פרייד, מיט אן ארשין מעסט מען טרויער. אפילע געבוירן קינדער איז א פראָפעסיע... דאָס איז דען פרײַהײַט? איר געדענקט מײַן „מיסטעריע־בוף“?

— ווען דעם בייגל, ווען פון בייגל די לאָך —
אָט דאָס איז פון דער פרײַער רעפובליק דער טאָך.

אָט אזא איז זי, אמעריקע, די „ביג, ווערי ביג סיטי“ (די גרויסע, זייער גרויסע שטאָט). אונדזערע הונדערט פופציק מיליאָן — אָט ווער עס בויט דעם עמעסן אינדוסטריאליזם, מעכאניזירט דאָס לעבן. סאכאקל אכט יאָר אוועק, אכט יאָר אופשטאנד, מילכאָמע קעגן אלדאָס אלטע, און סארא איבערקערעניש אין די מויכעס, סארא אופשוווּנג פון דער קולטור אין אלע געביטן! נעמט אונדזערע „מוווי“ (פילמען) און אײַערע. בא אונדז איז די טעכניק נאָך אן אָרעמע, די באלײַכטונג א בלאסע. בא אײַך — דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק, באלײַכטונג — אָן א גרענעץ; דערפאר אָבער איז בא אונדז אלץ אָנגעזעטיקט מיט ברעכן דאָס אלטווארג, מיט שטרעבונג צום נײַעם, בא אײַך אָבער — אן

אומווירדיקע „מאָראל“, א סענטימענטאַלע שמי־רערײַ, ווי גענומען פון א פּראָוואָרפּענער פּראָווינץ, פון מיטלאַלטער. ווי קאָן אזא מאָראַל גע־פּאָרט ווערן מיט די העכסטע דערגרייכונגען פון דער אינדוסטריע, מיט ראַדיאָ?

אין סענטיאַבער — א רײַזע אַף „אויק־ענד“ (סאָף וואָך) אין קעמפּ „ניט געדײַגעט“, וועלכן די „פרײַהײַט“ האָט אָרגאַניזירט הינטער ניו־יאָרק.

מאיאַקאָווסקיס ערשטע ארויסטרעטונג אין לאַגער איז פאָרגעקומען דעם 5 סענטיאַבער.

ווי א פיש אין וואַסער האָט מאיאַקאָווסקי זיך דערפילט אינעם פּראָלעטארישן לאַגער „ניט געדײַגעט“, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די בעסטע דערגרייכונגען פון דער אַמעריקאַנער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. מאיאַקאָווסקי איז ניט מיד געוואָרן צו לייענען זײַנע לידער פאַר די ארבעטער, וועלכע האָבן אים געהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקײַט. זײַן לייבן־שטים האָט אָפט געהילכט איבער די בערג און איבערן טײַך הודזאָן. אַף א פרײַען פּלאַץ אין וואַלד האָט ער איבערגעלייענט זײַן פּרעכטיקע פּאָעמע וועגן לענינען, און די אַודיטאָריע איז געווען באַגײַסטערט. אַפילע יענע, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען אַף רוסיש, האָבן מיט אַלע זייערע כושים געשפּירט, אז דאָס איז א מעכטיקע פּאָעמע.

די אפישע וועגן מאיאַקאָווסקיס ארויסטרעטונג אין פילאַדעלפיע

דעם 19 סענטיאַבער איז מאיאַקאָווסקי ווידער געקומען אין קעמפּ „ניט געדײַגעט“. אין דער מיטיילונג וועגן זײַן ארויסטרעטונג ווערט געזאָגט:

„אין איינהײַט איז די קראַפט. ווער זיצט שאַבעס אין דער היים? קיינער ניט! ווער גייט אין מוּוויס (קינאָ)? קיינער ניט! ווער שלאָפט 8.30 אינדערפרי? קיינער ניט! אַלע פאָרן קיין „יוניטי קאָאָפּעראַטיוו קעמפּ“, קעדיי הערן דעם דיכטער וולאַדימיר מאיאַקאָווסקיס לעקציע־דעקלאַמאַציע“.

דעם 20 סענטיאַבער איז אין דער „פרײַהײַט“ אָפּגעדרוקט געוואָרן אין א ייִדישער איבערזעצונג מאיאַקאָווסקיס ליד „אין אויסערגעוויינלעכע געשעעניש“. דעם זעלבן טאָג האָט מאיאַקאָווסקי אָנגעשריבן די ליד „קעמפּ „ניט געדײַגעט“.

דעם 26 סענטיאַבער טרעט מאיאַקאָווסקי צום דריטן מאָל ארויס אין לאַגער „ניט געדײַגעט“. די „פרײַהײַט“ שרײַבט:

„דער גרעסטער יאָמטעוו צווישן אַלע יאָמטויוים וועלן זײַן די פרײַלעכע דרײַ טעג אין קעמפּ „ניט געדײַגעט“... דער באַוווסטער פּראָלעטאַרישער דיכטער וול. מאיאַקאָווסקי וועט לייענען זײַן פּראָלעטארישן „קאָל־נידרע“.

איבערגעזעצט פון רוסיש. פון וו. קאַטאַניאַנס בוך „מאיאַקאָווסקי, ליטעראַרישע כראָניק“.

יעכיעל פאליקמאן

דער שווארצער ווינט

(ראָמאַן)

דריטער טייל

XV. רויכן איבער קאַזאַטשע. א שווערע ראָל

1 א מענטש לויפט שטענדיק מיטן געדאַנק ווײַט פאָרויס, נאָר ער ווייסט אַלציינס ניט, וואָס עס דערוואַרט אים. הונדערטער מאָל, טויזנטער מאָל האָט אַלגע קרעמעז באַטראַכט פון אַלע זײַטן דעם שמאָלן קרײַז פון איר איצטיק לעבן, א קרײַז, וואָס האָט אײַנגעשלאָסן דרײַען: זי, נאַטאַשען און אַרטיאָמען דאַרוגען (און עפּשער ביז גאָר א ברייטן קרײַז, ווײַל דער איקער זײַנען געווען דאַניעל און ליאָניע און דער פײַערדיקער יאַם, אין וועלכן זיי זײַנען פאַרשוווּנדן — די מילכאָמע מיט איר אומבאַוווּסטקייט). וויפל מאָל האָט זי וועגן דעם אַלעם געטראַכט און צו קיין אויספיר ניט געקאָנט קומען. אָבער אויב די געדאַנקען וועגן דאַניעלן און ליאָניען און וועגן דער מילכאָמע ביכלאַל, געדאַנקען שווערע, ייִעשדיקע, האָט זי דאָך געקאָנט ערגעץ איבעררײַסן, לאָזן זיי פאַרלוירן גיין אין נעפּל, הינטער וועלכן ס'איז פאַרבאָרגן געווען די האָפענונג אַליין, האָבן די געדאַנקען וועגן דעם, וואָס האָט געהאַט א שײַכעס צו איר, צו נאַטאַשען און אַרטיאָמען, געפאָדערט אַן ענטפער. איז וואָס האָט זי געקאָנט ענטפערן? וואָס האָט זי געקאָנט איבערמאַכן און וועלכע וועגן בעסער אויסקלײַבן?

עס זײַנען גאָר קיין סאַך וועגן אויך ניט געווען, און די אומשטענדן האָבן אַליין פון זיך געשטויסן זי אויף אָט דעם, איבער וועלכן זי איז איצט געגאַנגען. געוווּסט האָט זי, אַז יעדער וועג איז ערשט אַן אָנהייב פון א סאַך וועגן, נאָר ניט געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט זי ניט ערגעץ דאָרט, העט ווײַט, ניט אפילע אָט דאָ, עטלעכע טריט פאָרויס.

דעם ערשטן און צווייטן טייל — זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10, 11, 12 פאַר 1966 און נומ. 7, 8, 9 פאַר 1967.

װען זי איז מיט אַריבער אַ כוידעש צוריק געפאַלן אַ פאַרװוּנדעטע אין באַיאַרקע אױף דער סטאַנציע, האָט זיך איר אײַנגעשניטן אין זיקאָרן: איבער די רעלסן, אַפּן פאָן פון פײַער און רויך, אַ באַלויכטענער פון דער העלער זון, מיט אַ קעסטל טאָל אונטערן אָרעם, אין אַ צעכראַסטעטער גימנאַסטיאָרקע, מיט אונטערגעװאַקסענע געלע האָר, מיט אַן אָפּן שרײַענדיק מויל לויפט גלײַך אַנטקעגן איר ליאָניע. דאָס איז געװען אַן אָנהייב פון דעם פאָדעם, װאָס זי האָט געזוכט, זינט זי האָט פון דער גרענעץ זיך געלאָזט אױף מיזרעך מיט נאַטאַשען און אַרטיאָמען. זי האָט דערזען דעם אָנהייב פון אָט דעם פאָדעם און גלײַך אים פאַרלוירן. מיט אַ װוּנד אין קאָפּ — די קויל האָט, צום גליק, בלויז פאַרטשעפּעט בײַ איר אַן אויער און דעם שאַרבן, — האָט אַרטיאָם זי געבראַכט צוריק אין זײַן פּעטערס, זאַכאַר דאַרוגעס, שטיבל און שוין געבליבן לעבן איר.

דאָס איז בעעמעס געװען אַן אויסדרוק פון גרויס איבערגעגעבנקײַט, מעסירעסנעפּעש פון זײַן זײַט, כאָטש אַן אַנדערשמאָל, װען זי האָט זיך געבייזערט אױף אים: געבייזערט פאַר זײַנע געפילן צו איר, װאָס אי ער האָט זיי אויסבאַהאַלטן, אי דאָך אַנטפּלעקט אין הונדערטער קלייניקײַטן — נישטיקע און װאָכעדיקע (נישטיקע, װאָכעדיקע? װאָס האָט געקאָנט זײַן נישטיק און װאָס האָט געקאָנט זײַן װאָכעדיק, װען אַרום זײַנען פאַשיסטן, װען די געפאַר איז אומגעהייער, די נויט — אומגעהייער, די עלנטקײַט — אומגעהייער?), איז װען זי איז צערייצט געװען מאַכמעס די צאָרעס, װאָס האָבן פון אַלע זײַטן געלויערט, און פאַר דעם, װאָס ער האָט פאָרט עפּעס אין זיך געהאַט אין באַצוג צו איר, האָט זי אים אויסגעװאָרפן, אַז זי און נאַטאַשע זײַנען בלויז אַ טערעץ פאַר זײַן זיצן באַם סוינע אין הינטערלאַנד. זי האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס בייזערן זיך, דאָס קריגן זיך איז שוין אַ באַװײַז פון נאָענטקײַט.

זי איז געװען ניט גערעכט און האָט עס געװוּסט. ניט גערעכט עפּשער פון אַלע זײַטן. ניט גערעכט, װען זי האָט אים אויסגעװאָרפן זײַן פאַרהאַלטן זיך לעבן איר און נאַטאַשען, װײַל װאָס װאָלטן זיי טאַקע געטאָן אָן אים? ניט גערעכט, װען זי האָט אים פאַרורטיילט פאַר זײַן אָנקומען אַרבעטן אױף דער סטאַנציע אַלס שלאַק־אויפראַמער, װײַל מע האָט פאָרט געמוזט װי־ניט־איז באַרעכטיקן זייער װוינען אין באַיאַרקע, און טאַקע קריגן כאָטש נישטיקע, נאָר װעלכע־ניט־איז מיטלען צום לעבן. אָבער ניט נאָר דאָס איז געװען די סיבע, איבער װעלכער אַרטיאָם האָט זיך געשטעלט אַרבעטן אױף דער סטאַנציע, און זי, אַלגע, האָט, אויב ניט אַלץ, נאָר עפּעס־װאָס געװוּסט, און פונדעסטװעגן זיך געבייזערט אױף אים. איז איבער דעם דריטן — איבער זײַנע געפילן צו איר? איז זי נאָכאַמאָל ניט גערעכט געװען...

דאָ איז דער פּונקט, בײַ װעלכן אירע געדאַנקען פאַרהאַלטן זיך אַלע מאָל לענגער. זי װאַרפט אָפּ אַלץ, אַלע באַדינגלעכקײַטן, ניט װײַל זי האָבן ביכלאַל קיין װערט ניט, נאָר װײַל זיי האָבן ניט קיין װערט מאַכמעס דעם איקער, װאָס פאַרשטעלט, װי אַ װאַנט, אַלדאָס איבעריקע. דער איקער איז איר פעסטער, אַקשאָנעסדיקער גלויבן, אַז דאַניעל לעבט, און אויך — דער גלויבן, אַז גאָרנישט איז ניט העפקער און ניט פאַרלוירן ענדגילטיק, אַז עס איז דאָ אַ לעבן פון יענער זײַט פראָנט, עס איז דאָ דער קויעך, װאָס װעט אַלץ װידער אומקערן. און מע טאָר זיך ניט נאָכלאָזן אין קיין מינדסטער קלייניקײַט, אַפילע אויב עס דוכט זיך אַמאָל, אַז טאַקע די ליידן, דער ביטערער גוירל גיבן רעכט אױף אַ ביסל זיסן אומזין, אַ ביסעלע שיקרעס. און טאַקע דאַנקבאַרקײַט אויך, און טאַקע צאַרטקײַט. ס׳איז אָבער גאָר אַן אַנדער צאַרטקײַט.

נאָר װעגן װאָס טראַכט זי דאָס! אַרטיאָם איז אַ געװיינלעכער באָכער, ייִנגער פון איר מיט אַ יאָר פינף, בײַ װעלכן עס האָט עפּשער אױף אַן עמעס פאַרדרייט זיך אַ ביסל דער קאָפּ, נאָר ער קומט אַלע מאָל צו־זיך. און אַכטעט זי, און היט אָפּ זי און נאַטאַשען. צומאָל דאַכט זיך — ער איז אַ פּאָשעטער און גראָדליניקער, אַרטיאָם, עס איז אָבער װײַט ניט אַזוי. די אויסערלעכע פּאָשעטקײַט זײַנע קומט פון טיפער אָרנטלעכקײַט. די גראָדליניקײַט — פון עכטער געװאַגטקײַט. זי און נאַטאַשען פאַרלאָזט ער ניט אויסשליסלעך דערפאַר, װײַל זיי דאַרפן אים און װײַל עס שטערט אים ניט צו טאָן דאָס, װאָס ער טוט שוין. אַלץ איז אַזוי, און דאָך...

זי האָט געהאַט עטלעכע װאַריאַנטן, װיאַזוי לעבן װײַטער, און אויסגעקליבן דעם דאָזיקן — אָװעקלאָזן זיך מיט אַרטיאָמען קיין קיִעװ. געװען איז אַ פּלאַן אומקערן זיך קיין ליובאַטש, דאָרט װאָלטן זי און נאַטאַשע געקאָנט אויפהאַלטן זיך בײַ װויצעך קאַזימיראָװיטשן אָדער געפינען זיך די ערשטע צײַט באַם װאַלד־װעכטער געראַסים קוטאָװאָי, צי, לעס־ברייִרע, אַװעק אין װאַלד, װוּ עס זאַמלט זיך צי עס האָט זיך שוין צונויפגעזאַמלט עפּעס אַ קויעך. געװען אויך אַ פּלאַן בלײַבן אין באַיאַרקע, אין זאַכאַר דאַרוגעס שטיבל, צי אַפילע אינעם דאָרף, װוּ זײַן מישפּאָכע האָט נאָך אַלץ געװוינט. די אַלע פּלענער זײַנען אָפּגעװאָרפן געװאָרן. קיין ליובאַטש איז ביכלאַל געװען אַן איימע זיך אומקערן נאָך דעם, װאָס ס׳איז דאָרט געשען, און אױף צו לעבן אין װאַלד איז נאַטאַשע קליין — פאָרט ניט מער װי אַ קינד. דערצו נאָך סײַ אין ליובאַטש, סײַ אין

באַיאַרקע, וואָס איז קלענער פון ליובאַטש, און ווער רעדט — אין דאָרף, כאָטש אומעטום זײַנען דאָ אָנגעפּאָרענע מענטשן, קאָן מען זיך וואַרפן אין די אויגן. די סטאַראָסטעס, די פּאָליצײַען און סטאַם אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין געשווירענע מאָסרים באַ די פּאַשיסטן, קוקן זיך אַלץ מער צו צו יעדן איינעם. אָט איז דאָך פּאַר שוניען, טשאַרנעס יִנגל, אַפילע באַ די קאַראַימער, וואָס זײַנען, דאַכט זיך, אויסער יעדער כשאַד, אויך געווען אַ ריזיקע זיך באַהאַלטן און זיי האָבן אים באַשטימט אַריבערפּעקלען קיין קִיִעוו. מישע טאַנאַגאָז, וועלכער האָט געהאַט באַזאָרגט אַרטיאָמען מיט אַ צײַגעניש, ווען מע האָט זיך געלאָזט פון ליובאַטש קיין באַיאַרקע, האָט, לאָזט זיך אויס, פאַרגעדענקט, ווו אַרטיאָם האָט זיך געקליבן אָפּשטעלן, און האָט אונטערוועגס קיין קִיִעוו פאַרקערעוועט צו זאַכאַר דאַרוגען אין הויף. אַלץ איז, געוויינלעך, ניט אַזוי פּאָשעט, נאָר גריבלען זיך דאַרף מען ניט אין דעם, דאָס ווייסט זי שוין, אַלגע. איין אויספיר האָט זי אָבער געמאַכט פון טאַנאַגאָזס באַזוך: דערווײַל איז באַ די קאַראַימער זיכערער, איידער באַ וויצעך קאַזימיראָוויטשן, באַ קוטאָוואָיען אָדער באַ זאַכאַר דאַרוגען, און דאָך האָט מען דאָס יִנגל געפירט קיין קִיִעוו. דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געשטויסן אַלגען אָנעמען דעם ערשטן וואַריאַנט — גיין אין שטאָט. עס זײַנען אָבער געווען אויך אַנדערע סיבעס, און טאַקע דעריקער — אַנדערע, און וועלכע פון זיי ס׳איז וויכטיקער, איז אומעגלעך געווען צו זאָגן. און עפּשער האָט זי דאָס גאָר ניט געדאַרפט באַטאָנען אַזוי, עפּשער איז שלעכט געווען שוין דאָס אַליין, וואָס זי האָט געוואָלט באַטאָנען איינע און צווישט מאַכן די צווייטע?

זי האָט אין קִיִעוו געהאָפּט כאָטש עפּעס־וואָס דערוויסן זיך וועגן דאַנִיעלן און וועגן ליאָניען. ווִיאַזוי? דאָס האָט זי זיך פאָרגעשטעלט זייער ניט קלאָר, כאָטש אָף עפּעס־וואָס האָט זי געהאָפּט, זאָל זײַן אַפילע אָף אַ צופאַל, און געגלייבט, ווי אַלעמאָל און איצט באַזונדערס שטאַרק, אַז אויב אַ מענטש גאַרט נאָך עפּעס מיטן גאַנצן האַרצן, העלפט אים דער צופאַל.

און די צווייטע סיבע, מאַכמעס וועלכער זי איז געגאַנגען קיין קִיִעוו, איז געווען דאָס, וואָס אַרטיאָם האָט באַשלאָסן גיין אַהין.

אַרטיאָם האָט שוין איצט ניט גערעדט וועגן דעם, אַז פון קִיִעוו וועט ער אַוועק ווײַטער, אָף מיזרעך. עמעס, אַז ער קלײַבט זיך בלײַבן אין שטאָט, האָט ער אויך געזאָגט ניט קאַטעגאָריש: „מירן זען, וואָס עס וועט ווײַטער זײַן“. און אַלגען האָט געקלעקט טאַקט ניט פאַנאַנדערפרעגן אים.

אַז זי און נאַטאַשע וועלן ווײַטער ניט גיין, דאָס איז איר געווען קלאָר. צי דער פראָנט געפינט זיך פון דער זײַט כאַרקאָוו צי פון יענער זײַט, האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט פאַר איר אַ גרויסע באַדײַטונג, נאָר גיין מיט דער טאָכטער נײַע פינף הונדערט קילאָמעטער וואָלט זי זיך סײַוויסײַ ניט אַנטשלאָסן. עס האָט זיך בעשום־אויפן ניט געגלייבט אין עפּעס אַנדערש: אַז דער פראָנט איז שוין טאַקע פון יענער זײַט מאָסקווע און פון יענער זײַט לענינגראַד. כאָטש ס׳האָבן זיך געטראָפן קריגסגעפאַנגענע, באַפרײַטע פון די לאַגערן לעבן וויניצע און זשיטאָמיר, וואָס האָבן באַוויזן דײַטשישע פּאַסיר־שײַנען קיין מאָסקווע, קיין לענינגראַד, קיין ראָסטאָוו־אָפּן־דאָן.

— דאָס טוען זיי בעקיוון, קעדיי פאַרטומלען די מויכעס, — האָט אַרטיאָם געזאָגט.

נאָר גיין אָף מיזרעך האָט ער זיך ניט געקליבן, און באַ אַלגען האָט צו אַלע אירע טראַכטעגישן זיך צוגעמישט נאָך איינע: זי האָט ניט געקאָנט שאַלעם מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַרטיאָם, וועלכער האָט זיך אַזוי געריסן אַריבערגיין דעם פראָנט, וועט בלײַבן דאָ. עפּעס וואָלט ער פאַרלוירן באַ איר אין די אויגן, עפּעס וואָלט עס שווערער געמאַכט איר געמיט. איינצײַטיק אָבער איז זי אים גרייט געווען פאַרשטיין, ווײַל זי האָט געוווּסט, אַז סטאַם קיין היימזיצער וועט ער ניט זײַן. און טיף אין זיך און פאַר זיך האָט זי געוווּסט, אַז טאָמער בלײַבט אַרטיאָם אין קִיִעוו, איז עס פאַר איר און פאַר נאַטאַשען אַ שטיצע און עפּשער אַפילע אַ רעטונג. זי האָט אים ניט געקאָנט פאַרלירן, געוווּינט געוואָרן צו זײַן זאָרג. ס׳איז געווען עגאָיִסטיש פון איר זײַט, נאָר זי איז גרייט געווען פאַר זיך אַליין דערקלערן דאָס גראָד אַזוי, אַבי ניט דערקלערן עס אַנדערש.

ווינען באַ אַרטיאָמס עלטערן צי באַ זײַנע אייגענע וועט זי ניט. דאָס איז באַ איר געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך.

אַרטיאָם האָט דערציילט, אַז די גאַנצע מישפּאָכע זײַנע — טאַטע־מאַמע און צוויי אויסגעגעבענע שוועסטער — ווינט אין איין ווינקל אָף דימייעווקע, אָף קאַזאַטשע. אַ ברעקל ערד צווישן צוויי יאַרן איז פאַרוואַקסן מיט אַ סאָד — און דאָס איז די דאַרוגעס „נאַכלע“ שוין זינט עטלעכע דוירעס, ווען מע איז געווען קאַזאַקן באַ כמעלניצקין. ער האָט אַלץ געזאָגט, אַז ווי נאָר מע וועט מײַדן די סאָווסקע, אַ קרומע גאַס מיט אַלטע נידעריקע הײַזער, וועט מען זיך אופהייבן באַרג־אַרוף, אָף דער קאַזאַטשע, און דערזען דעם הויף, ווו די דאַרוגעס ווינען.

— א גאניידן, — האָט ער צוגעוווּנקען צו נאַטאַשען און געוואָרפן א קוים באַמערקבאַרן בליק פון א זײַט אַף אַלגען: וואָס מיינט זי? — א גאניידן... נאָר א צערבער איז בא אונדז, אַלמאַ, ווי בא די טויערן פון גענעם, פאַר אזא צערבער וועט אויך דער העלד נאַטאַשע זיך דערשרעקן!

אָט אזוי האָט ער געשפּאַסט, און דאָס קאָל האָט בא אים געציטערט פון קעלט און געוויס אויך פון אופרעגונג. מע איז געווען אין וועג פון נעכטן אָן. געשלאָפן אין א צעבראָכענער קלוניע, גוט אָנגעפּרווירן זיך באַנאַכט, אזוי אז ארטיאָם, בייס מע האָט הײַנט ווידער געלאָזט זיך גיין, האָט אָפּגעגעבן נאַטאַשען זײַן לײַביאַק, ווײַל דאָס לעכערדיקע סוויטערל האָט קנאַפּ וואָס גע־וואַרעמט און אַלגע האָט איר געוואָלט אָפּגעבן די שאַל. ס'איז דאַפקע געווען זוניק, און שוין ניט פרי אויך, ארום צוועלף, נאָר די הארבסטיקע זון האָט קימאַט ניט אָנגעוואַרעמט די לופט, ווײַל א שאַרף ווינטל האָט געבלאָזן. אין א פאַרשמאָלצוועטער אײַזנבאַנערשער גימנאַסטיאָר־קע, אין צעריסענע הויזן, אין אָפּשניצלעך פון שטיוול, פון וועלכע די אָנוטשעס זעען זיך ארויס, א באַוואַקסענעם מיט א שוואַרצער באָרד, וואָס שפּאַרט א שטעכיקע פון די סאַמע שלייפן אָן, איז ארטיאָמען געווען ניט צו דערקענען, און דאָס איז אויך געווען א טעמע פאַר זײַנע וויצן:

— מע זאָל כאָטש וועלן ארײַנלאָזן אזא־אָ פּעטערל אהיים! עפּשער וועלן נאָך נאַטאַשע און אַלגע דאַרפן איידעס זאָגן, אז דאָס בין איך טאַקע, דער געוועזענער לייטענאַנט ארטיאָם דאַרוגאַ...

מע איז געגאַנגען דורך דער סאַווסקע, אַף וועלכער עס האָבן זיך געזען גאָר זעלטענע דורכגייער, ווי ביכלאַל אַף די גאַסן, וועלכע מע האָט ביז דעם געמיטן, און אַלגע האָט פאַר־אַקשנט געכאַזערט פאַר זיך: ווײַנען בא די דאַרוגעס וועט זי ניט, בעשום־אויפן ניט. פּראָסט, זי וועט זײַן מיט ארטיאָמען אין איין שטאָט — און דאָס איז גענוג. גאָר גוט וועט זײַן, אויב ער וועט מיט דער צײַט איר פאַרטרויען אויספּילן עפּעס פון דעם, צוליב וואָס, זי איז זיכער, ער איז געקומען קיין קיִעוו. אין באַיאַרקע, א פאַרוווּנדעטע, אָן אָפּגעשוואַכטע, האָט זי גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן. און ווו וועט זי דאָ ווױנען און וויאַזוי לעבן — ווער קאָן עס וויסן? קלאָר, אז זי וועט נאָך הײַנט אוועקלאָזן זיך צו יענעם, צו גלאַגאָלעווסקין, צום גאַלעך, — גאָר א גאַלעך! — וואָס דעם אדרעס זײַנעם האָט איר געהאַט מיטגעגעבן וווּיצעך קאַזימיראָוויטש. בא יענעם גאַלעך האָט געזאָלט זיך אָפּשטעלן סטעפּקע מיטן מאַן און מיטן קינד. גלאַגאָלעווסקי האָט אמאָל געענדיקט מיט וווּיצעך קאַזימיראָוויטשן צוזאַמען דעם אוניווערסיטעט. מע האָט זיך געכאַווערט, דער קינפּטיקער דאָקטער און דער קינפּטיקער כימיקער, נאָר קוכאַרסקי איז ניט געוואָרן קיין דאָקטער און גלאַגאָלעווסקי — קיין כימיקער. ביידן האָט דאָס לעבן א שטאַרקן בראָך געטאָן. אָבער ער איז א גוטער מענטש, גלאַגאָלעווסקי, ער וועט די נעשאָמע אָפּגעבן א צווייטן, אויב יענער נייטיקט זיך אין הילף, — אזוי האָט געזאָגט וווּיצעך קאַזימיראָוויטש. וועט זי אוועק צו גלאַגאָלעווסקין. עפּשער איז דאָרט, בייס סטעפּקע און אבע ניבאַרסקי זײַנען פאַרבײַגעפאָרן קיִעוו, געווען דאַניִעל? וווּיצעך קאַזימיראָוויטש האָט, דאַכט זיך, געזאָגט, אז ס'איז געגאַנגען א רייד וועגן דעם, בייס דאַניִעל האָט זיך געטראָפן מיט די ניבאַרסקיס אין ליובאַטש. און עפּשער וועט גלאַגאָלעווסקי טאַקע העלפן איר און נאַטאַשען זיך אײַנאָרדענען?

נאָך איין אדרעס האָט זי: טאַנאַגאָזס טאָכטער. ווען די קאַראַיִמער, דער אַלטער און די אַלטיטשקע, זײַנען נאָך דעם, ווי וווּיצעך קאַזימיראָוויטש האָט זיי דערציילט וועגן שוניען, וועלכן מיכל קרעמעז האָט געראַטן אויסבאַהאַלטן זיך בא זיי, געקומען נאָכן יִנגל, איז מען א ביסעלע געזעסן און געשמועסט. דערהערט, אז אַלגע און נאַטאַשע קלײַבן זיך קיין קיִעוו, האָבן די טאַנאַגאָזס געבעטן ארײַנגיין צו זייער טאָכטער, לידען, און איבערגעבן איר, זי זאָל אומ־באַדינגט אוועקפאָרן אַף מיזרעך. ערשט זי איז געבליבן אין קיִעוו. עמעצער, וואָס איז אַנטלאָפן פון דאָרט, ווען די דײַטשן זײַנען ארײַן, האָט געבראַכט די קאַראַיִמער דעם דאָזיקן גרוס. מישע טאַנאַגאָז ווידער, ווען ער איז פאַרבײַגעפאָרן באַיאַרקע, האָט אויך אָנגעזאָגט אַלגען, אז טאָמער וואָס, מעג זי זיך ווענדן צו זײַן שוועסטער. וואָס עמעס איז עמעס, צו די טאַנאַגאָזס, זאָל זײַן אפילע צו יענער אומבאַקאַנטער לידען, וואָלט זיך ניט וועלן אָנקומען: עס יאַטערט נאָך אַלץ די ווונד פון דער אוולע, וואָס יורי טאַנאַגאָז איז באַגאַנגען, נאָר צוריק גערעדט, וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס צו זײַן מישפּאָכע? כויץ דעם, לויט ווי דאַניִעל האָט דערציילט, איז יורי גאָר ביכלאַל ניט קיין טאַנאַגאָז — אָן אונטערגעוואָרפענער. נאַטאַשקע — די הערט ניט אוף צו פּלאַטערן. ווען מע האָט פאַרלאָזט באַיאַרקע, האָט זי אויסגענומען: דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר מע וועט קומען קיין קיִעוו, זאָל מען גיין זיך זען מיט שוניען. ניט פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן גאָרנישט, פּאָלגנדיק בלויז דאָס הערצל, האָט נאַטאַשע זיך געהאַט א וואָרף געטאָן אים ראַ־טעווען, ארויסגעשלעפּט אים פאַר א האַנט פון דער קאָלאָנע, און איצט ווילן זי אויך פון גאָר־

נישט ניט געדענקען — אז ס'איז קיִעוו, אז מע וועט דאַרפֿן דורכגיין די גאַנצע שטאָט, קעדיי קומען אהין, אַף דער סטרעלעצקע.

נאָר אָלגע איז דען קליגער פֿון נאַטאַשען, ווען זי באַשטימט בעשום־אויפֿן ניט בלײַבן באַ די דאַרוגעס? פֿונדעסטוועגן איז אזוי גלײַכער. מע קאָן, אַגעוו, ווײַנען באַ עמעצן פֿון אַר־טיאָמס שוועסטער. לויט ווי ער דערציילט, ווײַנען זיי אַלע אונטער איין דאַך. נײַן... און מיט וואָס, אַשטייגער, וועט מען זיי מעכאַבעד זײַן אָט־אָ באַלד, ווען מע וועט זיך אַרײַנשטעלן צו אַרטיאָמס עלטערן? גוט וואָלט זײַן, ווען עס איז פּונקט גרייט דאָס פּאַשעטסטע — אַ טאָפּ קאַר־טאָפּל אין שאָלעכץ, ערשט פֿון פֿײַער. וואָס קאָן זײַן געשמאַקער? כאָטש, נאָך בעסער, ווען די קאַרטאָפּל זאָלן זײַן געשיילטע, און בלײַבן זאָל נאָר — אויסבלאָזן אַ ביסעלע יעדע איינע. און ווען עס זאָל נאָך זײַן אַ שיסעלע געזײַערטע קרויט, עך, מאַמעניו... דערנאָך — טיי...

נאַטאַשע, וועלכע איז, אַן אומגעדולדיקע, אַ נײַגעריקע, אַוועק עטלעכע טריט פֿאָרויס, האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם ראָג פֿון אַ זײַטיקער גאַס, ניט ווײַסנדיק — מע דאַרף גיין גלײַך צי פֿאַר־קערעווען. אַף אַן עלעקטרישן סלופּ האָט זי דערזען אַ באַפּעל (אַ גרויסער בויגן פּאַפּיר האָט קימאַט אַרומגעכאַפּט דעם סלופּ) און גענומען לייענען. ווען אַרטיאָם און אָלגע זײַנען צוגעקו־מען, האָט דאָס מיידעלע, אַ בלאַסע, אומגעקוקט זיך אַף זיי מיט ברייט צעעפֿנטע, שוואַרצע אויגן, ניט זײַענדיק בעקויעך אַ וואָרט אַרויסברענגען. איר צושטאַנד האָט אָבער באַמערקט בלויז די מאַמע. אַרטיאָם, אַ פֿאַרהאַוועטער, אַן אופֿגעלייגטער, האָט אָנגעוויזן אַף דער זײַטיקער, גאָר שמאָלער, באַרג־אַרופּיקער גאַס און אויסגערופֿן:

— אָט האָט איר מײַן קאַזאַטשע!

איבער די דעכער און סעדלעך האָט זיך געקנוילט אַ געלבלעך־בלויער רויך, גאָר אַ דורכ־זיכטיקער אַפֿן פֿאָן פֿונעם האַרבסטיק־זוניקן הימל. דאָס איז ניט געווען קיין רויך פֿון קוימענס — ער איז זיך צעגאַנגען אין ברייטע קרײַזן. טאַקע מאַכמעס דעם האָט אַרטיאָם ניט אָפּגעשטעלט זיך וואָרטן אַף נאַטאַשען און אָלגען. ניט פֿאַרינטערעסירט זיך, וואָס זיי לייענען. דער אומרו, וואָס האָט צעבויטעט זײַן ערשטע אומיטלבאַרע פֿרייד, האָט שוין אין עטלעכע מינוט אַרום פֿאַרלאָשן זי. ער איז שטיין געבליבן אינמיטן גאַס, דאָרט, ווו זי האָט, נאָך אַ שטיילערע, פֿאַר־קערעוועט אַף לינקס.

אָלגע האָט איבערגעלייענט דעם באַפּעל און פֿאַרלוירן אַ קוק געטאָן אהין, ווו אַרטיאָם איז געשטאַנען. זי האָט דאָס געטאָן, קעדיי אויסמײַדן דער טאָכטערס אָנגעשטרענגטן בליק.

— מאַמע, — האָט נאַטאַשע געזאָגט, — וואָס איז עס? דאָס זעלבע, וואָס אין ליובאַטש?

— קום! — האָט אָלגע האַרב אַ רוף געטאָן.

— נאָר וואָס איז עס? — נאַטאַשע איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ געבונדענע. — דאָס מיינט מען דאָך שוין אויך... און אונדז... מיך...

אָלגע האָט געוואָלט און ניט געקאָנט אויסשרײַען: „דיך מיינט מען ניט!" זי האָט שווײַגנ־דיק גענומען גיין באַרג־אַרויף. דאָרט, ווײַטער אַ ביסל, האָט אַנטקעגן אַרטיאָמען געײַלט אַן אַלטיטשקע מיט צעשפּרייטע הענט, ווי זי זאָל זיך קלײַבן פֿאַרשטעלן אים דעם וועג. באַלד האָט זי אים אָנגעכאַפּט פֿאַר אַן אַרבל און גענומען שלעפּן אין אַ זײַט. ווען אָלגע און נאַטאַשע זײַנען צוגעקומען, האָט די אַלטע געבעטן זיך באַ אַרטיאָמען:

— אָבער דו פֿאַרשטייסט, וואָס איך רעד צו דיר. מעשוגענער! גייסט דאָך גלײַך צו זיי אין די הענט אַרײַן! דאָרט איז אַ גאַנצע טיטשקע וועלף, און דײַנע... ווייסט זיי שוין מיט גאָר־נישט ניט העלפֿן...

אַרטיאָם האָט אויסגעקערעוועט צו אָלגען און נאַטאַשען זײַן שרעקלעך פֿאַרענדערט, צאַרנ־דיק פּאָנעם און מיט אַ מאָדנעם כריפּ געזאָגט:

— מיר זײַנען געקומען צו דער צײַט... שוין איינמאָל צו דער צײַט זײַנען מיר געקומען... פּירט, באַבוסיע וואַסילינע, פּירט צו זיך!

אַ פֿאַרגליווערטע, אַן אינערלעך פֿאַרשטיינערטע, האָט אָלגע, פּונקט ווי דאָס זאָל איצט זײַן דאָס וויכטיקסטע, שטראָפֿנדיק זיך אַליין, געטראַכט: „נאַרישע! האָסט אַלץ געוואָלט וויסן, וואָס עס וואַרט אַף דיר, איז אָט זעסטו..."

2

אַרטור, דער שעף פֿון דעם פֿאַרשונג־אָפּטייל פֿון קיִעווער געסטאַפּאָ, יענער, וועמען הימלער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים „אויסרײַסן די פֿיס פֿונעם אָרט, מיט וועלכן ער דענקט", אַרטור (דער נאָמען איז געוואָרן זײַן צווייטע פֿאַמיליע, און דאָס האָט איידעס געזאָגט סײַ וועגן דעם, אַז ער איז שוין לאַנג אין געסטאַפּאָ און אַז אָנגעהויבן האָט ער פֿון דעם נידעריקסטן שטאַפּל, ווען מע רופֿט מער באַם נאָמען, איידער באַ דער פֿאַמיליע, סײַ

וועגן זײַן פּאָפּולערקײַט, יענעם מין פּאָפּולערקײַט, וואָס איז אין דעם דאָזיקן גרויזאַמען אַנ־
שטאַלט באַזונדערס געשעצט געוואָרן), אַרטור האָט געהאַט אַ טעווע ניט אַנטפּלעקן אַלץ, וואָס
ער פֿאַרמאָגט אין סייף, אַפֿילו אויב דאָס שווײַגן זײַנס האָט געקאָנט צײַטווײַליק שאַפֿן ניט
קיין גינסטיקן אײַנדרוק וועגן אים. אַזוי איז געווען אויך דאָס מאָל, בײַס דער רײַכספּיורער
האָט אים אויסגעדריקט זײַן העכסטע אומצופֿרידנקײַט. עפּעס־וואָס האָט אַרטור געהאַט אין
רעזערוו.

וועגן דעם, אַז עס זײַנען דאָ ניט איינער, נאָר צוויי באַלשעוויסטישע שטאַטקאָמען, און
וועגן די עטלעכע ראַיקאָמען, וואָס זײַנען געווען טעטיק, האָט געזאָגט הימלערן ניט עמעצער
אַנדערש, נאָר ער אַליין, אַרטור. אָבער טאַקע דערפֿאַר, וואָס געפֿירט די יאַגד נאָך זיי האָט
אויך ער, אַרטור, און ניט עמעצער אַנדערש, האָט ער זיך דערלויבט, און אַפֿילו געהאַלטן, אַז
דאָס איז נייטיק, צו פֿאַרשווײַגן איינציקע גענג זײַנע. מעסלעס נאָך מעסלעס האָט ער, צונויפֿ־
פּרעסנדיק די ציין, קאָנסטאַטירט, וואָס די אונטערערדישע קויכעס האָבן באַוויזן אָפּטאָן. בלויז
פֿאַר די לעצטע טעג זײַנען, שוין נאָך דער קאָמענדאַטור און נאָך די שכיינעסדיקע געבײַדעס
אַף קרעשטשאַטיק, אויפֿגעריסן געוואָרן די דעפּאָ פֿון דער פּאַסאַזשיר־סטאַנציע, עטלעכע אײַזנ־
באַן־בריקלעך אין שטאָט און אַרום איר, עטלעכע אונטערנעמונגען. איינציקע פֿון די, וואָס האָבן
זיך אין דעם באַטייליקט, האָט מען געפּאַקט. אַרטור האָט אָבער ווייניק אויסגערעכנט אַף דעם,
אַז זיי וועלן עפּעס דערציילן. ס'איז ווי בײַס אַן אונטערזוכונג: מע דאַרף אַליין געפֿינען. און
אויסבאַהאַלטן האָט ער ניט נאָר פֿון זײַן דירעקטן שעף, נאָר אויך פֿון הימלערן עטוואָס גאַנץ
וועזנטלעכס: צוויי פּאַרעטער. ער האָט זיי געמוזט געבן צײַט, זיי זאָלן וואָס מער דערוויסן
זיך, און מוירע געהאַט, אַז מע וועט אים צווינגען פֿאַרשנעלערן די אָפּעראַציע, וועלכע ער האָט
געגרייט. אַ פּריצײַטיקער קלאַפּ איבער די עטלעכע „יאַווקעס“, וועגן וועלכע ער האָט שוין
געוווּסט, האָט בלויז געקאָנט וואָרענען יענע אָנפֿירער פֿון דער שטאָטישער אונטערערד, וואָס
וועלן בלײַבן אַף דער פֿרײַ, אַז מע מוז ענדערן די סיסטעם פֿון זייערע פֿאַרבינדונגען. עס האָט
זיי אויך געקאָנט אַרופֿירן אַפֿן געדאַנק, ווער עס זײַנען די פּאַרעטער. אין לעצטן סאַכאַקל וואָלט
דאָס געהייסן מער פֿאַרלירן, ווי געווינען.

אין אָוונט זײַנען אָבער אויפֿגעשווומען צוויי פֿאַקטן, וואָס האָבן באַוויזן אַרטורן, אַז ס'איז
צײַט אָנעמען מיטלען, אויב ס'איז אַפֿילו בײַ אים נאָך ניט אַלץ גרייט. דאָס ערשטע, וואָס האָט
געצווונגען אים מאַכן דעם דאָזיקן אויספֿיר, איז געווען דעם דאָקטער ראַאַשס באַזוך. דערציילט
וועגן אײַכמאַנען, אַז מע איז גאָר דינסט־געגאַנסע (אַרטור איז דעם גאַנצן טאָג געווען פֿאַרנומען
און האָט ניט באַגלייט די געסט), האָט ראַאַש האַלב ליגנדיק, האַלב זיצנדיק אַפֿן דיוואַן און
גענעצנדיק מער פֿון נערוועזער אויפֿגעשרויפֿטקײַט איידער מידקײַט, באַמערקט:

— אַגעוו, וועגן דער אַקציע צו מאַכן ייִדן־ריין די שטאָט... איבערמאָרגן הייבט זי זיך
אָן. טו אַ טראַכט וועגן דײַנע קליענטן, אַרטור, זיי זאָלן ניט אָפּטאָן עפּעס קיין שפּיצל. לאָקאַ־
ליזיר וועמען דו האַלטסט פֿאַר נייטיק. או־או־אוך, דער קאָפּ דרייט זיך אַזש!..

דאָס צווייטע איז געווען דער קלונג פֿון איינעם אַ שפּיק, וואָס האָט געפֿאָדערט, מע זאָל
אים שיקן הילף — ער האָט אָנגעשמעקט אַ וויכטיקן שפּור. דער קלונג איז געווען ניט צו אַר־
טורן — צום אָפּעראַטיוון דעזשורנעם פֿון געסטאַפּאָ. יענער האָט אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז די
ידיעה קאָן זײַן אַ וויכטיקע, און מיטגעטיילט זי אַרטורן אין קאַזינאָ, ווו יענער האָט, זופֿנדיק
אַ קאָקטייל, באַטראַכט, וואָס פֿאַרנעמען מאָרגן עפּעס אַזוינס, אַז דער רײַכספּיורער זאָל זיך
דערוויסן וועגן דעם נאָך פֿאַר זײַן אוועקפֿאָרן.

אין פֿינף מינוט אַרום האָט די מאַשין געטראָגן אַרטורן מיט צוויי רעזערוו־שפּיקן דורך
די פֿינצטערע, איימעדיקע גאַסן פֿון דער שטאָט אַף דימייעווקע, צו דער קאַזאַטשע. וועגן דער
דאָזיקער פֿאַרוואָרפֿענער ראַנד־גאַס האָט אַרטור שוין געוווּסט: איינער פֿון די פּאַרעטער האָט
פֿאַרזיכערט, אַז ערגעץ דאָרט האַלט זיך אויף אַ מיטגליד פֿון שטאָטישן גרונטיקן פּאַרטיי־קאָ־
מיטעט. מע האָט דאָס געדאַרפֿט פֿעסטשטעלן. ערשט נאָך אַ שפּור האָט געפֿירט אַף דער
קאַזאַטשע.

דעם שפּיק, וועלכער האָט געפֿונען דעם דאָזיקן שפּור, האָט מען געבראַכט אַף דער סאָוו־
סקע, ווו אַרטורס מאַשין האָט געוואַרט לעבן אַ פֿינצטערן סקוועריק. דער איניען איז ווירקלעך
געווען אַן ערנסטער. דעם שפּיקס באַשטענדיקער פּאָסטן איז געווען אין דער דרוקערײַ אַנט־
קעגן אָפּערע־טעאַטער. מיט אַ פּאָר שאָ צוריק, ווען מע האָט פֿון דער פֿעלד־קאָמענדאַטור גע־
בראַכט אַ וויכטיקן באַפֿעל, וואָס מע האָט געדאַרפֿט אָפּדרוקן ביז קאַיאָר, — דעם באַפֿעל
וועגן די ייִדן, איז דאָס מענטשל מיטן צוגעפּלעטשטן, שטענדיק פֿאַרלייגטן נעזל און מיטן
האַלב אָפֿענעם מויל, אַ קליינינקס, ניט קיין אָנזיכטיקס (אין דרוקערײַ האָט ער געגאָלטן
אַלס איינער פֿון די קוריערן, וואָס געניצט האָט מען אים, אַ ביסל אַ דערשלאָגענעם, אַף דער

ארבעט פון ראכמאָנעס וועגן — ער איז קלוימערשט געלאָפן פון לוואָוו און דאָ געבליבן שטעקן), אוועק אין זעצער־צעך אַליין אים דורכלייענען, דעם באפעל, און טאקע א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָרט. און דאָ האָט ער באמערקט: א יונגער זעצער, סטיאָפּע טוראָוועץ, האָט צונויפגעקנייטשט און אוועקגעוואָרפן א פרישן אָפצוג פונעם אוקראַיִנישן טעקסט פון באפעל.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט דער זעלבער טוראָוועץ אופגעהויבן דאָס פאפירל, קעדיי ארומווישן מיט דעם די ווערסטאטקע, און ארײַנגעלייגט עס אין קעשענע. גלײַך נאָך דעם האָט ער זיך ארויסגעדרייט פון צעך, ארויס אין הויף, געזאָגט דעם וואכמאן, אז ער גייט עפּעס אויסקלאָרן אין רעדאקציע — דער ארײַנגאנג איז פון גאס, נאָר אוועק איז ער אין שכײַנישן הויז און אָנגעקלאפּט אין א קווארטיר אפן צווייטן שטאָק. טוראָוועץ איז טייקעף אוועק צוריק, טאקע אין רעדאקציע. און דער שפּיק האָט געקומען נאָכשפּירן נאָך יענער קווארטיר, ווּהין דער זעצער האָט געהאט אָנגעקלאפּט. אין א פערטל שאָ ארום, ניט מער, זײַנען פון דאָרט ארויס א פאָליצײַ, א געוויינלעכער יונג, פון א יאָר פינף און צוואנציק, א מעטער מיט זיבעציק, א בלאָנדער, געארעמט מיט א מויד, אזוי זיך, ניט אײַ־אײַ, א שווארצע, און מע איז אוועק. ווו א פאָסטן — שפּאסט ער, דער פאָליצײַ, אז ער האָט זי אונטערגעכאפּט, די מויד, אף א נעכטל מיטן באדינג, אז מע זאָל זיך ניט לייגן, נאָר אומגיין, און געקומען איז מען אָט אהער, אף קאזאטשע, אין א הויף באם ברעג פון א ריוו, ווו עס זעט זיך אין סאָד א שטוב און עטלעכע שטעלעכלעך.

ארטור האָט שנעל באטראכט די זאך פון אלע זײַטן. אויב דער שפּור פירט פון דרוקערײַ, קאָן זיך מאכן, אז אויך דאָ איז פאראן א דרוקערײַ. ליידער, האָט מען איצט ניט געטאָרט אָפּציִען נאָך אף א טאָג־צוויי — עס וואָלט עפּשער געלונגען אָנטאפּן גאָר וויכטיקע שפּורן. אָבער גראָד דאָ קאָן געגרייט ווערן אזוינס, וואָס זאָל זײַן אן ערנסטע שטערונג בייס דער יידן־אקציע. צעגראָמירן די דאָזיקע נעסט מוז מען ביז אינדערפרי. דערווײַל דארף מען נעמען דעם זעצער, טוראָוועצן. אין מעשעך פון דער נאכט קאָן געלינגען עפּעס ארויסציִען פון אים, כאָטש שטארק אויסשטעלן אף דעם איז ניטאָ וואָס. און עפּשער גאָר אזוי: דעם זעצער ניט טשעפּען, ווײַטער אכטונג געבן אף אים, און די דאָזיקע אף קאזאטשע, אלעמען פארניכטן אפן אָרט. קעדיי אין אונטערערד זאָל מען מיינען — א צופאל, קיינע פּעדעם זײַנען אין געסטאפּאָ ניט געבליבן. אָבער וואָס וועט זאָגן דער שעף און וואָס וועט זאָגן הימלער? א גראָב שטיקל ארבעט. וועט אויסקומען אופדעקן די קאָרטן, און דאָס וועט געבן א מעגלעכקײַט געווינען נאָך א ביסעלע צײַט, כאָטש נאָך צוויי מעסלעס, כאָטש נאָך איינעם. יאָ, צודישען דאָ אלץ, ווי א שײַטער — ער זאָל ניט פלאקערן און ניט טשאדען.

אלץ איז פאָרגעקומען בא זון־אופגאנג. דעם הויף האָט מען ארומגערינגלט — די פארוואקסענע יארן האָבן מיטגעהאָלפן. דער הונט אין הויף איז זיך פארגאנגען בלויז, ווען מע איז צו צום טויער. עס זײַנען געפאלן עטלעכע שאָסן פונעם הויז, וואָס האָט געהערט צו אן אמאָליקן פארטיזאן פלאטאָן דארוגע, א מאשיניסט, וועלכער האָט שוין זינט עטלעכע יאָר קיין צוגן ניט געפירט מאכמעס די קראנקע פיס, — עטלעכע שאָסן פון א יעגער־ביקס און פון א נאגאן. ס'האָט עמעצן פארטשעפּעט פון די עסעס־לײַט, נאָר דאָס איז גראָד געווען אפילע בעסער: דערמיט איז פארענטפערט געוואָרן די ווײַטערדיקע הארבקײַט. גראנאטעס האָבן א סאָף געמאכט צום ווידערשטאנד. דערנאָך זײַנען דערשאָסן געוואָרן אן אלטיטשקע, צוויי יונגע פרויען,ביידע מיט קינדער, און א שווארצע מויד, יענע מיסטאמע, וואָס איז אהער געקומען שפּעט אין אָוונט. ווער ס'איז געווען אין שטוב, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן פעסטשטעלן, בייס עס האָט געברענט. אין א קונציק אָפּגעצאמטן און פארמאסקירטן טייל פון קעלער האָט מען געפונען: א שאפּיראָגראף, א שרײַבמאשינקע און העכער הונדערט עקזעמפּליארן פון א פלוגבלעטל.

דאָס פלוגבלעטל איז צונויפגעשטעלט געווען אין באָלשעוויסטישן גײַסט. די יידן האָט עס אופגעקלערט: צום באפעל וועגן קומען צו די בעסוילעמס אין עק פון מעלניקאָווער דארף מען זיך באציִען, ווי צו אלע באפעלן פון די אָקופּאנטן — איגנאָרירן אים. אף גוטס איז ניטאָ וואָס צו האָפן. זאָל יעדערער באהאלטן זיך, ווו נאָר ער קאָן, זאָלן די שלאכטפייִקע גרייט זײַן אָנשליסן זיך אין קאמף. די ניט־יידישע אײַנוווינער פון שטאָט זײַנען גערופן געוואָרן אויסבאהאלטן, ראטעווען און מיט וואָס ס'איז נאָר מעגלעך העלפן די יידישע שכיינים זייערע.

הימלער האָט, דורכקוקנדיק בייסן צווייטן פרישטיק די אינפאָרמאציע וועגן די געשעענישן אין שטאָט פארן פארגאנגענעם מעסלעס, אָנגעשטויסן זיך אף א קורצער מיטיילונג וועגן דער פאסירונג אף קאזאטשע און באפוילן דעם אדיוטאנט ארויסרופן ארטורן.

— עפּעס האָט איר דאָרט געהאנדלט צו טאָטאל, קיין געפאנגענע ניט גענומען! — האָט געזאָגט דער רײַכספיורער אין טרײַבל. ער האָט אָפּגערוקט דאָס ניט דערטרונקענע טשאש-

קעלע שווארצע קאווע און, ניט ענדערנדיק די פּאָזע, אַלץ נאָך אַנגעבויגן, פון אונטן ארויף, דורך די פארהוכקעטע גלעזלעך געקוקט מיט די קלייניקע אויגן, וואָס האָבן איצט דערמאָנט די קעפּלעך פון ארײַנגעקלאַפּטע טשוועקעס, אפן אדיוטאנט, פונקט דאָס זאָל פאר אים שטיין ארטור. — נאריש! איך וווּנדער זיך!.. איין שלײַדער טאָן דאָס היטל און אַלע פייגעלעך צודעקן?.. — דאָס האָט ארטור דערקלערט זײַן פארטראכט. — צי דען מיינט איר טאקע, אז זיי, אין אונטערערד, זײַנען נארישער פון אײַך? קליגער זײַנען זיי, איז שלאָגט זיי הײַנט, אויב איר קאָנט. הײַנט! און קיִעוו וועט אײַך שטענדיק צושטעלן קאָמוניסטן, זײַט זיכער!

3 אַלעמאָל, ווען די מילכאָמע האָט דערלאנגט א נײַעם קלאַפּ אַלגען, האָט זיך איר געדאכט, אז דאָס מאָל וועט זי שוין זיכער ניט אויסהאַלטן, דער קרײַז פון לײַדן און אומגליקן האָט זיך געשלאָסן. ס׳איז אָבער דורכגעגאנגען אמאָל א טאָג, אמאָל א שאָ, און אַלגע האָט ווידער געטאָן דאָס, וואָס מע האָט געדארפט, געמוזט טאָן, און אויסגעזען בא נאטאשען אין די אויגן שטארק און זיכער, און טאקע אין נאטאשען, אין דער זאָרג וועגן איר האָט אַלגע געשעפּט נײַע קויכעס און אקשאָנעס. אָבער זינט מע האָט געטראָפן צו ווערע אנדרייעוונען אפן בוידעם, דאָרט אין דעם בײַגרענעץ־שטעטל, איז אַלעמאָל לעבן איר געווען ארטיאָם. און איצט איז ער, פארהלושעט פון זײַן אומגליק, אָפּגעגאנגען אין א זײַט. און עפּשער גאָר אזוי: זיי האָבן אים איצט געקאָנט שטערן, אַלגע און נאטאשע, ער האָט געדארפט האָבן פרײַע הענט פאר דעם, וואָס ער קלײַבט זיך טאָן? און כאָטש ניט ער אליין האָט דאָס באשטימט, האָט ער דאָך שווײַגנדיק אײַנגעשטימט.

אַלץ איז פאָרגעקומען פונקט אזוי, ווי אף דער מילכאָמע קומט פאָר. אָט האָסטו א פרײַנט, וועלכער גייט מיט דיר איבער אַלע שווערע וועגן, טיילט מיט דיר דעם ביסן, ווייסט, וואָס דו האָסט פארלוירן דאָרט, ווו דער וועג האָט זיך אָנגעהויבן, און אף וואָס דו האָפסט, וואָס דו זוכסט, ווי דאָס איינציקע שטערנדל אינעם אומענדלעכן, שווארצן הימל, און פּלוצעם טוט א בלענד א פײַער, און אויס, ניטאָ דײַן פרײַנט, אָדער — און דאָס איז, פארשטייט זיך, בעסער — די אומשטענדן, א באפעל צעשיידן אײַך: ער — אהין, דו — אהער... אָט אזוי האָט זי אים פארלוירן, ארטיאָמען, פאר א קנאפּער שאָ, און געהריזעט זיך, וואָס זי איז אוועק, פארלאָזט אים אין אָט דער שווערער שאָ, און געוווּסט, פארשטאנען, אז זי האָט דאָס געמוזט טאָן, און נאָר טיף בא זיך האָט זי געטראכט, אז דער דאָזיקער שרעקלעכער צופאל האָט געמאכט א סאָף דערצו, וואָס האָט אזוי אָדער אנדערש זיך געמוזט ענדיקן.

די אַלטיטשקע וואסילינע האָט אוועקגעפירט ארטיאָמען און, געוויינלעך, אויך אַלגען, מיט נאטאשען אין א זײַטיק געסל צווישן טיפע יארן, — דאָס כוטאָריאנער געסל, אין א שטוב, וואָס איז, ווי אַלע דאָ, געווען פארוקט אין דער טיף פון הויף, צווישן קעמערלעך און א סעדל. ארטיאָם האָט אַלץ געריסן זיך אין גאס, צו זײַן היים, וואָס האָט געהאַלטן אין דערברענען, צו די טויטע, וועלכע זײַנען דאָרט געלעגן צווישן פלאמען און אש, און וואסילינע האָט אים ניט געלאָזט און אַלץ געטײַנעט „מעשוגענער“, אַלגע האָט אים אויך ניט געלאָזט, ווײַל דאָס איז ווירקלעך געווען אן אומזין, און ארטיאָם האָט עס פארשטאנען, געליטן. ער איז בעפּיירעש פון אײַזן, אויב ער האָט די דאָזיקע ערשטע שאָ פון שארפסטער פּײַן אויסגעהאַלטן.

אין דער שטוב, ווו מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן די שניר צי די טעכטער וואסילינעס, גיכער שניר, קרום געקוקט אף די געקומענע — אף אַלגען און נאטאשען („ווער זײַנען זיי, וואָס פאר א שײַכעס האָט מען צו ארטיאָמען?“), און אף ארטיאָמען אויך („ווער ווייסט, צי ס׳איז גוט, וואָס ער געפינט זיך דאָ? נאָך וואָס איז ער געקומען, צי איז ער ניט אזא, ווי די, וואָס מע האָט דאָרט אומגעבראכט?.. גאָרנישט, פארשטייט זיך, אדעראבעּ, נאָר אז מע קאָן עפּשער דערפאר מיטן לעבן באצאָלן!..“). זיי האָבן געצישעט אף די קינדער, די דאָזיקע שניר צי די טעכטער וואסילינעס, געטריבן זיי, די נײַגעריקע, פון גאָרניצע, ניט פרײַנטלעך, צוריקגעהאַלטן, מיט ניט באהאַלטענער פארדײַגעטקײַט אופגענומען די עטלעכע שכיינים, וואָס זײַנען ארײַן א קוק טאָן אף די געקומענע, מיט אייניקע פון די דאָזיקע שכיינים דערנאָך געשושקעט זיך אין קיך און בא דער פּאָרטקע. אף דער אַלטער וואסילינע, וואָס איז מעכאבעד געווען נאטאשען מיט אן עפּל, האָבן די אופגערודערטע פרויען שוין אָפן געוואָרפן בייזע בליקן, און איינע האָט גאנץ הויך געלאָזט פאלן באם שוועל: „נו יאָ, וואָס קימערט זי, די אַלטע, וואָס פארלירט זי? די טרונע שטייט דאָך שוין בא איר פון לאַנג גרייט אין קאמער...“

ארטיאָם האָט דאָס אַלץ מיסטאמע ניט באמערקט, ער איז אָדער געזעסן אפן קליידערקאסטן אין ווינקל, צוגעשפּארט מיט אן אקסל צו דער וואנט, און, בײַסנדיק די ליפּן, געקוקט אפן געפארבטן דיל, אָדער געשטאנען באם נידעריקן פענצטערל, א פארשטעלטס מיט וואזאָ־

נעס, און געקוקט אין סעדל, אַף די יאָרן, וואָס האָבן זיך הינטער דעם אָנגעהויבן. נאָר עס איז געקומען איינער, וואָס האָט דאָס יאָ באַמערקט. ער האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן לענגער, איידער אַנדערע, און איז גאָר, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, קיין שאָכן ניט געווען. אַרטיאָם האָט אַ היפּש שטיקל צײַט זיך ניט אומגעקוקט אַף אים. פונקט ווי ער האָט זיך ניט אומגעקוקט, ווען אַנדערע זײַנען אַרײַן און אַרויס. דער אַרײַנגעקומענער האָט געשוויגן, בלויז דאָס בענקל, אַף וועלכן ער איז געזעסן, האָט געסקריפּעט אונטער זײַן שווערן גוף, און איינע פון די יונגע באַלעבאָסטעס האָט עפּשער שוין דערפאַר אַליין קרומלעך געקוקט אַף אים. ער איז געווען פעסט געקנאָטן, מיט ברייטע, רונדע פּלייצעס, וואָס האָבן מאַמעש צעשפּאַרט דעם פאַרשמאָלצעוועטן אײַזנבאַנערשן קיטל און די נעט האָבן געפּלאַצט אונטער די פּאַכוועס. אינעם געקרײַזלט־צעשויבערטן קאָפּ האָר האָבן זיך איבערגעמישט אי רוסיאַווע פּאַסמעס, אויסגעבליאַקעוועטע פון דער זון, אי קאַשטאַנעווע. דעם אײַזנבאַנערס פּנים האָט פון ערשטן בליק געקאָנט מאַכן דעם אײַנדרוק פון גאָר אַ פּאָשעטס: די נאָז — אַ מין שיכל מיט אַ פּאַריסענעם נאָסעק, די ליפּן — אינמיטן פולבלעכע, ווי אָנגעסמאָקעטע, בא די ווינקלען שמאָלע, ברייטע קינבאַקן. אָבער די טונקעלע, קאָס־געשניטענע אויגן — קלוגע, גוטע — האָבן אויפמערקזאַם געקוקט פון צווישן די געדיכטע וויִעס. אַרטיאָם האָט ענדלעך, אַ ביסעלע אַן איבעראַשטער, זיך אומגעקוקט אַפן אײַזנבאַנער, האָט יענער שטיל דערקלערט:

— איך בין דאָ געווען צוגאַסט בא אַ פרײַנטל און דערהערט, אַז ביסט געקומען, אַרטיושע.

— אַפאַנאַסי?.. — אַרטיאָם האָט, זעט אויס, פאַרגעסן דעם פאָטערנאָמען און קרענקלעך אַ קרים זיך געטאָן. — כאַווער טימאָשטשוק?..

יענער האָט וואָרענענדיק אָנגעוויזן מיט די אויגן אַף דער טיר און אַ קראַץ געטאָן מיט די פינגער די פּאָטיליצע, ס'הייסט: „וואָלסט מיך ניט דאַרפן אָנרופן אַזוי, נאָר מיילע!” אַלגע האָט דעם דאָזיקן זשעסט פאַרשטאַנען, אַרטיאָם, מיסטאַמע, אויך, ווײַל ער האָט מער דעם גאַסט ניט גערופן ניט באַם נאָמען, ניט בא דער פאַמיליע.

טימאָשטשוק האָט פאַרגעזעצט:

— איך האָב זיך געקליבן אַרײַנגיין אויך צו דײַן טאַטן, צו פּלאַטאָן נעסטעראָוויטשן, בעטן בא אים עטלעכע האַטשיקלעך אַף כאַפּן פיש. ניטאָ דערווײַל וואָס צו טאָן אין דעפּאָ, וואָלט איך כאָטש פיש געכאַפּט, איז — נאַ דיר גאָר...

בא אַרטיאָמען האָבן טונקל, ווי קוילן, וואָס צעגליִען זיך, ווען מע טוט אַ בלאָז אַף זיי, אַ פינקל געטאָן די אויגן — דער ערשטער לעבעדיקער פונק אין מעשעך פון דער שאָ, זינט ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אומגליק:

— האַטשיקלעך? דאָרט, ווו איך בין געווען, כאַפּט מען מיט נעצן...

— יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי, — טימאָשטשוק האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט, — און איר? — אַ קער דעם קאָפּ צו אַלגען און נאַטאַשען, — מע האָט מיר געזאָגט — איר זײַט מיט אים צוזאַמען געקומען?

— צוזאַמען, — האָט נאַטאַשקע פלינק זיך אָפּגערופן.

— איז וואָס זשע דאָס זיצן דאָ, אין אַ פרעמדער שטוב? — טימאָשטשוק האָט דאָס אַרויסגעבראַכט אַזוי, אַז מע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין — ער איז פּאָשעט באַצאָרנט צי ער בייזערט זיך אַף די, וועמעס שטוב ס'איז „אַ פרעמדע”, — קומט צו מיר, עס איז ווײַטלעך, נאָר נישקאָשע.

— עפּשער וואָלט איר בעסער בלויז די מאַמע מיטן מיידעלע אָפּגעפירט צו זיך? — האָט אַרטיאָם פאָרגעלייגט ווידער מיט אַן אויסגעלאָשענער שטים. — איך וועל דאָ ערגעץ איבערזײַן, ביז מע וועט קאָנען צוגיין... מע דאַרף דאָך באַגראָבן.

— זײַנען דען דאָ קיין מענטשן ניטאָ? מע וועט באַגראָבן, און דיך וועט מען אויך רופן, אַרטיושע. קום, קום, קאָנסט זיך דאָ דערוואַרטן בלויז אַף אַ נײַער צאָרע, און זעסט, — אַ טײַטל איבערן אַקסל מיטן גראָבן פינגער אַף דער קיך, פונוואַנען ס'האָט זיך דערטראָגן אַ שעפּטשען, — די באַלעבאַטים זײַנען אומרויִק. אַ דאַנק אײַך, באַבוסיע, — האָט ער געזאָגט צו דער אַלטער וואַסילינע, וועלכע האָט אַ צעטומלטע, אַ באַליידיקטע און אַן אָפּהענטיקע זיך באַוויזן אַף דער שוועל, — זאָלן אײַערע אַלע זין און איידעמס קומען געזונטערהייט פון פראָנט. איך נעם צו די געסט.

אין הויף, בא דער פאָרטקע, איז געשטאַנען אַ באָכער מיט אַ שיין ברוינלעך־ראָז פּנים, מיט לאַנגע וויִעס איבער די פאַרשײַטע אויגן און אַ שוואַרצע פּאַטלע, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען אַפן שטערן. קעצישע פלינקײַט האָט זיך געפילט אין די באַוועגונגען פון זײַן ניט הויכער פיגור.

— ציגאנאָק, — האָט טימאָשטשוק געזאָגט צום באָכער, וועלכער איז, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, געקומען מיט אים צוזאמען, — טו זיך נאָר א כאַפּ אריבער איבערן יאר און ווארט אַף אונדז אָן־אַ דאָרט, אין סעדל!

ניט געײַלט, ארומקוקנדיק זיך, איז דער באָכער אוועק צום סאָף געסל.

— מיר וועלן גיין איינציקווײַז, בלויז די מאמע מיט דער טאָכטער וועלן גיין אײנינעם, — האָט טימאָשטשוק דערקלערט. — דו, ארטיאָם, שפּאַנסט נאָך וויקטאָרן, נאָך ציגאנאָקן. באַלד, באַלד, זאָל ער נאָר דאָרט מײַדן די ריטשקע. וועסט אויך צוווארטן אין סעדל.

ווען ארטיאָם איז אוועק, האָט טימאָשטשוק געפרעגט אַלגען:

— איר האָט זיך מיסטאמע געקליבן וווינען בא די דארוגעס?

— ניין.

— ווו זשע?

— איך האָב א פּאָר אדרעסן אין שטאָט, נאָר ווער ווייסט...

— קלאָר. — טימאָשטשוק האָט מער גאָרנישט ניט געפרעגט, נאָכגעשפּירט ארטיאָמען מיט די אויגן. אין עטלעכע מינוט ארום, ווען ער האָט שוין געהאט געזאָגט צו אַלגען און נאטאשען: „גייט!" און זיי האָבן געמאכט עטלעכע שפּאַן, האָט ער זיך געכאַפּט: — ווארט א ווײַלע! דאָרט וועט עפּשער ניט זײַן זיין באקוועם צו ריידן, אַף יענער זײַט. וואָס דאָס זײַנען פּאר אן אדרעסן בא אײַך, וואָס פּארא מענטשן דאָס זײַנען, צו וועמען איר קלײַבט זיך, איז איצט ניט די צײַט צו דערקלערן — מיסטאמע גוטע, אויב איר גייט צו זיי. ארטיאָם ווייסט די אדרעסן?

— יאָ.

— ארטיאָם וועט זיך געפינען אַף סאפּיאָרנע סלאָבאָדקע. לעבן דער אײַזנבאַן. מער קאָן איך אײַך גאָרנישט ניט זאָגן. אײַך וועט באַגלייטן וויקטאָר. ווען איר וועט ארײַן אהין, ווו איר מיינט זיך אײַנאָרדענען, וועט ער ווארטן א האלבע שאָ אין דרויסן. אויב איר בלײַבט, דארף מען, ער זאָל וועגן דעם וויסן. זאָגט מיר פּונדעסטוועגן, וווהין איר גייט. איך וועל פארגעדענקען.

אַלגע האָט דעם ערשטן אָנגערופן גלאַגאָלעווסקיס אדרעס, און דעם צווייטן — נאטאשע האָט שווײַגנדיק געמאכט א פּראָטעסטירנדיקע מינע — לידע טאנאגאָזס.

4 מאקאר ליאָליעטשקאָ האָט געהאט געזאָגט וואָליען, בייס זיי האָבן זיך געטראָפן אַפן פעלדזיקן ברעג פונעם ליובאטשער טײַך, דעמלט, ווען ער האָט זיך שוין ארויסגעבאהאלטן: „איך בין זיכער — אַף דער סצענע זײַט איר פּייִק שפּילן טיף־דראמאטישע ראָלן, ווײַל איר וועט אַלעמאָל אין א געוויסער מאָס שפּילן זיך אליין". און דעמלט טאקע האָט ער זי אָנגערופן אָן א וואָסער־ניט־איז גרונט: „שלאָפנדיקע שיינהײַט". די שלאָפנדיקע שיינהײַט, וואָס האָט געמוזט דערוואכן. מאקאר מיינט, אז דאָס האָט ער זי אופגעוועקט. וואָליע ווייסט, אז דערוואכט האָט זי אליין, אויב מע קאָן רעכענען, אז זי איז ביכלאַל ווען־ניט־איז ארײַנגעפאלן אין לעטארגישן שלאָף. נאָר וואָס קומט ארויס? אמאָל כאַפּט זי ארום א טיפע פארצווייפלונג: עפּשער וואָלט טאקע בעסער זײַן פארזינקען אין שלאָף פון גאָרנישט ניט וויסן? דאָס זײַנען מינוטן פון שוואכקײַט, ווען מע מוז, זעט אויס, לאָזן פרײַ די מוסקולן און די נערוון, זיי זאָלן א ביסעלע אָפּרוען פאר א נײַער אָנשטרענגונג, וואָס וועט ווידער פאָדערן אקשאָנעס און אנטשלאָסנקײַט.

אקשאָנעס און אנטשלאָסנקײַט... ווען זי קוקט אַף זיך אין שפּיגל, טראכט זי אָפּט: „ווי קומט עס צו מיר?" אָבער דער דראמאטיזם אַף דער בינע איז ניט ענלעך אַפן דראמאטיזם אין לעבן, און גאנץ אָפּט איז וואָליע זיכער, אז ווען זי זאָל דארפן זיך אליין שפּילן אַף דער בינע, וואָלט זי ניט געקאָנט.

ווי שפּילט מען, אשטייגער, אזא סצענע: איר נעכטיקן באזוך צו מאקאר ליאָליעטשקאָס ווײַב?

מאקארס ווײַב — א דינינקע, ווי א מיידעלע, מיט א דערשראָקן פּאָנעם, וואָס איז אי שיין, אי רירנדיק, נאָר רירנדיק עפּשער טאקע מיט דעם, וואָס עס הערט אוף צו זײַן שיין, ווײַל אַף קיין איין רעגע פארלאָזט עס ניט דער אויסדרוק פון זאָרג און פארצווייפלונג, די זאָרג און פארצווייפלונג פון א מאמע, א פארלוירענע, א ניט דערפארענע, עפּשער אפילע א קראנקע, א מאמע פון א צווילינג, ערשט ניט לאנג, מיט א כוידעש צוריק א געבוירענעם, וואָס איז א מין ביטערע מיספארשטייעניש, א קלאָגלע דאָ, אין אָקופּירטן קיִעוו. און דאָס האָט זי, וואָליע, גע־וואָלט בא איר צונעמען מאקארן, ניט וויסנדיק אפילע, אז זי מיט איר צווילינג עקזיסטירט אַף דער וועלט, צונעמען מאקארן, וואָס צוגענומען האָט אים שוין בא זייביידן דער וואלד, ווער

ווייסט אַף וויפֿל, מעגלעך, אַף שטענדיק. זי האָט אים ליב, וואַליע, זי האָט אים ליב אַזוי, אַז אַלץ, וואָס ס'איז איר דאָרט, אין ליובאַטש, אויסגעקומען טאָן געפערלעכס, אַזוינס, וואָס איז איר צומאָל געווען דערווידער, האָט זי אַף קיין ווײַלע ניט אָפּגעשטעלט, ווײַל אויסער דעם כיווּ, צוליב וואָס זי האָט דאָס געטאָן, איז פאַר איר אַלעמאָל וויכטיק געווען און אַ שטיצע געווען מאַקאַרס אָפּשאַצונג, מאַקאַרס ליבע. נאָר צוריק גערעדט — פאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט געווען איבערגעבן אַ יעדיע וועגן זיך מיט איר, מיט וואַליען, אויב מע האָט זי שוין געשיקט קיין קיִעוו? און אויב ער האָט זיך אַפילע ניט אָנגעשטויסן, וואָס זי פילט צו אים, אָדער ער האָט זיך יאָ אָנגעשטויסן און דאָס גייט אים ניט אָן — איז וואָס? און עפּשער גייט עס אים אָן, עפּשער טרוימט ער אויך וועגן איר, נאָר ס'איז אַ האַרבע צײַט, און ניט נאָר פאַלינע מיטן צווילינג בינדט אים, נאָר אַלץ ארום?.. ער האָט דאָך געוווּסט, מאַקאַר, און ניט נאָר געוווּסט — געהייסן איר פלירטעווען מיטן אָבערסט פאָן גלייעוויץ, און געשיקט זי אַהער, קיין קיִעוו, קעדיי פאַרזעצן דעם פלירט. און אײַנגעשטימט, זי זאָל פאָרן אַף דער מאַשין, וואָס פאָן גלייעוויץ האָט נאָך איר געשיקט... איז ווי וואָלט געווען, ווען זי זאָל אַף דער בינע דאַרפן אָפּשפּילן אָט די סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען דאָרט, אינעם פוסטן הויז אַף נעקראַסאָווסקע, אינעם גרויסן ניט אופגעראַמטן צימער, ווו כוץ פאַלינען און דעם שרײַענדיקן פּאָרל אינעם וויגעלע — מע האָט זיך פונקט צעפילדערט! — איז נאָך דאָ עפּעס אַן אַלטע, קראַנקע פרוי, וואָס איז געווען ניט קיין הילף, נאָר גיכער אַ ביטערער צוגאָב צו די צאָרעס?

און ווי שפּילט מען אַף אָט אַזוינס: ווי זי האָט, קומענדיק קיין קיִעוו, זיך אַרײַנגעשטעלט מיטן פראַנטעוואַטן לייטענאַנטל, פאָן גלייעוויצעס אַדיוטאַנט, צו דער מומע אַנאַסטאַסיאַ פּעט־ראָוונאַ אין פּיצינקן דירעלע אַפן זעקסטן שטאָק? זי האָט אים געבעטן, דעם לייטענאַנט, ניט נאָכגיין, אויסגענומען באַ אים לעס-ברייערע, אַז ער וועט בלײַבן אַפן פאַרלעצטן שטאָק, און ער איז פונדעסטוועגן נאָכגעגאַנגען, ווײַל ער איז צוויי מאָל ייִנגער פון זײַן שעף און מיינט, אַז אין דעם שטעקט זײַן קויעך. אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ איז געווען אופגעבראַכט און פאַרכידעשט, און וואַליע האָט זיך געמוזט האַלטן אומגעצווונגען און אַ ביסעלע פרעך סײַ אין די ערשטע מינוטן פון דער באַגעגעניש, סײַ שפּעטער, ווען פאָן גלייעוויץ אַליין איז אַראָפּגעקומען. איז ווי דער־קלערט מען דאָס אַלץ אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונען, און צי דאַרף מען, צי מעג מען ביכלאַל עס איר דערקלערן, אויב אין שטוב קומט פאָר עפּעס אַזוינס, וואָס די מומע מײַדט עס אויס איר צו דערקלערן?

דער פּעטער אַנדריי איז אין דער היים, און ניט נאָר אין דער היים, — געקומען, זאָל זײַן, פון אַרומרינגלונג, פון געפאַנגענשאַפט און ווייסט זיך ניט וווּהין אַהינצוטאָן, — איז ניין, ער אַרבעט שוין, ער העלפט אופבויען די דעפאָ, ער טראָגט ציגל באַ די דײַטשן און וועט מיס־טאַמע ווערן באַ זיי מיט דער צײַט אַ טעכניקער אויך. מיטן פּעטער אַליין זיך דורכשמועסן קאָן זי ניט, וואַליע. זי קאָן ניט, און גאָר. אָט האָט זיך דאָך מיטן טאַטן אויך קיין אופריכטיקער שמועס ניט באַקומען. נאָר די מומע, גראָד די מומע וואָלט איר עפּעס דאַרפן זאָגן. די שטאָלצע און שטרענגע אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ, וועלכע האָט שטענדיק אונטערגעהאַלטן אין איר דעם גלויבן, אַז דער פּעטער איז אין גאַרנישט ניט שולדיק, מע האָט אים אַלפּי-טאָעס פאַרעכנט פאַר אַ סוינע, און וואַליע איז איר דאַנקבאַר געווען דערפאַר, אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ שווײַגט איצט. זי שווײַגט, הייסט עס, זי האָט ניט וואָס צו זאָגן. און וואָס איז דאָס ריידן? דער טאַטע און דער פּעטער זײַנען פאַרשיידענע מענטשן, איצט אויך מיסטאַמע. נאָר דער טאַטע האָט קיינעם גאָר־נישט ניט צוגעזאָגט, זײַן וועג צום פראָנט איז אַ גלײַכער, יאָ, יאָ, ווי ביטער דער עמעס זאָל ניט זײַן — אַ גלײַכער. און דער פּעטער אַנדריי האָט זיך אַליין געבעטן, מע זאָל אים שיקן אַפן פראָנט, זי האָט שטאָלצירט מיט אים, וואַליע, און אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ — אויך, און אופריכ־טיק שטאָלצירט. אָט איז זי, האָט זיך געדאַכט, די באַשטעטיקונג, אַז ער איז ריין און טרײַ, אַנדריי סאַנזשאַראַ. און איצט איז ער דאָ. און וואָס טוט ער? וואָס? און די מומע שווײַגט... איז ווי שפּילט מען אַף אָט דאָס, וואָס זי, וואַליע, לעבט איצט איבער?

צי אַזוינס אַשטייגער: די געשעענישן אין מעשעך פון דרײַ שאָ — פון זינט זי איז אַזייגער צוועלף באַטאָג אַרויס אין דרויסן און ביז אָט-אָ מיט עטלעכע מינוט צוריק, ווען הינטער אירע פלייצעס האָט אַ קלאַפּ געטאָן דאָס טירל פון פאָן גלייעוויצעס מאַשין. אַ גוואַלדיקע שווערקײַט טראָגט זי איצט אין האַרצן, וואַליע, און אײַלט — וווּהין? — אַהינצו, אַפן זעקסטן שטאָק, קעדיי אין פולער איינזאַמקײַט ווידער אַלץ באַטראַכטן, פון וואָס די שווערקײַט וועט אוודע ווערן נאָך אומדערטרעגלעכער...

אייערנעכטן, איניגיכן נאָך דעם, ווי זי איז געקומען קיין קיִעוו, איז זי אַוועק אַף אַ „יאַווקע", וואָס מאַקאַר האָט איר געגעבן, קעדיי אָנקניפּן די ערשטע פאַרבינדונגען אין שטאָט. אַלץ איז דורכגעגאַנגען גוט. אַפן סאָלאָמענקער מאַרק האָט זי געפונען דעם אַלטיטשקן מיטן

גראָוון בערדל, מיט די גאָלדענע פענסנע, וועלכער האָט פארקויפט אזעלכע זייף־שטעקלעך אף ארויסנעמען פלעקן. ער האָט דאָ טאקע, פאר די געציילטע דורכגייער אין די אויגן, מיט אן אָנגענעצטן כימישן בלײַער אָנגעמאראקעט עפּעס אף א גרין שטיקל געוואנט און מיטן שטעקעלע און א ציין־בערשטל אראָפּגענומען דעם פלעק. וואליע האָט געזאָגט דעם אלטיטשקן דאָס, וואָס מע האָט געדארפט זאָגן, — אז זײַן אייניקל איז אראָפּגעפאלן פון א טויער און ער דארף טייקעף גיין אהיים; זי איז אים אוועק א ביסל באגלייטן. אונטערוועגנס האָט זי אים דערציילט, אז זי האָפט באקומען א דערלויבעניש אף שאפן א קאָנצערט־גרופּע, וואָס זאָל באדינען די אָקופּאנטישע מיליטער־טיילן. אויב מע דארף אײַנשליסן אין דער דאָזיקער גרופּע עמעצן פון דער אונטערערדישער אָרגאניזאציע, קאָן זי דאָס טאָן. אן ענטפער האָט זי געדארפט באקומען הײַנט, און ניט אפן מארק — ער האָט איר אָנגעוויזן א שטוב דאָרט, אף סאָלאָמענקע. גייענדיק אהין, האָט זי איבערגעלייענט דעם באפעל וועגן די ייִדן. קיִעוו איז טאקע ניט ליובאטש, נאָר ווער קאָן וויסן, צי מע וועט דאָ ניט אָפּטאָן מיט די מענטשן דאָס זעלבע, וואָס אין ליובאטש און אין די קליינע שטעטלעך ארום ליובאטש. זי האָט געמיינט, אז זי וועט זיך עפּעס דערוויסן וועגן דעם דאָרטן, וווהין זי איז געגאנגען. און פּלוצעם, זי האָט נאָר געוואָלט פארקערעווען אינעם נייטיקן געסל — זשאנדארמען, פּאָליצײַען, צוויי שווארצע אויטאָבוסן. צו איינעם פון די דאָזיקע אויטאָבוסן האָט מען א פארבלוטיקטן געפירט דעם אלטיטשקן מיטן גראָוון בערדל. אין הויף, וווהין וואליע האָט געזאָלט ארײַן, האָבן צווייען אין ציווילע קליידער געבראָכן די הענט א קרעפּטיקן מאנצבל אין א צעריסענער מאטראָסישער טעלניאשקע.

אלע אייוורים האָבן געציטערט בא וואליען, ווען זי איז אוועק פונעם דאָזיקן געסל. און אוועק איז זי אהין, וווהין מע האָט עפשער ניט געדארפט גיין, — אין דער שטאָטישער אופּראווע. נאָר וויִאזוי האָט זי געקאָנט ניט גיין, — ס׳איז אָפּגערעדט געווען מיט פאָן גלייעוויצן, אז מע וועט זיך דאָרט טרעפן, און טאקע לויט איר איניען — ער האָט זי געדארפט פאָרשטעלן דעם שעף פון „פערסאָנעל־אמט“, באָסן, און גאראנטירן, אז מע מעג איר פארטרויען שאפן א קאָנצערט־גרופּע. אָט דער באָס איז די לעצטע צוויי טעג געווען שטארק פארנומען און צוגעזאָגט פאָן גלייעוויצן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ס׳איז זונטיק, אופנעמען אים מיט זײַן פּראָטעזשע, אָנגעוויזן די פּינקטלעכע שאָ.

האלטן זיך אן אייצע האָט וואליע ניט געהאט מיט וועמען, איז זי אוועק. נאָר דער אלטער האָט אפן פארהער געקאָנט דערציילן וועגן איר, דעריבער האָט וואליע באשלאָסן אָפּציִען דעם איניען, זאָגן פאָן גלייעוויצן, אז ניט אלץ איז נאָך בא איר גרייט, — הײַנט איז ניט קעדײַ גיין צו באָסן. עס האָט זיך זייער ניט געוואָלט צו אָפּט אָנקומען צום דאָזיקן קלעפּיקן אָבערסט, צום לאנדסמאן, מישטיינסגעזאָגט, נאָר וואָס קאָן מען טאָן — מע מוז דאָך וואָרענען מאקארן וועגן דעם דורכפאל פון די, צו וועמען ער האָט זי געשיקט. האָט זי געמוזט פּויעלן בא זיך, אז זי וועט בעטן בא פאָן גלייעוויצן העלפן איר אראָפּכאפּן זיך מאָרגן קיין ליובאטש אף עטלעכע טעג — דער פאָטער האָט איר צוגעזאָגט קריגן גוטן שטאָף אף א הארבסט־מאנטל. ריידן וועגן פאָרן נאָך הײַנט איז פּאָשעט געווען ניט באקוועם, עס זאָל ניט אויסקומען צו עקסטרע. מאקאר האָט, עמעס, געזאָגט, אז סאָף וואָך, ארום דאָנערשטיק, וועט אהער קומען א ליובאטשער, און זי וועט קאָנען איבערגעבן דורך אים, ווי איר גייט דאָ, אָבער — דאָנערשטיק, דאָס איז אין פיר טעג ארום!

העכער א שאָ האָט וואליע געהאט אף צו באקלערן דאָס אלץ — ביז דער צײַט, ווען פאָן גלייעוויץ וועט קומען. איז זי אומגעגאנגען איבערן באָטאנישן גאָרטן, ניט ווײַט פון דער אופּראווע, געקוקט, ווי בלעטער פאלן, ווי עס הוידען זיך אף בלויִלעכן שפּינוועבס, וואָס ציט זיך צווישן די צווײַגן, קוקאָלקעס פון קינפּטיקע באבעלעך, אונטערגעשטעלט א דלאָניע די שטראלן פון דער מידער הארבסטיקער זון, וואָס זײַנען אין דער קווער געפאלן פון צווישן די שטאמען, און געטראכט: אזוי איז שוין דער מענטש — יענע, וואָס מע האָט גענומען אף סאָלאָמענקע, האָט מען שוין געבראכט אין געסטאפּאָ, ארײַנגעוואָרפן מיסטאמע אין א פינצטערן, נאסן קעלער, און זי, וואליע, האָט, טראכטנדיק וועגן דעם, ווי ווײַטער טאָן איר ארבעט, און מוירע האָבנדיק, אז עמעצער זאָל איר מאכמעס זײַן ניט שטאנדהאפטיקײַט ניט שטערן זי טאָן, באוווּנדערט די שיינקײַט פון דער וועלט, באוווּנדערט זי אויך פאר זיי, ווײַל זיי וועלן עס שוין קיינמאָל ניט קאָנען טאָן, און ווער ווייסט, ווי לאנג איר איז נאָך באשערט זי צו באוווּנדערן.

און ווידער איז אלץ אוועק קאַפּויר... פאָן גלייעוויץ איז ארויס פון זײַן מאשין, וואליע האָט געוואַרט אף אים אונטער די קאשטאנען באם ארײַנגאנג אין אופּראווע, באוויזן אלץ זאָגן, אי אז מע גייט ניט באלד צו באָסן, אי אז זי וואָלט דארפן צופאָרן מאָרגן קיין ליובאטש, צי קאָן ער איר ניט העלפן. פאָן גלייעוויץ איז גאָר ניט צופרידן געווען פון דעם, וואָס דער

וויזיט, וועלכן ער האָט מיט אזויפיל מי איינגעאָרדנט, ווערט אָפּגעלייגט, און אויך דערפון, וואָס וואליע פאָרט אוועק. און פלוצעם — טראַך! נאָך איין מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט באם אריינגאנג אין אופראווע. פון איר איז ארויס א הויכער דייטשישער מאיאָר מיט א פערדיש לאנג פּאָנעם, געלאָזט זיך גלייך צו פּאָן גלייעוויצן און מיט א מאָדנעם צוק פונעם אקסל אָנגעוויזן אַף איר, אַף וואליען:

— דאָס איז זי, אָבערסט, די שיינהייט אייערע? אנטשולדיקט, דאכט זיך, אז מיר האָבן נאָך דריי מינוט אין רעזערוו... ביטע, ביטע, קומט ארוף.

באָס! האָט מען שוין געמוזט זיך אופהייבן צו אים אפן צווייטן שטאָק. ווי זי האָט זיך דאָרטן געהאלטן, ווייסט זי אליין ניט — אַף נערוון. נאָר, דאכט זיך, באצויבערט אים, דעם שעף פון „פערסאָנעל־אמט”. דערביי האָט זי דאָס געדארפט טאָן זייער דעליקאַט, עס זאָל פּאָן גלייעוויצן ניט פארדריסן, ער זאָל זיך בלויז גרויסן מיט איר. בייס מע האָט זיך געזעגנט, האָט באָס, מיט קוים פארבאָרגענער קינע, געלאָזט פאלן א ציניש אָנצוהערעניש:

— איך שטעל זיך פאָר, וואָס פאר א פארגעניגן איר באקומט, אָבערסט!

פּאָן גלייעוויץ איז א באלן געוועז אוועקפירן וואליען אין קאזינאָ, וואָס האָט זיך גראָד היינט געעפנט אנטקעגן די „גאָלדענע טויערן”, נאָר זי האָט געזאָגט, אז זי איז מיד און וויל פאָרן אהיים. ער ווייסט שוין: באשטייך טאָר ער נאָך אלץ אַף גאָרנישט. „אויסגעהאלטנקייט און געדולד — דאָס איז, דאכט זיך, געווען דער דעוויז פון ריטער?” — אזוי רייצט זי זיך מיט אים. און ווי אָן א באזונדערן מיין, א ביסעלע קאָקעטיש, מיט ריין פרויישן נייגער:

— וואָס דארף באטייטן דער היינטיקער באפעל פון דער פעלדקאָמענדאטור, אָבערסט? עס אינטריגירט...

— איך בין א סאָלדאט, ליבע וואליע, ניט געקוקט אַף מיינע עפּאָלעטן, און סאָלדאטן זאָגט מען ניט אלץ. אָט בין איך דאָך געווען אין ליובאטש, אין מיין אייגענעם גוט, בייס יענע גרויזאמע, אויסערסט גרויזאמע געשעענישן, און קיין אנונג ניט געהאט וועגן גאָרנישט.

— נאָר דער קאָמענדאנט איז דאָך אייער פריינט.

— דער קאָמענדאנט פילט זיך ניט ווי אמבעסטן נאָכן אופרייס, איך וויל אים ניט איינמידן מיט מיינע באזוכן.

זי האָט פארשטאנען: ער גרייט באצייטנס א טערעץ.

דאָס טירל פון דער מאשין האָט א קלאַפּ געטאָן הינטער וואליעס פלייצע, דער מאָטאָר האָט א הוסט געגעבן, און צום טראָטואר איז אוועקגעשווומען א בלוי רויכל, וואָס האָט געשמעקט מיט ניט קיין דערברענטן בענזין.

אופהייבנדיק זיך אפן זעקסטן שטאָק (דער ליפט האָט ניט געארבעט), האָט זי געטראכט: „מענטשנפרעסער פאָרן אום אין מאשינעס, זיי האָבן אווטאָמאטיש געווער און קאָנען שרייבן באפעלן. די דאָזיקע זיינען ניט צו פארגלייכן שרעקלעכער פון יענע, וואָס לעבן אין דזשונגל, און פייקלען, און טאנצן, און זינגען לידער ארום א קעסל, אין וועלכן עס קאָכט זיך מענטשן־פלייש. איז ווי וואָלט איך אָפּגעשפילט אַף דער בינע דאָס, וואָס איז איבערגעלעבט געוואָרן בלויז פאר די לעצטע דריי שאָ, זינט איך האָב זיך אראָפּגעלאָזט פון די דאָזיקע טרעפּ?..”

וואליע האָט געזען פאר זיך א טונקעלן זאל, א פארפולטן מיט צושויער. „נאָך דער מיל־כאַמע, — האָט זי ביטער געטראכט, — וועט עפשער גאָר עמעץ אנדערש, ניט איך, באווייזן מענטשן, מיט וויפל אומגליק און פּיין עס איז באצאָלט געוואָרן פאר זייער גליק און זייער רו. מיר בלייבט דערווייל קריגן עטלעכע בערלינער פלאסטינקעס און אויסלערנען זיך זינגען באנאלע דייטשישע לידלעך”.

5

אַף וואליען האָט געוואַרט א גאסט: דער ברודער, אָלעקסע. אנאסטאסיִא פעטראָוונא, ווען זי האָט איר געעפנט די טיר, — וואליע האָט קיין שליסל ניט געהאַט, — האָט דאָס איר אָנגעזאָגט מיט בעפיירעשער רוגזע אין שטים. וואליע האָט געמיינט, אז דאָס איז אלץ דער אויסדרוק פון דער מומעס פארבאָרגענער אומצופרידנקייט, וועלכע זי, וואליע, האָט געפילט, פון זינט זי האָט זיך אומגעקערט קיין קִיעוו (עפשער האָט אנאסטאסיִא פעטראָוונא אפילע געזען פון באלקאָן, אז א מאשין האָט זי אויך איצט צוגעפירט צו דער שטוב?). „מע וועט פונדעסטוועגן מוזן דורכריידן זיך מיט איר, דערווייל כאָטשבי געבן אָנצוהערן, אז איך בין אויך אַף עפּעס־וואָס א מייוון און אז יעדנפאלס, דאָ אין שטוב דארף מען נאָך האָבן רעכט מיך צו פארורטיילן”. א קלער געטאָן אזוי, האָט וואליע באלד דערפילט א פארדראָס — גופע דער מומען האָט זי געקאָנט פאָרוואַרפן זייער וויניק, סיידן דאָס, וואָס זי האָט, ניט רעכענענדיק זיך מיט גאָרניט, סייוויסיי ליב דעם פעטער אנדריי. און אַף איר, אַף

וואַליען, איז זי דאָך אַזוי אָנגעשטויסן אויך דערפאַר, ווײַל זי האָט זי נאָך אַלץ ליב... דער ווייטעק און גלײַכצײַטיק דער שטאָלץ וואַליעס איז געווען, וואָס זי האָט געמוזט שווײַגן. און דערפאַר איז איר נאָך שווערער געוואָרן אַפן האַרצן — צו אַלץ, וואָס זי האָט הײַנט איבער־געלעבט, האָט איר נאָך געפעלט אָט דאָס בלאָזן זיך אַף איר אין דער היים...

אַ צערודערטע פון די דאָזיקע געדאַנקען און אַ פאַרווונדערטע פון דעם, וואָס אַלעקסעי איז אומדערוואַרט געקומען צו פאָרן קיין קיִעוו, איז וואַליע אַרײַן אין עס־צימער און שטיין געבליבן אַ געפּלעפּטע: אַלעקסעי איז געזעסן באַם טיש אין אַ פּאָליציייִשער אוניפאָרם. וואַליען איז פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן ניט נאָר דערפאַר, ווײַל זי האָט שוין ניט דערוואַרט צו זען אַזאַ דעם ברודער, — זי האָט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט באַטײַט דער מומעס אָנגעצויגנקײַט.

אַ שטאָלצע, אַ גלײַכע, זייער אַ שטאַלטנע, די שטײַף־פאַרפלאָכטענע בלאָנדע צעפּ אויס־געלייגט אין אַ קראַנץ אַרום קאָפּ, די אַקסל אײַנגעטוליעט אין אַ ווײַסער וואָלענער שאַל, איז אַנאַסטאַסיִא פּעטראָוונאַ דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אַלעקסען, זײַטיק אַ קוק געטאָן אַף אים פון אונטער די ברוגזדיק־אַראָפּגעלאָזטע וויִעס און אַוועקגעזעצט זיך באַם פענצטער. „מער קער איך זיך מיט דיר ניט אָן — אָט איז זי, די שוועסטער דײַנע. נאָר אַוועקגיין וועל איך ניט, איך בין דאָך אַ באַלן צוקוקן, וואָס דאָ וועט פאָרקומען“. וואַליע האָט גוט געקענט די מומע און געוווּסט, וועגן וואָס זי טראַכט איצט, און ס׳איז פאַר איר אויך ניט געווען אומדערוואַרט די פּראַזע, וואָס אַנאַסטאַסיִא פּעטראָוונאַ האָט געלאָזט פאַלן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן עלנבויגן אין דער פענצטער־ברעט:

— וואַליושע האָט אונדז גאָר ניט דערציילט, מיר און דעם פּעטער אַנדריי, ווער איר זײַט געוואָרן, אַלעקסעי...

דאָס איז געוויס געווען אַן איבערכאַזערונג — די דאָזיקע פּראַזע איז שוין געזאָגט געוואָרן, און מיסטאָמע ניט איין מאָל, אַלעקסען, און פאַר איר, פאַר וואַליען, האָט דאָס געדאַרפט זײַן אַן אָנדײַט אַף דעם, אַז אַנאַסטאַסיִא פּעטראָוונאַ האָט אים שוין אָפּגעשאַצט, דעם ברודער אירן — ער איז גענוג פּראָווינציעל־נאַיִוו און וועט אפילו ניט אויפכאַפּן דעם שטאָך, וואָס שטעקט אין אָט די נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערטע ווערטער, אַז ס׳איז געווען אַ וואָרענונג, אַז וואַליע מעג וועגן פּעטער ניט רעדן, וואָרעם אַלץ, וואָס מע האָט געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן, ווייסט שוין אַלעקסעי, אַז אַן אָנווײַזונג, אין וועלכער ריכטונג דער שמועס איז דאָ ביכלאַל גע־גאַנגען. אַפן טיש איז געלעגן דער פאַמיליען־אַלבאָם, וואָס העלפט געוויינלעך פאַרווײַלן אַ גאַסט, ווען ס׳איז איבעריקס ניטאָ מיט אים וועגן וואָס צו רעדן. דער אַלבאָם איז געווען צעעפנט אַפן זײַטל מיט דער מאַמעס אַ פאָטאָגראַפיע פון די מיידלשע יאָרן, וואָס דער טאַטע האָט אַזאַ ניט געהאַט. — הייסט עס, אַלעקסעי האָט אַף איר געקוקט... שטייענדיק אַ פּריטש־מעליעטע באַם שוועל, האָט וואַליע דאָס אַלץ באַנומען, און דער פאַרדראָס אַפן ברודער, און די צאַרטקײַט, וואָס זי האָט צו אים דערפילט, טאַקע ווײַל ער האָט דער מאַמעס פאָטאָגראַפיע באַקוקט, און טאַקע ווײַל זי האָט געוווּסט, זיך איבערצײַגט פאַרן כוידעש, וואָס זי איז לעבן אים אָפּגעזעסן אין ליובאַטש, בײַס זײַן קרענק, אַז ער איז ווײַט ניט אַזוי פאַרגרעבט, ווי עס האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן, האָט נאָך טיפער געמאַכט איר פאַרצווייפלונג, און זי האָט ענדלעך גע־זאָגט מיט ווייטעק:

— ווי קומסטו קיין קיִעוו, אַלעקסעי? און וואָס האָסטו זיך עס אַזוי פאַרפוצט... ווידער?

אין דעם „ווידער“ האָט געקלונגען ניט בלויז פאָרוואורף, נאָר אויך אַ שוואַכע האָפענונג, אַז באַלד וועט דער ברודער עפּעס דערקלערן, און עס וועט זיך אַרויסווײַזן — זי איז אַף אים אומ־זיסט אויפגעבראַכט.

אַלעקסעי, אַ ייִנגלש־אויסגעצויגענער, וואָס דאָס האָט מען געקאָנט באַמערקן אפילו, ווען ער איז געזעסן, מיט אַ לאַנגן האַלדז און שמאָלע אַקסל, האָט אַ רײַב געטאָן מיט דער דלאָניע דעם שטערן, אַף וועלכן גאָר יונגע קנייטשן האָבן זיך אויסגעלייגט, און מיט אַ פײַנלעכן, נאָר אַקשאָנעסדיקן אויסדרוק אַפן בלאַסן, נערוועזן פּאָנעם געזאָגט, וואַרפנדיק פון דער זײַט אַ בליק אויך אַף דער מומען — זאָל זי אָפּשאַצן די זעלבשטענדיקײַט זײַנע:

— ווידער, וואַליע...

וואַליען איז קלאָר געוואָרן: אַלעקסען האָט אַנאַסטאַסיִא פּעטראָוונאַ קיין איין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט. פאַרקערט, זי האָט אים געליבט. „וואָס זשע הייסט דאָס?“ — נאָר וואַליע האָט גוט פאַרשטאַנען דער מומעס מיין. און טאַקע אויך דערפאַר האָט זי מיט קאַס געזאָגט:

— איך פאַרשטיי דיך ניט, אַלעקסעי, איך הייב דיך ניט אָן צו פאַרשטיין!

— און איך זע ניט, וואָס דו זאָלסט ניט קאָנען פאַרשטיין. איך האָב געדינט אין דער פּאָליציי? געדינט. איצט, אַז איך האָב זיך דערפילט בעסער, האָב איך זיך אומגעקערט. און דאָ איז געקומען אַ באַפעל, נעכטן אָפּדערנאַכט: אַ העלפט פון אונדזער פּאָליציי אַריבערוואַרפן קיין

קיִעוו. קאַיאַר זײַנען מיר שוין געווען דאָ, אַף לוקיאַנאָווקע, אין קלוב פון די טראַמוויִשטשיקעס. ווייסט, ווו דאָס איז? דאָרט זײַנען מיר א ביסל געשלאָפן, דערנאָך האָט מען אונדז געמושטרע־וועט, רעקטס, לינקס, דערנאָך האָב איך און נאָך עטלעכע זיך אָפּגעבעטן אַף צוויי שאָ, און אָט בין איך דאָ און דאַרף שוין אפילע אוועקגיין, — א קוק אַפּן זייגער, — יאָ, באַלד דאַרף איך גיין, איך וואַרט שוין אַף דיר פינף און דרײַסיק מינוט.

ער האָט דאָס אַלץ בעקיוון דערציילט אַזוי געַנוי, אַז וואַליע זאָל לענגער שווײַגן און ניט זאָגן דאָס, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז זי וויל זאָגן. מיסטאָמע האָט ער דאָס זעלבע, עפּשער נאָך גענויער, דערציילט דער מומען, אויסגעשטעלט זיך פאַר גאָר א בראַוון יונג. איצט האָט ער געוואָלט נאָר איינס — גיכער אוועקגיין פונדאַנען.

וואַליע האָט אים בייז איבערגעקרימט, א זופּ געטאָן די לופט, ווי ער:

— אריבערגעוואָרפן איינס און צוויי קיין קיִעוו!.. ווייסט נאָך אַלץ ניט צוליב וואָס? האָסט געזען דעם באַפעל, וואָס הענגט אין שטאָט?

— דעם באַפעל האָב איך געזען...

— און אויב עס וועט דאָ זײַן, ווי אין ליובאַטש? — די דאָזיקע פראַגע האָט וואַליע פאַרגעבן שטיל. אַנאַסטאַסיִא פּעטראָוונא האָט אומרויִק א קוק געטאָן אַף איר, נאָר וואַליע האָט אָפּגעפירט די אויגן אין א זײַט — איצט איז איר שוין ווייניקער פון אַלץ אָנגעגאַנגען, וואָס אַנאַסטאַסיִא פּעטראָוונא טראַכט און וואָס פאַר א שפּיל זי פירט דאָ, — אַלעקסע, אָט ווער עס איז איר אָנגעגאַנגען. — אין ליובאַטש האָסטו צופעליק, איבער פאַיִנקעס אומגליק און איבער דײַן אומגליק, זיך ניט באַטייליקט אין גאַרניט. און דאָ? וואָס האָסטו אָפּגעטאָן? דו ווייסט, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן?

אַלעקסע האָט זיך אָפּגערופן ניט באַלד.

— אין ליובאַטש, — האָט ער ניט זיכער געזאָגט, — זײַנען אין דער נאַכט פאַר דעם דאָזיקן, ווייסט דאָך, געלאָפן די קריגסגעפאַנגענע פון קלענערן לאַגער. עפּשער וואָלט מען גאָר קיינעם ניט געטשעפּעט...

— אַזוי? און אַז מע האָט דאָס בריקל בא דער טשאַרטאָריער אָזערע געמאַכט מיט א טאָג פריִער, דאָס ווייסטו ניט?

אַלעקסע האָט אָפּגעשפּיליעט א העקעלע פונעם קאָלנער, אַנגעסטלעך א קרים געטאָן דאָס מויל, די אייבערשטע ליפּ האָט גענומען צוקן, און מע האָט דערזען, אַז עס פעלן עטלעכע פאָדערשטע ציין — יענע, וואָס מע האָט אים אויסגעהאַקט אין קינדערשטעטל, ווען ער האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַרן שוועסטערקינד, פאַר פאַיִנקען. וואַליע האָט געוווּסט — עפּעס מוז זי באַלד טאָן, עפּעס מוז זי נאָך זאָגן, כאָטש זי האָט שוין אַזויפיל אַרײַנגערעדט אין אַלעקסען, בייס ער איז געלעגן אין דער היים א צעמיימעסטער. זי האָט דעמאָלט שוין געהאַט קימאַט געפּויעלט בא אים, אַז מער אין דער פּאָליציי גייט ער ניט. און אָט איז זי נאָר אוועקגעפאָרן — און ער איז ווידער א פּאָליציי.

מיטאַמאָל, ווי אַלעקסע וואָלט דערשפּירט דעם גאַנג פון אירע געדאַנקען, האָט ער בייז, מיט אַקשאָנעס געזאָגט:

— אַז איך ווייס גאָרניט. און איך וויל ניט זײַן קליגער פון אַלעמען! פונעם טאַטן און פונעם פעטער... וואָס האָסטו מיר געזאָגט, וואַליע? פרײַוויליק, פון טורמע — אַפּן פראָנט. און ער איז גאָר דאָ, דער פעטער אַנדריי, און טוט, וואָס אַנדערע טוען!

אַנאַסטאַסיִא פּעטראָוונא איז א בלאַסע אויפגעשטאַנען, ווי זי וואָלט זיך געקליבן עפּעס זאָגן, נאָר גלײַך זיך אויסגעקערעוועט צום פענצטער און פעסטער אײַנגעהילט די פּלייצע אין דער שאַל. אַלעקסע האָט עס אָפּגעשאַצט אַף זײַן אויפן און מיט נאָך מער בייזקייט פאַרגעזעצט:

— יאָ, און סאָפּקאָלסאָף איז געקומען די צײַט, ווען מע דאַרף מיך, דעם באַלעגופס זון, און קיינער וואַרפט מיר גאָרנישט ניט אויס, כוץ דיר, דער צוכט...

— שווײַג, אַלעקסע! — וואַליע האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן בײַשטידל פון דער טיר, נאָר ווילנדיק, ער זאָל ניט זען, אַז די קויכעס פאַרלאָזן זי, ווידער אויסגעגלײַכט זיך און צוגע־גאַנגען צום טיש. — וועסט זײַן פאַר מיר אויס ברודער! פאַרשטייסט? אויס ברודער! און פאַיִנקע אויך — פאַיִנקע וועט שפּײַען אַף דיר, די צעטראָטענע, די געשענדעטע, די אומגליק־לעכע פאַיִנקע!

אַלעקסע האָט זיך אויפגעהויבן, זײַן פּאָנעם האָט זיך געצוקט.

— וואַליע, — האָט ער געזאָגט שטיל, מיט נאָטקעס פון פאַרצווייפלונג אין דער שטים, — ווייסט דאָך, וואַליע, פאַרוואָס איך האָב זיך אומגעקערט. איך האָב דאָך דיר אַלץ געזאָגט, און פאַיִנקען אויך.

זי האָט געוווסט: ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ א געדאַנק — אָפּצאָלן קאָלונען, דעם פּאָליציַי, וועלכער האָט דעמלט, אין אָוונט, ערעוו דער אַקציע אין ליובאַטש, פאַרשלעפּט פאַינקען אין קינדערשטעטל צו די זשאַנדאַרמען. אַלעקסע האָפט, אַז ערגעץ, בייס א פּאָליציייִשער אַקציע, וועט ער זיך אָפּרעכענען מיט קאָלונען.

— איך ווייס, אַלעקסע, — איר שטים איז עטוואָס וויכער געוואָרן, — איך האָב דיר אָבער אַלעמאָל געזאָגט, אַז ניט אַזוי טוט מען דאָס. און איצט וואָרן איך דיך, און פאַרשטיי, וואָס איך רעד צו דיר: טו, וואָס דו ווילסט, טראַכט אויס, אַז דו פּילסט זיך ווידער שלעכט, נאָר קער זיך אום אהיים אָדער אַנטלויף, איך קאָן דיר אייצען — וווהין. אין קיִעוו זאָלסטו ניט בלײַבן, אַנדערש...

ער איז געשטאַנען באַם טיש, פאַרלוירן געקוקט אַף וואַליען, אַפן זייגער, אַף אַנאַסטאַסיא פּעטראָוונעס פּלייצע.

— איך גיי, — האָט ער געזאָגט, — וועסט מיך ניט איבערליידן. מאַכסט א פּאַניק, וואַליע. גיכער פון אַלץ איז עס ניט אַזוי, ווי דו טראַכסט. און לאָז מיך אַלײן פאַנאַנדערקלײַבן זיך. אַכצן יאָר בין איך זיך באַגאַנגען אָן דײַנע אייצעס, וועל איך שוין אויך ווײַטער אָן זיי אויסקומען... זײַט געזונט! — האָט ער זיך געווענדט צו אַנאַסטאַסיִא פּעטראָוונען, דורכגייענדיק פאַרבײַ איר.

זי האָט אַף האַלב זיך אויסגעקערעוועט צו אים און געזאָגט ניט הויך:

— זײַט געזונט. קומט אַרײַן, אַלעקסע. און מיט א שוועסטער, מיט א שוועסטער דאַרף מען זיך אויך ניט וואַרפן. עפּשער איז טאַקע בעסער זיך ווייניקער מישן, עס איז אַזאַ אומפאַרשטענדלעכע צײַט...

זי איז אים נאָכגעגאַנגען עטלעכע טריט און זיך אָפּגעשטעלט. אין קאָרידאָר האָט אים באַגלייט נאָר וואַליע.

מע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. אַלעקסע האָט אַזוי געוואָלט שנעלער אַוועק פונדאַנען און אויסמײַדן די ווײַטערדיקע רייד מיט דער שוועסטער, אַז ער האָט געפּרוווט אַליין עפענען דעם פאַרוקער, נאָר ניט געקאָנט.

עמעצער האָט פון דרויסן לײַכט א קלאַפּ געטאָן אין דער טיר. וואַליע האָט אָפּגערוקט אַלעקסען און געעפנט. באַם שוועל איז געשטאַנען די שכיינע, וואָס האָט געוווינט אַפן זעלבן שטאָק — בעלע מאַיִסייעוונע. זינט וואַליע האָט זיך אומגעקערט פון ליובאַטש, האָט זי נאָך ניט געזען די שכיינע און איז דערשטוינט געוואָרן דערפון, ווי יענע האָט זיך געענדערט. וואַליע האָט זי געדענקט א גראָוולעכע, און איצט איז בעלע מאַיִסייעוונע געווען אינגאַנצן ווײַס. דאָס קלייד איז אַף איר געהאַנגען. אַפן פּאָנעם, א צערונצלטס, ווי בא א זקיינע, — און אַלט איז זי געווען בעסאַכאַקל עטוואָס מער פון פערציק — אָן אויסדרוק ניט אַזוי פון לייד און שרעק, כאָטש טאַקע דאָס האָט זיך אין דער ערשטער רעגע געוואָרפן אין די אויגן, נאָר עפּעס ווירדיקס, כאָטש אויך שאַפּלדיקס. ס'איז אַף דעם ווי געווען אָנגעשריבן: „פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט דאָס מיר? קאַרג האָב איך געהאַט אָן דעם?“ און נאָך: „יאָ, קאַרג? נו, איז וועל איך אויך יענץ, דאָס ערגערע, אָנעמען!“ עפּעס־וואָס האָט וואַליע געוווסט וועגן איר. דער מאַן, אַן אינזשעניער, איז אומגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק אַף א בויונג — א באַלקן האָט זיך אַראָפּגעריסן פון קראַן. דער עלטערער זון, מיט וואַליען אין איינע יאָרן, — האָט אָנטיילגענומען אין באַפרײַען בעסאַראַביע און אַרוף דאָרט אַף א מינע. איז זי געבליבן מיט א קליין מיידעלע און מיט דעם מאַנס טאַטן, זייער א לײַטישן, ציכטיקן אַלטיטשקן, א געלערנטן, וואָס האָט, דאַכט זיך, געהאַט צו טאָן מיט פאַרפעסטיקן די ברעגן פונעם דניעפּער, נאָר לעצטנס איז ער בלינד געוואָרן.

— אַנטשולדיקט, — האָט א פאַרציטערטע קוים אַרויסגעבראַכט בעלע מאַיִסייעוונע, ווען זי האָט דערזען די פּאָליציייִשע אוניפאָרם, — איך האָב געוואָלט א שמועס טאָן מיט אײַער מומען, נאָר...

— נישקאָשע, נישקאָשע, קומט אַרײַן! — וואַליע איז אָפּגעטראָטן אין א זײַט.

— ניין, אַנטשולדיקט, איך וועל שוין שפּעטער. און ביכלאַל... איך האָב געטראַכט... — זי האָט די אויגן, ניט וואָס דערשראָקענע, נאָר פולע מיט פּײַן און רוגזע אַריבערגעפירט פון אַלעקסען אַף וואַליען און ווידער — אַף אַלעקסען.

— דאָס איז... — וואַליע האָט געוואָלט זאָגן „מײַן ברודער“ און ניט געקאָנט. — דאָס איז... אונדזערער... קומט אַרײַן, צי עפּשער זאָל איך די מומע אהער צורופן? אָט־אָ איז זי...

אַנאַסטאַסיִא פּעטראָוונא האָט זיך באַוויזן בא דער טיר אין עק קאָרידאָר און אויך א רוף געטאָן די שכיינע. יענע האָט זיך אָבער פון אָרט ניט גערירט.

— ניין, ניין, א קליינינקייט, — זי האָט אופגעהויבן די דארע הענט און אָנגעשטעלט די דלאָניעס, ווי זי וואָלט וועלן ניט צולאָזן צו זיך קיינעם, — מיר גייען מאָרגן אוועק לויט דעם דאַזיקן באַפעל. איז האָב איך געוואָלט פרעגן, עפשער וואָלט איך איבערגעלאָזט בא אײַך די קאַץ אונדזערע, מורקע? א גוטע קאַץ, אַן אנגאַרער, און ביכלאַל, ווי לאָזט מען זי אליין, א ראכמאָנעס. איז ווי איר ווילט, איך קאָן אויך די אונטערשטע שכיינים בעטן. און נאָך האָב איך געטראַכט, עפשער וואָלט מען קאָנען אריבערטראָגן צו אײַך ריטאָטשקעס אקוואַריום? שפּײַז פאר די פישלעך איז פארגרייט א סאַך. הא? מער גאָרנישט... אנטשולדיקט, אויב עפּעס וואָס...

ניט ווארטנדיק אף קיין ענטפער, ווי דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, וואָלט געווען בלויז א פארענטפערונג, לעמײַ זי האָט ביכלאַל אָנגעקלאַפּט, האָט בעלע מאַיִסייעוונע געגומען אַפּטרעטן צו דער האַלב אָפענער טיר פון איר דירע. וואַליע האָט אריבערגעשפּאַנט די שוועל און א רוף געטאָן די שכיינע:

— וואַרט, איך בעט אײַך! און ריטאָטשקע? עפשער וועט איר בא אונדז איבערלאָזן ריטאָטשקען, ביז...

— ניין, ניין, א דאַנק! גאָרנישט דארפן מיר ניט! — בעלע מאַיִסייעוונע איז ארײַן צו זיך אין דירע און פארהאַקט די טיר.

אַלעקסע איז אוועק, ניט אויסריידנדיק מער קיין איין וואָרט. וואַליע האָט געהערט, ווי ער לאָזט זיך אראָפּ פון די טרעפּ, און געוואָלט אים נאָכשרײַען, אז ער זאָל געדענקען, וואָס זי האָט אים געזאָגט, נאָר זי האָט געוווּסט, אז נאָכשרײַען איז ניט נייטיק — ער וועט אַלציינס געדענקען, און אויב ער וועט ניט געדענקען — איז ער איר א פרעמדער און זי האָט קיינעם ניט פארלוירן...

6 וואַליע האָט זיך אומגעקערט. עס האָבן זי געשטיקט טרערן. זי האָט אָבער ניט געוואָלט, די מומע זאָל זען, אז זי וויינט, און אײַנגעהאַלטן זיך מיט די לעצטע קויכעס. אָט אזוי, א שווײַגנדיקע, ניט קוקנדיק אף דער מומען, וועלכע איז געשטאַנען באם טיש, האָט זי שוין דערנעענטערט זיך צו דער טיר פון איר צימערל, ווען אנאַסטאַסיִא פּעט־ראָוונא האָט זי א רוף געטאָן:

— וואַליושע, וואַרט א ווײַלע!

און דאָ איז געקומען צום אויסברוך:

— ווען וועט מען מיך לאָזן צורו? — האָט וואַליע ניט מיט איר קאָל א געשריי געטאָן. — איך וויל פאר קיינעם זיך ניט פארענטפערן, און קיינעמס פארענטפערונגען גייען מיר ניט אָן, און איך וויל מיט קיינעם ניט רעדן!

זי האָט מיט קויעך פארמאַכט הינטער זיך די טיר פון איר צימערל, א וואָרף זיך געטאָן אפן בעטל מיטן פּאָנעם אין קישן און פארגאַנגען זיך אין א שווער געוויין, וואָס האָט אופגע־טרייסלט איר גאַנצן קערפּער.

ווי לאַנג זי האָט געוויינט, האָט וואַליע אַליין ניט געוווּסט. פון אָנהייב האָט זי מוירע געהאַט, אז אנאַסטאַסיִא פּעטראָוונא וועט באַלד ארײַן, דערנאָך געוואָלט, אז זי זאָל ארײַן, און ס'האָט זי פארדראָסן, לעמײַ די מומע גייט ניט. און גלײַכצײַטיק מיט דעם האָט זי פארשטאַנען, אז אנאַסטאַסיִא פּעטראָוונא דאַרף ניט און וועט ניט ארײַנגיין צו איר. זי איז א שטאָלצע, די מומע. דאָס האָט באַרויִקט, ווײַל וואַליע האָט זיך דערפילט ווי אינגאַנצן אָפּגעשיידט פון דער מומען און פון דעם פּעטער. נאָר גיכער פון אַלץ האָט די דאָזיקע באַרויִקונג געשטאַמט פון עפּעס אנדערש, פון דעם געפיל, אז אנאַסטאַסיִא פּעטראָוונא איז ניט אזא, ווי עס דאַכט זיך. דאָס האָט זיך געפילט שוין אין דער מומעס האַלטונג בייס וואַליעס געשפּרעך מיט אַלעקסען. און עפשער האָט דאָס געהאַט אויך א שײַכעס צום פּעטער? וואַליע איז אײַנגעשלאָפן, ניט באַקומענדיק קיין ענטפער אף קיין איינער פון די פראַגעס, וואָס האָבן זי געמוטשעט, און אופגעכאַפּט האָט זי זיך מיט איין זאָרג, וואָס האָט זי איצט פארכאַפּט אינגאַנצן און מער פאר קיין זאַך קיין אָרט ניט געלאָזט: „מאָרגן וועלן טויזנטער מענטשן גיין אף אומקום! וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?"

זי האָט זיך אופגעזעצט אפן בעטל, אראָפּגעלאָזט די פיס אפן טעפּיכל, אָנגעטאַפּט מיט זיי און אָנגעטאָן די פּאַנאַנדערגעוואָרפענע טופל. דערבײַ האָט זי פיבערדיק געטראַכט: „איך וועל ארויס אין גאַס און יעדן, וואָס אים האָט אין זינען דער באַפעל, זאָגן, וואָס איך ווייס, און זאָל ער דאָס דערציילן אנדערע. גענוג זאָגן דרײַ, פיר, צען — און עס וועט זיך פארשפּרייטן איבער דער שטאָט. ניין, אזוי טאָר מען ניט, ס'איז קינדערש... איז עפשער ארײַן צו בעלע מאַיִסייעוונען, זאָגן איר, און זאָל זי זאָגן אירע קרויווים און באַקאַנטע, און יענע — ווידער

די באקאנטע און קרוּויוּים. עס קאָן זיך באקומען א מין גראַמאַטישע פּראָגרעסיע... נאָר בעלע מאַיִסייעווּנע וועט מיר ניט גלייבן, און זי קאָן זיך ביכלאַל דערשרעקן, קיינעם קיין וואָרט ניט זאָגן". און מיטאמאַל, פּאַשעט און קלאָר: „פלוגבלעטלעך! עטלעכע פלוגבלעטלעך! ביז נאכט קאָן איך נאָך באַוויַיזן זיַין אי אף פּאָדאָל, אי אף לוקיאַנאָווקע, אי אפילע אף דימייעווקע, און אין צענטער — אוואדע, צוקלעפּן זיי אין פּאַראַדנעס, און ס'וועט אוועק, אוועק..."

דער טעקסט האָט זיך אויך גלייַך אויסגעשטעלט אין קאָפּ. זי האָט זיך א וואָרף געטאָן צום שופלאָד פון איר קלייניקן שרייַבטיש, אַרויסגענומען א נייַעם העפט. צוועלף זייַטלעך, גענוג. נאָך אין שול האָט זי זיך צוגעוווינט שרייַבן גאַנץ שנעל מיט געדרוקטע אויסיָעס — אלעמאָל געווען אין רעדקאָלעגיע פון דער וואַנטצייַטונג. „כאַווײרים!" — זי האָט געוואָלט אָנשרייַבן: „יידן", נאָר זי איז ניט געווױנט געווען זיך ווענדן צו מענטשן לויט זייער נאַציאָ־נאַליטעט, דערפאַר האָט זי אָנגעשריבן: „אלע, צו וועמען עס האָט א שייַכעס דער היַינטיקער באַפעל פון דער פעלד־קאָמענדאַטור! גייט ניט אהין, וווהין די פאַשיסטן באַפוילן. דאָס פאַר־נאַרט מען אייַך. אין די שטעטלעך מיירעוו־צו פון קיִעוו האָבן זיי אויך אַזוי געטאָן און אלעמען אומגעבראַכט. טוט אַזוי, ווי נאָום — דער קאָוואַל אין ניקאָלײַי אָסטראָווסקיס בוך. ער האָט זיך געשטעלט מיט געווער בא דער טיר פון זייַן שטוב, און די באַנדיטן האָבן טייַער באַצאָלט פאַר זייַן לעבן און פאַרן לעבן פון זייַן ווייַב. ווער עס איז ניט בעקויעך צו טאָן אַזוי, באַהאַלט זיך אויס. דער קאַמף מיט די פאַשיסטן הייבט זיך דאָ ערשט אָן!"

עטלעכע ווייַלעס האָט זי געטראַכט, ווי אונטערשרייַבן. און באַשלאָסן, אַז קיין אונטער־שריפט איז ניט נייטיק. אויסגעריסן דאָס זייַטל און צוגעשפאַרט עס צום שפיגל, וואָס איז געשטאַנען אפן טישל, האָט זי גענומען איבערשרייַבן דעם טעקסט אף א נייַ זייַטל.

וואליע האָט שוין געשריבן דאָס זעקסטע פלוגבלעטל, ווען די טיר פון איר צימערל האָט מיט א שטילן סקריפּ זיך געעפנט. פריִער, אן ערעך מיט א פערטל שאָ צוריק, האָט וואליע דערהערט, אַז דער פעטער אנדריי איז געקומען. דערנאָך איז שטיל געוואָרן — ער האָט זיך מיסטאמע געוואַשן און איבערגעטאָן אין דעם קלייניקן וואַנע־צימער. נאָר ער איז אויך איצט געגאַנגען ניט אין די שטעקשיך — אלץ אין די שווערע שטיוול, די טריט האָבן זיך אָפּגע־שטעלט בא איר צימערל, און אָט האָט די טיר א סקריפּ געטאָן. וואליע איז אופגעשטאַנען, פאַרשטעלט מיט דער פּלייצע די פאַרשריבענע בלעטלעך. אייגנטלעך, האָט זי אפילע ניט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פונעם פעטער, וואָס זי טוט. וועט ער באַמערקן, איז מיילע, עלע ניט — איז אויך רעכט. לאָזט זיך אויס, ער האָט זיך ניט איבערגעטאָן און ניט אַרומגעוואַשן זיך. שטוביקע קליידער, אפן פּאָנעם — סאַזשע. נו יאָ, ער שטעלט דאָרט אונטער א פּלייצע, אין דעפּאָ. הויך איז דער פעטער, דאַר, פאַרוואַקסן. און דאָך זייַנען זיי שטאַרק ענלעך איינער אפן אנדערן — ער און די פאַרשטאָרבענע מאַמע אירע. אַזוי ענלעך, אַז ס'איז אפילע ניט אָנגענעם. א טיפער ווייטעק לאָזט זיך מערקן אינעם אויסבייג פון זייַנע ברעמען, אין די ליניעס, וואָס ציִען זיך פון דער נאָז צום מויל. נאָר די אויגן זייַנען ניט די, וואָס אייערנעכטן, נעכטן, הייַנט אינדערפרי — ניט קיין אָנגעשפּיצטע און פאַרזאָרגטע. דאָס זייַנען קימאַט יענע אויגן, מיט וועלכע ער פלעגט גאָר אמאָל קוקן אף איר. טונקל־קאַרע, האָבן זיי געלאַשטשעט, ווי סאַמעט.

— וואליע, די מומע נאַסטיע האָט מיר דערציילט וועגן אלעקסען און וועגן דייַן געשפּרעך מיט אים. וואָלסט אים טאַקע געקאָנט אָנווייַזן, וווהין צו אַנטלויפן?

זי האָט געשוויגן, געטראַכט, באַשטימט זייַן אָפּנהאַרציק, זאָל דאָס הייסן — אַן אַרויסרוף, זאָל דאָס הייסן — צוטרוי. אַלצייַנס, אויב זי וועט ניט וועלן, וועט מען בא איר מער קיין איין וואָרט ניט אַרויסרייַסן.

— יאָ, איך וואָלט געקאָנט.

דער פעטער האָט זיך דערנעענטערט צו איר, גענומען דאָס בענקל, וואָס זי האָט אָפּ־געררוקט, בייס זי איז אופגעשטאַנען, צוגעזעצט זיך.

— דאָס איז אינטערעסאַנט, — האָט ער געזאָגט. — איך גלייב דיר, וואליע. אויב אַזוי, ווערט עפּעס־וואָס קלאָרער.

— קלאָרער? איז זאָל שוין זייַן אלץ קלאָר! — זי האָט אים אויסגעשטרעקט א פלוג־בלעטל. — לייען!

אנדריי סאַנזשאַרע האָט געלייענט, און די האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דאָס בלעטל, האָט געציטערט.

— איך זע, האָסט שוין עטלעכע. וואָס ווילסטו מיט זיי טאָן?

— עפּעס וועל איך צוטראַכטן.

— איז לאָמיר טראַכטן אינצווייען, האַ? און עפשער אפילע ניט אינצווייען...

זי האָט געשוויגן, געוואַרט. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס בלעטל אַפּן ברעג טיש, אָנגענומען וואַליען פאַר דער האַנט, סאַמע לעבן אַקסל, אַרײַנגעקוקט אין די אויגן:

— הער אויס, וואַליע. באַ אונדז אין דירע באַהאַלט זיך אויס אַ מענטש. איך וויל, דו זאָלסט זיך מיט אים באַקענען.

— באַ אונדז אין דירע באַהאַלט זיך אויס אַ מענטש?

— יאָ, אַלעמאָל, ווען דו קומסט, פאַרקלײַבט ער זיך אַף די אַנטרעסאָלן.

— און ווי קומט ער אַהער? ווער איז ער?

— אַ טשעקיסט. מיר זײַנען געקומען צוזאַמען — פון יענער זײַט פראָנט.

— אַ טשעקיסט... מע האָט אים געשיקט אַזש אַהער אַכטונג געבן אַף דיר?..

ער האָט הויך זיך צעלאַכט:

— איך זע, עס האָט דיך פאַרדראָסן פאַרן פעטער.

וואַליע האָט דערפילט, אַז עס הייבט איר אָן פלאַמען דאָס פּנים, און קעדיי באַהערשן זיך, האָט זי געזאָגט שוין אָן איראָניע, בייז:

— וואָס זשע איז דאָס זיצן דאָ, אין באַהעלטעניש?

— ער וועט שוין אינגיכן אַרויסגיין, אינגיכן וועט ער דאָס קאָנען טאָן. קום. איך וועל דיך באַקאַנען מיט אים.

אין קיך, וווּהין וואַליע איז אַרײַן נאָכן פעטער, איז איר אַנטקעגן אופגעשטאַנען ניט קיין הויכער, נאָר אַ קרעפּטיקער מאַנצביל, מע קאָן זאָגן, אָן עלטערער מענטש, אין אַ בלוי היימיש פאַנאַנדערגעשפּיליעט העמדל, מיט אַ גאַנץ געוויינלעך גוטמוטיק פּנים. גראָוולעך־רוסיאָווע האָר זײַנען אין אומאָרדענונג אָראָפּגעפאַלן אַפן ברייטן, צעקנייטשטן שטערן. פון אונטער די ליכטיקע, מיט זילבער דורכגעוועבטע ברעמען האָבן די בלויע אויגן געקוקט פאַרשעריש און קוים־קוים געשמייכלט.

— דמיטרי איוואַנאָוויטש, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, דריקנדיק וואַליען די האַנט, — איר מעגט מיך רופן פעטער מיטיע. און איר זײַט גאָר אַזאַ...

בייס וואַליע איז אַרײַן אין קיך, האָט אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ געהאַלטן אין גרייטן צום טיש — דערלאַנגט טעלער פון שאַפּקעלע, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט. אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון הינטערן טירל, האָט זי געזאָגט, קוקנדיק מיט טרויער און שטאָלץ אַפן מיידל:

— אַ פּרימאַדאָנע. אָבער אַזעלכע, ווי זי, קומט אָפּט אויס צו שפּילן גאָר שווערע ראָלן.

XVI. ווו טוט מען אַהין דאָס ייִנגל? די קוילנוואַרפער שיסן שוין פון נעכטן אָן. צווישן שווײַגנדיקע נעווײַם

1 שוין עטלעכע יאָר, יעדן טאָג, אָן ערעך אַ שאָ נאָכן וואַרמעס, פלעגט באַ אָזנאָבלינען, וועלכער איז געוויינלעך געווען אונטערגעצויגן, אַפילע עלעגאַנט, אופגעבלאָזן ווערן דער בויך. דעריבער האָט ער געהאַט אַ טעווע צולייגן זיך אין אָט דער דאָזיקער צײַט נאָך אַ קלײנעם מאָציאָן איבער זײַן גערוימען קאַבינעט. מע האָט אַפילע אין אוניווערסיטעט געוווּסט, ניט אָנשטויסנדיק זיך, נאַטירלעך, וואָס איז די סיבע, אַז אַף די נאָכמיטיק־שאָען דאַרף מען אים קיין לעקציעס ניט פּלאַנירן.

אין די ערשטע טעג, וואָס אָזנאָבלין איז געוואָרן בורגאָמיסטער, האָט ער אַף זײַן רעזשים אויוועד געווען און היפּש געליטן פון בויך־שפּאַרעניש. הײַנט אָבער, זונטיק, איז ער אין דער אופּראַווע ביכלאַל ניט אַוועק און באַשטימט: „אויס, מע דאַרף ווידער אַרײַן אין דער קאָלייע!“

ער איז געלעגן אַפן דיוואַן. דאָס ווײַב איז אַרײַן אין קאַבינעט. קיין גרויסע גוטפרײַנט זײַנען זיי שוין לאַנג ניט, זײַנען באַ איר איצט די ליפּן געווען צונויפגעשנורעוועט. אַ ציטעראָן די לופט מיט די עטוואָס צוגעפּלעטשטע נאָזלעכער פון דער שמאָלער, גלײַכער נאָז און פאַרקנייטשט זיך, האָט זי געזאָגט, ווי צו עמעצן אַ דריטן:

— די פּאָרטעטשקע וואָלט ניט שאַטן עפענען, און אַפילע די באַלקאָן־טיר. קיין דערפּרווירענע געפינט מען נאָך ניט אין די גאַסן. פּי! אַ מענטש דאַרף אַרײַנקומען, איז ווי פּירט מען אים אַהער אַרײַן?

— ווער? — האָט געפרעגט אָזנאָבלין, אויך ווי בא עמעצן א דריטן.

— באַרדאך, איליא לוואָוויטש. ער באשטייט זייער.

— א נודניק. און קיינער געפינט דאָ ניט פאר נייטיק אָפּהיטן מײַן רו!

דאָס ווײַב האָט בלויז א צוק געטאָן מיט די אקסל, געשטאַנען נאָך א ווײַלע און ארויס מיט א שאָדנפרייד־שמייכעלע אף די ליפּן.

באַרדאך איז ארײַנגעקומען מיט א ראש, עפּעס פאַרטשעפּעט פון יענער זײַט טיר, מיסטאמע דעם שטייענדיקן הענגער, און דאָ, אין קאבינעט, — דאָס רייפל, וואָס דער זון האָט געלאָזט אפן טעפּיך. אָזנאָבלין האָט זיך אופגעזעצט, נאָר ניט אופגעשטעלט זיך. שווײַגנדיק געענטפערט אף דעם אדוואָקאטס באגריסונג. א הויכער, מיט א קײַלעכדיק־געבויגענער פּלייצע, מיט אן אומאָנגענעם מאָרעשכוירעדיק פּאָנעם, אף וועלכן ס׳האָבן זיך אויסגעטיילט די גרויסע ברילן און די אָנגעדראָלענע נאָז, האָט יענער געוואַרט, אז אָזנאָבלין זאָל עפּעס זאָגן, כאָטש א באנאלע פראזע פון פּאָשעטער העפלעכקײַט־וועגן, בעטן זיך צוזעצן. דאָס איז געווען אן אויסגערעכנטער גאנג, עס וואָלט לײַכטער געווען אָנהייבן דעם שמועס. אָזנאָבלין האָט אָבער גלײַך זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס דער שמועס וועט זײַן, האָט ער בעקיוון געשוויגן און ווארטנדיק געקוקט אפן גאַסט. יענער האָט אָנגעהויבן מיט א צוגעדעמפּטער שטים, ווי ער פלעגט געווינלעך אָנהייבן זײַנע פאַרטיידיקונגס־רעדעס:

— אלעקסאנדער פּעטראָוויטש! מיר קענען זיך מיט אײַך ניט דאָס ערשטע יאָר, און ניט פון נעכטן אָן ווינען מיר א פענצטער אנטקעגן א פענצטער. ווען איר האָט מיך געהאַט אָפּגעשטעלט אין יול, ע, ע, יאָ, סאָף יול, בייס די עוואקואציע איז פּאָרסירט געוואָרן, ווײַל די מעכטיקע דײַטשישע ארמיי, ע, ע, איז צוגעגאנגען צו דער שטאָט, און איר האָט מיך געפרעגט, וואָס קלער איך טאָן, האָב איך אײַך געזען די פּערזאָן, וועלכער מע מעג פולשטענדיק פאַרטרויען, און געזאָגט אײַך די ווערטער, וואָס זײַנען, אייגנטלעך, מײַן לעבנס־קרעדאָ: דעם אָרעמען טאָם איז אלציינס, אף וועלכער פּלאנטאציע ארבעטן. איז אָט האָט דער שיקזאל אזוי געפירט, אז איך קום צו אײַך דעם ערשטן און דעם איינציקן און זאָג: טאָם וויל ארבעטן...

אָזנאָבלין האָט געשוויגן. ער האָט געוואָלט, אז דער אדוואָקאט זאָל נאָך עפּעס זאָגן, דעמלט וועט פאַרלוירן גיין דער עפעקט פון דער אָקאָרשט ארויסגעבראַכטער פראזע און עס וועט אים לײַכטער זײַן צו ענטפערן. נאָר באַרדאך האָט אויך געשוויגן. פונקט ווי ער זאָל זיך צוהערן צו די קלאַנגען פון זײַן טראגיש־צוגעדעמפּטער שטים, וואָס האָבן נאָך ערגעץ וויברירט אין די ווינקלען פונעם שוואך באלויכטענעם, פאַרנאכלעסיקטן קאבינעט; די ביכער אין די טונקעלע שראנקען זײַנען געווען צעשטעלט אין אומאָרדענונג, די צעוואַקסענע פיקוסן — פאַרשטויבט.

— די אומשטענדן זײַנען אזעלכע... — האָט מיט באהאלטענער אופגערייצטקײַט אָנגעהויבן אָזנאָבלין.

באַרדאך האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער קלײַבט זיך זאָגן, און אָפּגעשטעלט אים מיט א הייב פון דער האַנט — דאָס איז ניט געווען אינגאנצן קיין זשעסט פון פאַרצווייפלונג, גיכער האָט עס באטײַט: „שטיי, איך וועל דיר העלפן זײַן מײַן רעטער!“

— איך בין גרייט נעמען אין אכט די אויסשליסלעכע אומשטענדן, אלעקסאנדער פּעטראָוויטש, — האָט באַרדאך געזאָגט, און צו די טראגישע נאָטקעס פון זײַן שטים האָבן זיך צוגעמישט זאכלעכע, — איך בין גרייט צו ווארטן און קאָן ווארטן, נאָר איך דארף ווִיסן, אז איך בין אויסער געפאַר, אז קיינע קאָניונקטור־באפעלן האָבן צו מיר, צו מײַן מישפּאָכע און צו אייניקע פון מײַנע קאָלעגן, אויב דאָס וועט דערלויבט זײַן, קיין שײַכעס ניט. איך האָף, אז עס וועט גענומען ווערן אין אכט מײַן ארויסטרעטונג אפן כאַרקאָווער פּראָצעס פון די אָונאָוועצעס[1]...

אָזנאָבלין האָט געטראַכט, צונויפשרומפּנדיק זיך אינערלעך: „דאָס קאָן איך אוועקמאַכן מיט דער האַנט — זײַנע פאַרדינסטן אין די צוואנציקער יאָרן. יעדנפאלס, אז איך בין געווען אן אָונאָוועץ, דאָס ווייסט ער ניט. אָהאָ, ווען ער האָט זיך נאָך פאַרגרייט א גוטע קאָרט! נאָר וואָס האָט ער געזאָגט — קאָלעגן? זאָל זײַן, אז יענער, וועלכער האָט מיך פאַרטיידיקט בייסן געריכט איבער די פּעדעראַסטן, וועט אויך ארויסשווימען אין שטאָט? נאָר יענער איז אוועקגעפאָרן, דאָס ווייס איך אף זיכער. ניין, וועגן די קאָלעגן האָט ער געזאָגט גלאַט אזוי, עס זאָל אויסזען סאָלידער. ער זאָרגט, קלוימערשט, ניט נאָר וועגן דער אייגענער פעל, און ארויסלייגן וועט ער באלד די צווייטע קאָרט — אז איך האָב זיך בא אים אויסגעבאַהאלטן. כאָטש... אן אדוואָקאט זאָגט קיינמאָל ניט דאָס, וואָס מע ווייסט, אן אדוואָקאט איבעראַשט מיט דעם, וואָס

[1] פאַרייניקטע אוקראַיִנישע נאַציִאָנאַליסטן.

מע ווייסט ניט. וועל איך עס אויך פאַרבײַגיין... אהא, אריבערגעשפּרונגען, ניט דערמאָנט! נאָר מיט א מין זיכערקײַט ער רעדט דאָס, איצט בעט ער ניט — ער דיקטירט!"

— איך וועל באלד אוועקגיין פון אײַך, הער בורגאָמיסטער, איך וועל אוועקגיין, נאָר איך מוז האָבן אײַער האסקאָמע אף צוויי זאכן. ערשטנס, אז איך, מײַן פרוי און די טאָכטער מעגן אין אָוונט קומען צו אײַך און בלײַבן דאָ, ווו איר וועט געפינען פאר מעגלעך, כאָטש אין א קעמערל. און צווייטנס, אז די אופראווע וועט אופהענגען א שטעמפּל אף מײַן דירע, און דעם פּאָליצײַ, וועלכער באוואכט דעם ארײַנגאנג צו אײַך, וועט געזאָגט ווערן, אז ער זאָל אכטונג געבן אויך אף מײַן דירע.

אָזנאָבלין האָט זיך אופגעהויבן. עס האָט אים ווידער מאמעש צעריסן דעם בויך, און דער גאסט האָט אים פּאָשעט געשטערט. אויסדריקנדיק פולקום נאטירלעך א פײַנלעכע מינע אפן ווײַבעריש־הוילן געזיכט, האָט ער געזאָגט:

— איר האָט דאָס גאנצע לעבן צו טאָן מיט געזעצן, איליא לוואָוויטש, ווייסט איר, אז א פּערזאָן, וואָס פארנעמט א פּאָסטן, איז שטארק אזוי לאנג, ביז זי פּילט די ערשטע פּינקטלעך אויס די געזעצן און פאראָרדענונגען. אין דעם, פּונקט ווי בא אײַער שימשענען אין די האָר, שטעקט דער קויעך פון אזא פּערזאָן. אף די דײַטשישע געזעצן וועל איך ניט אויווער זײַן, טאקע מײַן פּאָסטן דערלויבט דאָס ניט. איינס יאָ, איך וועל זען, אז מע זאָל די דירע אײַערע פארשטעמפּלען.

בארדאך איז געשטאנען א פארגליווערטער, א שווײַגנדיקער בא דער טיר, פּונקט ווי ער זאָל פארוואנדלט ווערן אין שטיין. האָט אָזנאָבלין אומגעדולדיק א מאך געטאָן צו אים מיט דער האנט און צוגעגעבן:

— לײדער, אזוי! און איר זײַט אַן ערשטקלאסיקער פארטיידיקער, איליא לוואָוויטש, וועט איר שוין פאר מיר געפינען א בארעכטיקונג אין אײַערע אויגן און אין די אויגן פון די קומענדיקע דוירעס!

2 א צעקלעמטער, א צעבראָכענער פון דעם, וואָס דער פּלאַן איבערצולאָזן עדיקן אף פּעטשערסק בא סילינען איז דורכגעפאלן, און פון דעם באפעל, וואָס איז ארויסגעהאנגען געוואָרן אין שטאָט, האָט טיכאָן וואסיליעוויטש זיך קוים דערשלעפּט אהיים. נאָר אויב ער האָט שוין אפילע ניט געפּרווט אויסבאהאלטן זײַן צושטאנד פון עדיקן, מיט וועמען ער האָט אי אין דארניצע, אי אפן היפּאָדראָם איבערגעלעבט אזויפיל שווערס, האָט ער פונדעסטוועגן פונעם ווײַב, פון דאָקיא סטאסאָוונען, זיך באמיט אויסבאהאלטן, ווי שלעכט ער פּילט זיך און ווי שווער ס'איז זייער לאגע, ער האָט איר געזאָגט — און עדיק האָט דאָס אויך געהערט און אין זײַן יינגלשער אומיטלבארקײַט אפילע געגלייבט, בלויז א ביסעלע זיך פארוווּנדערט, וואָס ער האָט דאָס דאָרט, אף פּעטשערסק, ניט פארשטאנען, — אז סילין איז אוועקגעפאָרן ניט אף לאנג. מע וועט דארפן אין א פּאָר טעג ארום ווידער צוגיין צו אים. וועגן דעם באפעל — קיין איין וואָרט. דערנאָך האָט ער זיך צוגעלייגט אפן בעט, אף דער קאָלדרע אין אָנטאָן, וואָס דאָס האָט ער קיינמאָל ניט געטאָן. איצט האָט אים אי קיין געדולד, אי קיין קויעך ניט געקלעקט אף אויסטאָן זיך. כוץ דעם, האָט ער מוירע געהאט זיך אויסטאָן — דאָס וואָלט געהייסן ווערן א כוילע, און ער האָט עס ניט געטאָרט דערלאָזן, ווײַל ווער וועט דעמלט זײַן דער אָנשפּאר פאר דאָקיען און פאר עדיקן, בייס אזא כמארע האָט זיך אָנגערוקט?..

דאָקיא סטאסאָוונא האָט, פארשטייט זיך, באמערקט, אז ער איז ניט מיט אלעמען, נאָר געטרייסט זיך: אבי ניט אין לאגער, אבי ער וואלגערט זיך ניט מיטן יינגל אף דער הוילער ערד. דאָ, אין דער היים, כאָטש צאָרעס פעלט ניט, וועט זי אים גיך אופהייבן. און קיין סטאראָזשערײַ שטייט אים די נאָענטסטע צײַט ניט פאָר, איז עלעהיי ער איז אין אורלויב. זי האָט אים אָנגעקאפּעט אין א לעפל מיט וואסער עטלעכע טראָפּנס פון א רעפּוע צום הארצן, וועלכע זי האָט שטארק געשפּאָרט, — די רעפּוע איז אויסגעשריבן געוואָרן, נאָך ווען די שטאָט איז ניט געווען פארנומען. זי האָט אויך פארפּארעט א ביסל באָיארישניק און באשטאנען, ער זאָל אויסטרינקען, — דאָס העלפט ביכלאל פון שוואכקײַט, עס פרישט אָפּ. וואָס נאָך האָט זי געקאָנט טאָן? האָט זי זיך אומגעדרייט אף די שפּיץ פינגער איבער דער קיך און אלע מאָל געפרעגט, צוגייענדיק צום בעט: „נו, ווי פילסטו זיך, טיכאָן? שלאָף עפּשער אײַן, איך וועל דיך מער ניט טשעפּען". און ווידער גערופן, גאָר שטיל. און די זאָרג אירע האָט אים פארשאפט לייד.

עדיק איז עפּעס ניט אײַנגעזעסן אין שטוב — ניט צוגערירט זיך צו די העפטן, צו די ביכער. איין מאָל נאָר, ארום אזייגער עלף, איז ער ארײַן שטארק א צעטראָגענער, אוועקגעזעצט זיך לעבן טיכאָן וואסיליעוויטשן און שטיל, דאָקיא סטאסאָוונא זאָל ניט הערן, געזאָגט:

— לאָזט זיך אויס, אַז דער באַפעל, וואָס איר האָט געלייענט אין גאַס...

— מע דאַרף דערפון ניט רעדן, — טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט שמערצלעך זיך פאַרקרימט. און פּלוצעם, ער האָט אַליין ניט געוווּסט, וויאַזוי ס'האָט זיך באַקומען, האָט ער געזאָגט, — דו ביסט פאַרשריבן אין מײַן פּאַספּאָרט. מיט דיר איז עפּעס אַנדערש.

דאָס ייִנגל האָט אויספּרוּוועריש־ערנסט אַ קוק געטאָן אים אין די אויגן און איז ווידער אַוועק אין הויף. צי האָט עס אים אינגאַנצן באַרויִקט אָדער ניין, נאָר ער איז געווינט געוואָרן גלייבן יעדן וואָרט, וואָס איז דאָ, אין שטוב, געזאָגט געוואָרן.

דער „כאַדיק" האָט געקלאַפּט, דאָס לענגלעכע מעשענע געוויכטל האָט פון מאָל צו מאָל מיט רויש זיך אַראָפּגעריסן נידעריקער אַף אַ סאַנטימעטער־צוויי, און דאָס האָט באַטײַט, אַז נאָך אַ פערטל שאָ, נאָך אַ האַלבע שאָ איז אַוועק. קוקן אַף די ווײַזערס האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש אויסגעמיטן. דער איינציקער טאָג, וואָס די פאַשיסטן האָבן איבערגעלאָזט, אַז יעדערער זאָל באַטראַכטן זײַן רומל און קומען צו עפּעס אַ באַשלוס, האָט זיך געקרישלט, און טיכאָן וואַסי־ליעוויטש האָט אַלץ ניט געקאָנט זיך אופהייבן — ניט די טראָפּנס, ניט דער באַרישניק האָבן ניט געהאָלפן. און צוליב וואָס זיך אופהייבן, וואָס נעמען טאָן, וואָס באַשטימען?

ער האָט, זעט אויס, טאַקע אַ ביסעלע אײַנגעדרעמלט, און אין אָט דעם מאָמענט האָט דאַ־קיאַ סטאַסאָוונאַ זיך אַרויסגעכאַפּט אין הויף. ער האָט דערוואַכט פונעם געפיל, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען, און ווירקלעך, לעבן אים איז געשטאַנען דאַקיאַ סטאַסאָוונאַ אַ דערשיטערטע.

— טיכאָן! — האָט זי שטיל אַ רוף געטאָן, ווען ער האָט געעפנט די אויגן. — מע האָט אַרויסגעהאַנגען עפּעס אַ באַפעל...

ער האָט געענטפערט רויִק, נאָך רויִקער ווי עדיקן:

— דאָס ייִנגל איז פאַרשריבן אַף אונדז.

— יאָ, אָבער דו האָסט דאָך מוירע געהאַט, ביסט דאָך הײַנט געגאַנגען צו סילינען?

— געגאַנגען, דאַקיִע, נאָר אַז עס האָט זיך ניט באַקומען — וועט זיך אַזוי באַגיין. ער איז אונדזערער.

— אונדזערער, פאַרשטייט זיך! — איר קאָל האָט געקלונגען ניט אַזוי, ווי זײַנע ווערטער וואָלטן זי אינגאַנצן באַרויִקן, נאָר פאַראַקשנט — זי איז גרייט אַף אַלץ פאַרן ייִנגל, פּונקט ווי ער, טיכאָן. און אַזוי פון שטענדיק אָן איז זײַן וואָרט אין שטוב — דאָס ערשטע, וועט ער שוין זאָגן, וואָס ווײַטער טאָן.

האָט ער אויך דאַקיען אָפּגענאַרט, אַז עס האָט עפּעס אַ ווערט, וואָס דאָס ייִנגל איז פאַר־שריבן אין זײַן פּאַספּאָרט. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער זי אָפּגענאַרט — נאָר אַף ווי לאַנג? אין פּאַספּאָרט איז פאַרשריבן יאָפּע, עדוואַרד דאַווידאָוויטש יאָפּע...

ער איז געלעגן אַן אָנמעכטיקער, נאָר אַן אָנגעשפּיצטער, און אָט די אָנגעשפּיצטקײַט, — ער האָט דאָס נאָך ניט געוווּסט, — האָט באַטײַט, אַז עס דערוואַכן אין אים יענע קויכעס, וואָס דער מענטש היט זיי אויס דאָס גאַנצע לעבן פאַר דער לעצטער אָנשטרענגונג. אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אַרום, האָט זיך דערטראָגן צו אים מיט ווײַטע און נאָענטע אָפּהילכן. ער האָט דאָס געשאַצט, געוויגן, געמאָסטן אַף זיך, אַף דאַקיען, אַף עדיקן, און דאָס איז, אייגנטלעך, געווען דער באַשלוס, וועלכן ער האָט נאָך ניט אָנגענומען, נאָר אים שוין געוווּסט, געגרייט זיך צו אים.

עמעצנס קאָל הינטערן פענצטער. דאַכט זיך, דעם שנײַדער טשערניאַווסקיס עלטערן ייִנגלס קאָל:

— יאָ, עס איז גאַנץ, דאָס וועגעלע, נאָר אַ רעדל פעלט!

אַ צווייט קאָל — דאָס איז שוין דער אַלטער טשערניאַווסקי:

— וועלן מיר אונטערבינדן אַ דרענגל אָנשטאָט דעם פערטן רעדל. פאָרט גרינגער, איי־דער טראָגן אַף די פּלייצעס. און די קיפּערס קלײַבן זיך גאָר אָנלאָדן אַלץ אַף אַ שליטל. שטעלסט זיך פאָר?

מע קלאַפּט, מע וואַרפט פונאַנדער די האַלב צעפוילטע ברעווענעס, וואָס ליגן באַם קעמערל אַנטקעגן פענצטער. מע שלעפּט אַרויס דאָס וועגעלע, וואָס האָט געהערט דעם באַלעגאָלע מייערקע מאַרגוליס, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאָרבן. עס שטייט דאָ אויך די אַלמאָנע זײַנע. אָט זאָגט צו איר דאָס ייִנגל:

— מומינקע קריינע, עפּשער האָט זיך באַ אײַך פאַרהיט אַ ביסל שמירעכץ, האָ? וואָלטן כאָטש די רעדער זיך בעסער געדרייט.

— ווו שמירעכץ, ווען שמירעכץ? די בײַטש זײַנע האָב איך פאַרהיט, די בײַטש!

אַוועקגעקײַקלט זיך דאָס וועגעלע, אַ טאַראַכקענדיקס, איבער די שטיינער פון הויף. עמעצער טעסעט מיט אַ האַק שוין אַף די ברעווענעס.

— וואָס וועט דאָס זייַן? א טראָגבעטל. זינאַידע באָריסאָוונען וועט מען דאָך מוזן טראָגן.

„זינאַידע באָריסאָוונע — די פּאַראַליזירטע ציינדאָקטערן. דערלעגן זיך. און דאָס רעדט איר אײדעם, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אף א קוליע פון כאַלכין־גאָל...“

עסטערקע איז געקומען פון הויף מיט עדיקן. איר קעלכל קלינגט:

— מיסטאמע וועט דאָרט זייַן א שול, ווי זשע דען אנדערש? און אויב איך וועל עפּעס איבערלייענען אינטערעסאנטס צי איך וועל ניט קאָנען לייזן קיין אופגאבע? וועל איך דיר אָנשרייַבן, עדיק. גוט? עס קאָן דאָך ניט זייַן, אז די פּאָטשט זאָל אייביק ניט ארבעטן. און דו וועסט מיר אויך שרייַבן, אפילע סטאם אזוי. גוט?

„הייסט עס, עדיק האָט שוין געזאָגט בא די נאכשענס, אז ער בלייַבט דאָ און פארוואָס ער בלייַבט. מע גלייבט. איז עפּשער האָט דאָס טאקע א זין?“

דאָקיא סטאסאָוונא האָט געפאָלגט א גאנג עטלעכע שכיינעס — אוועק א קוק טאָן אין מארק, צי גייען אהין מענטשן, צי קאָן מען דאָרט עפּעס קויפן? אומגעקערט האָט זי זיך א צעפּאַליעטע פון ערגערניש, פון אומרו, פון דעם, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט.

— ווער קאָן אהין צוטרעטן, צום מארק? קיין פּויערים זייַנען ניטאָ, בלויז די, וואָס האָבן אָנגעשלעפּט פון די קלייטן. קיין געלט נעמט מען ניט — מע בייַט אף אָנטאָן, אף עפּעס ווערטפּולס. די דייַטשן און די פּאָליציייַען לאָזן נאָך ניט יעדן צו אהין... עס ליגן הארוגים.

די אלטע האָט ניט באוויזן אויסדערציילן אלע נייַס, ווי ס'איז ארייַנגעקומען סעניע נאכשען — עסטערקעס טאטע.

— איך האָב געהערט, איר ווילט דאָ לאָזן עדיקן, — האָט ער אָנגעהויבן גלייַך פון איקער, — איך ווייס ניט, עפּשער וואָלט איר אים בעסער מיר מיטגעגעבן? מירן דערנאָך זיך צונויפשרייַבן. מענטשן האלטן, אז מע וועט ערגעץ אוועקשיקן. דערנאָך אזא זאך: אין באַפּעל ווערט ניט דערמאָנט, מע זאָל מיטנעמען פּראָדוקטן. וועט מען מיסטאמע האָדעווען ווי־ניט־איז, און צו לאסט וועט ער אונדז ניט זייַן. טוט א טראכט, ווייַל אין באפעל שטייט אויסדריקלעך, ווייַס אף שווארץ, — אלע... — ער האָט ניט געקאָנט ארויסברענגען, ווי די „אלע“ ווערן דאָרט אָנגערופן.

דאָקיא סטאסאָוונא האָט זיך מיטאמאָל פארענדערט, טיכאָן וואסיליעוויטש האָט זי נאָך קיינמאָל אזא ניט געזען. זי איז צו צום בעט:

— שטיי אוף, טיכאָן! שטיי אוף און גיי הער, וואָס מענטשן זאָגן, אויב ניט, וועל איך גיין. דאָ וווינט יענער פּראָפעסאָר, דער בורגאָמיסטער — דערשלאָג זיך צו אים. מע קאָן ניט אייַנשטעלן דאָס ייִנגל. וואָס בין איך עפּעס — ייִנגער פון עדיקן, מייַן קאָפּ איז מיר טייַערער?..

דעם ווייַבס ווערטער האָבן אים טאקע אופגעהויבן פון בעט. אינקורצן האָט טיכאָן וואסיליעוויטש געהאט דרייַ באגעגענישן, וואָס האָבן אלץ געלייזט.

די ערשטע באגעגעניש — אף די טרעפּ צו אָזנאָבלינס דירע — מיט דעם אדוואָקאט באַרדאך. א שווערלייַביקער, אן אייַנגעהויקערטער, אן אָנגעברויגעזטער, די ברילן אפן שפּיץ נאָז, איז ער צעשטרייט אָפּגעטראָטן אין א זייַט, קעדיי דורכלאָזן דעם, וואָס הייבט זיך אוף. טיכאָן וואסיליעוויטש האָט אים אָפּגעשטעלט:

— זאָגט, ביטע, איר ווייסט דאָך געזעצן, און מיסטאמע אויך די נייַע...

באַרדאך האָט פאריכט די ברילן, אופמערקזאם א קוק געטאָן אף דעם, וואָס האָט זיך געווענדט צו אים:

— איר זייַט א געוועזענער געשעפטס־מענטש, קאלינקא, דארפט איר פארשטיין — דאָרט, ווו מע לעבט לויט באפעלן, זייַנען קיין געזעצן ניטאָ.

— אָבער דער הייַנטיקער באפעל, ווי דארף מען אים טייַטשן? איך דערצי א ייִדיש ייִנגל.

— באם טייַטשן א באפעל מוז מען אלעמאָל געדענקען, וואָס עס קומט פאר ניט אויספילן אים, און אויך, אז דער, וואָס פילט אויס דעם באפעל, געפינט זיך יעדנפאלס אין א בעסערער לאגע, איידער דער, וואָס פילט אים ניט אויס.

— אָבער דאָס ייִנגל?..

באַרדאך האָט בלויז א מאך געטאָן מיט דער האנט און מיט שווערע טריט זיך גענומען ווייַטער ארויפלאָזן איבער די טרעפּ.

די צווייטע באגעגעניש — אָזנאָבלין.

דעם בורגאָמיסטערס ווייַב האָט דורך א געדרייטן, גאנץ טונקעלן קאָרידאָר צוגעפירט טיכאָן וואסיליעוויטשן צום מאנס קאבינעט, א שטויס געטאָן די טיר און, דורכלאָזנדיק דעם אלטן פאָרויס, אָפּגעטראָטן אין א זייַט. אָזנאָבלין, אין שטעקשיך, מיט הענט, פארלייגטע אף הינטן, האָט ארומגעשפּאנט פון דער טיר אין דער טיף פון קאבינעט. דערהערט, אז עמעצער

איז אַרײַנגעקומען, האָט ער האַסטיק זיך אויסגעקערעוועט מיט אַן אופגעבראַכט פּאָנעם, נאָר באַלד צעשײַנט זיך:

— אָ, דאָס זײַט איר, דער שאָכן פון הויף? אײַער צײַט איז געקומען, זײַט איר אַליין געקומען?.. ביטע, ביטע, זיצט!.. אַך, איר אײַלט זיך? איך פּלעג אײַך שטענדיק באַגריסן, אָט אַזוי־אָ, שווײַגנדיק, אײַך אויסגעדריקט מײַן סאָלידאַריטעט. וואָס זשע, איך האָב דען פּעטרוסן ניט געקענט? דעם צוויִטן אויך, נאָר ווײַטער... צײַט, צײַט צו מעלדן וועגן זיך... וואָס? עס איז ניט די צײַט? ווי איר פאַרשטייט... נו יאָ, אין אײַערע יאָרן... אַך, וועגן דעם ייִנגל, וואָס האַלט זיך אויף בא אײַך? דאָס איז, געוויינלעך, זייער שיין פון אײַער זײַט. דער טאַטע זײַנער האָט זיך בא מיר אַפילע געלערנט — יאָפּע. איך געדענק. אָבער טאָן גוטס דאַרף מען אויך מיט אַ מאָס. מער טאָרט איר אים ניט האַלטן. איך אייצע אײַך בעשום־אויפן דאָס ניט צו טאָן. ער פּאַלט אַרונטער אונטערן אַלגעמיינעם באַפעל. וואָס פאַר אַ פראַגע?..

באַם טויער, שוין גייענדיק אַהיים — די דריטע באַגעגעניש: נאַזאַר פוקסאַ.

— אָ, דאָבראָדי, געשעצטער הער! דאָס, וואָס מע האָט אײַך אַרויסגעלאָזט פון לאַגער, איז גוט, גערעכטיקײַט... נאָר וואָס איר האָט אַ זשידאָקל צוגעלאָנטשעט — דאָס ניט... כאַ, כאַ, שוין בעסער, ווי איך — אַ יאָזשיק האַלטן. מיט אים, אַז איך וויל, קאָן איך זיך אַן אייצע געבן — אַרײַנגעלייגט אין אַ זאַק און אוועקגעטראָגן ערגעץ. מיטן ייִנגל איז ערגער, נאָר עס וועט אויסקומען...

שווער אַראָפּגעלאָזט זיך אויפן טאַבורעט אין קיך, סאַמע בא דער טיר, האָט טיכאָן וואַסיליע־וויטש געזאָגט צו דאָקיאַ סטאַסאָוונען:

— עדיק איז ניטאָ? גוט... וועט זײַן, הייסט עס, דאָקיע, אַזוי: מע דאַרף צונויפּלייגן דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך לויטן באַפעל. מיר גייען מאָרגן מיט אים, מיטן ייִנגל.

3

ווי נאָר הימלער און קאָך מיט דער סוויטע זײַנען אוועקגעפאָרן פונעם לאַגער אויף דער קעראָסינע, האָט דער קאָנוואָיִר, וועלכער האָט אין אײַלעניש געהאַט פאַר־טריבן אינעם ייִדן־בלאָק דעם פּאָלקאָווניק רודקאָ מיט די צוויי מאַיאָרן, צוריק אַרויסגעפירט פון דאָרט די קריגסגעפאַנגענע, פאַר וועלכע ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך, און אומגעקערט זיי אינעם באַראַק, וווּ מע האָט געהאַלטן אָפיצערן. דער קאָנוואָיִר און די אַנדערע וואַכלײַט, וואָס זײַנען געווען אין הויף, האָבן ניט געוווּסט, וואָס פאַר אַ פאַראָרדענונג קאָך האָט אָפּגעגעבן וועגן דעם דאָזיקן פּאָלקאָווניק און וועגן נאָך עטלעכע, אויף וועלכע דער פּאָלקאָווניק האָט אָנגעוויזן, — די וואַכלײַט זײַנען געשטאַנען ווײַט פון די געהויבענע געסט. און דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, וועלכער האָט די פאַראָרדענונג באַקומען, האָט דערווײַל פאַרייניקט זיך צו דער סוויטע — אַ באַקאַנטער האָט אים אַרופגענומען אויף זײַן מאַשין.

אָט אַזוי זײַנען אַשאָט סאַרקיסיאַן און ליאָניע קרעמעז צעשיידט געוואָרן מיטן פּאָלקאָוו־ניק, אין וועלכן זיי האָבן געהאַט דערזען אַ שטיקל אָנשפּאַר. דער פּאָלקאָווניק ווידער, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען דײַטש, האָט ניט געוווּסט, וואָס עס באַטײַט „זאָנדערבעהאַנדלונג", גע־מיינט, אַז עס הייסט פּאָרט עפּעס אַ פאַרלײַכטערונג. ווען דער קאָנוואָיִר האָט אים און די צוויי מאַיאָרן אַרויסגעפירט פונעם ייִדן־בלאָק, האָט ער געפּרוווּט באַשטיין, אַז מע זאָל מיטנעמען אויך די געוועזענע אונטערגעאָרדנטע זײַנע, וועלכע ער האָט דאָ געפונען, פאַרופן זיך אויף דער דערלויבעניש פון דעם, מיט וועמען ער האָט ערשט גערעדט. דער קאָנוואָיִר האָט אָבער אַפילע הערן ניט געוואָלט פון גאָרנישט.

— איך וועל זיך דערשלאָגן, כעוורע, איר וועט זײַן דאָרט, וווּ איך! — האָט דער פּאָל־קאָווניק שוין פון הויף אַ געשריי געטאָן צו אַשאָטן און ליאָניען.

הימלער האָט, באַקוקנדיק דעם באַבי יאַר, דערגאַנצט קאָכס פאַראָרדענונג וועגן דעם פּאָלקאָווניק מיט זײַנע מענטשן — באַשטימט „פיר זאָנדערבעהאַנדלונג" די אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער קעראָסינע אין די בלאָקן פאַר אָפיצערן, פּאָליטטוער און ייִדן. עבער־גאַרדט האָט גלײַך מיטגעטיילט וועגן דעם דאָזיקן באַפעל לאַמערסן, יענער האָט אים איבער־געגעבן מאָלטקען און דעם קאָמענדאַנט פון לאַגער — דעם וואָרגעלעץ מיטן פלאַטשיקן פּאָנעם, וואָס די לאַנגע נאָז האָט עס ווי צעווירעט אויף צוויי ניט גלײַכע טיילן.

ביז נאַכט איז געבליבן גאָר ניט קיין סאַך, האָט מאָלטקע שוין ניט גערוט: געהייסן שיקן אויף דער קעראָסינע צוויי צענדליק לאַסטמאַשינעס מיט אַ שטאַרקן קאָנוואָי, איז ער גלײַך אַהין אוועקגעפאָרן אויף זײַן מאָטאָציקל און דעם קאָמענדאַנט פון לאַגער מיטגענומען מיט זיך.

ווען די מאַשינעס זײַנען געקומען, האָט דער קאָמענדאַנט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט דעם גאַולײַטערס אַ פּערזענלעכן באַפעל. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מע האָט דעם פּאָל־

קאָווניק און די צוויי קריגסגעפאַנגענע, וואָס זײַנען געווען מיט אים, שוין אריבערגעפירט צוריק אין אָפּיצערן־באַראַק. און ווײַל אַזוי, ווײַל מע האָט פֿונעם דאָזיקן באַראַק אַרויסגעפירט די ערשטע פאַרן טראַנספּאָרט אין באַבי יאַר, האָט מען דאָ שוין אָנגעלאָדן אַלע צוואַנציק לאַסטמאַשינעס. אַן ערך אין דרײַ פֿערטל שאָ אַרום האָבן די מאַשינעס זיך אומגעקערט — און ווידער צום אָפּיצערן־באַראַק. אַזוי האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין באַראַק, ווו די ייִדן האָבן זיך געפֿונען, איז מען מעקאַנע געווען:

— עפּעס האָט ער זיך דערשלאָגן, דער פּאָלקאָווניק. די אָפּיצערן פירט מען אַוועק פֿונדאַנען. האַלעווײַ וואָלט מען זיך שוין אויף אונדז אומגעקוקט!

און בלויז עמעצער האָט באַמערקט:

— דער נײַער פּרישטש קאָן נאָך אָנרײַסן ערגער פֿון דער אַלטער מאַקע.

יאָסיף מאַרקוס האָט שטאַרק איבערגעלעבט, וואָס ליאָניען און אַשאָטן איז ניט געלונגען אַרויסרײַסן זיך פֿונדאַנען, ער האָט זיי געטרייסט:

— אויב דער דאָזיקער פּאָלקאָווניק האָט זיך אַזוי אײַנגעשטעלט פֿאַר אַלעמען, איז ער ניט פֿון די, וואָס פאַרגעסן זייערן אַ צוזאָג. מע דאַרף צוואַרטן.

דאָס האָט געהאַט אַ שײַכעס צום פּלאַן פֿון אַנטלויפֿן, וואָס מע האָט אינדרײַען אויסגעאַרבעט, — אַראָפּשפּרינגען פֿון דאַך. מאַרקוס האָט געייצעט אָפּלייגן אָט דעם ריזיקאַלישן, קימאַט האָפֿענונגסלאָזן פּלאַן נאָך אויף איין נאַכט, און טאַקע ווײַל ער האָט פֿאַר זיך אַליין אויף עפּעס בעסערס ניט געוואַרט, האָט מען מיט אים אײַנגעשטימט. ווען אין באַראַק איז געוואָרן פֿינצטער און בלויז שמאָלע פּאַסיקלעך לעוואָנע־שײַן האָבן פֿון די קימאַט ביז אַרויף פֿאַרמויערטע פֿענצטער געלייגט זיך ווו־ניט־ווו אויף די בעטאָנירטע ווענט, אויף די פּלייצעס, אָנגעפּראָפּטע מיט שלאָפֿנדיקע מענטשן, אָפּן דיל, ווו ס׳איז געווען אַ דורכויסיקער לײַבער־געקנויל, האָבן מאַרקוס, ליאָניע און אַשאָט אָנגעצויגן אינדרײַען אויף די קעפּ אַשאָטס פּלאַשטש־פּאַלאַטקע, אַ דורכגעלעכערטע אין עטלעכע ערטער, און אײַנגעדרעמלט, זיצנדיק אינעם סאַמע עק פֿון דער אייבערשטער פּאָליצע, ווו ס׳איז געווען זייער באַשטענדיק אָרט.

אין דער זעלבער צײַט האָבן שוין לעבן באַבי יאַר קימאַט אָן איבעררײַס געשאָסן קוילנוואַרפֿער. אַ פֿינצטערער, ווו מיט אַן אַנטבלויזטן אין לעוואָנע־שײַן ליימיקן אָדער זאַמדיקן שיפּוי, וועלכער האָט שוואַך געלויכטן, ווו פֿאַרזונקען אין שוואַרץ־זילבערדיקן גלאַנץ פֿון וויסטע פּלעצער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער דורכויסיקער טונקעלער וואַנט פֿון דעם וועלדל באַם קירילאָווער קלויסטער, האָט דער באַבי יאַר זיך אַוועקגעצויגן העט ווײַט, צו דעם אַלטערטימלעכן קלויסטער, וואָס זײַנע טורעמס, צוזאַמען מיטן באַרג, אויף וועלכן זיי הייבן זיך, האָבן קוים זיך געצייכנט אין דער נאַכט, און ווײַטער האָט ער זיך געצויגן, דער יאַר, — ווער ס׳האָט געוווסט, האָט געוווסט, — צו אַן אַמאָל אַ באַלעבטער גאַס גאַנץ נאָענט פֿונעם דניעפּער, וועלכע איז איצט געלעגן מיט אויסגעלאָשענע לאַמטערנס, מיט צעקאַרדאַטשעטע טראַמווײַ־ליניעס... אין צווייטן עק פֿון יאַר האָבן אין דער נאַכט אופֿגעלויכטן פֿײַערן — דאָרט האָבן געשאָסן קוילנוואַרפֿער. זיי האָבן געשאָסן שוין לאַנג — נאָך פֿון דעמלט, ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן. אַהין, צו אַ פּוסט פֿעלד, אַ באַדעקטס מיט סטערניע, צום ראַנד פֿון אַ קעגנטאַנקען־ריוו, וועלכער האָט זיך געצויגן אַזש פֿון גאָלאָסייעווער וואַלד און פֿאַרענדיקט זיך באַם באַבי יאַר, האָבן עס פֿון דער קעראָסינע גענומען מאַכן רייסן מאָלטקעס צוואַנציק לאַסטמאַשינעס.

דער אָבערשטורעמפֿירער האָט באַשלאָסן אַזוי: דער יאַר איז ברייט און טיף, איבערהויפּט אין צענטער, אַנטקעגן די בעסוילעמס, דאָרט איז דאָ, ווו אַן אַרבעט צו טאָן, אָבער — בלויז באַטאָג. און אַזיווי ער האָט געזען, אַז דאָס מאָל וועט זיך די אַקציע פֿאַרציִען ביז נאַכט, איז דער קעגנטאַנקען־ריוו געווען אַמערסטן צוגעפּאַסט פֿאַר דעם, וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט אָפּטאָן און וואָס האָט, אייגנטלעך, געדאַרפֿט באַטײַטן, אַז דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן — דעם רײַכספֿירערס פֿאַראָרדענונג ווערט דרינגענדיק און פּינקטלעך אויסגעפֿילט. ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָט מען פֿון יענער זײַט ריוו אָנגעצונדן שײַטערס, אַזוי אַז די, וועמען מע האָט געבראַכט אויף אומקום, זײַנען געשטאַנען אויף אַ פֿײַערדיקן פּאָן, פֿון די זײַטן זײַנען זיי באַלויכטן געווען דורך די אײַנגעשלאָסענע פֿאַרעס פֿון אויטאָמאַשינעס. אַ ריטשקעלע, וואָס האָט בייס די רעגנס פֿון ערגעץ זיך דורכגעשווענקט אַ וועג אין קעגנטאַנקען־ריוו, האָט אַוועקגעטראָגן אין באַבי יאַר די ערשטע בלוטיקע שטראָמען...

4

אינדערפֿרי זײַנען אַף דער קעראָסינע ווידער געקומען לאַסטמאַשינעס. דאָס מאָל האָט מען גענומען מענטשן פֿונעם באַראַק פֿאַר פּאָליטטוער. פֿון ייִדישן באַראַק האָט מען געזען: די, וואָס מע פֿירט אַרויס פֿון דאָרט, זײַנען שרעקלעך אויסגעצערט. אָפּטער פֿון אַלץ האָבן יעדע צוויי געפֿירט אונטער די הענט אַ דריטן, און אַלע דרײַ האָבן קוים געשלעפּט די פֿיס. אייניקע האָט מען געטראָגן, און ס'איז צו באַוווּנדערן געווען, ווי קאָנען נאָך די דאָזיקע אויסגעצערטע מענטשן עמעצן טראָגן.

— אוי, ווי, — האָט מען איינער דעם אַנדערן גענומען איבערגעבן אינעם ייִדישן באַראַק, — דאָרט איז נאָך עפּשער געווען ביטערער, ווי דאָ בײַ אונדז!

— וואָס זשע, ווען מיר דאָביוען ניט דאָס ביסל וואַסער, ווער ווייסט...

— אָבער אַן עק, מע האָט זיך שוין דערמאָנט אין זיי אויך.

לאַנג אַרומרעדן די נײַס האָט בײַ קיינעם קיין קויעך ניט געקלעקט. אויב מע איז מעקאַנע געווען יענע, וואָס מע פֿירט זיי ערגעץ אַריבער, און אויב בײַ עמעצן האָט אַפֿילע זיך באַוויזן אַ געדאַנק, אַז מע מעג אַף דעם ניט מעקאַנע זײַן, האָט דאָס אַלץ זיך געמוזט דורכשלאָגן דורך אַ צושטאַנד פֿון ענדלאָזער אָפּגעטעמפּטקײַט, שלעפּערדיקן הינערפּלעט, ווען אַלע קויכעס און פֿאַרלאַנגען ווערן אַלץ מער אויסגעלאָשן און מע ווייסט שוין ניט, אַף וואָסער וועלט מע איז.

אָט אין אַזאַ מינוט האָבן אין הויף זיך ווידער צעהודזשעט לאַסטמאַשינעס, עס האָט זיך צעפּראַלט די טיר פֿונעם ייִדישן באַראַק און אַן איבערזעצער, וועלכער האָט זיך געשטעלט אַף עפּעס אַ קעסטל, האָט אויסגערופֿן:

— זאָלן זיך מעלדן אַלע, וואָס זײַנען ייִנגער פֿון זעכצן און עלטער פֿון פֿערציק!

ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט זיך אופֿגעהויבן. נאַ דיר גאָר. עפּשער וועט מען אַזעלכע אָפּלאָזן? עפּשער האָט מען זיך דערבאַרעמט כאָטש איבער זיי?

צו דער טיר האָבן זיך גענומען שטופּן סײַ עלטערע פֿון זעכצן, סײַ ייִנגערע פֿון פֿערציק — ווער האָט דען געקאָנט באַמערקן דעם כילעק, אַז מע איז אַלע שוואַרץ, ווי די ערד, פֿאַרוואַקסן, אויסגעדײַוועט? דאָך האָבן די פּאַשיסטן מיט זידלערײַ און געלעכטער אייניקע אומגעקערט אין באַראַק — ניט דער עלטער.

יאָסיף מאַרקוס האָט זיך ניט געײַלט שיידן מיט ליאָניען און אַשאָטן, דערפֿאַר איז ער ניט אַוועק אויך דעמלט, ווען די מאַשינעס זײַנען געקומען צום צווייטן מאָל. ווען די מאַשינעס האָבן זיך אומגעקערט צום דריטן מאָל, איז געשען אַזוינס: איינער פֿון די, וואָס זײַנען אַוועקגעפֿירט געוואָרן מיט אַ קנאַפּער שאָ צוריק, האָט זיך אומגעקערט. ער איז געווען אין איינעם וועש, אַ צעבלוטיקטער. צוויי קאָנוואָירן האָבן אים אַרויסגעשטויסן פֿון קוזאָוו און גענומען ערגעץ טרײַבן, נאָר ער האָט באַוויזן אויסשרײַען:

— מע האַרגעט, מע האַרגעט אַלעמען! איך האָב זיי צוגעזאָגט ווײַזן, וווּ בײַ מיר איז פֿאַרגראָבן גאָלד, קעדיי אײַך וואָרענען! איך בין אַן אָדעסער, אַן אָדעסער, איך האָב גאָרניט!

די קאָנוואָירן האָבן אים געשטופּט, געשלאָגן, נאָר ער האָט אַלץ געשריגן, ביז זײַן קאָל איז ניט דערטרונקען געוואָרן אין דער ווײַט.

קיינער האָט מער ניט געוואָלט אַרויס צו די מאַשינעס, האָט מען געשלעפּט ביגוואַלד. שאָטנס פֿון מענטשן, הויט און ביין, האָבן זיך נאָך געפּרוּווט ווערן קעגן די קרעפּטיקע, אָפּגעפּרעסענע קאָנוואָירן. די, וועמען מע האָט נאָך ניט געכאַפּט, האָבן אין פֿאַרצווייפֿלונג זיך געוואָרפֿן צווישן די בעטאָנירטע ווענט פֿון איין ווינקל אין צווייטן, צונויפֿגעקנוילט זיך אַף די פּאָליצעס, פֿאַרקליבן זיך צווישן די טויטע, וואָס זײַנען קופּעסווײַז געלעגן אַפֿן דיל. אייניקע האָבן זיך געדראַפּעט איבער די אײַזערנע קאָנסטרוקציעס אונטערן דאַך, נאָר קוילן האָבן אומעטום זיי דערלאַנגט. ליאָניען, סאַרקיסיאַנען און מאַרקוסן האָט זיך דערווײַל אײַנגעגעבן אויסבאַהאַלטן אַף דער אייבערשטער פּאָליצע. אָבער אין באַראַק איז געוואָרן אַלץ גערױמער — אויב ניט מיטן פֿערטן, איז מיטן פֿינפֿטן רייס וועט מען אַרויספֿירן אַלעמען.

— ווען די מאַשינעס וועלן זיך אומקערן, — האָט מאַרקוס פֿאָרגעלייגט, — וועלן מיר אַליין אַרויסגיין פֿון באַראַק, אָבער בלויז דעמלט, ווען זיי וועלן שוין קימאַט אַלע זײַן פֿול. מע דאַרף זען אַרופֿכאַפּן זיך אַף דער לעצטער מאַשין, וואָס נעענטער צום הינטערשטן ווענטל. אין וועג, אונטער אַ בערגל, שפּרינגען מיר.

ס'איז געלונגען. אַף דער מאַשין, פּונקט ווי אַף אַלע איבעריקע, איז געווען ענג.

דער קוזאָוו, אַ מעטאַלענער, האָט פֿון אויבן פֿאַרמאָגט רייפֿן, אַף וועלכע מע קאָן אָנציִען אַ ברעזענט, עס זאָל זיך באַקומען אַ בויד. נאָר איצט איז קיין ברעזענט ניט געווען — צו די רייפֿן האָט מען אין דער קווער צוגעפֿעסטיקט ברעטער אַזוי, אַז עס האָט זיך געשאַפֿן אַ שטײַג, וועלכע האָט געגרייכט ביז די אַקסל. אין ווינקל, לעבן דער קאַבינע, איז אַף אַ קעסטל צי אַף עפּעס אַנדערש געשטאַנען אַ קאָנוואָיר — ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין אַן

אײַזערנער רייף און געהאַלטן גרייט דעם אווטאָמאַט. דער צווייטער קאָנוואָיר איז געזעסן אַף אַ קלעצל אין עק קוזאָוו, באַם הינטערשטן נידעריקן ווענטל. די מאַשין האָט זיך געטראָגן שנעל. עס האָט אַזוי געוואָרפן אין אַלע זײַטן, אַז די, וועמען מע האָט געפירט צום טויט, האָבן זיך געמוזט האַלטן איינער פאַרן אַנדערן, פאַר די ברעטער, פאַר די רייפן. דערשלאָגענע, האָט מען דאָך מיט אומבאַגרײַפבאַרער האַנאָע אונטערגעשטעלט דאָס פּאָנעם דעם ווינט, געפילט, ווי ער שויבערט די האָר אַפן קאָפּ, מע האָט געקוקט אַפן הימל, ווו עס זײַנען געשוווּמען ווײַסע וואָלקנס, אַף די פאַרשטויבטע ביימער פון ביידע זײַטן גאַס, אַף די הײַזער, אַף אַ קאַץ, וואָס האָט געלאָסן געשפּאַנט איבערן ראַנד פון אַ דאַך. קיין מענטשן זײַנען אַף דער גאַס ניט געווען. אַפן ברוק און אין די רינשטאָקן האָבן זיך געוואַלגערט טויטע, ווער — אין כאַקי, ווער — אין ציווילן: מיסטאַמע האָט מען געפּרוווט אַרויסשפּרינגען און אַנטלויפן. די מאַשינעס זײַנען אַרופגעפאָרן אַף די טויטע, דעמלט האָט עס אונטערגעוואָרפן, פּונקט ווי מע וואָלט אָנטרעפן אַף בערוועגעס.

אשאָט האָט געזאָגט:

— דאָ זײַנען באַ אײַך קיין ווײַנגערטנער ניטאָ, און באַ אונדז — עהע, אין יעדן הויף...

ליאָניען האָט דאָס אָפּגעריסן פון זײַנע געדאַנקען, כאָטש ער וואָלט אַפילע ניט געקאָנט זאָגן, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט. וועגן דעם, אַשטייגער, אַז יעדן פון אָט די, וואָס פאָרן דאָ מיט אים, האָבן זייערע נאָענטע בייסן צעשיידן זיך געוווּנטשן אומקערן זיך אַ לעבעדיקער פון דער מילכאָמע; אַז דאָרטן, אַפן ווײַטן מיזרעך, אין טײַגע, אַף דער פּראַקטיק, האָבן די כעוורע, ווען ער האָט זיך געלאָזט אהער, אַפן פראָנט, געקוקט אַף אים אי ווי אַף אַן אַקשן, אי ווי אַף אַ העלד; אַז דעם דײַטש, וועלכער זיצט אין עק פון קוזאָוו — אַ גאַנץ שיטערלעכער יונג, באַ וועלכן די הויט אַף דער נאָז איז אָפּגעברענט און שיילט זיך פון דער זון, — אַז אָט דעם דײַטש האָט מען אין זײַן היים אויך געוווּנטשן אַלדאָסגוטס... און נאָך האָט ליאָניע געטראַכט, אַז אָט פירט מען אים שוין דאָס צווייטע מאָל צום טויט און עס איז אים איצט עפּשער ניט אַזוי שרעקלעך, ווײַל ער האָט שוין איין מאָל זיך געראַטעוועט נאָך אין אַן ערגערער לאַגע, ווען קיין באַקאַנטע זײַנען לעבן אים ניט געווען. און עפּשער איז אים ניט אַזוי שרעקלעך גאָר דערפאַר, ווײַל ער ווייסט שוין, וואָס שלעכט איז, ווײַל אומקומען, נאָך דעם, ווי ער האָט כאָטש נאָך איין מאָל געזען דעם הימל, די גאַסן, די סעדער, איז פאָרט בעסער, איידער שטאַרבן דאָרט, אין פינצטערן סקלאַד. און זײַן אַקשאָנעס טוט אים ניט באַנק, ניין, נאָר קיין שום העלדישקײַט האָט ער נאָך, דאַכט זיך, ניט באַוויזן. אָט ווען ער זאָל קאָנען, אַ רעגע פאַרן שפּרונג, אַרויסרײַסן דעם אווטאָמאַט באַ דעם דײַטש מיט דער אָפּגעלושטשעטער נאָז, וואָלט דאָס שוין עפּעס באַטײַט אי פאַר אים, אי פאַר סאַרקיסיאַנען, אי פאַר מאַרקוסן, אי פאַר אַלע דאָ אין קוזאָוו.

— מיילע, נו, ווײַנטרויבן! — האָט אַ ביסעלע בייז זיך אָנגערופן מאַרקוס. ער האָט שטײַפער פאַרצויגן אונטערן צעשפּיליעטן קאָלנער פון זײַן אײַזנבאַנערשן קיטעל דאָס בלויע, זײַדענע שאַרפעלע, וואָס איז אים באַזונדערס טײַער, ווײַל טאַניע, די טאָכטער, האָט עס אים געשענקט צום געבורטסטאָג, אָנגערוקט דאָס צעקנייטשטע היטל ביז די אויערן, אַזוי אַז עס האָט פאַרשטעלט די גרויע שלייפן. — לאָמיך נאָר... — דאָס האָט ער שטיל געזאָגט צו ליאָניען, אָנגענומען אים לײַכט אונטער די פּאַכוועס און פאָרזיכטיק — מע איז געשטאַנען אין עק פון קוזאָוו — געביטן זיך מיט אים מיט די ערטער. ערשט דאָ האָט זיך ליאָניע געכאַפּט, אַז מאַרקוס האָט זיך איבערגערוקט נעענטער צום דײַטש מיט דער אָפּגעשיילטער נאָז. און פּלוצעם — ווידער מאַרקוס, מיט אַ כריפּ: — אַנו, כעווּרע!..

די מאַשין איז געפאָרן באַרג־אַרוף, ס'האָט אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, האָט דער טרעגער זיך אויסגעקערעוועט צום דײַטש, אָנגעוואַלגערט זיך אַף אים און גענומען שטיקן. ליאָניע האָט דאָס באַגריפן בלויז אין איינער־צוויי רעגעס אַרום. אַ סמיקע געטאָן אשאָטן פאַרן אַרבל, אַ שטעל געגעבן דעם פוס אַפן ראַנד פון קוזאָוו און... דער ברוק, מיט די שטיינער, מיט פּאַסיקלעך ערד צווישן זיי האָט אין שטויב און רויך זיך אַ הייב געטאָן אים אַנטקעגן, אַ קלאַפּ געגעבן אין די קני, אין ברוסט, אין פּאָנעם, צעשפּאָלטן זיך און געלאָזט אים פאַלן ערגעץ אין אַ פינצטערן כאַלעל.

ליאָניע האָט ניט געוווּסט, אין וויפל צײַט אַרום ער איז געקומען צו־זיך. דער גאַנצער גוף איז באַ אים ווי מיט הונדערטער טשוועקעס צוגעקרעמפּעוועט געווען צו די שטיינער. נאָר צוביסלעך האָבן די טשוועקעס גענומען אָפּלאָזן פרײַער איין האַנט, דערנאָך די צווייטע, דערנאָך די פּיס. דאָס מויל איז געווען פאַרשטאָפּט מיט ערד, האָט ער זי אויסגעקאַלופּעט מיט די פינגער. געשפּיגן מיט בלוט, נאָר ניט לאַנג. ס'איז אים געלונגען אופזעצן זיך, כאָטש דער ווייטעק אין גאַנצן גוף איז געווען אַן אומדערטרעגלעכער.

ער איז געזעסן באַם סאַמע ראַנד פון שליאַך, לעבן דעם רינשטאָק. נאָענט פון אים און אַ ביסעלע ווײַטער זײַנען געלעגן הארוגים. האָט מען, הייסט עס, אים אויך פאַררעכנט פאַר אַ טויטן. אַ סאַך זײַנען געשפרונגען פון דער מאַשין. אָט איז סאַרקיסיאַן — אַ קליינינקער, אַ צונויפגעקאָרטשעטער, אַזוי האָט ער אויסגעזען געווייַנלעך, ווען ער פלעגט ליגן אַף דער פּאָליצע. ליאָניע האָט צוגעפויזעט צו אים און טייקעף אָפּגערוקט זיך — טויט. איין אויג סאַרקיסיאַנס, אַ גרויס, אַ שוואַרצס, האָט אים נאָכגעקוקט. ער האָט אָנגעטראָפן אַף מאַרקוסעס בלויען שאַרפעלע. עס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ קוסט באַם ראַנד פון שליאַך, דער ווינט האָט עס געצופּט פאַר איין עק. זאָל זײַן, אַז מאַרקוס האָט אויך באַוויזן אַראָפּשפּרינגען? וווזשע איז ער?

ליאָניע האָט זיך אופגעהויבן און, קוים האַלטנדיק זיך אַף די פיס, גענומען אומגיין צווישן די טויטע. מאַרקוסן האָט ער ניט געפונען. און בלײַבן דאָ לענגער האָט ער ניט געטאָרט — אַ מאַשין האָט זיך דערנעענטערט. גוט, וואָס דער דערבײַיִקער גאָרטן איז ניט געווען אַרומגעצוימט, קימאַט ניט געווען אַרומגעצוימט — בלויז איין דראָט איז געווען אָנגעצויגן אַף נידעריקע דרענגלעך פון יענער זײַט רינשטאָק. ליאָניע האָט אַריבערגעשפּאַנט דעם דראָט און איז ליגן געבליבן צווישן ווילדגראָז און פּאָמידאָרן־קוסטעס. די מאַשין איז פאַרבײַגעפאָרן, נאָך איר — נאָך עטלעכע. האָט ער פאַרקליבן זיך טיפער אין גאָרטן. דאָ איז געשטאַנען אַ טשוטשעלע אַף שרעקן פויגלען: אַף צוויי צונויפגעקלאַפּטע, ווי אַ ציילעם, דרענגלעך — אַן אַלטע קעפּקע, אַ צעריסענער פּידזשאַק, אַ פּאָר פאַרלאַטעטע הויזן. דאָס אַלץ האָט ער אַראָפּגעשלעפּט פון די דרענגלעך און, זיצנדיק צווישן די זונרויזן און איבערגעצײַטיקטן אוקראָפּ, זיך גענומען איבערטאָן. דעם קאָמיוגישן בילעט אַרויסגענומען פון הינטער דער צעשניטענער כאָליעווע און ווידער אים אַהין פאַרוקט. דערנאָך האָט ער גענומען סמאָקען אַ פּאָמידאָר. קיין סאַך טאָר מען זיך ניט דערלויבן פאַר איין מאָל — דאָס האָט ער געדענקט. נאָר אַז ער האָט לעבן דער טשוטשעלע, אין אַ גריבל, געפונען אַן איי — אַ הון האָט זיך דאָ אויסגעקליבן אַ זיכער אָרט, — האָט ער עס לאַנג באַקוקט, דאָס פאַרשמירטע איי, ווי דעם גרעסטן ווונדער, דערנאָך אָפּגעקאַלופּעט פאָרזיכטיק מיטן נאָגל אַ שטיקל שאָלעכץ און אויסגעטרונקען.

ער האָט זיך געלאָזט צום שטיבל, וואָס איז געשטאַנען פון יענער זײַט גאָרטן. קיינער איז אין הויף ניט געווען, און דאָס שטיבל אַליין האָט אויסגעזען פּוסט, נאָר אַרײַנגיין אינווייניק האָט ער מוירע געהאַט. ער האָט זיך פאַרקליבן אין שטעלעכל, וווּ עס האָבן זיך אַף דער ערד געוואַלגערט ציגענע ביבקעס. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ קאָפּנעלע שטרוי, אַן אַלט שיפל און עס זײַנען געלעגן עטלעכע ברעטער. אונטער דער שטרוי וואָלט גאָר ניט שלעכט געווען זיך פאַרקלײַבן. ליאָניע האָט דאַפקע אַ קלער געטאָן וועגן טיכאָן וואַסיליעוויטשן, אַז עפּשער איז גלײַכער פון אַלץ אָוועקלאָזן זיך צו אים. נאָר דאָס וועט ער טאָן שפּעטער, מאָרגן, ווען־ניט־איז, איצט האָבן אים די פיס מער ניט געקאָנט טראָגן...

5

ליאָניע זאָל געווען אָוועקלאָזן זיך צו די קאַלינקעס דעמלט, ווען ער האָט וועגן דעם אַ טראַכט געטאָן, וואָלט ער געוויס אין אַ שאָ אַרום זיך דערקליבן צו אַנדרייעווסקי ספּוסק און עפּשער פּונקט באַגעגנט דאָרט צי ערגעץ ניט ווײַט, אַף באָריטשעוווטאָק, אַלגען און נאַטאַשען. אַף אָט דער אַלטער פּאָדאָלער גאַס, וואָס איז, אַ פאַרוואַקסענע פון ביידע זײַטן מיט קרומע אַלכעס, געווען אַ מין אָפּצווײַג פון אַנדרייעווסקי ספּוסק, האָט זיי אַרויסגעפירט ציגאַנאָק, אָנגעוויזן מיט די אויגן דעם מויער, וואָס זיי האָבן געדאַרפט, און צוגעזעצט זיך אַנטקעגן, אַף אַ צעבראָכענעם פּלויטל אונטער אַ ווילדן באַרנבוים. ווי עס איז אָפּגערעדט געווען, האָט ער דאָ געזאָלט וואַרטן אַ האַלבע שאָ. אָבער שוין אין אַ מינוט פופצן אַרום איז נאַטאַשע אַרויס צו אים און מיט אַן אומצופרידענער מינע געזאָגט, אַז ער מעג גיין, מע בלײַבט באַ די גלאַגאָלעווסקיס.

ציגאַנאָק האָט, הערנדיק נאַטאַשען, געביסן אַ צעפּוילט באַרל; די הויזן־קעשענע איז באַ אים געווען אָנגעשטאָפּט מיט זיי. אָוועקגעוואָרפן דאָס פּיצינקע קאַטשענדל, האָט ער זיך גענומען צו אַ צווייט באַרל און, ניט אײַלנדיק זיך אָוועקגיין, צוגעשמייכלט. ער האָט איר אומצופרידנקײַט פאַרשטאַנען אַף זײַן אופן. נאָך בייס מע איז געגאַנגען אַהער, איז צווישן אים און נאַטאַשען פאָרגעקומען אַ שטומער דיִאַלאָג. אַלעמאָל, ווען זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זײַנע שוואַרצע אויגן, באַשאָטנטע מיט טונקעלע געדיכטע וויִעס, געזאָגט איר: „ע, ווען דו ביסט כאָטש אַ ביסעלע עלטער". און אירע אויגן האָבן געענטפערט: „אַזוי? מעגסט אינגאַנצן ניט קוקן! קוק טאַקע ניט, כאָטש עס איז אָנגענעם, ווען דו קוקסט! נאָר ביכלאַל..."

איצט, באם צעשיידן זיך, ווען די שפּיל צווישן זיי האָט זיך פאַרענדיקט, און ער האָט נאָך געקוקט אף איר אזוי, ווי ער זאָל עפּעס האָבן געוווּנען, האָט נאטאשען זיך פאַרוואָלט אים געבן אָנצוהערן, וואָס איר ניט אַרויסגעבראַכטער „ביכלאל״ האָט באַטײַט, און איינציַיטיק אונטערשטרײַכן, אז זי איז שוין מער דערוואַקסן, ווי ער מיינט, — זי ווייסט ניט נאָר, וואָס די מאַמע קלײַבט זיך טאָן, נאָר עפּעס טוט זי אויך אַליין.

— גיב איבער אַרטיאָמען, — האָט זי קאַלטלעך געזאָגט, — ווּעסט אים זען? נו, אָט, איז גיב אים איבער, אז צו שוניען זײַנען מיר ניט געגאַנגען, נאָר אז איך וועל באַ דער ערשטער מעגלעכקײַט זײַן באַ אים. פאַראַן אזא ייִנגל... — א זיפּצעלע, ווי געוויינלעך, ווען מע כאַפּט איבער דעם אָטעם, און אין די פאַרזאָרגטע אויגן — א נעקאָמע־פײַערל. — זאָג אים אויך נאָך א זאַך: סטעפּקע איז דאָ. ווּעסט פאַרגעדענקען? סטעפּקע, ער ווייסט, דעם לערער וויצעך קאַזימיראָוויטשעס טאָכטער. זי האָט ניט באַוויזן אוועקפאָרן אף מיזרעך, און הײַנט באַנאַכט האָט מען צוגענומען איר מאַן. באַלד וועלן מיר, איך און די מאַמע, גיין אַהין, ווּ סטעפּקע איז איצט, צו איינעם א זוואָנאַר, און אויב דאָרט איז בעסער, וועלן מיר זיך עפּשער דערווײַל ניט אומקערן. ס'איז ערגעץ ווײַט, אף א באַרג, ווּ עס שטייען בישביינעס א קלויסטער און א שפּיטאָל פאַר פּסיכישע... פּסיכיש קראַנקע — וואָס לאַכסטו?

— ווער לאַכט? עס איז דאָ אזא אָרט — קירילאָווקע. און דאָ האָט מען זיך ניט שטאַרק דערפרייט מיט אײַך? — ער האָט א ווונק געטאָן אפן מויער, פונוואַנען נאטאשע איז אַרויס.

— דערפרייט! וואָס עפּעס פלוצעם? נאָר זעסט דאָך, מיר קאָנען דאָ בלײַבן. מיר גייען טאַקע אוועק, נאָר טאָמער וואָס — קומען מיר צוריק. דאַרפסטו ניט קיין שלעכטע מענטשן.

— מע האָט געשטעלט טיי מיט אײַנגעמאַכטס?

זי האָט באַליידיקט א צוק געטאָן מיט אן אַקסל און זיך אויסגעקערעוועט אף אוועקצוגיין.

— וואַרט, — האָט ער געזאָגט, — נאַ דיר א פּאָר באַרלעך. זיי זײַנען נישקאָשע. טערפּקע א ביסל.

פון אַרײַנגאַנג האָט זי זיך אומגעקוקט. ער איז געגאַנגען ניט געײַלט, א וואָרף געטאָן אן אַרומגעהריזעט קאַטשענדל און געטראָפן אין א קליינעם שילדל באַ א טויער. זי האָט געוואָלט אוועקוואַרפן די מאַטאָנע זײַנע, נאָר באַשטימט פונדעסטוועגן פאַרזוכן איין באַרל. זי האָט זיך געצוווּנגען עס אופעסן, אָבער די איבעריקע האָט זי שוין אפן צווייטן שטאָק, באַ דער טיר פון גלאַגאָלעווסקיס דירע, אַרויסגעוואָרפן דורך דער אויסגעהאַקטער שויב.

אָלגע האָט, זיצנדיק ניט ווײַט פון פענצטער, געזען, אז דאָס ייִנגל קלײַבט און עסט באַרלעך, און א קלער געטאָן, אז ער מוז זײַן הונגעריק. א קלער געטאָן וועגן דעם אין פאַרבינדונג מיט איר באַשלוס גיין ווײַטער. די גלאַגאָלעווסקיס האָבן קיין עסן ניט פאַרגעלייגט, און אויב זיי וועלן זיך אפילע כאַפּן און פאָרלייגן, וועט אויך ניט באַקוועם זײַן עפּעס־וואָס נעמען פאַר אים. און אַליין האָט זי לאַכלוטן גאָרנישט ניט געהאַט — דאָס שטיקל כאַזער־פעטס און דאָס לעבל ברויט, וואָס מע האָט מיטגענומען פון באַיאַרקע, האָט צוגענומען דער דײַטשישער פּאָסטן הינטער זשוליאַנע. לעס־ברײַרע וועט זי שוין באַ יענעם זוואָנאַר, ווּ סטעפּקע איז, עפּעס בעטן. נאָר מיטשלעפּן דאָס ייִנגל אין אזא ווײַט, ער זאָל דערנאָך שפּאַנען צוריק פון איין עק שטאָט אין צווייטן, האָט קיין זין ניט געהאַט.

אָט דאָס איז געווען איר ערשטע זאָרג, ווען זי האָט זיך דערוווּסט וועגן סטעפּקען, — אָפּשיקן דאָס ייִנגל. איר ערשטע זאָרג און, הייסט עס, אויך דער ערשטער אויסדרוק פון נײַ־דערוואַכטער ענערגיע, אַקשאָנעס, פון איר גרייטקײַט נעמען אף די אייגענע פּלייצעס די גאַנצע לאַסט פון דעם אומבאַוווּסטן, וואָס ס'איז פאָרגעשטאַנען איבערלעבן.

דער פּאָטער אַלעקסיי, ווי די גאַלעכטע טאַטיאַנאַ אוודייעוונאַ האָט גערופן דעם מאַן, האָט ערשט ניט לאַנג זיך אומגעקערט פון דאָרטן, וווּהין ער האָט אָפּגעפירט סטעפּקען מיט איר ייִנגעלע, אַליקן, און איז געזעסן א מידער, אן אויסגעשעפּטער. דאָס איז ביכלאַל געווען א מענטש א שלאַבעריקער און, ווי־זט אויס, א ווייניק באַהאַוונטער אין וואָכעדיקן לעבן. זײַן אויסגעבליכט פּאָנעם האָט אַרומגעזוימט א שיטער קאַשטאַן־בערדל, שוין א ביסל א גראָוולעכס. פון פּאָרנט האָבן די האָר קוים צוגעדעקט דעם שאַרבן און אפן נאַקן זיך אַראָפּגעלאָזט פּאַס־מעסווײַז, פאַרשטעלט דעם שטייענדיקן קאָלנער פון דער ריאַסע, וועלכע ער האָט נאָך ניט באַוויזן אויסטאָן: גוטע, פאַרלוירן־פרעגעוודיקע אויגן... לויט אַלץ איז צו זען געווען, אז די וואָרטזאָגערן אין שטוב און די וואָרטזאָגערן אין אַלע פראַגן, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער רעאַלער, טאָגטעגלעכער אויסקומעניש, איז טאַטיאַנאַ אוודייעוונאַ. ניט קיין הויכע, אן אַקוראַטע, האָט זי פאַרמאָגט אין זיך יענע הערשערישקײַט, וואָס ווייסט די מאָס פון גוטסקײַט און שטרענג־

קײַט. זי אײנע, די גאַלעכטע, האָט געפירט דעם שמועס מיט אַלגען, דערציילט איר וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די ניבאָרסקיס, און דער פאָטער אַלעקסיי האָט זי בלויז מיט א שוואכער שטים, מיט אכטונג און דאָך שאָקירט, געהאַלטן אײן אײן אָפשטעלן:

— מאטושקא, מע דארף ניט פארורטײלן, מיר זײַנען מיט דיר ניט בארופן דאָס צו טאָן...

ער האָט געמײנט סטעפקען.

אָבער ווען נאטאשע איז ארויס, האָט טאטיאנא אוודייעוונא, וועלכע האָט ביז דעם נאָך פאָרט זיך אײַנגעהאלטן, שוין געזאָגט אַלץ, וואָס זי האָט געטראכט:

— אויב ער לעבט ניט, אבע מאטווײעוויטש, האָט זי, סטעפקע, אים פארשניטן די יאָרן! א מין אײדעלער, א מין ווײלער מענטש דאָס איז! וויפל ער האָט זיך אָנגעליטן פון איר, וויפל מויכל געווען! זי האָט אים ניט אופגעהערט צו טאָטשען: ער, זעט איר, איז שולדיק, וואָס זי איז דאָ געבליבן שטעקן מיטן קינד, ער, ווײַל ער איז קײן פאכדן ניט, ווײַל ער האָט באקומען א ווונד אין שלאכט, פארטײדיקנדיק סאָפקאָלסאָף טאקע זי און דאָס פיצל, ווי אויך אנדערע. דערנאָך, אין אזא שווערן צושטאנד, האָט ער איר דאָך געזאָגט: „פאָר“, און זי: „ניין, אָן דיר פאָר איך ניט“. איז טשעפּע שוין אים ניט! האָט זי געבורטשעט, געבורעט, אפילע פאר מיר און פארן פאָטער אַלעקסיי אַלץ ווײניקער זיך געשעמט. נאָר דאָס לעצטע... שוין ניט אים אַלײן. אַלעמען האָט זי גענומען שווארצן: „אבי מע זאָגט, איר זײַט גוטע מענער“. איר... און ווײַטער: „איר מישט זיך, וווהין מע דארף ניט“. אָט דאָס האָט ער ניט אויסגעהאַלטן: „ווען מיר שטעלן אײַן דאָס לעבן צוזאמען מיט אַלעמען?!“ א קלאַפּ מיט דער טיר און ארויס אין דרויסן... אזײגער עלף אין אָוונט איז דאָס געווען. ער וואָלט, פארשטײט זיך, אין ערגעץ ניט געגאנגען — מע טאָר דאָך ניט, — ער וואָלט זיך מיסטאמע געזעסן אפן בענקל לעבן דער פאראדנע, ביז די נערוון וואָלטן זיך בארויִקט, און וואָלט זיך אומגעקערט צוריק. ווען זי אַלײן קערט אים כאָטש באַלד אום. נײן! האָבן זײ אים געפּאקט, די דײַטשן, סאמע בא דער טיר. „ווּינסט דאָ ערגעץ?“ — פרעגן זײ. „ניין, — מאכט ער, — איך בין פארבײַגעגאנגען און צוגעזעצט זיך“. מע זאָל, הײסט עס, אין שטוב ניט ארײַן. א שכײנע האָט אַלץ געהערט און טײקעף אָנגעקלאַפּט צו אונדז. נאָר ווו ווּעסטו שוין לויפן, ווו זוכן, אז ארום זײַנען די מער־דער, מע טאראבאנעוועט אין די פענצטער, אין די טויערן, מע שיסט — פרווו אריבערטרעטן די שוועל...

— דאָס אַלץ איז דען בלויז איר שולד? דער ניטגוטער, די טומע, וואָס פארבלענדט אַף א מינוט די אויגן, מאטושקא, — האָט ווײך און באטריבט זיך אָנגערופן דער גאַלעך.

— יאָ, מע קאָן ניט זאָגן, אינדערפרי זײַנען שוין אַלע אומגעלאָפן — אי זי, אי דער פאָטער אַלעקסיי, אי איך, נאָר מער פון אַלעמען — זי, פארשטײט זיך, סטעפקע, ווײַל ווער האָט איר געקאָנט נאָכיאָגן? ווו אן אוטשאסטאָק, ווו עפּעס א קאמערע, א הויף, אין וועלכן מע האַלט מענטשן פארשפארט, איז זי אומעטום אויסגעווען — ניטאָ, ווי אין וואסער ארײַן. און מע וויל נאָך מיט דיר ניט רעדן אויך... פלוצעם, שוין אזײגער צוועלף, קומט זי צו לויפן, סטעפקע, א ווילדע, נו, אינגאנצן א דולע, טוט א כאַפּ אַליקן אַף די הענט — מיר זאָלן זי טײקעף אריבערפירן ערגעץ אין אן אנדער אָרט, צו באקאנטע, אז ניט, וועט זי אוועק, ווו די אויגן טראָגן. אין אײנעם אן אוטשאסטאָק האָט מען זיך געכאַפּט: „הא, דײַן מאן איז א ייִד, האָסטו דאָך מיסטאמע קינדער פון אים!“ און אָט דער באפעל, וואָס הענגט אומעטום וועגן דעם מאָרגעדיקן... א ביסל איז זי גערעכט, סטעפקע, וואָס זי האָט געמאכט אזא בעהאָלע: מע האָט זיך דאָך טאקע די גאנצע צײַט ניט באהאַלטן, אַליק האָט זיך געשפּילט לעבן שטוב מיט אַלע קינדער, אין סעדל איז זי געגאנגען מיט אים שפאצירן, און אבע מאטווײעוויטש אויך, ווען ער איז געקומען פון שפּיטאָל. מיר זיצן אזוי מיטן פאָטער אַלעקסיי און קלערן, וואָס טוט מען מיט איר און מיטן קינד, און לאָזן זי דערווײַל ניט לויפן אין ערגעץ. עפּשער באהאַלטן זײ אין דער סטאָראָזשקע לעבן דעם פאָטער אַלעקסײס קלויסטער צי אין קלויסטער גופע — דאָס איז דאָך דאָ דערבײַ. ערשט עס קומט ארײַן א שכײנע — אוורוטיס, אידע אבראמאָוונע, די דאָקטערשע, וועלכע האָט, אגעוו, איבערגעבונדן אבע מאטווײעוויטשן די ווונד, ווען די דײַטשן זײַנען שוין ארײַן. צי וועט מען איר ניט דערלויבן איבערלאָזן בא אונדז מאָרגן די טאָכטער? רײַסט סטעפקע זיך אוף פונעם אָרט: „ניין!“ מיר, די גלאגאָלעווסקיס, זאָלן עמעצן אָפּזאָגן אין אזא אומגליק! מע ווייסט דאָך דאָ, אַף פּאָדאָל, וואָס דער פארשטאָרבענער שווער, דער פאָטער אַלעקסאנדער, האָט אמאָל געטאָן אין ביטערע צײַטן, וועלן מיר גאָר אינמיטנ־דערינען ווערן אנדערע?.. און אז עס וועלן קומען נאָך מענטשן, און אז אָט־אָ זײַט איר גע־קומען? בעסאכאקל וועט אונדזער דירע גאָר עפּשער זײַן ווי נויעכס טײווע...

— נויעכס טײווע! — דער גאַלעך האָט פארלוירן א מאך געטאָן מיט די הענט. — נויעכס טײווע איז גוט באוואָרנט געווען פונעם מאבל, און מיר...

— זעסטו, פָּאַטער, סײַוויסיי דאַרף אַ מענטש העלפֿן אַ מענטשן. אַזוי וויל גאָט. איך מיין, מיר וועלן זײַן ניט איינע אין שטאָט... און דאָ, ווען די שכיינע איז אַזוי שטיין געבליבן אָפּ־העגטיק, פֿאַרשעמט, איז מיר טאַקע געקומען אויפֿן געדאַנק סאָזאָן. עטלעכע יאָר איז ער געווען אַ זוואָנאַר באַם פּאָטער אַלעקסיי, און איצט איז ער אַ וועכטער אין דעם פֿאַרלאָזטן קירילאָווער קלויסטער, וואָס ווערט אָפּגעהיט, ווי אַ דענקמאָל פֿון אַרכיטעקטור. אַ שטיל אָרט, אַ זײַטיקס, און דער אַלטער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש, און קיינער קען זיי דאָרט ניט און ווייסט זיי ניט, סטעפֿקען מיט אַליקן. נאָר אָט וואָס עס הריזעט מיך: איר קומט צו סטעפֿקען און זי וויל, לעמאָשל, ניט, איר זאָלט בלײַבן. איר זאָגט דאָך, אַז דער מאַן אײַערער...

— יאָ. דער מאַן... — אַלגע האָט ניט געענדיקט — נאַטאַשע האָט זיך אומגעקערט אין שטוב, שטיל אוועקגעזעצט זיך אויפֿן בענקל באַ דער טיר, ווי זי איז ביז דעם געזעסן. — מיר וועלן גיין. נישקאָשע, אויף איין נאַכט וועט זי אונדז יעדנפֿאַלס לאָזן. דעריקער, אַז יענער סאָזאָן... פֿירן דאַרף מען ניט, בעשום־אופֿן ניט.

— וואָס רעדט איר! — דער פּאָטער אַלעקסיי האָט אָנגעשטעלט אויפֿן ווײַב אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן, און געדאַרפֿט האָט דאָס הייסן: „דערלויב שוין, מאַטושקאַ, מיר נאָכאַמאָל זיך לאָזן אין וועג“.

טאַטיאַנאַ אוודייעוונאַ האָט קאַטעגאָריש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ניין“. דערנאָך האָט זי פֿאַרקלערט געקוקט עטלעכע רעגעס מיט די קאָסלעכע אויגן אין אַ זײַט, אײַנגעהויקערט די פּלייצע, ווי אַ מאַנצבל, וואָס האָט גענומען אַ שווערע לאַסט אויף זיך, און געזאָגט אי אַנטשולדיקנדיק זיך פֿאַר אָלגען, אי האַרבלעך, כאָטש די האַרבקייט האָט מער אַ שײַכעס געהאַט צום מאַן:

— איך וואָלט אײַך באַגלייט אָדער קאָליע, דער זון אונדזערער. מע דאַרף אָבער באַווײַזן אומקערן זיך צוריק ביז דער קאָמענדאַנטסקער שאָ, און דאָס וועט זײַן שווער. איז אָט וואָס, פּאָטער: טו אַ זוך די „זשיטיאַ“, וואָס סאָזאָן האָט באַ דיר געבעטן צום לייענען, און איך וועל אויסלײדיקן דאָס בידאָנטשיקל פֿונעם האָניק, וואָס ער האָט דיר מיטגעגעבן, וועט זײַן אַ סימען, אַז דאָס גייט מען פֿון אונדז. און איצט — קומט, וועל איך אײַך ווײַזן, ווו אַרומוואַשן די הענט...

6

אייגנטלעך, וואָלט אָלגען שווער געווען צו דערקלערן, פֿאַרוואָס זי האָט ווידער זיך געלאָזט אין אַ געפֿערלעכן וועג און נאָך מיטגעשלעפּט מיט זיך נאַטאַשען. נאָר געוווּסט האָט זי, אַז אַנדערש האָט זי ניט געקאָנט טאָן. ווען זי האָט נאַטאַשען געהייסן אָפּשיקן ציגאַנאָקן און זאָגן אים, אַז מע וועט נאָך גיין ווײַטער און מעגלעך, אַז מע וועט בלײַבן דאָרט, וווהין מע גייט, זײַנען דערבײַ געווען עטלעכע מאָטיוון: ערשטנס, סטעפֿקען האָט געטראָפֿן אַן אומגליק און מע דאַרף זי מיטן פּיריאָריקן אַליקן ניט לאָזן איינע אַליין. צווייטנס, עס קאָן זיך מאַכן, אַז באַ אָט דעם סאָזאָנען זאָל זײַן זיכערער, פֿאָרט ניט אינמיטן שטאָט — אַ באַרג, אַ סאָד, אַ פֿאַרוואָרפֿן שטיבל. און דער איקער — דער אומגעדולד, דער ווילן צו הערן כאָטש עפּעס־וואָס וועגן דאַניִעלן. אַהער, צו די גלאַגאָלעווסקיס, איז ער ניט אַרײַנגעקומען, און ניט סטעפֿקע, ניט איר מאַן האָבן קיינמאָל ניט דערמאָנט די פֿאַמיליע קרעמעז, נאָר דאָס איז נאָך גאָר קיין סימען ניט. עפּשער איז דאַניִעל געבליבן פֿאַרטיידיקן קיִעוו און זיך געזען פֿונדעסטוועגן ערגעץ מיט די ניבאָרסקיס, צי עפּשער האָבן זיי באַגעגנט ליאָניען? דאָס איז דאָך אַ פֿאַקט, אַז ליאָניע האָט אָנטיילגענומען אינעם אָנפֿלי אויף דער סטאַנציע באָיאַרקע, און עס קאָן זייער זײַן, אַז ער איז גאָר מיט דאַניִעלס הילף אָנגעקומען אויף אַ פֿאַנצערצוג און אַז דאַניִעל איז אויך דאָרט געווען. און ווו זײַנען זיי איצט? עפּשער ווייסט סטעפֿקע עפּעס?

יעדערער פֿון די דאָזיקע מאָטיוון אַן און פֿאַר זיך האָט געקאָנט באַרעכטיקן דעם גאַנג אַהין, צום קירילאָווער קלויסטער. געפֿויעלט דאָס באַ זיך, האָט אָלגע פֿון טאַטיאַנאַ אוודייעוונעס אָנדײַטן שוין פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז יענע ניט צופֿרידן מיט סטעפֿקען. האָט טאַקע דאָס אויך אַ ביסל אונטערגעשטויסן אָלגען פֿאָרנעמען דעם גאַנג — סטעפֿקע איז פֿאָרט וויצעך קאַזימיראָוויטשעס טאָכטער, און אָט איז זי שוין דערעסן, הײַנט אַז מע איז בלויז וויצעך קאַזימיראָוויטשעס באַקאַנטע?.. עמעס, סטעפֿקע איז שטאַרק אַ היציקע. באַ איר איז גוט געווען אָפּשטעלן זיך צוגאַסט דאָרט, אין דער געגנט־שטאָט באַ דער גרענעץ. נאָר לאַנג הויזן מיט איר וועט מיסטאַמע זײַן שווער. דעריבער האָט אָלגע גאָרנישט ניט געענטפֿערט, ווען די גאַלעכטע האָט באַמערקט, אַז סטעפֿקע קאָן ניט וועלן, זי זאָל בלײַבן אויף קירילאָווקע.

נאָר דאָ האָט טאַטיאַנאַ אוודייעוונאַ דערציילט וועגן סטעפּקען אַלץ. אַלגעס ערשטע רעאַקציע איז געווען ניט נאָר ווייטעק און פאַרדראָס — אַ טיף עקל־געפיל צו סטעפּקען. באַלד אָבער, נאַטאַשע האָט נאָך אַפילע ניט באַוויזן אומקערן זיך, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז גערעכט איז, כאָטש אַף זײַן אויפן, דער פּאָטער אַלעקסיי, וועלכער איז ניט גענייגט ענדגילטיק צו פאַרורטיילן סטעפּקען. „דער ניטגוטער, די טומע, וואָס פאַרבלענדט אַף אַ מינוט די אויגן". און כאָטש אָט דער „ניטגוטער" האָט, ווי עס איז געווען צו דרינגען, אַלץ אָפּטער זיך אַרײַנגעכאַפּט אין סטעפּקען, האָט אַלגע דאָך געטראַכט, געוואָלט טראַכטן, אַז ס'איז אַן אַנגעווייעטע זאַך, אַן אויסדרוק פון העכסטער פאַרצווייפלונג, ווען מע זעט דעם אויסוועג בלויז אין שלעכטס, בלויז אין פאַרשאַפן ווייטעק, דערבײַ — די נאָענטסטע. זי האָט געדענקט, אַז דער טאַטע האָט אַמאָל דערציילט וועגן אַ צופאַל: אין טײַגע, בייסן בירגערקריג, האָט בײַ איינעם אַזוי שטאַרק ווי געטאָן דער קאָפּ, אַז ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אין אַ פלאַקערנדיקן שײַטער. מע האָט אים קוים באַוויזן אַרויסשלעפּן. אַזוי אויך סטעפּקע — מיטן קאָפּ אין פײַער... טאַקע מאַכמעס דעם איז אַלגע איצט געגאַנגען צו סטעפּקען, כאָטש דאָס ווידערגעפיל צו איר איז ניט פאַרטויבט געוואָרן. נאַטאַשען האָט זי מיטגענומען, ווײַל צעשיידן זיך אַפילע אַף עטלעכע שאָ, ווער רעדט — אַף אַ נאַכט, בײַ דעם אַלעמען, וואָס עס איז פאָרגעשטאַנען אין שטאָט, האָט זי ניט געוואָלט.

מע איז געגאַנגען שווײַגנדיק. דאָס איז געווען נאַטאַשעס אַ גוטע מידע, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אין מעשעך פון די לעצטע כאָדאָשים, — זי האָט געקאָנט שווײַגן. קיינמאָל ניט געקלאָגט זיך, אַז ס'איז איר שווער צי שרעקלעך, ניט פאָרגעוואָרפן, אויב ס'האָט זיך באַקומען ניט אַזוי, ווי מע האָט פאַרטראַכט, צי אויב מע האָט געטאָן ניט דאָס, וואָס איר וואָלט זיך וועלן. פונקט איצט האָט זי זיך געערגערט, פאַרוואָס מע האָט, אַוועקלאָזנדיק זיך ערגעץ עק שטאָט, ניט אויפגעהויבן זיך אַף דער סטרעלעצקע, אַ קוק טאָן, וואָס שוניע מאַכט. אַלגע האָט געוווּסט — די סטרעלעצקע איז טאַקע פון באָריטשעוו טאָק סאַכאַקל אַ צוואַנציק מינוט גאַנג, נאָר — צוואַנציק מינוט אַהין, צוואַנציק — צוריק, און כאָטש צען — צוואַנציק מינוט האָט מען דאָרט געדאַרפט פאַרווײַלן, איז שוין אַ שאָ. מע האָט זיך דאָס ניט געטאָרט דערלויבן.

ניט איין מאָל האָט אַלגע געטראַכט: „צי נעמט נאַטאַשע אַלץ אויף אַזוי, ווי איך? עפּשער איז איר קינדערשער מויעך נאָך ניט אימשטאַנד דאָס צו טאָן?" ערגעץ האָט זי געלייענט, אַז קינדער האָבן קימאַט קיין מיטגעפיל ניט צו פרעמדע ליידן, אַז זיי פאַרשטייען אויך אַמאָל ניט, וואָס באַטײַט טויט, אַפילע דער טויט פון נאָענטע. איצט האָט אַלגע געזוכט אַ טרייסט אין דעם. אָט האָבן צוויי געהאַנגענע זיך געוויגט אונטער אַ באַלקאָן — אַלגע האָט אָנגענומען נאַטאַשען פאַר אַ האַנט, און מע איז אַריבער אַפן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר. נאַטאַשע האָט איין קוק געטאָן אַף די געהאַנגענע און איז געגאַנגען ווײַטער. „צי קומט איר אין קאָפּ דער געדאַנק, — האָט אַלגע געטראַכט, — אַז דאָס זײַנען עמעצנס זין אָדער טאַטעס? צי שטעלט זי זיך פאָר, ווי אַן אַלטע מאַמע יאָמערט ערגעץ, ווי שכיינים מינטערן אַ פאַרכאַלעשט ווײַב, צי טראַכט זי, וויאַזוי זיי האָבן געלעבט, אַז זיי האָבן צו עפּעס געשטרעבט און וועלן שוין צו דעם קיינמאָל ניט דערגרייכן. מעגלעך, אַז זי טראַכט פּאָשעט: צוויי געהאַנגענע מענטשן, אַ ראַכמאָנעס אַף זיי. און אָט ליגט אַפן ראָג אַ דערשאָסענער אַלטיטשקער אין איינעם וועש — זעט אויס, מע האָט אים אַ קראַנקן אַרויסגעשלעפּט פון בעט, און עפּשער איז ער אַליין אַרויסגעלאָפן, געוואָלט זיך ראַטעווען, — נאַטאַשע האָט בלויז אַ כמורע זיך געטאָן און איז פאַרבײַגעגאַנגען"...

אַף די גאַסן האָבן זיך געטראָפן נאָר שיקערע פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, וואָס האָבן ערגעץ באַגלייט פאָליצײַען, דײַטשן. סטאַם דורכגייער זײַנען זעלטן אָנגעקומען אַנטקעגן.

אין אייניקע הויפן, — אַף פּאָדאָל שטייען זיי צומיינסטנס מיט צעפּראַלטע טויערן, — האָט נאָך געריזלט דאָס לעבן: נאַס גרעט האָט געפלאַטערט אַפן ווינט, ווינטערדיקע מאַלבושים האָבן זיך געלופטערט אַף גאַנעקעס, עמעצער האָט פאַריכט אַ טשעמאָדאַן, געייסעקט זיך מיט אַ טאַטשקע — מע האָט זיך געגרייט צום מאָרגעדיקן. אין אַנדערע הויפן זײַנען פאַרדײַגעטע מענטשן, באַהערשטע פון ייִעש און אַפּאַטיע, געזעסן אַף די טרעפּלעך, אַף אַרויסגעטראָגענע בענקלעך, קינדער האָבן זיך געטוליעט צו די דערוואַקסענע.

— איר גייט פון ווײַט? — האָט פון מאָל צו מאָל עמעצער, וואָס איז געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג אין אַ הויף, זיך נאָכגעפרעגט בײַ אָלגען און נאַטאַשען, — אַזש פון דימייעווקע? ווי איז דאָרט? און ווי איז אין צענטער?

וואָס האָט אַלגע געקאָנט ענטפערן? — אַזוי ווי דאָ...

און דאָך איז דאָס געווען אַ שטיקל נײַס, און מע האָט געאײַלט מיט איר אין הויף. ווער

ווייסט, עפשער האָט דאָס טאַקע געהאַט עפּעס אַ באַדײַט פֿאַר די, וואָס האָבן זיך געגרייט צו ערגערן, אַז אין דער גאַנצער שטאָט איז יעדנפֿאַלס ניט ערגער, ווי דאָ.

אַלגען האָבן געמוטשעט ספּיקעס: צי דאַרף זי דערציילן וועגן ליובאַטש? נאָר אין קיִעוו, אין אַזאַ גרויסער שטאָט, האָט אַלץ געקאָנט זײַן אַנדערש. אין לוואָוו, האָט זי געהערט, האָט מען געשאָפן אַ געטאָ. אויך ניט גוט. אָבער ניט דאָס, וואָס אין ליובאַטש! וויאַזוי זשע זאָל זי פֿאַרשאָפן די מענטשן אַזעלכע יעסורים?

בלויז איין אַלטיטשקע, וועלכע איז אָנגעקומען אַנטקעגן מיט אַ יינגעלע פֿון אַ יאָר אַכט (די אַלטיטשקע — אַ גזעצטע, מיט אַ מילד פּנים, דאָס יינגעלע — מיט אַ קײַלעכדיק פּוכקע פּענעמל, אין די דורכזיכטיק־בלויע אויגן — טיפֿער גלויבן, אַז די באָבע ווייסט אַלץ, און אַז אַלץ, וואָס זי טוט, איז רעכט), בלויז איר האָט אַלגע געזאָגט דאָס, וואָס עס האָט זי געמוטשעט. די אַלטיטשקע האָט געהאַט אַראָפּגעלאָזט אַ קליין פּעקעלע אַף אַ סטויפּטשיק באַם ראָג, קעדיי אַ ביסעלע אָפּרוען, און ווען אַלגע מיט נאַטאַשען זײַנען צוגעגאַנגען נעענטער, געהערט צום קינד:

— באַלד, אַרוסיע, וועלן מיר זיך אופֿהייבן איבער דער גלובאַטשיצע, און דאָרט איז שוין די מעלניקאָווער — עטלעכע שפּאַן צו דער מומע ניוטע. אַז מיר דאַרפֿן מאָרגן זײַן אַף דער מעלניקאָווער, איז בעסער הײַנט, איאָ? מירן אופּשטיין פֿרי און זײַן פֿון די ערשטע — פֿאַרנעמען אַ גוט אָרט אין וואַגאָן.

אַלגע האָט בעקיוון אָפּגעשטעלט זיך פֿאַריכטן דאָס שאַלעכל און געפֿרעגט בא דער אַלטיטשקער:

— וווהין קלײַבט איר זיך עס?

— לויטן באַפֿעל.

— און ווען איר בלײַבט ביכלאַל בא דער מומע ניוטע?

— בלײַבן בא דער מומע ניוטע? — די אַלטיטשקע האָט געמאַכט אַ פּאַוזע, ווי אַף צו דערשטיקן אַ זיפֿץ, כאַטש אויסערלעך איז זי געבליבן רויִק. — ניוטע דאַרף אויך גיין. דאָס איז מײַן טאָכטער. — און צוגעגעבן קוים באַטאָנענדיק: — שוין די איינציקע...

מיט קלוגע, טריבע אויגן האָט זי געקוקט אַף אַלגען, אַף נאַטאַשען און וואָרענענדיק אַ ווײַז געטאָן מיט די אויגן אַפֿן יינגעלע, ס׳הייסט: „מער קאָן איך ניט זאָגן“.

ס׳איז קלאָר געוווען: עפּעס איז געשען מיט אַרוסיעס מאַמע און עפּשער מיטן טאַטן אויך.

— טוט אַ טראַכט, עפּשער קאָנט איר פֿאָרט בא עמעצן בלײַבן, — האָט אַלגע שטיל געזאָגט.

די אַלטיטשקע האָט אופֿגעהויבן דאָס קלומעקל:

— וואָס איז דאָס טראַכטן — מיר זײַנען דען איינע? און ווער ווייסט, בא וועמען מע קאָן גאָר בעטן וועגן אַזוינס, און צי מע מעג מיט יענעם ריזיקירן, און צי וועט יענער וועלן ריזיקירן... קום, אַרוסיע!

— מאַמע, — האָט נאַטאַשע אַ צאַפּל געטאָן און לײַכט אַ סמיקע געגעבן אַלגען פֿאַר אַ האַנט, — די גלאַגאָלעווסקיס...

אַלגע האָט אַף אַ רעגע זיך פֿאַרלוירן. זי האָט מיט ווייטעק אַ טראַכט געטאָן: „אָט האַסטו נאַטאַשקען!“ נאָר דאָס איז ניט געוווען קיין פֿאַרדראָס — אַ וואָרעמקייט האָט פֿאַרפֿולט איר האַרץ. און זי האָט געזאָגט:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך אייצן? פּרוווט צוגיין צו די גלאַגאָלעווסקיס אַף באַריטשעוו טאָק. אין הויז צוויי און צוואַנציק. עפּשער האָט איר אַפֿילע געהערט וועגן זיי...

— די גלאַגאָלעווסקיס? דעם גאַלעכס מישפּאָכע? אוי, דאָס איז, דאַכט זיך, אַ פֿלאַן. דעם דאָזיקן גאַלעכס טאַטע, אויך אַ גאַלעך, האָט אַמאָל זיך אָנגענומען פֿאַר בייליסן בייסן פּראָצעס... פֿאַרגעדענק, אַרוסיע, — צוויי און צוואַנציק! — זי האָט אַרומגענומען דאָס יינגעלע פֿאַר די פּלייצעס, צוגעדריקט עס צו זיך, — אין דײַן זכוס וועלן מיר עפּשער ניצל ווערן!

ווען אַלגע האָט אין עטלעכע מינוט אַרום זיך אומגעקוקט אַף דער אַלטיטשקער מיטן יינגעלע, האָט נאַטאַשע געזאָגט:

— אונדז האָט מען דאָך געוואָלט אַרײַנלאָזן? איז אַף אונדזער אָרט...

וועגן דעם, אַז מע וועט זיך נאָך אַליין עפּשער נייטיקן אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש און אַז אומקערן זיך צו די גלאַגאָלעווסקיס וועט שוין זײַן ניט באַקוועם, האָט נאַטאַשע ניט געטראַכט. און עפּשער האָט זי געטראָפֿן דער מאַמעס גערדאַנקען, און דאָס איז געוווען ניט קיין פֿאַרענטפֿערונג, נאָר אַ פֿאַרוווּרף?

7

איבער א געשלענגלטן וועג האָבן אָלגע און נאַטאַשע זיך אויפגעהויבן אפן קירילאָווער בארג און אריַין אין א פּארק, וואָס אַף זיַינע ביימער־קרוינען האָבן געפּלאָקערט טרויעריק־טרייסטנדיקע הארבסט־שיַיטערס. דאָ, אַף דעם לעצטן בארג פארן ברייטצעגאָסענעם דניעפּער און זיַין אומענדלעכער פּאָימע, האָט זיך אָפּגעשטעלט, עפּשער שוין אַף נאכטלעגער, א סטיַיע לערכעס, וואָס פליִען אַף דאָרעם; דער טשוויטשער זייערער האָט געקלונגען ניט אזוי, ווי זומער אין פעלד — היסליַיוועסדיק, העפקערדיק, נאָר מיד, וואָכעדיק, ווי א געוויינלעכער איבערוף בייס אן אָפּרו אין וועג. עס האָבן זיך געזען וויַיסע שפּיטאָלקאָרפּוסן. ס'האָט זיך געדוכט, אז אָפּגעזונדערטע איינער פונעם אנדערן, שווימען זיי אין כוואַליעדיקן גרינס, ווי שיפן אין יאם. די אוראַלטע גרויע טורעמס פונעם קלויסטער, וואָס האָבן זיך געזען צווישן די ביימער אפן ראנד פון בארג, זיַינען געווען ווי דער פּיעדעסטאַל פון עפּעס א ליכטיקן דענקמאָל, וואָס איז צערונען, פארלוירן געוואָרן אין גאָלדיק־בלויען רוים.

— אוי, מאמע, ווי דאָ איז... — נאַטאַשע האָט געוואָלט זאָגן „שיין", נאָר ניט ארויסגעבראַכט דאָס דאָזיקע וואָרט און צוגעביסן די אונטערשטע ליפּ.

באם וועג־אויסבייג, אין גראָז, זיַינען געלעגן און געזעסן עטלעכע דיַיטשישע סאָלדאַטן, לעבן זיי זיַינען געווען אָנגעוואַלגערט שינעלן, גאַז־מאסקעס, אווטאָמאטן. אין הויף פונעם נעענטערן קאָרפּוס האָט זיך געטומלט: מענטשן אין כאַלאַטן, מיט קאָפּעקעס אַף די קעפּ, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א געבראָכענער קאָלאָנע; אייניקע זיַינען זיך פאַנאַנדערגעלאָפן, געמאכט מאָדנע פארהאוועטע, קאָנוואַלסיווע זשעסטן. דיַיטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך די קראנקע, וועלכע האָבן געפּרווווט אריבערקריכן איבער די איַיזערנע שטאַנגען פון פּלויט.

אָלגע און נאַטאַשע האָבן דאָס צוגעזען ניט מער ווי א האַלבע מינוט און פארלוירענע זיך געלאָזט וויַיטער גיין, נאָר דאָ האָט איינער פון די דיַיטשן לעבן וועג זיך א הייב געטאָן אַף די קני און אויסגערופן:

— האַלט! פערבאָטען!

— נאָך האָוזע! — האָט געענטפערט אָלגע, זיך אָפּגעשטעלט, בלויז א ביסעלע פאַרלאַנגזאַמט די טריט און אומבאמערקט אָנגעכאַפּט נאַטאַשען פארן סוויטער, זי זאָל זיך ניט לאָזן לויפן. — נאָך האָוזע! — זי האָט באוויזן מיט דער האַנט אַף רעכטס, אין דער ריכטונג פון קלויסטער — לויט ווי מע האָט אויסגעמאָלט בא די גלאַגאָלעווסקיס, האָט דאָרט געדאַרפט זיַין סאַזאָנס הויף.

דער דיַיטש, א הויכער, מיט שטאַרק געדיכטע ברעמען, איז ארויסגעגאַנגען אפן וועג, באקוקט דאָס ליידיקע בידאָנדל בא אָלגען אין האַנט, די „זשיטיא" מיטן זילבערנעם ציילעם אפן טאָוול און אויך א טיצע געטאָן מיט דער האַנט אַף רעכטס:

— וועק!

דאָס האָט באַטיַיט: „אהין קאָנט איר גיין".

בא אָלגען האָבן זיך אונטערגעהאַקט די פיס, נאָר זי האָט זיך אָנגעטאָן א קויעך און איז פּאַוואָליע אוועק וויַיטער. „ווי איז עס מיר איַינגעפאַלן — נאָך האָוזע?" — האָט זי געפּרווווט זיך א מונטער טאָן, אָבער דאָס האָט ניט פארטויבט די צעפּלאָכטע געדאנקען: „וואָס קומט דאָ פאָר? וווהין פיר איך נאַטאַשען?"

סאַזאָנס שטיבל איז געשטאַנען גאָר נאָענט פונעם קלויסטער, באם סאמע ראַנד בארג, אָפּגעזונדערט פון די צוויי אנדערע היַיזער, וואָס האָבן זיך געפונען קימאַט הינטערן בארג. אַלע סימאָנים, וואָס די גלאַגאָלעווסקיס האָבן אָנגעגעבן, האָבן געשטימט. דערצו איז דער באַלעבאָס אַליין געווען אין הויף, אן ארומגעוואַקסענעם מיט קוסטעס דערעזאַ, וואָס האָבן פארביטן א פּלויט. אין אן אונטערגעגאַרטלטן ליַינענעם העמד, וואָס האָט געגרייכט קימאַט ביז די קני, א גליַיכער, אן איַינגעטריקנטער, האָט דער אַלטער באטראַכט אן אָפּענעם בינשטאָק, און כאָטש אָלגע און נאַטאַשע האָבן שוין אָפּגערוקט דעם איַינגעפאַלענעם טויער, א צונויפגעקלאַפּטן פון זשערדיעס, און זיַינען אריַין אין הויף, אַלץ ניט אומגעקוקט זיך אַף זיי. אָלגע און נאַטאַשע זיַינען צוגעגאַנגען צום בינשטאָק און דערזען: דער ליימיקער באָדן, אַף וועלכן עס איז געוואַקסן א ביסל גראָז, איז געווען באשאָטן מיט אַן א שיר טויטע, פארקוילטע בינען.

מיט גרויע אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס די שוואַרצאַפּלען זייערע זיַינען ברייט צעעפנט געווען, האָט דער אַלטער א קוק געטאָן אַף דער פרעמדער פרוי און דעם מיידעלע, א טיף אויפגעטרייסלטער ניט געענטפערט אַף זייער באגריסונג, און טויבלעך געזאָגט, פאָרזעצנדיק מיסטאמע דאָס, וואָס ער האָט ביז דעם געטראַכט אָדער געשעפּטשעט פאַר זיך:

— עך! אזש פון גערמאַניע האָט מען געדאַרפט אראָפּקומען, קעדיי אָפּטאָן אזוינס. איינער איז אין ברילן. אריַינגערוקט אין יעדער ליאָטקע אן אָנגעצונדן שטיקל טאָל, — ער האָט מיט

א שוואכער באוועגונג פון דער האנט א ווײַז געטאָן אפן סעדל, ווו עס זײַנען אונטער אלטע עפלביימער געשטאנען נאָך עטלעכע צעעפנטע בינשטאָקן, — און אויס... דערנאָך איז זיי שוין בלויז געבליבן אראָפּשארן פון די סאָטעס די פארדישעטע בינען.

— אָן־אָ יענע דײַטשן? — נאטאשע האָט א קערעווע געטאָן די קאעסדיק־צונויפגעזשמורעטע אויגן צום וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פארבײַ דעם קלויסטער, און ווײַל דער אלטער האָט צוגעטראָגן א האנט צום אויער, איבערגעכאזערט העכער: — אָן־אָ יענע?

— ניין, דאָ זײַנען זיי, אין באבי יאר! — סאָזאָן האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צום שטיבל, אָנגעשטעלט דאָס שלעכט־ארומגעשוירענע געלע בערדל אף די אגרעסן־קוסטעס, וואָס זײַנען דאָרט געוואקסן. הינטער די קוסטעס האָט זיך די ערד ווי אָפּגעריסן.

— באבי יאר? אזוי הייסט ער?

נאטאשע האָט געוואָלט דערנעענטערן זיך צו די קוסטעס, נאָר אָלגע האָט זי אָנגעכאפּט פאר אן ארבל, און דער אלטער האָט געוואָרנט:

— מע קאָן א שאָס טאָן! דאָרט זײַנען בא זיי פארצוימונגען. א זאסטאווע שטייט, קיינער זאָל פון דער פרונזעווסקע ניט גיין אין יאר. איך הער שלעכט, נאָר מענטשן זאָגן, אז ארופצו אין יאר שיסט מען — נעכטן אפדערנאכט און הײַנט א גאנצן טאָג. עפּשער לערנט מען זיך. נאָר וואָס איז עס פאר א לערנעכץ אפדערנאכט, אין דער פינצטער.

אָלגע האָט געהערט א ווײַטע שיסערײַ, ווען דער דײַטש האָט זי און נאטאשען אָפּגעשטעלט. נאָך בוילעטער האָט זיך דערטראָגן די שיסערײַ, בייס מע איז געווען אפן אָפענעם פלאץ לעבן קלויסטער, ווו דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן דעם גאנצן טאָג, האָט געהוליעט אומגעשטערט. די יעדיִע, אז מע שיסט אינעם יאר, וואָס ציט זיך אזש ביז אהער, האָט פארשטארקט איר אומרו; עס איז אויך נאָך פארשטענדלעכער געוואָרן, צוליב וואָס מע טרײַבט צונויף די גײַסטיק־קראנקע. זי האָט געפרעגט:

— ווען גלאגאָלעווסקי איז דאָ געווען, האָט איר וועגן דער זאסטאווע שוין געוווּסט?

דער אלטער האָט ערשט איצט דערקענט זײַן בידאָנדל, א קוק געטאָן אויך אף דער „זשיטיא“, וואָס אָלגע האָט געהאלטן אונטערן אָרעם.

— דאָס קומט איר פון דאָרט? ניין, דער באטיושקע האָט גאָרנישט ניט געוווּסט, די גערמאנצעס זײַנען ערשט דערנאָך ארויסגעקראָכן.

— און ווו איז?..

ער האָט פארשטאנען און א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— אנטלאָפן! איינער, אָט דער, וואָס מיט די ברילן, האָט גענומען צושטיין צו איר, האָט זי געכאפּט דאָס יאטל אף די הענט און הײַדא פון הויף. עהע, דאָס איז ניט יענץ הינדעלע, וואָס זעצט זיך צו... — ער האָט געכאפּט א קוק אף נאטאשען, פארשטאנען, אז צו איר דערגייט ניט, וואָס ער מיינט, און צוגעגעבן: — קלאָגט אלץ און קלאָגט. איך פרעג: „וואָס איז דיר — ערגער פון אלעמען?“ „ערגער, — ענטפערט זי. — ערגער“. מיסטאמע ווייסט זי...

דער אלטער ווייסט, ווו סטעפקע באהאלט זיך אויס, אנדערש וואָלט ער וועגן איר אזוי ניט גערעדט. דאָס האָט אָלגע גלײַך פארשטאנען. האָט זי, ניט פרעגנדיק מער וועגן גאָרנישט, געזאָגט, צוליב וואָס זי איז אהער געקומען מיט דער טאָכטער. סאָזאָן האָט זי אויסגעהערט שווײַגנדיק, בלויז א צי געגעבן מיט די אקסל, ווי ער זאָל זאָגן: „אויב עס וועט אײַך געפעלן — איז אדעראבע, נאָר וואָס קאָן דאָ געפעלן?..“

אָנגעגאָסן אינעם געבראכטן בידאָנדל וואסער, גענומען פון שטוב א ביסל שפּײַז, האָט ער אוועקגעפירט אָלגען און נאטאשען צום קלויסטער.

די טיר פון קלויסטער איז געווען אופגעשלאָסן, און דער אלטער האָט באמערקט:

— דער גערמאניעץ האָט ניט ליב קיין שלעסער — דאָס ווייסן מיר שוין. אין אן אופגעעפנטער טיר וועט ער זעלטענער רוקן די נאָז. און דאָ זײַנען אזעלכע ווינקעלעך פאראן, אז עהע!

אינעם האלב־טונקעלן קלויסטער, א פארוואלגערטן מיט ציגל און ברעטער, — זעט אויס, מע האָט אים געהאט אָנגעהויבן רעמאָנטירן, — האָט סאָזאָן אין א זײַטיקער וואנט מיט אָפּגעריבענע פרעסקעס און אָרנאמענטן געעפנט א טירל, וואָס איז אזוי געווען אײַנגעפאסט, אז מע האָט עס לאכלוטן ניט באמערקט, און איבער הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אין א טורעם, גופע אין דער וואנט, אוועקגעפירט אָלגען און נאטאשען ארויף, צו דער גאלעריע, ווו עס פלעגט אמאָל, באהאלטן פון די מיספּאלעלים, זיך געפינען דער כאָר.

איידער זי איז ארויף אף דער גאלעריע, האָט אָלגע, וועלכע איז געגאנגען פון הינטן, א קוק געטאָן אין דעם האלב־קײַלעכדיקן פארשטויבטן פענצטערל, וואָס איז געווען אײַנגעשניטן אין א טיפער נישע (איר אופמערקזאמקײַט האָבן צוגעצויגן צוגעדעמפטע געשרייען, וואָס זײַנען

געקומען פון דרויסן), און דורך א ווינקעלע, ווו א שטיקל גלאָז האָט געפעלט, האָט זי דערזען: קאַנוואַיִרט פון א סאַך דײַטשן, האָט צווישן די ביימער געשלענגלט זיך א קאָלאָנע גײַסטיק־קראַנקע; אייניקע האָבן געמאַכט האַווײַעס, פונקט זיי וואָלטן פאַרגעזעצט עפּעס א שפּיל, פון וועלכער מע האָט זיי אָפּגעריסן, אַנדערע זײַנען געגאַנגען פאַרקלערט, אין א צושטאַנד פון פאַרטראַגנקײַט און שווערער דעפּרעסיע, נאָך אַנדערע האָבן זיך געווערט און די קאַנוואַיִרן האָבן זיי געפירט פאַר די קעלנער, אייניקע ווידער זײַנען ניט בעקויעך געווען גיין און קראַנקע האָבן זיי געטראָגן אַף די הענט.

א דערשיטערטע פונעם אָקאָרשט געזעענעם און א פאַרבלענדטע פון דער דרויסנדיקער ליכטיקײַט, האָט אָלגע ניט באַלד, ווי זי האָט זיך אופגעהויבן אַף דער גאַלעריע, באַמערקט בא דער טונקעלער וואַנט, צופוסנס פון אַן אַנגעמאָלטן הייליקן, סטעפּקען מיט אַליקן. צוערשט האָט זיך גענומען אויסשיילן פון דער טונקלקײַט א בלאָנדער, צעקודלטער קאָפּ האָר, צוויי בלאַסע פלעקן פון פּענעמער, שוואַכע קאָנטורן פון קערפּערס. סטעפּקע איז, ווײַזט אויס, געזעסן אַפן דיל, אַליק איז געשטאַנען לעבן איר, אַרומגעכאַפּט די מאַמע מיט איין הענטל פאַרן האַלדז. אַזויפיל שטומער צאַר, אויסוועגלאָזער טרויער און פאַרצווייפלונג איז געווען אין אָט דעם בילד, אַז אָלגע האָט פאַרגעסן, וואָס זי האָט נאָרוואָס געזען צווישן די ביימער, פאַרגעסן אַלץ, וואָס זי האָט געטראַכט וועגן סטעפּקען דאָרט, בא די גלאַגאָלעוועסקיס, און ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן, וואָס צו טאָן, נאָר געשטאַנען און געקוקט. באַם סאַמע אַרײַנגאַנג אַף דער גאַלעריע זײַנען אויך געשטאַנען שווײַגנדיק נאַטאַשע און סאַזאָן.

די ערשטע האָט זיך אָנגערופן סטעפּקע. עס האָט זי ניט פאַרכידעשט, וואָס אָלגע מיט דער טאָכטער זײַנען דאָ, — זי איז געווען אין אַזא צושטאַנד, אַז דאָס סאַמע אומדערוואַרטע האָט בא איר קיין כידעש ניט אַרויסגערופן.

— אהא, — האָט זי געזאָגט מיט א נידעריקער, ברוסטיקער שטים, — דו און נאַטאַש־קע... און דאַניעל? ווו איז דאַניעל זאַכאַראָוויטש?

אָלגע האָט געוואַרט, נאָר סטעפּקע האָט מער גאָרנישט ניט צוגעגעבן. הייסט עס, דאָס איז געווען בלויז א פראַגע.

— דאָרט, ווו אַלע מיליטערלײַט, — האָט אָלגע געענטפערט, קעדיי, ניט פּרעגנדיק, צווינגען פונדעסטוועגן סטעפּקען זאָגן נאָך עפּעס, אויב זי ווייסט.

— אהא, נו, יאָ, ער האָט געזאָגט, אַז מע וועט אים אָפּשיקן אַפן פראָנט, דאַניעל זאַכאַ־ראָוויטש... און מײַן ניבאַרסקי, — פאַר פרעמדע האָט סטעפּקע שטענדיק אַזוי גערופן דעם מאַן — בא דער פאַמיליע, — און מײַנער?.. שפּײַ דער מאַמען אין פּאָנעם, אַליק, שפּײַ! איך אַליין האָב אים אומגעבראַכט, אַזאַ אָדלער... ווילסט ניט, ווילסט שוין ניט שפּײַען? נו, איז ער... און דו, אָלגע, אויך. קענסט דאָך אונדז ניט פון הײַנט, מיך און ניבאַרסקין, ניט ווי אַנדערע, פרעמדע מענטשן... ער איז שוין געווען ניט קיין קאָמאַנדיר, ווי דײַנער, ניט קיין סאָלדאַט. אָפּגעטאָן זײַנס אין שפּאַניע. אַליק קומט אַף דער וועלט, און דעם טאַטן קלאַפּט מען די זעלבע וואָך אַראָפּ בא וואַלענסיע. אין וועמעס זכוס איז עס, האָב איך דערנאָך געטראַכט, וואָס — ניט איבערן יאַם, ניט איבער דעם פײַנטס טעריטאָריע, נאָר — בא וואַלענסיע? אָבער דער שפּליטער אין רוקנביין האָט אים שטענדיק געמוטשעט. ווער האָט וועגן דעם געוווּסט? ער און איך און די דאָקטוירים. און דאָך האָט ער שטענדיק געהאַלטן, אַז ער טוט ווייניק, אַז ער איז נאָך עפּעס שולדיק די מענטשן. איך פלעג טײַנען — דו, אָלגע, ביסט איינמאָל געווען בא אַזא שמועס: „ניטאָ וואָס צו וווינען אַזוי נאָענט צו דער גרענעץ. דאַניעל זאַכאַראָוויטש דינט, דו — וואָס?" און ער: „מיט וואָס בין איך בעסער פון עמעצן אַנדערש? די היגע האַנט־ווערקער־שול דאַרף אויך א דירעקטאָר". די ערשטע שאָען פון דער מילכאָמע, מענטשן לויפן צו דער באַן אָדער נאָך בעסער — מע דינגט מאַשינעס און מע פאָרט אוועק, און ער — אין וואָיענקאָמאַט. אָבער אַז מע דאַרף אים ניט מיט זײַן שפּליטער! האָט ער שוין געקראָגן א מאַשין — איז פאַר די בעלטשיצקיס און די בראַנשטיינס. וואָסי? בא איינער איז דער מאַן אָן א פוס, בא דער צווייטער — א קראַנקע מאַמע און פיר קליינע קינדער. מיר זאָגט ער: „פאָר אויך". ווי מיינסטו, איך וועל אים איבערלאָזן, אַז עס ברענט אַלץ אַרום? איז אוועקגעפאָרן די פיזיטשקע סוכאָפּאָלאָווע מיט איר טאַטן און מיטן קינד. אַף מאָרגן זאָגט מען ניבאַרסקין אין פּאַרטקאָם: עוואַקויִרט די שול. פיר וואַגאָנען. נאָך פּאָלאָנע — א באָמבאַרדירונג. גאָט מײַנער! איך האָב טאַקע געענדיקט קורסן, נאָר איבערבינדן דעם אייגענעם מאַן האָב איך ניט געקאָנט. און דאָס מאָל איז נאָך די וווּנד געווען ניט אַזאַ, ווי שפּעטער, — די קויל איז דורך בא א זײַט, נידעריקער פון די ריפּן. און פון די שילער האָט קימאַט קיינעם ניט פאַרטשעפּעט — פאָרט מען ווײַטער. נאָר אַז אַליק האָט גענומען מאָזלען און דער עשעלאָן גייט פאַרבײַ ליוו־באַטש, בין איך באַשטאַנען — זעסט, אָלגע, ווידער איך! — מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן באַם

טאטן. מיט די כעוורע איז אוועקגעפֿאָרן דער זאוווטש, ער האָט אין קיִעוו געדאַרפֿט לאָזן פֿאַר אונדז אין קאָמענדאַטור דעם וויַיטערדיקן מאַרשרוט אָדער אָנשריַיבן אונדז קיין ליובאַטש. ווער האָט עס זיך געקאָנט ריכטן, אַז די פֿאַשיסטן וועלן דערגיין אַזוי וויַיט? דאַניִעל דיַינער האָט דאַפֿקע געוואָרנט, אַז מיר זאָלן זיך צעוויַילן. און טאַקע — וויפֿל זיַינען מיר סאַכאַקל אָפּגעווען אין ליובאַטש? ניַין טעג, און אַלץ איז אַוועק כאַדאָראָם. מע האָט שוין אָבער געמעגט פֿירן אַליקן, און אַ פֿור האָט זיך געמאַכט. די פֿור טרייסלט, ניבאָרסקי קרימט זיך, וויַיל די וווּנד, כאָטש זי האָט זיך אַ ביסל פֿאַרצויגן, איז פֿאָרט אַ וווּנד. און פּלוצעם, הינטער גלעז־וואַכע — מע שיסט פֿון וואַלד. פֿאַראַשוטיסטן. איז ער אַוועק מיט אַנדערע, ניבאָרסקי, אַהין... אַוועק? דאָס האָט ער און איינער אַ לייטענאַנט אַוועקגעפֿירט זיי. פֿאַרוואָס האָב איך זיך אים ניט אופֿגעהאַנגען אויפֿן האַלדז? פֿאַרוואָס?! אייניקע מאַנצבלעון האָבן זיך דאַפֿקע ניט גערירט פֿון אָרט. און אים האָט מען געבראַכט צו טראָגן מיט אַ דורכגעלעכערטער לונג — אַ גראַ־נאַטע. אָט ווי דאָס איז געשען, אַלינקע, אָט וויִאַזוי מיר זיַינען געבליבן שטעקן אין קיִעוו... זעקס טעג איז ער געווען מער טויט, ווי לעבעדיק, און דערנאָך, ווען מע האָט מיך שוין אַריַינגעלאָזט צו אים אין פּאַלאַטע, איז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, פּונקט ווי דעמלט, אין סאַמע אָנהייב: „פֿאַר“. אָבער פֿאַרוואָס זאָל איך אים איבערלאָזן, פֿאַרוואָס זאָלן מיר זיך צעשיידן! איצט האָט מיך אַפֿילע אַ קאַס אָנגענומען: „אַזוי, אָן דיר? איך האָב דאָך געקאָנט פֿאָרן מיט דיר!“ פֿאַרשטיי, אוי, פֿאַרשטיי מיך, אַלינקע! איך האָב געקלערט: ער איז מיַינער, ער איז מער ניט מעכויִעוו זיך שלאָגן, ער איז ניט קיין וואָיאַקע. אויס, איך האָב זיך שוין גענוג אויסגעוויינט, גענוג אָנגעליטן זיך, און צוויי מאָל פּרוּוון דעם גוירל דאַרף מען ניט... אָט דאָס איז אַלץ... איך האָב אים ליב געהאַט, און איך האָב אים ליב, אַ געוויינ־לעכע באַבע בין איך, און ער איז מיַינער... ערשט ווו איז ער? אַוועק פֿון שטוב, וויַיל איך האָב אים ניט אופֿגעהערט צו הריזען, — און גליַיך צו זיי אין די הענט אַריַין. און ווען ער קומט צוריק, איז דאָס ערשטע, וואָס ער וואָלט געדאַרפֿט טאָן — אָנשפּיַיען מיר אין פּאָנעם. און דו, אָלגע, גיי צו נעענטער, גיי צו און טו דאָס זעלבע...

זי האָט ניט געוויינט, כאָטש יעדער אייוועד אין איר האָט געוויינט. זי האָט זיך געוויגט אויף איין אָרט הין און צוריק, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איַינגעגראָבן די פֿינגער אין די צעקודלטע האָר און געשוויגן.

ווען סטעפֿקע האָט געזאָגט, אַז זי האָט ליב ניבאָרסקין, האָבן נאַטאַשען אַרומגעכאַפּט געפֿילן, וועלכע זי האָט אַפֿילע ביזן סאָף פֿאַרשטיין ניט געקאָנט. אי זי האָט עפּשער ערשט איצט פֿאַרשטאַנען, ווי טיף סטעפֿקע איז אומגליקלעך, אי ס'איז איר דערווידער געווען, וואָס דערוואַקסענע ריידן אַזוי אָפֿן, אַזוי פּראָסט, און זי האָט אַליין ניט געוווּסט וויִאַזוי נאָך, וועגן אַזעלכע זאַכן. „ליב האָבן“ איז געווען דאָס, פֿון וואָס נאַטאַשע האָט ערשט, שעמענדיק זיך פֿאַר זיך אַליין, אָנגעהויבן טראַכטן, געזוכט עס באַ זיך אין האַרצן, געפֿונען עס אַזוי ווי און ניט געוווּסט, צו ווּעמען עס פּאַסט מער: צו שוניען? צו קאָלקע כאַבאָט — אַ שכייניש ייִנגל אין באַיאַרקע, מיט וועלכן זי איז עטלעכע מאָל געגאַנגען קליַיבן שישקעס צום הייצן? צי גאָר צו ציגאַנאָקן? און נאָך: עס האָט זיך איר ניט געוואָלט, אַז עס זאָל קלינגען אַזוי טרויעריק, אַזוי האָפֿענונגסלאָז, ווי באַ סטעפֿקען אין מויל, דאָס־אָ „ליב האָבן“. אָט פֿאַרוואָס נאַטאַשע האָט, קעדיי איבערשלאָגן זיך די געדאַנקען, פֿאַרטויבן דאָס אייגענע קלעמענדיקע געפֿיל, נאָך ביז דעם, איידער סטעפֿקע איז אַנשוויגן געוואָרן, גענומען רופֿן מיטן פֿינגער אַליקן, וועלכער איז אַלץ געשטאַנען לעבן דער מאַמען. נאָר כוץ דעם, איז איר פּאַשעט אַ ראַכמאָנעס געווען אויפֿן ייִנגעלע, וואָס האָט זיך שוין גענוג אָנגעהערט. דערזען דעם רופֿנדיקן פֿינגער, האָט אַליק געטראַכט אַ מינוט, פֿאַראַקשנט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ניין, ער גייט ניט, און מיטאַמאָל אַ לאָז זיך געטאָן גליַיך אין נאַטאַשעס אויסגעשטרעקטע הענט.

זי האָט אים גענומען אומפֿירן פֿון פֿרעסקע צו פֿרעסקע, באַוויזן, וואָס פֿאַראַ שטרענגע „דיאַדקעס“ עס זיַינען אויף זיי אָנגעמאָלט. איז סאָזאָן אויך צוגעגאַנגען, אַראָפּגעלאָזט זיך לעבן ייִנגעלע אויף די שפּיץ פֿינגער און דערקלערט אים, און נאָך מער נאַטאַשען: אָט דעם־אָ נאָווי, אָסיִא (הושע), האָבן באַם לעבן אַלע אָפּגענאַרט, אַפֿילע דאָס וויַיב און די קינדער, נאָר זיַינע נעוויִעס זיַינען אַלע מעקויִעם געוואָרן; און דער־אָ נאָווי, אַוואַקום (חבקוק), האָט אָנגעצייכנט אין זאַמד אַ קריַיז אַרום זיך און געזאָגט, אַז ער וועט זיך ניט רירן פֿון אָרט, ביז גאָט וועט ניט ענטפֿערן אויף אַלע זיַינע טיַינעס.

— אַזוי? — סטעפֿקע האָט אופֿגעהויבן דעם קאָפּ, בייז אַ קוק געטאָן אויפֿן אַלטן. — נעוויִים? די נעוויִים האָט מען אָנגעמאָלט, און זיי שוויַיגן, הונדערטער יאָר שוויַיגן זיי! האָסט געקלונגען פֿאַר־זייערטוועגן און פֿאַר זייער גאָטס־וועגן, ביסט טויב געוואָרן קלינגענדיק. נו?

וואָלטן זיי כאָטש א שעפּטשע געטאָן דיר, ווו איז מײַן מאַן, און וואָס וועט זײַן מיט אונדז, און וואָס וועט זײַן מאָרגן...

א שיסערײַ האָט זיך צעקנאַלט אזוי נאָענט, ווי דאָס וואָלטן זיך אײַנגעבראָכן די ווענט פון קלויסטער. סטעפּקע האָט מיט א ווילדן געשריי זיך א ריס געטאָן פון אָרט, געכאַפּט אליקן און געלאָזט זיך לויפן צו די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אראָפּ, נאָר אָלגע האָט איר פארצאַמט דעם וועג:

— וווהין? אין הויף זײַנען דײַטשן!

— דאָס שיסט מען אין אונדז! אין אונדז!

— נארישקײַטן! ניט אין אונדז! — האָט אָלגע געזאָגט הארב און גלײַכצײַטיק ווי ווײַט מעגלעך רויִק, אזוי אז דאָס זאָל ווירקן ניט נאָר אף סטעפּקען, נאָר אויך אף נאַטאַשען און סאָזאָנען, — ניט אין אונדז שיסט מען, דאָ זײַנען ווענט — אָנדערהאַלבן מעטער די גרעב! מע וואָלט ארײַן אין קלויסטער, ווען מע מיינט אונדז. וואַרט, איך וועל א קוק טאָן, וואָס דאָרט איז...

זי האָט זיך אראָפּגעלאָזט צום פּענצטערל אין נישע, נאָר גאָרנישט ניט דערזען, כוץ ביימער. האָט זי זיך אומגעקערט, ווידעראַמאָל געוואָרנט, אז קיינער זאָל זיך ניט רירן פון אָרט, און איבער די ברעטער, וואָס זײַנען דורכגעלייגט געווען פון קאַרניז צו קאַרניז, זיך דערקליבן צו א בוידעם־פּענצטערל אינעם טורעם. דאָ האָט זי, איבער די רויטלעך־וועלקנדיקע, שוין גאַנץ שיטערע ביימער־קרוינען, ניט ווײַט פון א שטיילן אָפּהאַנג, דערזען מענטשן אין איינעם וועש, וואָס זײַנען געשטאַנען אף פריש אָנגעשאָטענער ליים באַם ראַנד פון א לאַנגער גרוב.

קוים אײַנהאַלטנדיק דעם ציטער אין די הענט און אין די פיס, האָט אָלגע זיך אומגעקערט אף דער גאַלעריי און בלויז א ביסעלע א פארסאָפּעטע געזאָגט:

— גאָרנישט... באַלד וועט מען שיסן נאָכאַמאָל, מע לערנט זיך...

— אזוי, מע לערנט זיך, מע קאָן נאָך ווייניק? — האָט סטעפּקע שטיל, גאַליק זיך אָנגערופן.

מע האָט דערנאָך געשאָסן נאָך און נאָך. סטעפּקע איז געזעסן דאָרט, ווו פריִער, אפן דיל, האַלטנדיק אליקן אף די קני. נאַטאַשע און סאָזאָן האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט אף ציגל. בלויז אָלגע איז געשטאַנען און אָנגעשטרענגט געקוקט אף דער וואַנט און ווי דורך גלאָז געזען אלץ, וואָס עס קומט פאָר באַם ראַנד פון דער לאַנגער ליימיקער גרוב.

די שמאָלע פּענצטערלעך אויבן, אין די טורעמס, האָט פארגאָסן בלויז אן עטוואָס טונקעלע בלויקײַט, נאָר אין קלויסטער האָט זיך שוין געשפּרייט אן אָוונטיקע כאַשכעס. אפן פאַנאַנדערגעוויקלטן פארמעט, וואָס עס האָט געהאַלטן אין האַנט דער שווארצבערדיקער נאָווי הוישייע, פון וועלכן אָלגע האָט די גאַנצע צײַט די אויגן ניט אָפּגעווענדט, האָט מען שוין ניט געקאָנט דורכלייענען די צוויי אין דער קווער אָנגעשריבענע שורעס, אָבער אָלגע האָט זיי פארגעדענקט: „ווו איז, טויט, דײַן גיפט, און ווו איז דײַן ניצחון, געהענעם“.

„וואָס הייסט דאָס?“ — האָט געעגבערט אין אופגערודערטן מויעך. און ערשט שפּעטער, ווען אויך הוישייע מיט זײַן פארמעט איז קימאַט פארוועבט געוואָרן אין דער טונקלעניש, האָט אָלגע פארשטאַנען, וואָס דער נאָווי מיינט: ניין, ניט דער טויט און ניט דער געהענעם — זיגן. עס זיגט דאָס לעבן.

XVII. דער וועג לאָזט זיך אויס באַם באַבי יאַר...

1 ווידער איז דער אינדערפרי געווען א ווינטיקער. די זון, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אופגעהויבן איבערן האָריזאָנט, האָט א קאַלטע געקוקט אף די גאַסן דורך וויכערס שטויב, דורך בלעטער־געדריי, דורך צעהוידעטע צווײַגן פון נאָך מער הויל געוואָרענע ביימער, און — דורך הויך פליִענדיקע פעדערן פון אופגעטרענטן בעטגעוואַנט. מע האָט זיך שוין קוים דערוואַרט, ער זאָל אָנקומען, דער דאָזיקער אינדערפרי, — סײַ די, וואָס האָבן געדאַרפט זיך אוועקלאָזן אף דער מעלניקאָווער, אין אומבאַוווסטקײַט, סײַ יענע, וואָס האָבן געדאַרפט בלײַבן אף אן אָרט, אויסגעשטעלטע אף הפקירעס. די נאַכט האָט געלאָזט אף די גאַסן און אין די הויפן נײַע הארוגים, טשעמאָדאַנעס מיט אופגעריסענע שלעסער, צעשניטענע זעק,

סאקוואַיאזשן, לעבן וועלכע עס האָבן זיך געוואַלגערט רעשטלעך פון דעם, וואָס איז נעכטן פאַרפּאַקוועט געוואָרן.

די ערשטע זײַנען ארויס אַף די גאסן יענע, וואָס האָבן געוווינט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון שטאָט. צו אכט אזייגער, לויט ווי עס איז באַפוילן, וועט מען, נאַטירלעך, צום זאמל־פּונקט זיך ניט דערקלײַבן, אָבער מע וועט שוין כאָטש זײַן אין וועג.

פאַר אַלע זײַנען געגאַנגען די סאַמע אומגליקלעכע און אומבאַהאָלפענע. אַן אַלטע פרוי האָט אַף אַ פּיצינק וועגעלע מיט רעדלעך געפירט דעם מאַן — אַ קאַליקע מיט אָפּגעהאַקטע פיס ביז די קני; דער קאַליקע איז אַ זיצנדיקער צוגעבונדן געווען צום וועגעלע; מיט איין האַנט האָט ער צוגעהאַלטן אַ קלומעק אַף די קני און מיט דער צווייטער אָפּגעשטויסן זיך פון ברוק, עס זאָל אים גרינגער זײַן צו פירן. אַ מאַמע, וואָס די שווערע אויסקומעניש האָט זי געמאַכט פאַרביטערט־אַנטשלאָסן, האָט געשפּאַנט מיט אַ פּאַק אַף די פּלייצעס, פירנדיק נאָך זיך פינף קינדער; די עלטערע האָבן אויך עפּעס־וואָס געטראָגן, און די צוויי קלענסטע האָבן געהאַלטן די מאַמע פאַרן קליידל — זי האָט שטיל עפּעס אײַנגעטײַנעט מיט זיי פון מאָל צו מאָל און אונטערגעוויינט. גאָר אַ יונגינקע, מיט אַ זויגקינד אַף די הענט, מיט אַ געפּלאָכטן קוישעלע, ווי עס זײַנען מיסטאָמע געווען ווינדעלעך, איז געגאַנגען באַזונדער, אין צאַרנדיקער פאַרטראַגנקייט, ווי אַ בלינדע.

מע איז זיי נאָכגעגאַנגען, די דאָזיקע ערשטע, געזען אין זיי אַזוי ווי אַ צודעק, אַ שוץ.

באַם ראָג פון יעדן געסל, פון יעדער גאַס זײַנען צום האַמוין צוגעקומען אַמאָל אַ געזינד, אַמאָל — עטלעכע געזינדן. עס איז אַלץ הילכיקער געוואָרן דאָס טאַראַכקען פון וועגעלעך און טאַטשקעס, דאָס גרילצן פון שליטעלעך, דאָס טופּען פון פיס, דער געמורמל פון שטימען.

די צענטראַלע גאַסן האָבן ניט געקאָנט אַרײַננעמען די געדיכטע מענגעס, איז מען זיך צערונען איבער די זײַטיקע און פּאַראַלעלע גאַסן און געסלעך. אַלע זײַנען געגאַנגען, ווי אַ מעכטיקער שטראָם וואָלט זיי געטראָגן אַף צאָפן־מיזרעוו, צו דער גרויס־זשיטאָמירער, צו דער לוואָווער און דער מעלניקאָווער — צו אָט דער פּילקיל־אָמעטערדיקער טראַסע צווישן הויכע און נידעריקע מויערן, אונטער אַלטעביימער, וואָס זייערע אויסגעשטרעקטע צווײַגן האָבן קימאַט זיך געשלאָסן איבערן קאָפּ.

אָט דאָרט, באַ די צענטראַלע גאַסן, זײַנען שוין ערגעץ געבליבן הינטערשטעליק, פאַר־שלונגען געוואָרן אינעם האַמוין די, וואָס זײַנען ביז דעם געגאַנגען די ערשטע. עס האָבן זיך ארויסגעריסן פאָרויס וועגענער און לאַסט־וואַגנס, אין וועלכע עס זײַנען געשפּאַנט געווען פערד; אַף די פּעק און זעק און קאַסטנס זײַנען געזעסן קינדער, אַלטע לײַט. אַנדערע וועגענער און דראָשקעס האָבן די מענטשן אַליין געשלעפּט און אונטערגעשטופּט. מע האָט געפירט מיט זיך אָדער געטראָגן אין אָפּגיך צונויפגעקלאַפּטע טרונעס, צי ווי גאָר אַמאָל — אַף מיטעס די הארוגים פון הײַנט און פון נעכטן און פאַשעט געשטאָרבענע פון קרענק און פון עלטער — דער טויט האָט זיך זײַנס געטאָן... מע דאַרף דאָך פאַרבײַגיין דעם בעסוילעם, איז עפּשער וועט מען דערלויבן ברענגען צו קווורע די, וואָס האָבן זיך שוין אָפּגעמוטשעט, אָדער מע וועט זיי כאָטש מעגן איבערלאָזן ערגעץ ניט ווײַט פונעם הייליקן אָרט? מע האָט אויך געפירט און געטראָגן זקיינים, אין וועמעס אויסגעדאַרטע לײַבער די נעשאָמע האָט זיך שוין צו פּאַראַקשנט געקלאַמערט; געפירט און געטראָגן פרויען מיט נײַ־געבוירענע, וואָס זײַנען נאָך קיין האַלבן מעסלעס אַף דער וועלט ניט געווען און דער מוטערס ברוסט ניט געזויגן.

אַף די טראָטוארן זײַנען געשטאַנען דײַטשן און פּאָליציײַען — צוערשט ניט קיין סאַך. אָבער וואָס ווײַטער, זײַנען די אינטערוואַלן צווישן זיי געוואָרן אַלץ קלענער, און וואָס ווײַטער, האָבן זיי אַלץ מער אונטערגעיאָגט. האָט עמעצער זיך פאַרהאַלטן אַ מינוט באַ אַ זײַט פון טראָטואַר, געוואָלט פאַרבינדן אַ בענדל פון שוך צי בעסער אײַנקרעמפּעווען דעם פּאַק, צי געזוכט עמעצן, האָט מען שוין געלאָזט אין גאַנג נאַהײַקעס, די קאָלבעס פון ביקסן. און אַנדערע האָבן סטאַם געשלאָגן יעדן איינעם, ווער עס איז פאַרבײַגעגאַנגען לעבן זיי, געשלאָגן, קעדיי פאַרווײַלן די שיקערע פאַרשוינען און פרעך־אויסגעפּוצטע מוידן, וואָס האָבן זיך הינטער זיי געזאַמלט.

מענטשן זײַנען געווען אַף די טראָטוארן — ניט קיין סאַך, נאָר מע איז געווען. מע האָט זיך געהאַלטן קופּקעסווײַז. אין אייניקע קופּקעס, ווו עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אַזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן אַף די לאַצן „טרעזובצעס“[1], אויסגעשניטענע פון בלעך, און ווו עס האָבן סטאַם געזאַמלט זיך פאַרדאָרבענע פאַרשוינען, האָט געהערשט אַן אויפלעבונג — מע האָט אָפּגעלאַכט פון די געטריבענע, באַשאָטן זיי מיט זידלערײַען, געשלײַדערט פוילע עפּל,

---

[1] פּעטליורישע צייכנס.

ריפּטלעך פון ארבוזן. צומיינסטן אָבער האָבן די, וואָס זײַנען געשטאַנען אַף די טראָטוארן, שווײַגנדיק צוגעקוקט, ווי דער אוילעם פּלייצט איבערן ברוק, פּונקט אזוי ווי מע קוקט אַף א געוויסער, אַף א סריפּע — מע ווייסט, אז דער אומגליק האָט צו אַלעמען א שײַכעס. אַן עלטערע גראָווע פרוי, וואָס איז געשטאַנען אין אזאַ־אָ קופּקעלע, האָט אויסגעדריקט דאָס דאַזיקע געפיל אַף איר אויפן, געזאָגט ניט הויך, נאָר אַלע זאָלן הערן:

— זיי זײַנען די ראַשטשינע, און מיט אונדז וועט מען קנעטן...

2 איינס פון אירע פלוגבלעטלעך האָט וואַליע צוגעקלעפּט בא זיך אין פּאַראַדנע, אַפן ערשטן שטאָק, און געטאָן דאָס, ווען זי מיטן פּעטער אנדריי האָבן זיך אוועקגעלאָזט פאַנאַנדערהענגען זיי איבער דער שטאָט.

— דאָ וועלן מיר מאַכן א פּרווו, — האָט זי געזאָגט, אָפּגעשטעלט זיך אַפן אונטערשטן טרעפּל, און מיט די אויגן אָנגעוויזן דעם פּעטער אַף דער ארויסגאַנג־טיר, ער זאָל, הייסט עס, א קוק טאָן, צי קיינער גייט ניט.

— ביסט מעשוגע! — האָט אנדריי סאַנזשאַרא שטיל געזאָגט. ער איז בלאַס געוואָרן.

— ניין, פאַרוואָס זשע... אומעטום מעג מען, און דאָ — ניט?

סאַנזשאַרא איז אוועק צו דער טיר.

דאָס האָט דמיטרי איוואַנאָוויטש געייצעט גיין זאַלבעצווייט — איינער קלעפּט, דער צווייטער גיט אכטונג.

— אָט ווער עס איז א בעריע אַף אַזעלכע זאַכן, — ער האָט מ׳יטן פינגער א טיצע געטאָן זיך אין ברוסט, — אי ביזן זיבעצעטן, אי נאָכן זיבעצעטן, בייסן בירגערקריג. טאַקע דאָ אין קיִעוו. מײַן דאַליע איז אַלעמאָל געווען גאַנווענען זיך באַם סוינע הינטער די פּלייצעס.

וואַליעס דערפאַרונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט פאַנאַנדערגעהאַנגען פּלוגבלעטלעך אין איינער א פּיעסע, און — אויך אינצווייען...

דער פּעטער אנדריי האָט אַלס ארבעטער פון דעפּאָ געהאַט אַן „אַאוסווײַז" אַף אומגיין ביז האַלבנאַכט איבער דער שטאָט, אזוי אז יעדנפאַלס א ביסעלע פאַרהאַלטן זיך אינצווייען אפילע נאָך דער פּאָליציי־שאָ האָט מען געקאָנט. און וואַליעס שמייכל האָט בא די פּאַטרולן, וועלכע מע האָט באַגעגנט, אויך עפּעס־וואָס געהאַט די ווערט. מע האָט באַוויזן מאַכן א היפּשן קרײַז און שפּעט אין אָוונט זיך אומגעקערט אהיים, אַף דער רייטאַרסקע. וואַליע האָט אין דער פינצטער א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם אָרט, וווּ זי האָט געהאַט צוגעקלעפּט דאָס ערשטע פּלוגבלעטל, — קיינער האָט עס ניט אַראָפּגעריסן. איר האַרץ האָט זיך אָנגעפּילט מיט הייסער דאַנקבאַרקײַט צו די שכיינים, נאָר צי האָבן עס געלייענט די, וועמען זי האָט דעריקערשט אין זינען געהאַט?

אין וועג האָט וואַליע דערציילט דעם פּעטער וועגן צופאַל מיט בעלע מאַיִסייעוונען, ווי יענע האָט אָנגעקלאַפּט, געקליבן זיך עפּעס בעטן, נאָר דערזען אַלעקסען און שוין גאָרנישט ניט געוואָלט.

— מער האָסטו ניט באַוויזן זאָגן, בלויז: „דאָס איז אונדזערער"? — האָט דער פּעטער איבערגעפרעגט (אין זײַן קאָפּ האָבן זיך געהערט שפּאָטישע נאָטקעס — מע איז ביידע געווען זייער אָנגעשטרענגט, און ער האָט געמיינט אזויאַרום לינדערן זײַן און איר געמיט), — איז וואָס זשע ווילסטו, די שכיינע האָט דיך געקאָנט פאַרשטיין גאָר אנדערש...

— אָבער אז זי האָט מער קיין וואָרט ניט געלאָזט אויסרעדן און פאַרהאַקט די טיר!

— מיילע, נו, פאַרהאַקט איז פאַרהאַקט. מיינסט, מיר דאַרפן איצט, אז מענטשן זאָלן וועגן אונדז גוט טראַכטן? עפּשער אפילע פאַרקערט...

— אָבער דאָס מיידעלע, ריטאָטשקע, און זיי אַליין — בעלע מאַיִסייעוונע, דער בלינדער אַלטער?..

וואַליען האָט פאַרכידעשט, וואָס אָט דאָס, דער איקער, איז ניט דערגאַנגען צום פּעטער, און איינצײַטיק האָט זי באַנומען, אז ס׳איז שוין צופיל אי פאַר אים, אי פאַר אַנאַסטאַסיא פּעטראָוונען געמען אַף זיך נאָך אַזעלכע זאָרגן.

— זעסטו... — דער פּעטער אנדריי האָט מער גאָרניט געזאָגט, נאָר לויט זײַן טאָן האָט וואַליע דערפילט, אז ער האָט אין זינען דאָס, וועגן וואָס זי האָט נאָרוואָס געטראַכט, און נאָך איז אין אָט דעם „זעסטו" געווען אויך אזוינס: „וואָס מיר קאָנען, טוען מיר, און אויב ראַטעווען, וואָלט מען א סך געדאַרפט ראַטעווען".

און עפּשער האָט ער ניט דאָס געוואָלט זאָגן? ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, נאָר וואַליע האָט מער מיט אים ניט גערעדט וועגן די שכיינים, אָבער אַליין האָט זי ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן זיי.

ווען מע האָט זיך אופגעהויבן אַפּן זעקסטן שטאָק, האָט זי בלויז אַף איין רעגע אָפּגעשטעלט זיך לעבן דער שכיינישער טיר. דער פּעטער האָט עס אין דער פינצטער באַמערקט.

— מע קער שוין שלאָפן, — האָט ער געזאָגט, נאָר טייקעף צוגעגעבן, צי ווײַל ער איז ניט זיכער געווען, אַז ער האָט זי ריכטיק פאַרשטאַנען, צי ווײַל ער האָט נאָך באַ זיך אַליין ניט געפּויעלט, אַז דאָס, וואָס וואַליע וויל טאָן, איז רעכט, — ניין, אונדזערע וואַרטן געוויס.

דעם שליסל האָט ער געזוכט לענגער, ווי דאָס וואָלט געדאַרפט דויערן, און שטיל גע־רעדט דערבײַ:

— פּראָפעסאָר גוראַרי... איך האָב הײַנט, אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט, געזען אים צום ערשטן מאָל. ער האָט מיט אַ דאָלאָטקעלע אַראָפּגעריסן דאָס מעשענע שילדל פון דער טיר. אַ פײַנער אַלטיטשקער. אין גרינע ברילן. דאָס מיידעלע איז אויך געשטאַנען. אַ דינינקע, אַ שוואַכינקע. אַזאַ קאָן אָן די אייגענע נעמען טשאַכנען. זיי האָבן זיך דאָ שפּעטער באַזעצט...

„שפּעטער" האָט באַטײַט: נאָך דעם, ווי מע האָט אים צוגענומען. די גוראַריס האָבן זיך טאַקע אַרײַנגעצויגן אהער מיט אַ יאָר פיר צוריק. און נאָך האָט דאָס באַטײַט, אַז ער, יעדנ־פאַלס, קאָן צו זיי ניט אָנקלאַפּן.

אין מעשעך פון דער נאַכט האָט וואַליע עטלעכע מאָל זיך אופגעכאַפּט און געקוקט אין פענצטער, צי עס טאָגט נאָך ניט. זי האָט געהאַט דעם פּעטערס שטילע האַסקאָמע עפּעס טאָן, און מיט אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונען האָט זי אויך געהאָפּט אויסקומען, כאָטש די מומע איז אַ האַר־בערע, אַ קאַלט־באַיישעוועט. און ס'איז געווען נאָך אַ פראַגע: וויאַזוי איבערצײַגן די גוראַריס, אַז זיי מעגן פאַרטרויען איר, וואַליען, דער מומען און דריקערשט — דעם פּעטער, וועלכער איז איצט, בייס די דײַטשן, געקומען אהיים?..

אייגנטלעך, איז זי מיט די גוראַריס געווען באַקאַנט בלויז פונדערווײַטנס, אַנאַסטאַסיאַ פּעט־ראָוונאַ — אויך. סײַ די מומע, סײַ זי, וואַליע, האָבן אַלעמאָל געדענקט וועגן זייער אייגענער צאָרע, וועגן דעם, אַז מע איז ניט גאָר קיין געוווּנטשענע באַקאַנטע, און די נײַע שכיינים האָבן אויך עפּשער מאַכמעס דעם טאַקע, צי אַלס ענטפער אַף דער צוריקגעהאַלטנקײַט, צי סטאַם אַזוי ניט געמאַכט קיין פּרווון אָנקניפּן קיין נעענטערע באַקאַנטשאַפט. פּרעמדע מענטשן. אָט האָט זי דאָך, וואַליע, ניט געוווּסט, ניט פאַרטראַכט זיך ביז הײַנט, צי זײַנען אוועקגעפאָרן איי־ניקע אַנדערע שכיינים, צו וועלכע דער באַפעל האָט געהאַט אַ שײַכעס. ווער האָט זיך עס פּריִער צוגעקוקט? נאָר, דאַכט זיך, אין דער אַכצעטער דירע אַפּן דריטן שטאָק... די טירן פון דער דירע זײַנען אופגעפּראַלט, הייסט עס — מע איז אוועקגעפאָרן... אין דער פופצעטער דירע אַפּן צווייטן שטאָק, — ניין, זי האָט ניט געזען אין מעשעך פון די אַלע טעג, אַז עמעצער זאָל פון דאָרט אַרויסגיין... בלײַבט די דרײַ־און־צוואַנציקסטע, די גוראַריס...

ס'איז איר אַזש ענג געוואָרן אין קאָפּ פון די שווערע געדאַנקען, די קישן האָט געבריט. און זי האָט דאָך געהאַט נאָך געגנוג, וועגן וואָס צו טראַכטן — ניט נאָר וועגן די גוראַריס.

„אַלעקסעי... וואָס וועט ער טאָן?" „מאַקאַר..." הײַנט, אין באַטאַנישן גאָרטן, האָט זי קימאַט באַשלאָסן קומען קיין ליובאַטש און זאָגן צו מאַקאַרן: „שיק מיך מער אין ערגעץ ניט. איך טויג יאָ, צי איך טויג ניט פאַר דעם, וואָס דו האָסט מיר געהייסן טאָן אין קיִעוו, נאָר איך פיל זיך דאָרט עלנט און איינזאַם. בעסער וועל איך זײַן לעבן דיר, מאַקאַר, אין וואָלד צי ווו דו ביסט דאָרט ערגעץ, און טאָן אַלץ, אַלץ. וועסט זען..." איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אויב זי וועט דערציילן וועגן דעם פּעטער און זײַן פרײַנט, וועט מען אין ליובאַטש זי שוין בעשום־אויפן ניט איבערלאָזן.

פאַרן סאָד, וואָס מע האָט איר דאָ אָנטפּלעקט, האָט זי געמעגט עפּשער אויסזאָגן אויך איר סאָד. דאָך האָט זי דערציילט גאָר ווייניק וועגן זיך, און מע איז איר ניט געקראָכן אין האַרצן. דער פּעטער — ניט, נאָר די מומע וואָלט זי געפּרוּווט אויספרעגן, האָט מיסטאַמע דמיטרי איוואַנאָוויטש ניט געהייסן. איינס האָט וואַליע געזאָגט: זי האָט באַקאַנטע אין ליובאַ־טשער וואַלד און טוט דאָ עפּעס פאַר זיי. נײַן אינדערפרי פאָרט זי קיין ליובאַטש — דער דײַטשישער פאָלקאָווניק, פאָן גלייעוויץ, גיט אין איר רעשוס אַ מאָטאָציקל, און זי האָפט, אַז נאָך די וואָך וועט אין קיִעוו זײַן עמעצער פון אירע באַקאַנטע און מע וועט זיך מיט אים קאָנען טרעפן.

— גוט, — האָט געזאָגט דמיטרי איוואַנאָוויטש, — וויאַזוי מע דאַרף זײַן געהיט און פאַר־זיכטיק, וואַליע, מיין איך, האָט מען אײַך שוין אָן מיר געלערנט.

„פאַרזיכטיק... און די גוראַריס? עפּשער טאָר איך זיך טאַקע ניט מישן?"

וואָס האָט זי זיך געקליבן טאָן און וואָס האָט זי, אייגנטלעך, געקאָנט טאָן פאר די פּאָר שאָ, וואָס וועלן איר בלייַבן ביזן אָפּפאָרן? זי וועט אָנקלאַפּן צו די גוראַריס (אַוועק צו זיי וועט זי אַליין, אנאסטאַסיאַ פּעטראָוונא זאָל אפילע ניט וויסן, אויב מע וועט ניט וועלן רעדן מיט איר), זי וועט אָנקלאַפּן און באשטיין, אז זיי זאָלן ריטאָטשקען איבערלאָזן דאָ. צום ערשטן מאָל האָט זי דאָס מיידעלע געזען גאָר א קליינינקס, אזא, וואָס אליין לאָזט מען עס אפילע פון יענער זייַט שוועל ניט ארויס. דערנאָך — אין ליפט, אין הויף — פון מאָל צו מאָל גרעסער, מיט אלץ מער א באזיניקט, בלאסינק פּענעמל... און מער, אייגנטלעך, גאָרנישט... שוין א פּאָר יאָר, אז זי פלעגט זיך גריסן מיט איר, ריטאָטשקע. געקומען איז עס אי סטאַם פון אײדלקייַט, אי פון באהאלטענעם קינדערישן שטאָלץ: „עלטערס ענטפערט מיר“. זי וועט נעמען ריטאָטשקען פאר א הענטל, ארייַנפירן זי צו אנאסטאסיאַ פּעטראָוונען — און וואָס?.. אויב די מומע וועט אויסדריקן כאָטש א מינדסטן סימען פון אומצופרידנקייַט, פארנעמט זי ריטאָטשקען קיין ליובאטש, טאקע אפן מאָטאָציקל, — פּיאָקלע וועט שוין עפּעס צוטראכטן... נו, און בעלע מאָיִסייעוונע, דער פּראָפעסאָר — זיי זאָלן גיין? זיי האָבן דאָך מיסטאמע באקאנטע — עפּשער קאָנען זיי דאָרט איבערזייַן כאָטש עטלעכע טעג, ביז זי וועט זיך אומקערן און פּרווון עפּעס צוטראכטן... בעלע מאָיִסייעוונע וואָלט אפילע געקאָנט העלפן מאקארס ווייַב — אכטונג געבן אפן צווילינג און אף דער קראנקער מאמען... פאראן אפן באטייעווער בארג א באקאנטע בילעטיאָרשע, אן איינזאמע עלטערע פרוי. כאוווערטעס פון טעאטער האָבן בא איר געוווינט, איצט זייַנען זיי פון יענער זייַט פראָנט. איז עפּשער — בא יענער בילעטיאָרשע?

„אָט אזוי־אָ פּראָסט וועט טאקע עמעצער אייַנשטעלן דאָס לעבן פאר א צווייטן! נאָר עמעצער טוט עס דאָך! מע דארף זוכן, זוכן...“

ווען ס'האָט אופגעלויכטן אנטקעגן פענצטער דער עטוואָס ראָז געוואָרענער הימל־ראנד און דער פעטער איז אוועק אף דער ארבעט, האָט וואליע שטיל זיך ארויסגעגאנוועט פון שטוב און צוגעזעצט זיך אף די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט אפן בוידעם, אזוי אז זי זאָל זען די טיר פון די גוראַריס. זי איז געזעסן אקעגן א האלבער שאָ. אין דרויסן האָט זיך דערהערט א גערודער — ניט קיין רעגלמעסיק טופּען פון פיס, א רויש פון רעדער. האָט זי זיך אראָפּגעלאַזט צום פענצטער אפן פינפטן שטאָק און א קוק געטאָן אין גאס. מע איז שוין געגאנגען — פרויען אין שאלן, אלטע לייַט אין קאשקעטן, קליינוואַרג מיט הוילע קעפּ. פון דער הייך האָט זי געזען נאָר קעפּ, און פּלייצעס, און קלומעקעס אף די פּלייצעס...

זי האָט שנעל זיך אומגעקערט און אָנגעקלאַפּט צו די גוראַריס. מע האָט ניט געענטפערט. קלאַפּן הויך האָט זי זיך ניט אייַנגעשטעלט, דאָס קאָן אָנשרעקן, איז זי ווידער אוועק צו די בוידעם־טרעפּ. שפּעטער האָט זי נאָכאמאָל געפּרוווט אָנקלאַפּן, צוגעלייגט אן אויער צו דער טיר, צי מע גייט ניט עפענען, — און דערהערט טריט העט אונטן, אף די טרעפּ. די טריט האָבן זיך אלץ מער דערנעענטערט, שווערע, שארפענדיקע. מע האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווידער געגאנגען. זי האָט שוין געוואָלט אוועק צוריק, צו די בוידעם־טרעפּ, און פּלוצעם דערהערט די שטים פון אן עלטערן מענטשן: „איך רייַב ניט דאָס אויג, כאַלילע“. דאָס איז געווען דעם פּראָפעסאָר גוראַריס שטים.

די ערשטע איז געגאנגען בעלע מאָיִסייעוונע אין א סאמעטענעם קורצן סאק. דער אלטיטשקער פּראָפעסאָר אין טונקעלע, טאקע, דאכט זיך, גרינע ברילן (ביז איצט האָט ער געטראָגן געווייַנלעכע), האָט זיך אָפּגעשטעלט פארן לעצטן גאנג טרעפּ, באהאלטנדיק א טיכעלע אין קעשענע פון פּידזשאַק. ער איז געווען אָן א שטעקל, און פריִער האָט ער זיך מיט דעם ניט צעשיידט. לויט דעם אויסדרוק פון זייַן פּאָנעם, א געלבלעך־בלייכס, מיט שפּיציקע וואָנצעס פון טאבאק־קאָליר און א קליין קופּקעלע האָר סאמע בא דער אונטערשטער ליפּ אָנשטאָט א בערדל, האָט זי פארשטאנען: דער פּראָפעסאָר זעט. ער האָט זיך אנטשלאָסן און געמאכט אן אָפּעראציע.

בעלע מאָיִסייעוונע האָט שטאר א קוק געטאָן אף וואליען מיט רויטע פארוויינטע אויגן, קוים געענטפערט אף איר באגריסונג און גענומען אופשליסן די טיר. וואליע האָט געוואַרט אפן פּראָפעסאָר, איבערכאזורנדיק אין געדאנק, וויִאזוי מע רופט אים: „הילעל יוליסאָוויטש“.

סאכאקל עטלעכע מאָל אין מעשעך פון די אלע יאָרן איז איר אויסגעקומען זייַן בא די שכיינים. איין מאָל האָט זי געמוזט אָנקלינגען אין טעאטער, וואָרענען, אז זי פילט זיך ניט גוט, א צווייט מאָל — אָנעמען אן עמער וואסער, בא דער מומען איז דער קראן קאליע געוואָרן, א דריט מאָל — ווידער מיסטאמע באנוצן זיך מיטן טעלעפאָן... יעדעס מאָל האָט זי געוואָלט, אז עפענען זאָל בעלע מאָיִסייעוונע, און עפענען פלעגט גראָד ער, דער פּראָפעסאָר אליין. אופגענומען האָט ער זי גוט. בייסן לעצטן מאָל איז דער פּראָפעסאָר שוין געווען אינ־

גאַנצן בלינד און געזאָגט: „אַ קאַטאַראַקט, נאָר דאָס זײַנען נאָך פֿאָרט ניט דעם טויטס שערבלעך אויף די אויגן...“

ניט נאָר מאַכמעס דער נעכטיקער מיספֿאַרשטייעניש מיט בעלע מאָיִסייעוונען, נאָר אויך מאַכמעס דעם לעבנס־דאָרשט, וואָס וואַליע האָט געשפּירט אינעם דאָזיקן אַלטן מענטשן, האָט זי באַשטימט זיך ווענדן איצט צו אים. דערקליבן זיך ביזן לעצטן טרעפּל, האָט ער שווײַגנדיק צוגערירט זיך מיט דער רעכטער האַנט צו דער צעקנייטשטער שליאַפּע — באַגריסט זיך אַזוי אַרום מיט וואַליען.

— הילעל יוליסאָוויטש, דערלויבט אַרײַנגיין צו אײַך אויף אַ פּאָר מינוט!

— ביטע, ביטע, — ער האָט זי דורכגעלאָזט פֿאָרויס אינעם האַלב־טונקעלן קאָרידאָר, — אָט אַהער — רעכטס, ביטע, רעכטס...

זי איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין זײַן קאַבינעט. איין וואַנט איז פֿאַרשטעלט מיט ביכערשרענק, די צווייטע — מיט פּאָליצעס ביז דער סטעליע, און דאָס אַלץ איז פֿאַרפֿולט מיט ביכער, פּאַפּקעס. לעבן שרײַבטיש — אַ קלענער טישל, צוגעדעקט מיט גלאָז, און אויף דעם — גלעזערנע פּירקאַנטיקע פּושקעס מיט פֿאַרשיידענע פּראָבעס פֿון ליים, זאַמד, ערד, שטיינברוך... אויף די ווענט — בילדער, אויף פּאָליטשקעס — סקולפּטורן, אַלטערטימלעך געפֿעס, נאָר אויף דעם אַלעמען האָט וואַליע ניט באַוויזן קאָנצענטרירן איר אויפֿמערקזאַמקײַט. הילעל יוליסאָוויטש האָט פֿאַרוקט ערגעץ דאָס פּעקל פּאַפּירן, וואָס איז געלעגן אויף אַ שטול, און געבעטן זי זיצן. בעלע מאָיִסייעוונע איז אַ שווײַגנדיקע געבליבן שטיין בײַ דער טיר.

— דער לעצטער גאַסט אין מײַן קאַבינעט, בעלע... האַ?

וואַליע האָט געזאָגט, צוליב וואָס זי איז געקומען. האַרב, פּראָסט. אָן קונצן.

— יאָ, מעגלעך, איר זײַט גערעכט, — הילעל יוליסאָוויטש האָט זי אויסגעהערט שטייענדיק, איצט האָט ער זיך צוגעזעצט, — איר זײַט ווי דער מלאך, וואָס קומט וואָרענען... אויף וואָס אײַער האַשאָרע באַזירט זיך, צי מע האָט אײַך געשיקט, צי איר זײַט אַליין געקומען — דאָס אַלץ איז דאָך ניט שײַעך צו פֿרעגן, דאָס זײַנען זײַטיקע זאַכן. אַ דאַנק, איך גלייב אײַך. איך פֿאַרשטיי, אַז עס וועט זײַן שלעכט, גאָר שלעכט, אָבער אין אַזאַ סאָף, ווי איר זאָגט, גלייב איך ניט. שרעקלעך. ווער די דײַטשן זאָלן ניט זײַן, נאָר מענטשן, כאָטש אין אַ געוויסער מאָס, זײַנען זיי דאָך... יעדנפֿאַלס, איך גיי מיט אַלעמען, מיט די, וועלכע ניט איר, ניט איך קאָנען שוין איצט ניט וואָרענען. איך וועל אַליין זען אַלץ, און זאָל מיט מיר זײַן דאָס, וואָס מיט אַלעמען... — ער האָט אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צו דער שנור, וואַליע האָט אויך געוואָרפֿן אַ בליק אויף יענערס צערודערט־פֿאַרשטיינערט פּאָנעם און פֿאַרשטאַנען: מע האָט זיך שוין גענוג געאַמפּערט, ס'איז אַ געלייזטע פֿראַגע. — בעלע, — האָט ער שטיל געזאָגט, — האָב קיין פֿאַריבל ניט — איך וועל איר אַנטפּלעקן אונדזער סאָד: ריטאָטשקע בלײַבט דאָ, בײַ מענטשן. לעמײַ זאָל איך לייקענען — דאָס איז אויך אַדאַנק אַ וואָרענונג. בעלע וועט זיך עפּשער ווענדן צו אײַך אַמאָל אין אַ נויט־פֿאַל. אויב איר וועט קאָנען — העלפֿט. זי וועט מיך באַגלייטן און אומקערן זיך, ניט אַהער, נאַטירלעך... — מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן: — און עפּשער וואָלט איר זיך גאָר אַריבערגעקליבן אַהער? ניין? איר וואָלט אַכטונג געגעבן אויף מײַנע ביכער. וויפֿל איר וועט קאָנען, טוט עס. די נעשאָמע פֿון מײַן קאַבינעט נעם איך מיט. אָט דאָרט איז זי, שוין אין קאָרידאָר, אין וויגל... ריטאָטשקע איז אין דעם געוואַקסן, און איצט, ווער ווייסט שוין, צי איך וועל דערלעבן צו זען, ווי דאָס, וועגן וואָס איך האָב אַזוי פֿיל יאָרן געטרוימט, וועט אויסוואַקסן...

„ער פֿאַרעדט זיך!“ — האָט וואַליע אַ טראַכט געטאָן, אַ ציטער איז איר דורכגעלאָפֿן איבערן לײַב.

בעלע מאָיִסייעוונע האָט טרוקן געזאָגט:

— אויב איר ווילט, קאָנט איר מיר העלפֿן אַראָפּטראָגן דאָס וויגל.

— וואָס עס פֿאַלט דיר אײַן! — איז הילעל גוראַרי אויפֿגעבראַכט געוואָרן.

נאָר בעלע מאָיִסייעוונע און וואַליע האָבן אים ניט געלאָזט זיך צורירן צום וויגל. עס איז געווען אַ גאַנץ שווערס.

ווען מע איז אויפֿן ערשטן שטאָק פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָס פֿלוגבלעטל, וואָס איז נאָך אַלץ געהאַנגען אויף דער וואַנט, האָט גוראַרי אָנגעיאָגט וואַליען און אַ שעפּטשע געטאָן:

— אָט איז ער, דער מלאך, וואָס האָט מיך געוואָרנט ביז אײַך... לינקס!

3

איבער דעם שטיילן, געשלענגלטן אנדרייעווסקי ספוסק האָבן מענטשן שוין א צײַט מיט האק־און־פאַק זיך געהויבן ארוף, צו דער גרויס־זשיטאָמירער, און פונעם הויף, ווו די קאַלינקעס האָבן געוווינט, האָט זיך נאָך קיינער אין וועג ניט געלאָזט. דער אכציקיאָריקער וווּלאַך, צאלע וווּלאַך, דער שנײַדער, האָט זיך אײַנגעאקשנט: ער האָט ניט וואָס צו גיין אהין, וווּהין די דײַטשן הייסן. אויב פאר בלײַבן קומט מיסע, וועט מען שוין דאָרט, וווּהין מע שיקט, אוודע קיין האָניק ניט לעקן. אזוי האָט ער געענטפערט די, וואָס זײַנען אים געקומען אײַנרעדן. ער איז געזעסן אין זײַן געראמער, שוין לאנג פּוסט געוואָרענער דירע, מיטן אלטמאָדישן מעבל, אפן ערשטן שטאָק פונעם ניט הויכן מויערל, וואָס איז געווען פארוקט אין עק פונעם הויף, און זיך פון אָרט ניט געוואָלט רירן. אײַנגערעדט גיין מיט אלעמען האָבן אים רעפאָעל טשערניאווסקי, וואָס טאקע ער, צאלע, האָט אים מיט וועלכע פערציק יאָר צוריק אויסגעלערנט שנײַדערײַ, סעניע נאכשען, דער פאריקמאכער, און נאָך עטלעכע מאנצבלען פון הויף — מע קאָן אים דאָ ניט איבערלאָזן, ס׳וועט אלעמען קאָסטן געזונט. און זאָל ער ניט שרעקן מיט זײַנע רייד און מיט זײַן אקשאָנעס די ווײַבער און די קינדער — ביטער איז אלעמען, און אויב אים איז אפילע ביטערער, ווי עמעצן אנדערש, איז דאָך דער טויט בעפיירעש ניט זיסער. און דער, וואָס בלײַבט דאָ, מעג זיך שוין געוויס האלטן פאר א מעס.

די, וואָס האָבן אײַנגערעדט דעם אלטן וווּלאַך, האָבן ניט געוווּסט, ווו מע האלט אין דער וועלט מיט זײַן קרויווע, אויך וווּלאַך, בוזיע וווּלאַך, א פרוי פון קנאַפּע פופציק, א קרעפטיקע, א ביסל א קאָסאָקע, מיט אָפּגעבריטער רויטקײַט אף די באקן — זי האָט געארבעט אלס א בעקערן, געשטאנען אין ברויט־זאוואָד באם סאמע אויוון. געוווינט האָט זי דאָ ניט לאנג. אן אַנגעפאָרענע פון פוילן, האָט זי געבראכט מיט זיך איר איינציק פארמעגן — א שיינע טאָכטער, ניוסיע, וועלכע האָט דאָ אפילע געהאט אָנגעהויבן זיך לערנען אין אוניווערסיטעט. ניוסיע האָט געגראָבן אָקאָפּעס הינטער פושטשע־וואָדיצע, און א דײַטשישע באָמבע האָט זי דערהארגעט. א ווײַסע פאסמע האָט זינט דער וויסטער בסורע געשלענגלט זיך אין דער מאָמעס פײַערדיק־געלע געקרײַזלטע האָר פון שטערן ביזן נאכלעסיק פארדרייטן קובלעק. פאר דער גאנצער צײַט, וואָס מע האָט אײַנגעטײַנעט מיטן אלטן צאלע, האָט בוזיע וווּלאַך קיין וואָרט ניט ארויסגעבראכט. בלויז איין מאָל האָט זי ביטער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און טרערן האָבן זיך א גאָס געטאָן פון אירע אויגן — שוין צום סאָף, ווען ער האָט געזאָגט:

— א שערבל לעבט איבער דעם טאָפּ, נאָר ווער דארף עס, דאָס שערבל... גייט, מענטשן, מיילע, מיר וועלן באלד ארויסקומען.

טיכאָן וואסיליעוויטש האָט, סמאָקענדיק די אויסגעלאָשענע ליולקע, געקוקט דורכן אָפענעם פענצטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בא דער סאמע ערד, אין הויף ארײַן.

אנטקעגן, לעבן די צעבראָכענע מאלוועס, אונטער רעפאָעל טשערניאווסקיס פענצטער, איז אָנגעלאָדן ביז ארוף מיט טשעמאָדאנעס און פעק געשטאנען דעם פארשטאָרבענעם מייערקע דעם פורמאנס פורל — אָנשטאָט דער הינטערשטער ראָד, וואָס האָט געפעלט, איז געווען צוגעפעסטיקט א דראָנג. לעבן פורל זײַנען אפן צוגעוועלקטן גראָז געזעסן עטלעכע ייִנגלעך, גרייט אײַנשפאנען זיך (אייניקע האָבן זיך שוין געפרווט שטעלן צווישן די האָלאָבליעס, וואָס זײַנען דאָרט, ווו די דוהע ווערט געוויינלעך צוגעפעסטיקט, צונויפגעבונדן געווען מיט שטריק) אָדער אונטערשטופן עס. קינדער האָבן זיך געשפּילט ארום דעם פורל — די, וואָס וועלן באלד אוועקגיין, און די, וואָס וועלן בלײַבן, — געקראָכן צווישן די רעדער, א באלן געווען ארופדראפען זיך אף די פעק, נאָר עלטערע האָבן דאָס ניט דערלויבט צו טאָן. פיר מישפּאָכעס פון די נײַן, וואָס זײַנען שוין, אייגנטלעך, געווען הײמלאָז, האָבן אפן פורל צונויפגעלייגט דאָס ווערטפולסטע און דאָס נייטיקסטע פון זייער פארמעגן.

בא די פארגלאָזטע גאנעקלעך און לעבן די אראָפּגאנגען אין די קעלערס האָבן געוואָרט נאָך עטלעכע אָנגעפאקעוועטע וועגעלעך און טאטשקעס. אף איין טאטשקע זײַנען געלעגן די נאכשענס זאכן: דער הויז־וועכטער האָט זומער געפירט אין אָט דער טאטשקע מיסט, ווינטער — שניי, און נעכטן געשענקט זי סעניען. און עפשער — פארקויפט? נאָר וועגן דעם רעדט מען ניט, קעדיי ער, טיכאָן וואסיליעוויטש, זאָל ניט וועלן געבן צושטײַער. אף דער טאטשקע איז אויסגעטיילט געוואָרן אן אָרט פאר עדיקס ביכער און פארן סלוי אײַנגעמאכטס פון מאלינע, וואָס דאָקיא סטאסאָוונא האָט אומבאדינגט באשטימט מיטנעמען.

מע האָט שוין ארויסגעטראָגן אין הויף די פאראליזירטע ציינדאָקטערן זינאַידע באָריסאָוונע. זי ליגט אפן טראָגבעטל, וואָס דער אינוואליד אָנעם פוס, דער אײדעס, האָט צונויפגעקלאפט, און עס זאמלען זיך ארום איר די פרויען מיט די פיצלעך קינדער, וועלכע מע קאָן נאָך ניט אָפּלאָזן פון זיך. און ווידער זײַנען דאָ אזעלכע, וואָס דארפן באלד אוועקגיין,

און אַזעלכע, וואָס וואַרטן, קעדיי זיך געזעגענען מיט זיי. דאָרט זיצט אויך די נאַכשענעכע אויף א פֿוסבענקעלע, וואָס מע האָט אָפּגערעדט מיטנעמען אין וועג אַרײַן. זי איז מאַמעש דורכזיכטיק, די נאַכשענעכע, אַזוי בלאַס און אויסגעצערט איז זי, און די צוויי ייִנגערע קינדער קלעפּן אַרום איר. ווי וועט זי גאָר גיין, וויפֿל מאָל וועט מען זיך מוזן אָפּשטעלן אין וועג, קעדיי זי זאָל זיך אָפּרוען אויפֿן פֿוסבענקעלע? און זי וועט נאָך בעפּיירעש באַשטיין, אַז א קינד זאָל זיך בעסער צוזעצן...

א ביסל אין א זײַט פֿון די פֿרויען, און אָפּגעזונדערט איינע פֿון דער אַנדערער, זײַנען געשטאַנען מאַריקע פּאָלישטשוק, וועלכע האָט אויך איצט, א צערויטלטע, מיט טרוקן־פֿלאַמענדיקע אויגן — די טרערן האָבן זיך אויסגעלאָזט — באַקלאָגט איר געהאַנגענעם מאַן, און די שטאַלטנע, גראָוו געוואָרענע לעסיע דראָבאָט — אַכט און צוואַנציק קוילן האָבן לעבן איר דורכגעבויערט די וואַנט, נאָר ניט געצוווּנגען זי זאָגן דאָס, וואָס די דײַטשן האָבן געפֿאָדערט. מאַריקעס און לעסיעס האַלטן זיך אָפּגעזונדערט האָט באַטײַט: „מיר ווילן קיינעם ניט זאַלצן אויף די ווונדן. אָט שווײַגן מיר, נאָר מיר ווייסן, וואָס א צאָרע הייסט, און מיר זײַנען בעמיילע מיט די, וועמען די צאָרע דערוואַרט נאָך“.

טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט דאָס אַלץ צוגעקוקט, אָפּגעשאַצט און געטראַכט זיך זײַנס: „ווער זשע איז גערעכט — די, וואָס גרייטן זיך אין וועג, צי דער אַלטער צאַלע, וועלכער וויל אין ערגעץ ניט גיין?“ ער האָט געוווּסט דעם ענטפֿער, און אונטערגעזאָגט האָט אים א פֿאַשעטע לאָגיק: „אויב ניט גיין מיט אַלעמען, איז מען דאָך אַוודע אויסגעשטעלט אויף טויט!“ ער האָט דערלאָזט אַפֿילע מער: „צאַלע איז א זאָקן, ער האָט ניט אַזוי וואָס צו זשאַלעווען און האָט ניט וואָס צו זוכן ערגעץ־ווו“. אַלעמאָל איז טיכאָן וואַסיליעוויטשן אומאָנגענעם געווען, ווען מע האָט געוווּנקען אויף עמעצנס עלטער, אַז מע ווערט קלוימערשט מיט די יאָרן אַלץ העפֿקערדיקער, וועלוועלער בא זיך. מיט יעדן יאָר האָט דאָס אים אַלץ מער געאַרט: אַליין איז ער דאָך שוין אויך בא די זיבעציק. „צוליב עדיקן. ווען צאַלע האָט אַזאַ עדיקן, וואָלט ער אויך געגאַנגען“. דאָס איז געווען דער ענטפֿער, צו וועלכן טיכאָן וואַסיליעוויטש איז אַלע מאָל געקומען, און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער דרייט זיך בעקיוון אויס פֿונעם עמעסן ענטפֿער, אַז ער וויל ניט א קוק טאָן א ביסל ווײַטער. און עפּשער קוקט גראָד אַהין צאַלע וואָלאַך? אָט פֿאַרוואָס טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט איצט באַזונדערס אָנגעשטרענגט געוואַרט, און אַוודע ניט נאָר ער איינער.

די יעדיִע, אַז דער אַלטער צאַלע וויל ניט גיין, וווהין עס איז באַפֿוילן, האָט געבראַכט עסטערקע, וועלכע איז שוין פֿאַרן אינדערפֿרי עטלעכע מאָל אַרײַנגעלאָפֿן צו די קאַלינקעס.

עדיק האָט עפּעס געכעזשבנט אויף דער פֿאַרגעלטער צײַטונג, מיט וועלכער עס איז פֿאַרשפּרייט דער טיש אין קיך, — זײַנס א מיטל ניט צו זען, ניט צו באַמערקן, וואָס אַרום קומט פֿאָר, כאָטש טיכאָן וואַסיליעוויטשן האָט לעצטנס זיך געוווּנמען אויסווײַזן, אַז טאַקע כעזשבענענדיק טראַכט דאָס ייִנגל באַזונדערס געניוי דורך אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר מיט אים און אַרום אים. עסטערקע האָט א פֿאַרקלערטע, א פֿאַרומערטע געקוקט, ווי ער שטעלט אויס די זײַלעכלעך פּיצינקע ציפֿערן, נאָר, דאַכט זיך, ניט געשפּירט נאָך זייער אינהאַלט. די פֿאַרומערטקײַט אירע און די פֿאַרקלערטקײַט האָט עפּשער בלויז געדאַרפֿט פּאַסן צו דער אַלגעמייַנער שטימונג. די שוואַרצע בליצנדיקע אויגן דעם מיידלס, די ראָזע פֿלעקן אויף אירע באַקן האָבן גאָר איידעס געזאָגט, אַז זי איז אויף איר אויפֿן אופֿגערוימט און, מעגלעך, אַפֿילע גליקלעך. בא עסטערקען איז דאָס זײַן אינײנעם מיט עדיקן אַלעמאָל געווען א פֿרייד, הײַנט אַז מע וועט נאָך אָט־אָט אָוועקלאָזן זיך ערגעץ צוזאַמען אין וועג!..

טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט דורך אַלע זײַנע זאָרגן מיט איין ווינקעלע מויעך געטראַכט וועגן עסטערקען: פֿאַראַן אין איר קינדערש געפֿיל שוין א ביסל ניט קינדערישעס אויך, אָבער אויסוועגלאָז איז עס, דאָס געפֿיל, לאַכלוטן ניט דערפֿאַר, ווײַל דאָס ערשטע געפֿיל איז צומייַנסטנס אויסוועגלאָז...

און נאָך מיט איין ווינקעלע מויעך האָט ער געטראַכט וועגן דאָקיען, וועלכע איז אויך געזעסן א פֿאַרומערטע, אין יענער טיפֿער אויסגעלאָשנקײַט, וואָס עס ברענגט אויף דער עלטער א בראָך. צו אַלע צאָרעס האָט ער נאָך, טיכאָן, ניט לאַנג צוריק זי באַליידיקט (ניט אין עדיקס און עסטערקעס אָנוועזנהײַט, ער האָט קיינמאָל, אַזוי אַז עמעצער, און ווער רעדט — עדיק זאָל קאָנען הערן, קיין קרום וואָרט ניט געזאָגט דעם ווײַב). זי האָט זיך געכאַפּט, דאָקיע, אַז מע האָט ניט פֿאַרפּאַקעוועט די האַנטעכער, וועלכע זי האָט געהאַט אויסגענייט צו זייער כאַסענע, האָט ער זיך א בייזער געטאָן — גענוג שוין איבערבינדן די פּעקלעך. ווער ווייסט, צי מע וועט זיי ביכלאַל אין וועג ניט מוזן אַוועקוואַרפֿן. ער האָט זיך טאַקע באַלד באַקלערט, גענומען בא איר פֿון די הענט די האַנטעכער און אַרײַנגעשפּאַרט זיי אינעם רוקזאַק, וואָס ער וועט

טראָגן, ווײַל זי — אַן אַקשן איז זי — האָט זיי געוואָלט פֿאַרוקן אין איר פּעקל. און געבראַכטן האָט עס איצט טיכאָן וואַסיליעוויטשן, ווײַל עפּעס איז עס אַ מין סאַכאַקל פֿונעם צוזאַמען דורכגעלעבטן לעבן, וועגן וועלכן ער ווייסט איצט ניט, וואָס צו זאָגן: ס׳האָט עפּעס אַ מאַמאַשעס אָדער ניט, ווי שוים אויף וואַסער?..

אין הויף האָבן זיך באַוויזן די, וואָס זײַנען מיט אַ פּערטל שאָ צוריק אַוועק צו די וואָלאַכס. עסטערקעס טאַטע האָט, קוקנדיק אויף קאַלינקעס קיד־פּענצטער, ווו ער האָט דערזען טיכאָן וואַסיליעוויטשן, געמאַכט פֿונוויַטנס אַ זשעסט, וואָס האָט באַטײַט: „אַן עק, מיר גייען. קומט אַרויס!“

ער איז צוגעקומען נעענטער און געפֿרעגט:

— מײַן עסטערקע איז בײַ אײַך? נו, דער אַלטער גייט באַלד... אַ באַרג געריררט פֿון אָרט!

ער איז געווען ביז גאָר אויפֿגערודערט, סעניע נאַכשען, און מיט דער פֿאַרהאַוועטקייט האָט ער זיך אַליין געמונטערט. ער האָט ניט געוווּסט, צי איז עס אַ סגולה פֿונעם ערגסטן אומגליק, דאָס, וואָס מע גייט שוין, צי ס׳איז דער אָנהייב פֿון אַזאַ צרה, וואָס בעסער ניט פֿאָרשטעלן זיך זי.

עדיק און עסטערקע זײַנען די ערשטע אַרויס אין הויף. דאָקיאַ סטאַסאָוונאַ איז זיי נאָכגעגאַנגען, נאָר לעבן די טרעפּלעך איז זי געבליבן שטיין — צוגעוואַרט אויפֿן מאַן. ער האָט פֿאַרמאַכט דאָס קיד־פּענצטער, פֿאַרשלאָסן פֿון דרויסן די טיר. און ערשט דעמאָלט האָט מען אַ קוק געטאָן איינער דעם צווייטן אין די אויגן. ס׳איז געווען די זעלבע ציטעריקע פֿראַגע: „מיר טוען רעכט?“ און געענטפֿערט האָט מען זיך, ווי שוין ניט איין מאָל זינט נעכטן: „מיר טוען, ווי מענטשן“. נאָר געווען איז אין אָט דעם בליק אויך עפּעס מער: עפּשער ליבע, און עפּשער פּאָשעטע דאַנקבאַרקײַט פֿאַר דעם, וואָס מע האָט זיך ניט אָפּגענאַרט איינער אינעם אַנדערן, און וואָס מע קאָן אויך איצט, אין פּאַכעד און אומוויסן, גיין צוזאַמען.

— אין אַ גוטער שאָ...

— יאָ, אין אַ מאַזלדיקער...

4 צאַלע וואָלאַך, אָנגעטאָן אין אַן אונטערגעגאַרטלטן ווײַסן קיטל מיט ברייטע אַרבל און אין אַ יאַרמלקע, איז אין איינע זאַקן אַרויס אין הויף. דער ווינט האָט געשויבערט זײַן גראָוע באָרד, און אַליין, אַ דאַרער, אַ שלאַבעריקער, האָט ער אויך מאַמעש זיך געוויגט פֿונעם ווינט, נאָר דעם קאָפּ געהאַלטן גלײַך און שטרענג געקוקט פֿאַר זיך. אַ סאַך יאָרן האָט מען צאַלען און אויך אַנדערע אַלטע ייִדן ניט געזען אין אַזאַ קליידונג.

צאַלע האָט זיך דערנעענטערט צו די פֿורן, וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַרום דעם טראָגבעטל, אויף וועלכן די צײַנדאַקטערן איז געלעגן. עטלעכע באַאַרטע פֿורן, וואָס האָבן גוט געוווּסט, ווען מע טוט זיך אָן אַזוי ווי צאַלע, האָבן זיך צעווײנט. האָבן שוין אויפֿגעהויבן אַ געיאָמער, נאָך אַ העכערן און נאָך אַ ביטערערן, די ייִנגערע, וועלכע האָבן ניט געוווּסט, וואָס דאָס באַטײַט פּינקטלעך, אָבער אַז דאָס באַטײַט עפּעס גרויזאַמס, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען. קוקנדיק אויף די מאַמעס, האָבן אויך זיך צעכליפּעט די פּיצלעך.

דער אַלטער איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער, מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי ער זאָל וועלן זאָגן: „וואָס איז דער מער: צו אײַך האָט עס קיין שײַכעס ניט!“ און אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען דאָס געוויין איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, האָט ער זיך טאַקע אָנגערופֿן מיט אַ גאָר שוואַכער שטים:

— ס׳איז יאָמים־נוירוּאָים, — און אויף רוסיש, — גראָזניִע דני... לאָזט מיך גיין אַזוי, ווי מע דאַרף גיין אין אַזעלכע פֿאָרכטיקע טעג. ווער ווייסט, צי וועל איך דערציִען ביז „נילע“. קטאָ זנאַיעט...

און ער איז אַוועק צום נידעריקן טויער, דורך וועלכן ס׳האָט זיך אַרײַנגעריסן דער רויש פֿונעם האַמוין, וואָס איז געגאַנגען אַרויף־גאַס.

טיכאָן וואַסיליעוויטש און דאָקיאַ סטאַסאָוונאַ האָבן זיך אויפֿגעהויבן איבער די טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט פֿון זייער קעלער, ווען צאַלע אין זײַן ווײַסער קליידונג האָט נאָרוואָס זיך אָפּגעשטעלט לעבן די פֿורן. וואָס ער האָט זיי געזאָגט, האָט מען ניט געהערט, און פֿרעגן וועגן דעם דערנאָך, ווען ער איז אַוועק, — איז סײַ דער קאָפּ ניט געווען דערבײַ, סײַ ס׳האָט קיין צײַט ניט געקלעקט. אין הויף האָט מען זיך אָנגעהויבן געזעגענען, עס האָבן זיך צעגרילצט די וועגעלעך, די טאַטשקעס, אַלץ איז געקומען אין באַוועגונג.

מיטאַמאָל האָט זיך לעבן טויער אַוועקגעשטעלט נאַזאַר פֿוקסאַ און גענומען פֿאָדערן בײַ יעדער מישפּאָכע, וואָס איז אַרויס פֿון הויף, די שליסלען פֿון די פֿאַרלאָזטע דירעס. סעניע

נאכשען האָט אָפּגעלאָזט די הענטלעך פון דער טאַטשקע, ארויסגענומען פון קעשענע צוויי שליסלען אַף א רייפעלע, א טיצע זיי געטאָן פוקסען אינעם געלבלעך־רויטן קאַבאַק־פּענעמל, ברייט פארמאָסטן זיך און פאַרוואָרפן זיי העט צו די שטעלעכלעך: „גיי נעם!" פוקסא, אן אַנגע־גאָסענער, ווי א פעסל, עפּשער אַף צוויי קעפּ נידעריקער פונעם פאַריקמאַכער, האָט גענומען אונטערטאַנצן, קעדיי אָנכאַפּן אים פאַר דער ברוסט. סעניע האָט ארויסגעשטעלט פאַרויס די רעכטע האַנט, צונויפגעבײַלט א פויסט, און מיט דער לינקער באַמיט זיך פאַרזיכטיק אָפּרוקן אין א זײַט דאָס קראַנקע ווײַב, וואָס האָט אים געוואָלט פאַרשטעלן, נאָר דאָ זײַנען צווייען — עפּעס א פרעמדער באָכער און א שאָכן פון הויף, דער הינקעדיקער ליפּע ברײַנדיס, וועלכער איז מיט עטלעכע מינוט פאַר דעם אוועק מיטן געזינד צום טויער, אָנגעקומען דורכן טויער מיטן פאַרכאַלעשטן צאַלען אַף די הענט, און פוקסא האָט זיך זיי א וואָרף געטאָן אנטקעגן:

— צוריק! צוריק!

— צוריק? אך, דו גאזלען, לאָזסט ניט?! — מע האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי מאַריקע פּאַלישטשוק האָט א שלײַדער געטאָן אַף דער ערד די שאַל, אין וועלכער זי האָט זיך געוויקלט, און איז פון א זײַט אָנגעפלויגן אַף פוקסען, א פּליאַסק געטאָן איבערן פעטן פּאָנעם, אראָפּגע־שמיסן דאָס היטל פון קאָפּ, אײַנגעקלאַמערט זיך מיט די פינגער אין זײַנע האָר און איינצײַ־טיק געשלאָגן מיט די פיס, וווהין זי האָט נאָר געטראָפן. — אך, דו פאַרעטער, אך, דו גאַז־לען! — האָט זי געכריפּעט. — גרישעס בלוט ברענט אַף זײַן שטערן! צוריק לאָזסטו ניט, הא? און אז מײַן גרישע וועט דיך קומען ווארגן, גרישע?!..

טשערניאַוסקיס ייִנגל, שמוליק, א יאָדערדיקער, א ספּריטנער (ער האָט זינט א צײַט געהייסן אין הויף „קימאַט א שלאָסער"), האָט געכאַפּט א שטעקן און עטלעכע מאָל דערלאַנגט מיט אים פוקסען איבער דער פּלייצע. פוקסא האָט קוים זיך ארויסגעריסן פון מאַריקעס הענט און איז דורך א לאָך אין פּלויט פאַרשוווּנדן אין שכײנעסדיקן הויף.

— קום, מאַריקאַ, — האָט הייזעריקלעך געזאָגט די גראָווע לעסיע דראַבאַט, ארופּוואַרפנ־דיק איר די שאַל אַף די אַקסל, — דאַרפסט אוועק פונדאַנען... מע וועט שוין דאָ אָן דיר...

אָט דער „אָן דיר" האָט באַטײַט: אייסעקן זיך מיטן אלטן וואָלאַך, אוועקגיין, וווהין מע קלײַבט זיך גיין, ארויסבאַגלייטן; עס האָט אויך באַטײַט: „ביסט א מאַלאָדיעץ!" זי האָט זיך צעקושט, לעסיע, גאָר מיט טשערניאַווסקיס ייִנגל, וועלכער האָט אלץ געהאַלטן דעם שטעקן אין האַנט, און אוועקגעפירט מאַריקען ווײַטער אין הויף, ווו ס'איז געווען אָן ארויסגאַנג אַף דער צווייטער גאַס.

בוזיע וואָלאַך האָט, בייס צאַלע איז אוועק פון הויף, געהאַט פאַרהאַלטן זיך בא דער פור, אַף וועלכער זי האָט ארופגעוואָרפן אָן אפגיך צונויפגעבונדענעם פּאַק און געזען, מע זאָל אים דאָרט אײַנמאָסטען. אָן טומל איז זי צוגעגאַנגען צום אלטן, וועלכן ברײַנדיס און דער פרעמ־דער באָכער האָבן געהאַלטן אַף די הענט, אונטערגעהויבן אים א ווײַע און מיט אזא באַהערשט־קײַט, אז דאָס האָט ארויסגערופן א ציטער בא אלעמען, געזאָגט:

— ער לעבט. טראָגט אים ארײַן אין שטוב. וואַרטן אַף אונדז דאַרף מען ניט. דער פּאַק מעג בלײַבן אַף דער פור.

מע האָט פונדעסטוועגן נאָך געוואַרט, איז זי ארויס אין עטלעכע מינוט ארום מיט ברײַנ־דיסן און דעם פרעמדן באָכער און איבערגעכאַזוערט:

— פאַרהאַלט זיך ניט. אז מירן קאָנען, וועלן מיר אײַך דעריאָגן.

און אוועק צוריק מיט שווערע טריט, און אלע האָבן געזען איר ניט גאָר שטײַף צונויפ־געדרייטן קובלעך, פון וועלכן ס'האָט איבערן געל־פלאַמענדיקן קאָפּ זיך אוועקגעצויגן די ווײַסע פּאַסמע, וואָס איז אזוי ווי נאָך ברייטער געוואָרן.

מע האָט ארומגערינגלט ליפּע ברײַנדיסן, און ער האָט דערציילט:

— פוקסא האָט אים פאַרטשעפּעט באַם טויער, צאַלען. א כויזעק געטאָן צי עפּשער בא אים דעם ערשטן געמאָנט דעם שליסל. צאַלע האָט זיך אפילע ניט אומגעקוקט, און דער ניוזעק איז געבליבן אָפּהענטיק. באַלד האָט פוקסא מיך אָפּגעשטעלט, און איך זע דורכן טויער: צאַלע האָט זיך דערנעענטערט צום ברוק, איבער וועלכן א סאַך מענטשן זײַנען פונקט אָנגעגאַנגען, עפּעס אויסגעשריגן צו זיי און גענומען פאַלן. אָט דער באָכער האָט אים אונ־טערגעכאַפּט.

דער באָכער האָט שוין א פּאָר מאָל געוואָרפן א בליק צום טויער — מיסטאָמע האָט מען אַף אים געוואַרט אין גאַס. און דאָ האָבן די פרויען גענומען אונטערריאַגן: פוקסא קאָן זיך אומקערן מיט דײַטשן. האָט דער באָכער געזאָגט, ווי ער זאָל זיך בלויז צוליב דעם האָבן פאַרהאַלטן:

— איר ווילט וויסן, וואָס ער האָט געזאָגט: „צי דען האָב איך דאָס גאַנצע לעבן גענייט דער וועלט טאַכריכים? עס קאָן ניט זײַן!“

כאָטש דאָס, וואָס צאַלע האָט אויסגעשריגן, האָט עמעצער איבערגעזעצט אַף רוסיש, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש דאָס וואָרט „טאַכריכים“ פאַרשטאַנען אויך אָן א טײַטש, און ס׳האָט אַזוי־אָ, אַף ייִדיש, געקלונגען אין זײַנע אויערן, ווען מע איז שוין געגאַנגען אַרויף־באַרג, אינעם געדיכטן אוילעם, און ער — פון איין זײַט, עדיק — פון דער צווייטער, האָבן געהאָלפן סעניע נאַכשענען אײַנהיטן דאָס גלײַכגעוויכט פון דער שווערער טאַטשקע און שטופן זי איבער די סטאַרטשענדיקע שטיינער פונעם ברוק. וואָס צאַלע האָט געמיינט, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש פאַרשטאַנען, נאָר ווידער איז עס ניט געווען קיין ענטפער אַף דעם, וואָס עס קומט דאָ פאָר. ס׳איז געווען א קוק אין דער ווײַט: „עס קאָן ניט זײַן!“ אין דער ווײַט האָט ער אויך געקוקט, טיכאָן וואַסיליעוויטש, און דערפאַר איז אים אַזוי אָנגעגאַנגען עדיק, און אפילע עסטערקעס געפיל צו עדיקן, און אַוואַדע עדיקס — צו איר, וואָס אויב מע וויל, קאָן מען עס גאָר אַוועקמאַכן מיט דער האַנט (און וואָרעם איז געווען אַפן האַרצן, טאַקע ווײַל ער מאַכט דאָס ניט אַוועק). נאָר — „טאַכריכים“, צי דען זאָל קאָנען געשען עפּעס שלעכטס, ווי אין אַבוכאָוו? ניין! וואָס ווייסט דער אַלטער ווולאַך — דאָס, וואָס אַלע, וואָס ער, טיכאָן וואַסיליעוויטש, ווייסט. און וואָס ווייסט ער? וואָס ווייסן אַלע? אַז ס׳איז ניטאָ זיך וווּהין אַהינצוטאָן. אָט האָט דאָך דער אַדוואָקאַט אויך געזאָגט: „ווער עס פילט אויס דעם באַפעל, איז, יעדנפאַלס, אין א בעסערער לאַגע, איידער דער, וואָס פילט אים ניט אויס“.

וועגן באַרדאַכן האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש א קלער געטאָן, ווײַל ער האָט אַפן טראָטואַר דערזען פאָרן אין וויגל פון א מאַטאָציקל דעם בורגאָמיסטער אָזנאָבלינען, וואָס אַף די טרעפּ פון זײַן דירע איז נעכטן פאָרגעקומען דער שמועס מיטן אַדוואָקאַט. צונויפגעלייגט די הענט אַפן בויך, מיט א פאַרקרימט פּאָנעם דערפון, וואָס ער מוז אָט־אָ לײַדן פון אַזאַ אומבאַקוועמלעכקײַט — דער ברוק איז פאַרפּראָפּט, האָט אָזנאָבלין געגלאָצט די וואַסערדיקע אויגן, באַמיִענדיק זיך אַף קיינעם פון האַמוין זיי ניט אָפּשטעלן, און פלוצעם האָבן זיך די ברעמען זײַנע א הייב געטאָן: ער האָט באַמערקט טיכאָן וואַסיליעוויטשן. איצט האָט ער אים ניט באַגריסט דער ערשטער, נאָר געוואַרט, און אפילע מיט אָנגעשטרענגטן נײַגער, דער אַלטער זאָל זיך מיט אים באַגריסן. טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט זיך אויסגעגלײַכט, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ.

טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט ניט געוווּסט, אַז מיט עטלעכע מינוט צוריק האָט אָזנאָבלינען, און דערבײַ ביז גאָר העפלעך, באַגריסט דער אַדוואָקאַט באַרדאַך, וועלכער האָט אים אויך פאַראַכט, אָבער גאָר אַנדערש, איידער טיכאָן וואַסיליעוויטש.

יאָ, ווען אָזנאָבלין איז אַרויסגעגאַנגען פון זײַן פּאַראַדנע צום מאָטאָציקל, וועלכן ער האָט אַרויסגערופן פריִער, ווי געוויינלעך, קלוימערשט ווײַל אין שטאָט ווערט דורכגעפירט אַזאַ אויסשליסלעכע קאַמפּאַניע און ער דאַרף זיך געפינען אַפן פּאָסטן, נאָר אין טאָך, ווײַל ער האָט געוואָלט גיכער אַוועק פון דער היים, קעדיי אויסמײַדן אַזעלכע באַזוכן, ווי נעכטן, האָט ער אין האַלב־אָפענעם פענצטער אַפן צווייטן שטאָק פונעם אַנטקעגנדיקן מויער דערזען באַרדאַכן אין א פּיזשאַמע. דאָס האָט געדאַרפט באַטײַטן: „איך גיי אין ערגעץ ניט, אַלעקסאַנדער פּעטראָוויטש“. און דער העפלעכער נייג מיטן קאָפּ האָט דאָס אויסגעדריקט נאָך בולטער: „זדראַסטיע, אַלעקסאַנדער פּעטראָוויטש, איך פאַרהאָף, אַז אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, אַז איר געדענקט וועגן מיר...“ און אָזנאָבלינס באַגריסונג, א צוריקגעהאַלטענע, מיט אַן אָנדײַט אַף גאָר וואַזשנער באַשעפּטיקטקײַט, האָט געגעבן צו פאַרשטיין: „דערקוטשעסט, איליא לוואָוויטש, אָ, דערקוטשעסטו! נאָר וואָס צוגעזאָגט, איז צוגעזאָגט. מער? ווער קאָן וויסן?..“

נאָר ער האָט שוין געוווּסט, אָזנאָבלין: ער וועט טאַקע באַלד שיקן עמעצן פון מאַגיסטראַטור פאַרשטעמפּלען באַרדאַכס דירע, און זאָל ער ניט מאַכן קיין פוילע שטיק און אַוועק מיטן לײַביקן ווײַב, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט איר פּאָדאַגרע, און מיט דער זויער־פאַרזעסענער טאָכטער, וועלכע וואַרט ניט אַנדערש, ווי אַף א פּירשט, אַוועק אַהין, וווּ אַלע גייען, און ניט מוליען דאָ מער די אויגן... ווּעמען שיקן? א געוויינלעכן פּאָליצײַ. פאַראַן דאָרט איינער אַזאַ אין קאָרידאָר, א טעמפּלעכער — צו אים וועט באַרדאַכס שיינריידערײַ צושטיין, ווי אַרבעס צו דער וואַנט. און אַז עס זאָל אויסקומען גאָר אָנשטענדיק, דאַרף מען בעטן בא באָסן א דײַטש, פון די, וואָס באַוואַכן דעם צווייטן שטאָק, דעם „פּערסאָנעל־אַמט“. א שאָד, באָס קומט ניט פריִער פון צען. מיילע, וועט ער צוּוואַרטן, באַרדאַך, זאָל ער אויסטרינקען קאַווע, אויב ער האָט נאָך ניט געטרונקען.

באָס האָט אָנגעזאָגט דעם דײַטש — א יונגינקן סאָלדאט, א זון פון זײַנס א צוויקאוער פרײַנטל, וועלכער האָט געטרוימט וועגן העלדנטאטן, וואָס זאָלן אָבער ניט זײַן פארבונדן מיט קיין סאקאָנע פארן אייגענעם לעבן:

— צאצקע זיך ניט מיט זיי, ראָלף.

און ראָלף האָט זיך ניט געצאצקעט. בארדאך האָט באטאָנט, אז קיינעמס דירע שטעמפּלט ניט די מאגיסטראטור, הייסט עס, ער און זײַן קליינע מישפּאָכע פארדינען א באזונדערע באַהאנדלונג. אויב מע האָט דעם געשעצטן הער ניט אָפּגעגעבן די געהעריקע פאראָרדענונג, איז עס א פארזען, א פארדריסלעכער פארזען, זאָל ער זיי פירן אלע דרײַ — אים, די פרוי און די פרײַלן — אין מאגיסטראטור. דער פּאָליצײַ האָט ניט פארשטאנען קיין דײַטש, און צו אים האָט, אייגנטלעך, קיינער זיך ניט געווענדט, האָט ער געשוויגן און ניט אראָפּגענומען די טעמפּלעכע אויגן פון ראָלפן. און בא ראָלפן האָבן די ביר־קאָלירענע אויגן פריילעך געגלאנצט:

— רעכט, רעכט, מע קאָן גיין אין מאגיסטראטור.

אין הויף האָט ער די בארדאכס געהייסן גיין פאָרויס און, ניט אראָפּנעמענדיק פון האלדז דעם רימען, אף וועלכן דער אווטאָמאט איז געהאנגען, אומבאמערקט אָפּגעצויגן דאָס געווער פון דער ברוסט אף א זײַט. אָנקוועטשן אפן צינגל און א קערעווע טאָן דעם אונטערשפּרינגענדיקן אווטאָמאט הין און צוריק האָט קיין באזונדער מי ניט געפאָדערט.

נאזאר פוקסא האָט געסטארטשעט באם טויער פון זײַן הויף. ער האָט ארויסגעקוקט אף מאריקע פּאָלישטשוק, פון מאָל צו מאָל ארומגעטאפּט די שוין צוגעטריקנטע דראפּן אפן פּאָנעם און געקרימט זיך. דערהערט די שיסערײַ און דערזען, אז מע צעלויפט זיך פון גאס, — מענגעס האָבן אלץ געהויבן זיך איבער איר, — איז פוקסא אוועק צום הויף קעגניבער. דרײַ דערשאָסענע זײַנען געלעגן ניט ווײַט פונעם אופגעפּראלטן טויער — די בארדאכס. און אָט איז דער דײַטש, און אָט איז דער פּאָליצײַ — מע פארייכערט. האָט ער אויך געבעטן א פּאַפּיראָס באם יונגינקן דײַטש און פאָרגעלייגט:

— עס איז דאָ נאָך א שטיקל ארבעט. אָט דאָ אנטקעגן, אין הויף, ווארפן צווייען זיך ניט אונטער דעם באפעל.

ראָלף האָט געזאָגט, אז מע קאָן צוגיין א קוק טאָן; דער פּאָליצײַ האָט א וואָרף געטאָן די ביקס אפן אקסל.

בוזיע ווולאך האָט זיי געזען אָנקומען — דעם דײַטש, דעם פּאָליצײַ און פוקסען. זי איז געשטאנען באם פענצטער פונעם גרויסן צימער, ווו דער אלטער צאלע איז געלעגן אף דער קאנאפּע — דאָרט, ווו מע האָט אים אוועקגעלייגט. בוזיע האָט פאָרזיכטיק אָפּגעלאָזט דעם ברעג פונעם לײַלעך, מיט וועלכן דאָס פענצטער איז געווען פארהאנגען, און איז אוועק אין קיך. דאָרט, בא דער טיר, איז גרייט געווען א האק. אין פשעגורסק, אין פוילן, האָט זי ניט געארבעט אין אזא געהויבענער בעקערײַ, ווי דאָ. דאָרט האָט זי, די בעקערן, ניט איין מאָל געדארפט א פארפּאליעטע ארויסשפּרינגען אין הויף און אָנהאקן א ביסל טרוקן האָלץ, קעדיי אין אויוון זאָל בעסער פלאמען. זײַנען צו א האק בא איר די הענט געווען געוווינט. ס׳איז נאָר אַן אווירע, וואָס זי האָט אפילע קיין שטיין ניט געהאט אונטער די הענט, ווער רעדט א האק, דעמלט, אין וואלד הינטער יאראָסלאוו, ווען די עסעסאָווצעס האָבן דערשאָסן איר מאַן, זײַוולען, וועלכער האָט זיך אומגעקערט מיט א פלאש וואסער פונעם טײַכל פאר איר און ניוסיען, וואָס זײַנען געבליבן שטעקן אין די קוסטעס. כוץ דעם, עפּשער וואָלט זי דעמלט ניט געלאָזט אין גאנג ניט קיין שטיין און ניט קיין האק, ווען זי זאָל זיי אפילע געווען האָבן, קעדיי עס זאָל מיט ניוסיען קיין בייז ניט געשען. איצט איז ניוסיע ניטאָ, און די האק האָט זי, בוזיע, אָנגעגרייט, נאָך ווען דער פעטער צאלע האָט געזאָגט: „איך האָב ניט וואָס צו גיין, מיר איז אלציינס — ווו... דו, בוזיע, גיי — דיך האלט איך ניט“. האָט זי אָנגעגרייט די האק. דערנאָך איז מען אוועק, און ס׳האָט פּאסירט אזוי, אז מע האָט זיך אומגעקערט, האָט זי שוין אף זיכער געוווסט, אז די האק וועט צוניץ קומען.

ווען די טיר פונעם גאנעקל האָט א סקריפּע געטאָן, האָט בוזיע שוין געהאלטן די האק אופגעהויבן איבערן קאָפּ און מיט אַן אקסל האָט זי זיך אָנגעשפּארט אין דער וואנט לעבן דער קיך־טיר. דעם דײַטש, וועלכער איז געגאנגען דער ערשטער, האָט זי געלאָזט אוועקשטעלן דעם פוס אף דער שוועל. די שארף האָט זי אראָפּגעלאָזט א ביסעלע קאָסלעך — אהין, ווו דער האלדז שליסט זיך צונויף מיטן אקסל. אײַנגאנצן א צונויפגעקאָרטשעטער, האָט דער דײַטש זיך אראָפּגעלאָזט אפן דיל. פוקסא, וועלכער איז געגאנגען הינטער אים, האָט מיט א געשריי זיך א וואָרף געטאָן אף צוריק. קעדיי דעריאָגן אים, וואָלט בוזיע געדארפט אריבערשפּאנען איבערן דײַטש, עס וואָלטן פארלוירן געגאנגען עטלעכע רגעס, האָט זי די האק

נאָכגעוואָרפן פוקסען און געטראָפן אים מיטן שפּיץ פון דער שאַרף צווישן די קליִבעס. ער איז געפאַלן מיטן קאָפּ אין דרויסן אַרויס.

דער פּאָליצײַ האָט אויסגעזיפצט מיט דער קאָלבע די ראַם פון קיך־פענצטער, אַרײַנגע־רוקט אַהין פריִער די רער, דערנאָך דעם קאָפּ, אַ פּיר געטאָן מיט די אויסגעבאַנקעוועטע אויגן אין די זײַטן. בוזיע האָט זיך אָנגעבויגן לעבן אויוון, זי האָט געזוכט אַ שײַט האָלץ, עפּעס־וואָס שווערס. נאָר ניט געפונען. אַ טעפּל — וואָס האָט עס די ווערט? האָט זי די קאָסלעכע אויגן, פולע מיט סינע, אָט אַזוי־אָ, אָנגעבויגענערהייט, אָנגעשטעלט אויפן פּאָליצײַ, פאַמעלעכן זיך גענומען אויסגלײַכן. און אַזאַ, נאָך ניט קיין אויסגעגלײַכטע, האָט זי געטראָפן די קויל.

אַרײַנגעשפּרונגען דורכן פענצטער אין קיך, האָט דער פּאָליצײַ סטאַם אַזוי אַ שאָס געטאָן אין שכײנעסדיקן צימער. ווען ער האָט אַהין אַרײַנגעקוקט, האָט ער אויף דער קאַנאַפּע דערזען אַן אַלטן אין ווײַסן. דער אַלטער האָט זיך באַמיט אויפשטיין, אַראָפּגעלאָזט שוין איין פוס אויפן דיל. דער פּאָליצײַ האָט אויסגעשאָסן. דער אַלטער האָט דאָך זיך אויפגעהויבן און געמאַכט אַ טראָט צו דער טיר. דער פּאָליצײַ איז אַ דערשראָקענער אַרויסגעלאָפן אין קיך, נאָר באַלד האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ, אומגעקוקט זיך און דערזען אויסגעשטרעקטע הענט אויפן דיל...

5 וואַליע האָט באַגלייט הילעל גוראַרין און זײַן שנור ביזן סאָף פון דער רייטאָרסקע, אויפן ראָג פון וועלכער עס הייבט זיך אָן אַ ברייטער מאַרק־פּלאַץ — דער סענאָי באַזאַר. אַ ביסל נידעריקער, צווישן צוויי סקווערן, פאַרענדיקט זיך דאָ די גרויס־זשיטאָמירער און עס ציט זיך אַוועק די אַרטיאָם־גאַס, די לוואָווער — אַ פאָרזעצונג פון דער מאַגיסטראַל, וואָס פירט אויף לוקיאַנאָווקע, צו די בעסוילעמס, צום זאַמל־פּונקט. צום מאַרק גייען אַרויס אויך אַנדערע גאַסן, דערפאַר איז דאָ געווען אַ געדראַנג פון מענטשן, פּעק און דעם סאַמע פאַרשיידנאַרטיקן טראַנספּאָרט. די לופט איז פול געווען מיט אַ בעהאָלעדיקן הודזשען פון טויזנטער שטימען, מיט אַ טופּערײַ פון פיס, אַ בראַזג, אַ סקריפּען, אַ קלאַפּן. די ערד האָט קוים־קוים געוויגט זיך.

גוראַרי האָט אַראָפּגענומען די גרינע ברילן און לאַנגע עטלעכע ווײַלעס געקוקט אויף דער מענטשן־פאַרפּלייצעניש. דערנאָך האָט ער אויסגעווישט מיטן נאָזטיכל איין גלעזל, דאָס רעכטע (וואַליע האָט פאַרשטאַנען, אַז זען זעט בײַ אים נאָר דאָס רעכטע אויג), אָנגעטאָן די ברילן און ווידער געקוקט אַ שווײַגנדיקער, אַן אָנגעשטרענגטער. ענדלעך האָט ער אַראָפּגענומען וואַליעס האַנט פונעם וויגל, וואָס זי האָט געהאָלפן בעלע מאַיִסייעוונען שטופּן, און געזאָגט:

— אַ דאַנק. פאַר אַלץ. און איצט — גייט... — נאָר ער האָט ניט אָפּגעלאָזט איר האַנט. — אַגעוו, ווייסט איר ניט, מיסטאַמע, וואַליע, און דו, בעלאָטשקע, קערסט עפּשער אויך ניט וויסן, כע, אַז אָט דאָס אָרט האָט מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק געהייסן „זשידאָווסקיִע וואָראָטאַ“? ייִדן האָבן דאָ געוווינט פון יענער זײַט טויערן, אַן ערעך אַרום דער לוואָווסקע. נעסטאָר דערמאָנט זיי נאָך פריִער. אין פּופּצעטן יאָרהונדערט איז בײַ ייִדן געווען אַ ווערטל: „די טוירע קומט פון קיִעוו“. איז אָט דורך די דאָזיקע טויערן — אַ פּאַטאַלע צופעליקײַט — טרײַבן אונדז די פאַשיסטן פונדאַנען. אָבער ריטאָטשקע בלײַבט דאָ. און זי קאָן אַפילע האָבן ניט איין הײם, נאָר צוויי — בײַ יענע, ווו זי איז איצט, און בײַ אײַך, וואַליע. באַקומט זיך, אַז דער זאַק האָט אַ לאָך, און ניט איינע. הײַנט, ווער קאָן ביכלאַל אַ וועלט פאַרנעמען אין אַ זאַק, האַ?..

עפּעס אַ געזינד איז אָנגעקומען פון דער רייטאָרסקע, אַראָפּגעלאָזט עטלעכע פּעק אויף דער ערד. אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן גוראַרין און אויסגערופן צו אַן עלטער שוועסטערל:

— זע נאָר, גרינע ברילן!

גוראַרי האָט מיטן פינגער אים צוגערופן נעענטער, אַראָפּגענומען די ברילן:

— ווילסט אַ קוק טאָן?

— ניין.

אָבער ווען גוראַרי האָט טאַקע אויסגעשטרעקט די ברילן, איז דאָס ייִנגעלע צוגעגאַנגען און, אויפהייבנדיק די דאַרינקע אַקסעלעך סײַ פאַר מוירע, סײַ פאַר פרייד, בײַ אים אין די הענט אַ קוק געטאָן דורך די גלעזלעך. בעלע מאַיִסייעוונע האָט צונויפגעשנורעוועט אירע גאַנץ פולע ליפּן, האָט דער פּראָפעסאָר זי באַרויִקט:

— נישקאָשע, נישקאָשע, איך האַלט זיי פעסט. זאָל ער קוקן. ער וואָלט זיך איצט געדאַרפט שפּילן בײַ זיך אין הויף, גייט ער גאָר ערגעץ. איז זאָל ער האָבן דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן...

דאָס ייִנגעלע האָט באדאנקט מיט א פארלוירענעם שמייכל און איז אוועק צו די זײַניקע, וואָס האָבן אופגעהויבן די פעקלעך און, קוקנדיק אפן אלטן ווער פארוווּנדערט, ווער כמורנע — וואָס עס גייט אים גאָר אָן! — גענומען אראָפלאָזן זיך צו דער לוואָווער.

הילעל יוליסאָוויטש האָט נאָכגעקוקט דעם ייִנגעלע, וואָס איז מיט די אייגענע און מיט די פעק פארשוווּנדן אינעם אוילעם.

— אוועקגעגאנגען, — האָט ער שטיל געזאָגט. געצופּט עטלעכע ווײַלעס מיט די פינגער דאָס בינטעלע האָר אף דער קין — דאָס קוים אָנזיכטיקע בערדעלע, וואָס איז מער ווי אף האלב גראָו געווען, האָט ער ווידער אויסגעקערעוועט זיך צו וואליען: — הערט... וויפל לענדער זײַנען מיר דורכגעגאנגען און געקומען אָט אהער... ווען מע זאָגט, אשטייגער, א שפּאניער, וואָס ווּוינט אין פּערו, אז ער איז קיין פּערואנער ניט — איר שטעלט זיך עס פאָר? און כאָטש זײַנע אָוועס זײַנען געקומען אף דער פּערואנער ערד, ווי קאָנקיסטאדאָרן, זײַנען די אייניקלעך דאָך אלציינס פּערואנער. און מיר זײַנען אומעטום געקומען אלס בויער, אלס שעפער, און גלאַט אלס מענטשן, וואָס לויפן פון א סרייפע און זוכן א דאך איבערן קאָפּ... קעגן וואָס זאָג איך דאָס אײַך? סײַ קעגן דעם, וואָס איר פארשטייט אליין, סײַ נאָך צוליב איין זאך — עס קאָן הייסן מײַנעם א פּערזענלעכן איניען. איך האָב געזען, אז איר האָט זיך פארוווּנדערט, ווען איך האָב געזאָגט וועגן וויגל: „דאָ איז די נעשאָמע פון מײַן קאבינעט“. יאָ, מײַן טרוים איז דאָ — ניט קיין פארענדיקט בוך. א בוך וועגן די בעסטע יאָרן פון מײַן פאָלק, וועגן מײַן אופגעריכטן פאָלק, דאָ, אף אָט דער ערד, און איצט, ווער ווייסט... ניין, נאָר ניט דעם אונטערגייענדיקן... דאָס וועט ניט זײַן... נו, גיט די האנט! ווי זאָגט איינער א פּערסישער כאָכעם: ווען דו הייבסט אָן רעדן וועגן דעם, וואָס דו קלײַבסט זיך ערשט טאָן, — ווער בעסער אנשוויגן.

ער איז געגאנגען אין געדיכטן אוילעם, געזען פאר זיך פּלייצעס, אופגעשטעלטע קאָלנערס, טיכלעך (פארבונדענע, צעבונדענע, בלויז ארופגעוואָרפענע אף די אקסל), היטלען, קאפּעליושן, קעפּלעך און פּענעמלעך פון קינדער, וועלכע מע האָט געהאלטן אף די הענט, פּעק און פּעק, און הינטן איז געווען דאָס זעלבע; ס'האָט אים אונטערגעכאפּט דער ריטם פונעם גאנג — כאָטש דער רויש פון די טריט איז געווען ניט קיין רעגלמעסיקער, כאָטש ס'האָט געהערשט א הוהא פון שטימען, האָט דאָך זיך געשאפן עפּעס אָן אייגנארטיקער ריטם פון דער באוועגונג; פארלוירן צווישן אזויפיל מענטשן, דערדריקט פון זייערע אלעמענס ליידן, פון דער אומבאוווּסטקײַט, וואָס טרײַבט זיי און טרײַבט אויך אים, האָט ער אקסל בא אקסל מיט בעלע מאָיִסייעוונען געשטויסן דאָס וויגעלע פאָרויס און אין געדאנק פאָרגעזעצט רעדן מיט וואליען:

— איך האָב אײַך געזאָגט וועגן מײַן בוך, אז ער איז וועגן געשיכטע... איז אָט האָט איר א קײַלעכדיקע דאטע: נעכטן, דעם אכט־און־צוואנציקסטן סענטיאבער, ווען די פאשיסטן האָבן ארויסגעהאנגען דעם באפעל, וואָס פאריאָגט אונדז פון קיִעוו, איז געוואָרן הונדערט פופציק יאָר, זינט די נאציאָנאלע פארזאמלונג פון פראנקרײַך האָט באשלאָסן געבן די ייִדן אלע בירגער־רעכט. דאָס איז געווען איינער פון די פרײַהײַטס־אקטן פון דער גרויסער רעוואָליוציע, דער ערשטער בײַשפּיל אין אייראָפּע. ס'זײַנען נאָך דערנאָך אויך געווען גענוג שווארצע יאָרן; דעם זשעדנעם און טעמפּן דאכט זיך, אז אויב עמעצער האָט באקומען פרײַהײַט, איז פאר אים געוואָרן ווייניקער. אפילע אין פראנקרײַך איז נאָך דערנאָך געווען דער דרייפוס־פּראָצעס, און אין דײַטשלאנד האָט דער גאלעך פון קייזערלעכן הויף געשאפן די ערשטע אנטי־סעמיטישע פּארטיי. אין דײַטשלאנד! און זעט, צו וואָס עס האָט דערפירט אין פופציק יאָר ארום... יאָ, איז וואָס זשע מיין איך דערמיט צו זאָגן? א בורזשואזע רעוואָליוציע קאָן ניט ברענגען די פולע פרײַהײַט ניט דער מענטשהײַט ביכלאל, ניט באזונדערע פעלקער. מיר זעען דאָס אויך אין אמעריקע — ווי האלט עס דאָרט מיט די קאָלירטע? בלויז א סאָציִאלע רעוואָליוציע, אזא, ווי בא אונדז, קאָן ברענגען עמעסע פרײַהײַט. וועגן דעם איז מײַן בוך. הײַנט פארשטייט איר שוין?

ער האָט אופגעהויבן די צעראטע, מיט וועלכער דאָס וויגל איז געווען אײַנגעדעקט, אונטערגעהויבן דאָס קישעלע, די שטײַף פארבונדענע קאָלדרע, דאָס ביסל ריין גרעט, וואָס ער האָט מיטגענומען, און אנדערע קלייניקײַטן, צערויעט דאָס אלץ און אזוי ווי באוויזן עס איר, וואליען:

— אָט איז דער ניט פארענדיקטער מאנוסקריפּט פון מײַן בוך. ס'הייסט, איין עקזעמפּליאר — דער צווייטער איז דאָרט, ווו ריטאָטשקע איז געבליבן. און דאָס האָב איך אדאנק אײַך, בעפּיידעש אדאנק אײַך געטאָן! נו, נו, שווײַגט, איך פארשטיי... איז לאָמיר א קוק טאָן,

אף וועלכן זייַטל האַלט איך? אפן צוויי הונדערט פופצעטן. ניט ווייַט. עס וועט זייַן ניט וויי־ניקער, ווי נאָכאַמאָל אַזויפיל. און עפשער אפילע מער. אויב ס׳וועט קלעקן קויכעס און יאָרן. מע וועט דאָך עפּעס דאַרפן באַשרייַבן אויך דאָס דאָזיקע, און וואָס עס וועט שפּעטער זייַן — ווי די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, ווי דער היישעריק וועט פאַרשווינדן... טוט אויך אהער א קוק — דאָ האָט איר די פּאַפּקעס מיט מאַטעריאַלן. פון איינִיקע, גאַנץ אוניקאַלע דאָקומענטן, האָט בעלע מאָיִסייעווּנע ניט באַוויזן אַראָפּנעמען קיין קאָפּיעס. איך האָב פאַרלוירן די ריִע, און בעלאָטשקע האָט זיך געהאַט אירע דייַגעס. א קלייניקייַט? זי האָט דאָך געאַרבעט — א כי־מיק — און געפירט א שטובּ!..

פון דעם דאָזיקן פּינקעס האָב איך קיין קאָפּיע ניט. איך זאָג — פּינקעס, איר קאָנט דאָס אָנרופן — כראָניק. די ערשטע הונדערט זייַטלעך זייַנען פון עמעסן פּאַרמעט... „פּינקוס סיידע־מענוכאָ“. דאָס איז איינער פון די עלטסטע ייִדישע יִישוּווים אין כערסאָנער סטעפּ. ערדאַר־בעטער נאָך פון יעקאַטערינע דער צווייטערס צייַטן. וואָס זייַנען זיי ניט אויסגעשטאַנען אין ווילדן קאַנט! הייַנט האָט איר דאָרט א סאַך קאָלווירטן — ייִדישע און אינטערנאַציִאָנאַלע. כאָטש, ווער ווייסט — דאָס פייַער האָט דאָרט שוין געפלאַקערט מיט א כוידעש צוריק.

וואָס איז דאָס? די סיבירער פּאַפּקע, א בלאָווינקע. עטלעכע מאָל בין איך געפאָרן קיין אָמסק, קיין אירקוטסק, קיין טשיטאַ — זיך געגראָבן אין אַרכיוון, געזוכט די שפּורן פון רע־וואָליוציִאָנערן. דער בוך הייבט זיך אָן פון די אַכציקער יאָרן. איינער א דיכטער אונדזערער זאָגט אין א ליד: אף וועגן סיבירער קאָן עמעצער איצט נאָך געפינען א בענדל, א שטריקל פון מייַנס א צעריסענעם שוך... און ווען איר ווייסט, וועמען איך האָב דאָרט איצט געפונען אף די זאַוואָדן, אף די בויונגען, אין די לאַבאָראַטאָריעס... אָט איז זי טאַקע, די אינדוסטריִעלע פּאַפּקע, און אָט — די בִיראָבידזשאַנער. יאָ, איך בין אַראָפּגעפאָרן אויך קיין בִיראָבידזשאַן.

שטייט נאָר, שטייט! דאָס האָב איך אייַך געזאָגט איינמאָל, וואָליע, אַז דער טויט האָט מיר נאָך ניט צוגעדעקט מיט שערבלעך די אויגן? די קאַטאַראַקטע איז רייַף געוואָרן. איך האָב שוין דעמלט זיך געגרייט צו דער אָפּעראַציע און געגלייבט אין איר. ערשטנס, האָב איך געדאַרפט די אויגן אף שרייַבן דעם בוך, צווייטנס, האָב איך ניט געוואָלט זייַן צו לאַסט בעלען און ריטאָ־טשקען. די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, בין איך טאַקע גיכער צוליב דעם צווייטן מאָטיוו, ווי צוליב דעם ערשטן, אוועק אונטערן מעסער. כוץ דעם, איז דאָך דאָס פאָרט געווען כאָלמסקיס מעסער, מאַטוויי כאָלמסקיס סקאַלפּעל — מאַטוויי האָט מיך קיינעם ניט געוואָלט פאַרטרויען, און איך האָב, דעם עמעס געזאָגט, אויך נאָר אים, דעם אַלטן כאַווער מייַנעם, פאַרטרויט. ער איז שוין געווען מאָביליזירט און געקליבן זיך אוועקפאָרן, איז זאָל ער מיך געווען מיטנעמען? וווּהין? און ווער האָט געטראַכט, אַז די פאַשיסטן וועלן אַזוי גיך קומען אהער און אַז זיי וועלן ביכלאַל קומען? סאָף יון, איבער דער שטאָט פליִען דייַטשישע אַעראָפּלאַנען, און דער סקאַל־פּעל מאַכט מיך זעענדיק... א גליק! בייַס דער מילכאָמע איז דאָס א גליק קייפל־קיפלאַיִם! נאָר איך האָב געמוזט טראָגן א באַנדאַזש אפן אויג, און א לענגערע צייַט, געווייִנלעך, פאָרן אין ערגעץ ניט געטאָרט. זעט איר, און געבליבן דאָ.

איך רעד אַלץ — א בוך, א בוך. קערט איר שוין טראַכטן, וואָליע: און דאָס גאַנצע לעבן? געשיכטע איז שטענדיק געווען מייַן לייַדנשאַפט. עפּעס־וואָס האָב איך געדרוקט. נאָר א היסטאָ־ריקער מוז פריִער פון אַלץ זאַמלען, זאַמלען און סיסטעמאַטיזירן. און דענקען, דענקען, דענקען... אָט אַזוי: אַלס באַרג־אינזשעניער, אַלס ספּעציִאַליסט צו באַקעמפן שווימבאָדן האָב איך שטענ־דיק געדאַרפט דורכדרינגען מיטן אויג און מיטן אויער אין ערד־טיפענישן, וויסן, ווי עס פירן זיך דאָרט אוף די פאַרבאָרגענע וואַסער־פּלאַסטן, ווו זיי קאָנען אומוואַלגערן א באַרג און ווו זיי קאָנען פאַרצוימען א וועג. און אַלס היסטאָריקער האָב איך געדאַרפט אופדעקן די שטראָ־מען, וואָס זייַנען גוירעם דעם אופשטייַג אָדער די יערידע אין פאָלקס לעבן, באַווייַזן, וויִאַזוי דער שטראָם רייַסט זיך דורך אף פרייַע ברייטן...

באַם ראָג פון דער פאָלטאַווער גאַס, דורך וועלכער מענטשן זייַנען אָנגעקומען אף דער לוואָווער פון שוליאַווקע און פון יעוובאַז (צוויי הונדערט שפּאַן ווייַטער איז אף דער זעלבער לוואָווער, פון דער קעגנִיבערדיקער זייַט, אַרויס די גלובאָטשיצע — דורך איר איז מען אָנגע־קומען פון פּאָדאָל), האָט זיך געשאַפן א מוירעדיקער געדראַנג. דאָ איז מען געבליבן שטיין, און הילעל גוראַרי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם פאָדעם פונעם שמועס מיט וואָליען. דעם מיידלס געשטאַלט איז צערונען געוואָרן. ער האָט גענומען אייַנרעדן בעלע מאָיִסייעווּנען, זי זאָל זיך אומקערן, — ער וועט אַליין ווי־ניט־איז זיך דערקלייַבן, דאָס וויגעלע איז ניט שווער צו קייַקלען. נאָר זי האָט אפילע הערן ניט געוואָלט — וואָס איז די אייַלעניש, זי וועט נאָך באַווייַזן אוועקגיין. בעטעווע א שווייַגערן, האָט זי, אייגנטלעך, דאָס דאָזיקע אויך ניט גע־

זאָגט. פּאַשעט — אָפּגעקערעוועט זיך און גענומען קוקן אַף די מענטשן. האָט ער אויך גענומען קוקן אהין, ווו די שנור.

א מאמע האָט מיט א סעקרעטקע צוגעשפּיליעט דאָס אופגעהויבענע קעלנערל פון איר מיידעלעס רויט פּאַלטאָכל, דער האלדז זאָל בעסער זײַן באשיצט — עס האָט געבלאָזן א שטארקער ווינט; א צווייט מיידעלע האָט באם טאטן אף די הענט געוואָרפן זיך, געוויינט — זי וויל ניט עסן קיין סוכאר: מיסטאמע א געפּעסטעטע; גאָר א פּיצל האָט פלײַסיק געריבן די יאסלעס מיט א צעלולאָידענעם בייגל, וואָס איז אף א בענדל געהאנגען בא דעם אפן האלדז, — עס האָט געזוכט די ערשטע ציינדלעך... אן אלטיטשקער, דאכט זיך, א באקאנטער, מיט א זאק אף דער פּלייצע — נו, יאָ, דאָס איז דאָך דער אײַנקויפער פון אלטווארג. „סטארי וועשטשי, סטארי וועשטשי“[1], — פלעגט ער אלעמאָל שרײַען אונטן, אין הויף, און עס פלעגט גרילצן אין די אויערן, פונקט ווי ער וואָלט האלטן א זשוק אין מויל און דער זשוק וואָלט ניט אופגעהערט צו גרילצן. דאָס זעלבע פארלאטעטע זעקל, נאָר ער שרײַט ניט, דער אל־טער... ניט גאָר קיין יונגע פרוי מיט צוגעפּארבטע ליפּן... א באָכער האלט א נאס טיכעלע באם שלייף, א שנירעלע בלוט רינט איבער זײַן באק — א פרישע וווּנד.

מע רעדט — ווער אף אוקראיִניש, ווער אף רוסיש, ווער אף ייִדיש:

— נו, א קאָפּ! געוואָלט ארויסנעמען דער מאמעס פאָטאָגראפיע פון רעמל, און טאקע אוועק אָן איר!

— אמער איך געדענק ניט — כ׳האָב פארמאכט די פּאָרטאָטשקע אין עסצימער צי ניט?..

— וואָס איז עס פאר א קינד, איך פרעג אײַך! פון דער סאמע היים האָב איך געטראָגן דעם טשײַניק, און גאָרנישט. זי האָט אים נאָר גענומען, און שוין צעשניטן א פינגער. ווי וועט זי שפּילן, הא?

— ביז מע וועט נאָך קומען אף אָן אָרט... עס וועט זיך פארהיילן.

— יאָ, נאָר פארוואָס זאָל זי קיינמאָל די פינגער ניט וועלן היטן?!.

— דאָס, וואָס די פאשיסטן טוען, איז שרעקלעך ניט נאָר פאר די, וועמען זיי טוען דאָס, נאָר פאר די דײַטשן אליין אויך. אייניקע פון די דאָזיקע כײַעס וועלן זיך דאָך אומקערן אהיים — שרעקלעך...

— איך האָב געהערט, עס וועט זײַן א געטאָ. וואָס הייסט עס?

— שולדיק געבליבן די יאנושקעוויטשעס א גלאָז צוקער... זיי וועלן דען זאָגן!

— ראבי כאָנע האָט געזאָגט: אויב דער, וואָס רוידעפט, איז אפילע גערעכט, און דער, וועמען מע רוידעפט — אומגערעכט, העלפט גאָט דעם, וואָס ווערט גערוידעפט: הײַנט אז מיר זײַנען די גערעכטע און די געליטענע?..

— עס טרעפט, אז פּסיכיש־קראנקע פירן אָן מיט א לאנד און אפילע ניט מיט איינס. די געשיכטע ווייסט וועגן אזעלכע פאקטן. בא אייניקע ווײַזט דאָס מעשוגאאס זיך ארויס אין דעם, וואָס זיי שנײַדן זיך אליין דאָס לײַב, מיט וואָס עס מאכט זיך, אנדערע קריכן באנאכט אפן שפּיץ פון קלויסטער און האָבן קיין מוירע ניט, און אנדערע קאָנען מיט זייער מעשוגאאס אזוי ווירקן אף מענטשן, אז מע ווערט היפּנאָטיזירט און מע גייט זיי נאָך...

— נאָך וואָס האָט מען געדארפט, אז אין די פּעסער זאָל שטיין, ווער וואָס עס איז? מארע אונדזערע וואָלט געקאָנט בלײַבן...

— אײַ, הער שוין אוף! שטענדיק ביסטו דאָ מיט דײַנע קאשעס!..

מע איז ווידער געגאנגען. די גלובאָטשיצע האָט פארצוימט א שערענגע דײַטשישע סאָל־דאטן, קיינעם ניט ארויסגעלאָזט פון דאָרט, מע זאָל ניט שטערן די, וואָס האָבן זיך באוועגט איבער דער לוואָוועער. און ווײַטער זײַנען שוין אויך גאנץ געדיכט געשטאנען אף די טראָטוארן דײַטשן און פּאָליצײַען. הילעל גורארי האָט זיך געפלײַסט ניט קוקן אהין, ווידער געפּרווּוט פארטיפן זיך אין די געדאנקען. אין א יאם האָט יעדער כוואַליע עפּשער איר קלאנג, איר שטים, איר ריכטונג. און דאָ, אין אָט דעם יאם פון מענטשן, האָט דאָך געוויס יעדערער זײַנע געדאנקען, זײַן צאר, זײַן טרוים. ווײ, א מין גוואלדיקע טראגעדיע, וויפל לעבנס עס ווערן צעבראָכן! „עס וועט זײַן א געטאָ“ — ער, גורארי, ווייסט עפּשער בעסער פון אלעמען, וואָס דאָס הייסט... און אָט דאָרט האָט ער געמיינט שרײַבן ווײַטער דעם בוך, שרײַבן, קעדיי פאר־געסן זיך... אפילע דעם אומגליק מאָלט זיך דער מענטש א ביסעלע אידיליש... ניין — שרײַבן, מע זאָל ניט פארגעסן. חבל על דאבדין ולא משתכחין (כאוואל אל דעאברים וועלוי מישטאק־כין) — ווײ צו די, וועלכע ווערן פארלוירן און קאָנען מער ניט געפונען ווערן... „דאָס מיין איך זיך, צי אלע, וואָס גייען דאָ?.. דובנאָוו זאָגט: „שרײַבן געשיכטע איז אן אקט פון טכיִעס־

[1] אלטע זאכן.

האמייסים"... ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ סענטימענט דאָס, וואָס מיר האָבן ריטאַטשקעס וויגל ניט פאַרקויפט. נאָר אין וואָס וואָלט איך איצט טאַקע געפירט אַלע מײַנע זאַכן?.. אַלע מײַנע זאַכן! ווען איך בין פון אָדעס אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, דעמלט, אין נײַנצעטן, — מע האָט מיך געשיקט פון קיִעוו צונויפשטעלן אַ פּראָיעקט, וויִאַזוי פאַרפעסטיקן דעם יאמברעג, וואָס האַלט זיך אין איין אַראָפּזעצן, געמיינט, אַז ס'איז שוין געקומען די צײַט מיט דעם פאַרנעמען זיך, — איז ווען כ'בין אַוועק מיט די, וואָס האָבן פון פעטליורעס און דעניקינס אַרומרינגלונג זיך געדאַרפט דורכשלאָגן אויף צאָפן, צו זשיטאָמיר, האָב איך מיטגענומען אַ יאַפּאַנישע ביקס, אַ באַקלאַגע מיט וואַסער אויפן רימען, אַ בלײַענעם לעפל אין כאַליעווע, און מער גאָרנישט... און איצט — אַ פול וויגל... יאָ, מע וואָלט זיך שוין טאַקע דאַרפן געזעגענען מיט בעלען... „וואָס דאַרף מען טאָן אין האָמענס צײַטן?" — אַזוי האָט געהייסן שימען דובנאָווס אַרטיקל, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט, ווען לעטלאַנד איז אַריבער צו אונדז. ער האָט אינעם אַרטיקל גערעדט וועגן גרויסע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס, וואָס דאַרפן פאַרגענומען ווערן אין גאָר דער וועלט, און אויך געהאַט אין זינען די טעטיקײַט פון יעכידים: מע טאָר ניט שווײַגן... „מיר שטייען אויפן שלאַכטפעלד... אויפן פראָנט פונעם אַנטי־אַגרעסיוון בלאָק..." וואַליען האָב איך געזאָגט: „איך גיי מיט די, וועלכע ניט איר, ניט איך קאָנען שוין איצט ניט וואָרענען". נאָר אָט בין איך צווישן זיי. עפשער אויסשרײַען: „גייט ניט, מענטשן!" ניין, בעסער זאָגן שטיל, וועט עס דערגיין ווײַטער... אָט־אָ דער־אָ פרוי זאָגן, וועלכע האָט די גלאָז צוקער פאַרגעסן אָפּגעבן די יאַנושקעוויטשעס... און נאָך, און נאָך... ריטאַטשקען האָב איך דאָך באַזאָרגט — וואַליע האָט געוואָרנט..."

— הילעל יוליסאָוויטש! פראָפעסאָר גורארי!

סירענקאָ! דער באַרג־טעכניקער איוואַן פיאָדאָראָוויטש... אַ פולבלעכער, מיטן שטענדיקן אויסדרוק פון פלײַס און מידער באַשעפטיקטקײַט אויפן פּאָנעם. עפעס האָט ער זײַנע אַ צאָרע: אַהאַ, דאָס ווײַב איז בײַ אים אַ קראַנקס. ער האָט דאָס דערציילט דעמלט, אויף די קורסן. און שפעטער, אַלעמאָל, ווען מע האָט זיך ערגעץ באַגעגנט אויף די דרענאַזש־אַרבעטן, איז צווישן אַנדערן אָדער אין דער ערשטער ריי פאַרגעבן געוואָרן די פראַגע: „נו, איוואַן פיאָדאָראָוויטש; וואָס מאַכט דאָס ווײַב?" — „שלעכט, כאַווער פּראָפעסאָר... און די יאַטלעך זײַנען דאָך בײַ מיר אויף די הענט — צוויי יִנגעלעך, נאָר מע וואַקסט, וואָס עמעס איז עמעס".

— פּראָפעסאָר גורארי!

דער דײַטש, פאַרבײַ וועלכן סירענקאָ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין האַמויק, האָט אים איבערגעקרימט מיט אַ ברייט לאַכנדיק מויל: „פּראָפעסאָר גורא..."

— דאָס האָב איך, וואָס עמעס איז עמעס, געוואָלט אַריבערכאַפּן זיך אויף דער אַנדערער זײַט, צו אַ באַקאַנטן אַפּטייקער. די אַפּטייק האָט מען צעקלאַפּט, נאָר עפשער האָט ער אַספּירין פאַר מײַנער, כאַטשבי אַספּירין... נאָר גוט, וואָס איך האָב אײַך דערזען, הילעל יוליסאָוויטש, — שוין לאַנג ניט געזען אײַך. עפעס, זאָגט מען, האָט איר געקרענקט, יאָ? איז אָט טאַקע גוט, וואָס איך האָב אײַך באַגעגנט. וואָס טוט מען מיטן אָפּהאַנג אין דעם ערשטמײַיקן סאָד? אַ נײַער שפּאַלט האָט שוין צעריסן אַ שטיק טראָטואַר — פון דער זײַט פּלויטל, פיר מעטער פון אָפּריס. איך מיין, אַז ווען די רעגנס וועלן אַ גאָס טאָן, וועט דאָרט אַראָפּפאַלן צום דניעפּער אַ היפּשע שטיק באַרג. צי עפשער דאַרף עס מיך ניט אַרן, האַ? וואָס גייט מיר איצט אָן דער באַרג?..

— ניין, איוואַן פיאָדאָראָוויטש, עפעס דאַרף מען טאָן... עפעס דאַרף מען טאָן... דער באַרג איז זיך אַ באַרג... נעמט עמעצן און פאַרפעסטיקט די שטאָלניע. דאָס איז איינס. און די דורכזייִקע פילטערס רייניקט דורך, אומבאַדינגט. דאָס איז אַנטקעגן סטאַדיִאָן? נו יאָ, די פילטערס נומער זיבן און פערציק, אַכט און פערציק.

— און איר — וואָס, הילעל יוליסאָוויטש? עפשער וואָלט איר בעסער אַוועק צו מיר? דאָס ווײַב איז טאַקע, וואָס עמעס איז עמעס, נאָר די כעווררע זײַנען שוין גרויסע.

— ניין, איוואַן פיאָדאָראָוויטש. אַ דאַנק. אָט וואָס איך וואָלט אײַך וועלן פרעגן: דער־אָ וועג, אַהינצו ווײַטער, צווישן די בעסוילעמס, דעם יִידישן און דעם קריסטלעכן, ער האָט זיך דאָך אַמאָל געענדיקט לעבן באַבי יאַר... איך בין דאָרט די לעצטע דרײַ יאָר ניט געווען — מע האָט אים פאַרלענגערט, דעם וועג, געמאַכט אָן אַריבערגאַנג צו סירעץ, צו דער אײַזנבאַן?

— אָן אַריבערגאַנג! מע וואָלט געדאַרפט שיטן און שיטן. דער גרונט שווימט דאָך דאָרט, איר ווייסט דאָך. דער וועג לאָזט זיך אויס — און גאָר, וואָס עמעס איז עמעס...

— אַזוי? האָב איך צו אײַך אַ ביטע, איוואַן פיאָדאָראָוויטש. נעמט מיט עמעצן פונדאַנען. כאַטשבי יענק־אָ יאַטל. באַלד וועל איך אַ רעד טאָן מיט זײַן מאַמען.

— אײַ, אײַ, אײַ, וואָס עמעס איז עמעס... — האָט סירענקאָ געזאָגט צו בעלֿע מאָיִסייעוו־נען, העלֿפנדיק איר שטופּן דאָס ווײגלֿ אָנשטאָט גורארין.

די פרוי, אָף וועלֿכער גורארי האָט אָנגעוויזן, האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן דאָס קינד — א קוטשעראַוו באָכערלֿ פון א יאָר נײַן, מיט א שיין, ווײַס פּענעמלֿ. איז ער צוגעגאַנגען צו א צווייטער, לֿעבן וועלֿכער ס'איז געגאַנגען א בלאָנד מיידעלֿע פון א יאָר עלֿף. אָט דאָס מיי־דעלֿע, א דערשראָקנס, נאָר מיט האָפענונגס־פּײַערלֿעך אין די גרויע אויגן, האָט ער צוגעפירט צו איוואַן פיאָדאָראָוויטשן:

— היט זי... און זאָגט, ביטע, דעם אדרעס, די מאמע זאָלֿ וויסן.

אַלֿץ איז פאָרגעקומען אין געדראַנג, אין שטופּעניש. די פרוי, וואָס האָט אָפּגעלֿאָזט דאָס מיידעלֿע, האָט געמאכט צו דעם מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער געווישט די טרערן.

איוואַן פיאָדאָראָוויטש איז מיט דעם מיידעלֿע געגאַנגען נאָך א ביסלֿ ווײַטער לֿענגאויס דעם טראָטואַר. צוויי פּאָלֿיציײַען האָבן אים ניט דורכגעלֿאָזט. דער דריטער, א יונגיטשקער, וועלֿכן ער האָט אויסגעשטרעקט דעם פּאַס, האָט ניט קיין קוק געטאָן ניט אָף אים, ניט אָפן דאָקומענט, האַסטיק אויסגעקערעוועט זיך מיט דער פּלייצע צום אוילעם. האָט סירענקאָ א שלֿעפּ געטאָן דאָס מיידעלֿע פאַר א הענטלֿ און פאַרשוווּנדן מיט איר אין אַן אָפענעם טויער פון א הויף.

בעלֿע מאָיִסייעוונע האָט געזען, ווי דער פּאָלֿיציײַ האָט זיך אָפּגעקערעוועט און ווי איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט עס אויסגענוצט. „איך וועלֿ אויך כאַפּן אַזא מאָמענט“, — אָט דאָס און מער גאָרנישט האָט זי ניט קיין טראַכט געטאָן, ווײַלֿ זי האָט די גאַנצע צײַט געהאַט אין זיי־נען איינס — גיין מיטן שווער וואָס ווײַטער.

הילֿעלֿ יוליסאָוויטש איז א ביסעלֿע אָפּגעשטאַנען, ער האָט ווידער געדערט מיט מענטשן. א יונג ווײַבלֿ איז, הילֿנדיק זיך אין א געקווייטלֿטער שאַלֿ, אוועק צו יענעם יונגינקן פּאָלֿיציײַ, און ער האָט זי דורכגעלֿאָזט. נאָך עמעצער האָט זיך אומגעקערט אַהין — בעלֿע מאָיִסייעוונע האָט אים נאָכגעקוקט, נאָר הינטער דער וואַנט גייענדיקע מענטשן שוין ניט געזען, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

שטופּנדיק פאָרויס זיך דאָס קוטשעראַווע יאַטלֿ, וועלֿכן די מאַמע האָט פריִער ניט גע־וואָלט אָפּלאָזן, האָט הילֿעלֿ יוליסאָוויטש דעריאָגט די שנור און געזאָגט:

— נו, בעלֿע־לֿעבן, לֿאָז אָפּ דאָס ווײגלֿ, איך בעט דיך זייער... זעסט דאָך!

— און איך האַלֿט, אַז מיר דאַרפן דאָ אַלֿץ איבערלֿאָזן און אוועק. ריטאָטשקע וועט זיך דערפרייען. און אויב דאָרט וועט זײַן ענג — איז צו וואַליען... אַזא גוט מיידלֿ...

— א גוטע, א גוטע! צו וואַליען וועסטו אוועקפירן דאָס דאָזיקע יאַטלֿ. גיי!

— באַלֿד, נאָך איין ווײַלֿע...

(פאָרזעצונג קומט)

פּרימאָרגן

א ברענענדיק פענצטער

איך שטיי און איך זע,
ווי מע צענעמט די וועלט
אזוי ווי אן אלטן כליוו,
טוט עס אוואדע מיר באנק
און אזא שניט
באַם הארצן טיף, —
האָט איר דען, ראָצכים,
אן אנדער וועלט?

איך שטיי און איך זע,
מ׳איז שוין אפן דאך,
מע רײַסט אָפּ דעם בוידעם,
מע וואלגערט די ווענט, —
האָט איר דען, ראָצכים,
אן אנדער בוידעם?

איך שטיי און איך זע,
א פײַער ברענט,
טיר און פענצטער
מיט האק און לאָם מע צעשלאָגט, —
האָט איר דען, ראָצכים,
אנדערע טירן און פענצטער,
סע זאָל ארײַן דער טאָג?

א ברענענדיק פענצטער
איך כאַפּ און טראָג,
כ׳וועל עס לעשן באַם טײַך
אונטער דער בריק, —
נאָר זאָג מיר, ווער יאָגט
די וועלט צו אומקום און טויט,
עפשער קאָן מען
אלץ אומקערן צוריק?

און כאָטש ס׳איז א כאָלעם,
וואָס פּאָטער פון אים
כ׳קאָן ניט ווערן,
פארלעש איך די סרייפע
מיט מײַנע הייסע טרערן,
ביז אין מײַן פענצטער
צום זומער־גאָרטן
שיסט אויס אין הימל
דער מאָרגנשטערן.

שויטע בען פּיקהאָלץ

פון מיר מאכן א טאבורעטקע
און זיך שטעלן אף איר מיטביידע
פיס,
קעדיי דערלאנגען
אף דער ליימענער פּאָלקע
א קריגל?!
אָ, שויטע בען פּיקהאָלץ,
דײַן ארבעט איז אומזיסט!
גאָר אנדער בלוט אין מיר פליסט.

פון מיר דו קענסט
שניצן א קינדער־וויגל,
א שטײַגל
פאר א היימלאָזן פויגל,
פאר א פּאָלקס־שרײַבער
א טישל.
און בעסער פון אלץ,
מאך פון מיר א טאָפּאָרישטשע![1]
ווען סטו האָבן א האק
אין די הענט
קעגן פינצטערע כמארעס,
וואָס צו דײַן קאָפּ גרײַפן.
איך בין א דעמב,
א דעמב, וואָס אין אלע פײַערן
מ׳האָט געברענט,
און וועל שטיין אף לעבן
און טויט,
ביז ביטערע ווינטן
אין די צווײַגן פײַפן!
און אויב מע דארף —
מאך פון מיר א טאָפּאָרישטשע!

---

[1] א הענטל צו א האק.

מײַן „סאניטארקע"

צווישן די, וואָס אין וואלד
מ'האָט געוואלגערט, ווי סאָסנעס,
צווישן די — פון וועמען
דאָס בלוט האָט, ווי זאפט
פון בעריאָזעס,
צו דער ערד זיך געגאָסן,
צווישן די, וועמען מ'האָט
צו אכצן יאָר צעשאָסן
אף דעם טויזנטיאָריקן בעסוילעם
באם שטײַנערנעם פּארק,
ביסטו, מײַן ליד,
געוועזן א פראָסטע סאניטארקע!
איצט האָב איך
איבער דיר זיך פארבויגן
און פויע דיך מיט דער ראָסע
פון מײַן הארץ,
און בינד דיך איבער
מיט דער שײַן פון מײַנע אויגן.

ווינטער

געווײנלעך זינגט מען א ליד,
מ'קען זי אָבער אויך שווײַגן,
ווען דער וואלד שטייט אין פראָסט
געשמידט

און קיין שנייעלע
פאלט פון די צווײַגן.
און דאָס ווונדער־קיניגרײַך
די אויגן בלענדט,
און דער גאנצער וואלד
מיט זײַנע ווײַסע הענט
פלעכט פאר מײַן קינדהײַט
א וויגעלע אזא פון כאלעם
און טרוים.
ווו איז זי, מײַן קינדהײַט,
אף וועלכן בוים?
געטאָן א דראפּע מײַן פּאָנעם
מיט א געפרוירן צווײַגל...
מיך געוויגט האָט מײַן מאמע
אין א מולטער
פון שווארצן בוים,
האָט ער איצט ניט קיין צווײַגן!
געווײנלעך זינגט מען א ליד,
מ'קען זי אָבער אויך שווײַגן.

די קראָ

איך זיץ אָפט נאָך אין יענער שטוב,
וואָס איז לאנג שוין ניטאָ,
און קוק אפן שניי דורך דער שויב,
וואָס איז לאנג שוין ניטאָ.

נאָר סע שפּרינגט אף אים, זע איך, א קראָ,
די קראָ איז דאָך אלעמאָל דאָ,
זי קאָן דאָך ניט לעבן אָן רויב
אוןווארט אף דער בייזער שאָ.
איך זיץ אָפט נאָך אין יענער שטוב,
וואָס איז לאנג שוין ניטאָ,
און הער, ווי די צײַט קלאפּט אפן שליאך,
ווי א פערד מיט די טלאָ,
און זאָג צו מײַן מאמען, וואָס איז מער ניטאָ:
מאמע, מע מוז ווידער זײַן וואך!

איך בין ניט קיין פאס ביזן הימל אָן א דנאָ,
גענוג פויען און פויען
די אייביקע פארשאָלטענע קראָ.

באם ארײַנגאנג אין „דוש"

נאקעטע, נאקעטע, נאקעטע!
אלע מענטשן נאקעטע,
א „דוש" וועט זײַן טאקע דאָ,
גייען ייִדן ארײַן נאקעטע.

טויט אויס דאָס לעבן —
נאקעט בלײַבט;
כאסן־קאלע, מאן און ווײַב!
זויג־קינדער נאקעטע
דער טויט שוין קושט —
ס'האָבן מאניאקעס
געמאכט אָט דעם „דוש".

נאקעט די מענטשהײַט,
דעם געוויסן צעפליקט.

פון „דוש“, מייַן שיינהייַט,
מע קומט ניט צוריק.

דער אש נאָר בלייַבט,
דאָס וועש און די שיך,
צום „דוש“ מע טרייַבט
א נאַקעטן מיך!
נאַקעטע ביימער, נאַקעטע צווייַגן,
נאַקעטע מענטשן

שטייען און שווייַגן.
די ערד בלויז זיך וואַקלט
פון גרויליקער שרעק,
די נאַקעטע שיקט מען
צום הימל אוועק.
צאַנקט די מענטשהייַט,
דער טויט־דאָרן פלאַקערט;
א נאַקעטער פלי איך
ארום מיט א האַק דאָרט.

דאָס ליכט

קיין טייַנעס האָב איך ניט
צו דער וועלט,
וואָס ווי פינצטער ס'ווערט,
אהין מע טראָגט מיך,
ווי א ליכט.
מע צינדט מיך אָן
און מע פאַרלעשט,
אין אַלטן לייַכטער
אריינגעשטעלט.
קיין טייַנעס האָב איך ניט
צו דער וועלט,
וואָס מיט איין האַנט
צי מיט א פּאָלע

פון א פעלץ
מיך אפן ווינט מע פאַרשטעלט.
איך ווייס, צוליב וואָס מייַן לעבן
איך צעשמעלץ!
דאַרפסט, וועל איך לייַכטן
אפילע, ווען א שייַטל האָלץ
וועסט אין פינצטערן דרויסן
שפּאַלטן.
נאָר צינד מיך אָן
צו דער צייַט —
און שטעל מיך ניט אריַין
אין לייַכטער
אין אַלטן.

באַנאַכט אין בארענץ־יאַם

פאַרפאָלג מיך, בארענץ־יאַם,
טרייסל אוף
די טונדרע־בערג!
ביסט, ווי איך, קיינמאָל
מיט גאָרניט באַנוגנט;
עפשער בלויז אין שטורעם
שטראַלסטו מיט שענסטן
וווּנדער־ווערק
און דערמאָנסט מייַן יוגנט?

פאַרפאָלג מיך, בארענץ־יאַם,
מיט צאָרן גרעסטן
און וועק די טונדרע־בערג
צו אָט דער שלאַכט,
כ'וועל פון דייַנע כוואַליעס
זיך אויסשמידן א מעסער
קעגן דער פינצטערניש,
וואָס לויערט טאָג און נאַכט.

פאַרפאָלג מיך, בארענץ־יאַם,
און מייַן זעגל־שיף
שלייַדער און צעוויג!

כ'וועל מיט אַלע געפאַרן
פּאָנעם־על־פּאָנעם זיך טרעפן,
ביז איינער פון אונדז
וועט זייַן דאָ באַזיגט.

פאַרפאָלג מיך, בארענץ־יאַם,
מיט דייַן לעוואָנע־פלאַם,
וואָס איז אזוי ליכטיק
קיינמאָל ניט געווען,
כ'וועל זיך נאָך אמאָל
אויסבויען א שטיבל אין די בערג,
בא די ברעגן פון בארענץ־יאַם,
מיט דייַנע כוואַליעס די פענצטער
אף ווינטער פאַרגלאָזן.
מיט דייַנע ווינטן דעקן
כ'וועל פון מייַן שטיבל דעם דאַך.
כ'בין דאָך אויך, ווי דו,
קיינמאָל מיט גאָרניט באַנוגנט,
העלף מיר, בארענץ־יאַם,
אפסנייַ א בלענד טאָן מיט מייַן יוגנט,
וואָס איר רו, איר טוגנד
געפינט בלויז אין שטורעם.

יאָסל בוכבינדער

דרייַ לידער

* * *

אלע זעק מיט זוימען
פאר דער קומענדיקער בליִונג
כ׳האָב אוועקגעשענקט די
פעלדער
צו באַרייַכערן דעם פרילינג.
גרייט בין איך צו געבן זיי
אלץ פון מייַן פארמעגן, —

ברייטער זאָל צעוואקסן זיך
די גרינקייַט אף די וועגן.
די סטעזשקעלעך צו האָפענונג,
מיט פרילינג־פרייד באצירטע,
זאָל קיינער ניט צעשטערן זיי,
ווי שניי נאָך ניט גערירטן.

* * *

צווישן הארבסטיקע וועלדער אליין גיי איך אום,
און מיר דוכט, אז עס פלאקערן שייַטערס פון בלעטער,
אונטערגעצונדן עס האָט זיי די זון
מיט א מעשענעם פייַער, מיט רויטקייַט באהעלט זיי,
און איך גיי ארום צווישן פונקען פון בלעטער,
וואָס פליִען אָן פליגלען אוועק אין דער הויך,
מיר דוכט, אז עס סמאלען זיך לאנגזאם די וועלדער
און ווערן דערשטיקט פונעם הארבסטיקן רויך, —
שטיי איך און קלייַב זיי, די פונקען פון בלעטער,
און שאר זייער ליכט אין מייַן הארצן צונויף.

* * *

עס טרעפט, מייַן פרייַנט,
מיט יעדערן פון אונדז,
דו ווילסט זיך אָנשפארן אין יענעמס
הילף,
דו גלייבסט אין איר,
ווי אין דייַן קראפט דייַן אייגענער,
דו ווארטסט,
דו האָפסט,
און טראכטסט זיך אינדערשטיל:

אָט באלד, אָט באלד
וועט זי דיר ברענגען גוטס
און אופריכטן דאָס הארץ דייַנס
דאָס פארשטיינערטע.
דו לאָזסט זיך גיין
מיט שטאָלצקייַט אין דער ברוסט,
און אפן וועג באגעגנסטו
צוויי עמער ליידיקע.

יאנקל יאקיר

מײַן מאמעס רעוואָליוציע

...א שפּראָץ אף טאָג האָט מען גענומען שטארק קלאפּן צו אונדז אין דער טיר. אלץ הייסט קלאפּן! ס׳האָבן געקלימפּערט די פענצטער, סע האָבן געהודיעט די טירן, ס׳האָט זיך געוויגט די אלטמאָדישע שאפע, די סקריפּענדיקע קאנאפּע, די פיר בענקלעך און דאָס הינקעדיקע טישל. מיט איין וואָרט, עס איז געווען הימל עפן זיך! איך און מײַן שוועסטערל ריווקעלע זײַנען אראָפּ פונעם בעט, באָרוועסע, אין די הוילע סטאָנדלעך. פאר שרעק זײַנען מיר ביידע ארונטערגעקראָכן אונטערן בעט און בנייביי געכאפּט א ליש אין דער צארגע. אָבער אז דאָס בעט האָט אויך גענומען מאכן קאָזשעלקעס, האָבן מיר מיט פארבלאָוטע הענטלעך ארומגעכאפּט די מאמע און זיך אזוי אײַנגענורעט אין איר, אז קיין שום קויעך אין דער וועלט וואָלט ניט געווען אימשטאנד אונדז אָפּצורײַסן.

און די מאמע? די מאמע איז געוואָרן גרין און געל און אלערליי קאָלירן. די מאמע האָט זיך גענומען צוערשט אויסטײַנען מיט איר גאָט באָרוך־הו, ווי מע טײַנעט זיך אויס מיט א לעבעדיקן מענטשן: האלעמײַ און פארוואָס און פארווען האָט ער זיך אָנגעזעצט אף אזא בידנע ייִדענע, ווי זי, מיט צוויי שטיקלעך קינדער?! נאָר דערנאָך, אז דאָס סטיקען איז געוואָרן אלץ שטארקער און שטארקער, אזוי אז עס האָט זיך גערוכט, אז אין א ליאדע רעגע פאלן אײַן די ווענט און מיר בלײַבן, כאס־ווּעכאָלילע, אָן א דאך איבערן קאָפּ, האָט זי זיך געמאכט הארץ, א כאפּ געטאָן אף זיך דעם רויטן אונטער־ראָק און זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר מיט אימפּעט פון א לייביכע, מורמלענדיק בעשאס־מײַסע:

— גאָטעניו! נאָר מיט ראכמאָנעס, פאָטער אין הימל, שרעק מיך, נאָר שטראָף מיך ניט!

מיטן ריבוינעשעלוילעם האָט זיך די מאמע אירן א ווײַבערשן כעזשבן, זי דינגט זיך מיט אים, אמפּערט זיך מיט אים, בייזערט זיך אף אים, נאָר סע העלפט איר ניט, זי פּויעלט בעמיילע בא אים גאָרנישט. „פארקערט, לעצטנס, — זאָגט זי, — האָט זיך זײַן גאנצער צאָרן אויסגעגאָסן אף איר. עפּעס נאָר, ווי זי וואָלט געהאט א פּאטענט אף צאָרעס".

עס האָט זיך שוין בא איר אפילע אויסגעארבעט אזא מין ווערטל, וואָס איז אָנגעמאָסטן צו אונדזער רומל:

— האָסט א קליינעם אומגליק, האלט זיך בא אים, ווײַל סע קאָן צו יעדער צײַט אונטערקומען א גרעסערער.

אזוי זאָגט די מאמע מײַנע און מאכט בעשאס־מײַסע אזא מינע, אז איך ווייס ניט, צי זי ווײנט, צי זי לאכט.

איך בין אײנמאָל געווען א באלן צו דערוויסן זיך בא דער מאמען, וואָס איז דער אונטערשייד צווישן א קליינעם און א גרויסן אומגליק. זעט אויס, אז עס איז איר, אפּאָנעם, געווען דעמלט גוט אָנגעזאָליעט אפּן הארצן, מאכמעס זי האָט מיר צום אלעמערשטן געגעבן א פײַנע

גאָב, דעהײַנע: אַז אַזאַ פּיסקליאַט ווי איך דאַרף ניט האָבן קיין אַלטן קאָפּ אויף זיך און זיך ניט אַרײַנלאָזן אין אויבער־האַסבאַרעס. אָבער אַז זי האָט דערזען טרערן בײַ מיר אין די אויגן, האָט זי מיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן זיך אויף אַ בענקעלע, מײַסע גרויסן, און געזאָגט מיט אַ מאַראַלישער שטימע:

— מײַן קינד, דוכט מיר, שלוימע־האַמעלעך האָט געזאָגט, אַז וואָס מער מע ווייסט און מע פאַרשטייט, אַלץ ביטערער איז אויפן האַרצן, און אַלץ שווערער איז דאָס לעבן.

זיך געכאַפּט אָבער, אַז איר צוהערער איז בעסאַכאַקל גרויס, ווי אַ גענעץ, האָט זי מיט אַ לאָז־מיך־געמאַך־מינע, ווי זי וואָלט זיך וועלן אָפּטשעפּען פון מיר, אַ זאָג געטאָן:

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? אַז סע איז נישטאָ קיין ברויט און מע עסט נאָר מאַמעליגע, הייסט עס אַ קלענער אומגליק; זעסטו, טאָמער, כאָלילע, איז שוין קיין מאַמעליגע אויך ניטאָ, איז שוין דער אומגליק אַ ביסל גרעסער.

— וועלכער זשע, מאַמע, איז דער גאָר גרויסער אומגליק, פאַר וועלכן דו האָסט אַזוי מוירע?

— אוי, פרעג שוין בעסער ניט, מײַן קינד! די שאָ זאָל ניט זײַן, מע זאָל עס גאָר פאַרן מויל ניט ברענגען. — און פינצטערע כמאַרעס האָבן זיך אָנגערוקט אויף איר פּאָנעם.

איצט, אין אָט דער קאַיאַריקער שאָ, ווען גאָט אַליין איז נאָך געשלאָפן, האָט די מאַמע אינעם רויטן אונטער־ראָק און מיטן שטעקן אין דער האַנט אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי יאָעל פונעם טאַנאַך, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף סיסראָן דעם האַר פון מידיאָן. מיט אַזאַ קוראַזש און מיט אַזאַ גוווּרע, ווי מײַן מאַמעס, איז מיר דורכגעלאָפן אַ מאַכשאָווע, קאָן מען דעם גרעסטן אומגליק אַוועקלייגן.

עס האָט איימעדיק אַ קרעכץ געטאָן די אײַזערנע פרענטע. (שטענדיק, ווען די מאַמע רוקט אַרײַן און רוקט אַרויס די פרענטע, גיט מיר עפּעס אַ ריס אין האַרצן.) דורך דער צעפּראַלטער טיר איז אַרײַן אַ קריר־עדיקער ווינט און, ווי רײַטנדיק אויף אים, ווי אַ מאַרעוויכער, אַ צעשויבערטער ייִד. דאָס היטל איז בײַ אים געשטאַנען אויפן שפּיץ קאָפּ, איין אויג זײַנס האָט געקוקט קיין צאָפן, דאָס צווייטע קיין דאָרעם, און אײַנגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ לאַפּיטוטניק, וואָס איז ערשט פון דער זויערמילך אַרויס. דערזען אונדז, צעשראָקענע, אויסגעבליכטע, מיט דער נעשאָמע אויף דער שפּיץ נאָז, איז ער אַרופגעשפּרונגען אויף אַ בענקל און זיך אַ צעזונג געטאָן מיט עפּעס זייער אַ מעשונעדיק פאַרכריפּעט קאָל:

לאַכט, קינדערלעך, לאַכט, לאַכט,
כ׳האָב אײַך אַ גוטע בסורע געבראַכט.
דער קייסער ניקאָלײַ
האָט זיך אָנגעגעסן מיט מאַלײַ,
האָט אים געכאַפּט דער מאָגן,
האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן!

— הערש! גאָט איז מיט דיר, ביסט בײַ אַלע געדאַנקען?! — האָט די מאַמע אַ פליעסקע געטאָן מיט די הענט. — ווײ איז מיר, דו קענסט אונדז, כאָלילע, ברענגען אויפן פּײַער, דו רעדסט דאָך, מײַנע סאָנים, קעגן מאַלכעס.

— פּײַף דיך אַרײַן אין מאַלכעס, איטע! אויס מיילעך און אויס מאַלקעס! זיי זײַנען שוין אויף געהאַקטע צאָרעס, און מיר וועלן, אימירצעהאַשעם, לעבן און לאַכן! — האָט אַרויסגעפּליעט הערש דאַמבראָוויצער.

— און קיין סאַך יעשיִעס ניט מאַכן! — האָט אים אונטערגעכאַפּט די מאַמע צום גראַם.

— בײַס זיך אויף די צונג, נאַרישע ייִדענע וואָס דו ביסט! דו ווייסט ניט, ווער עס האָט דיך געשלייערט, — איז הערש אויסער־זיך. — נעכטן צוויי אַזייגער בײַנאַכט האָט רויזן דער אַפּטייקער באַקומען אַ טעלעגראַמע פונעם קעשענעווער „ראַבאָטשי סאָוועט“, ער זאָל מאָרגן צונויפנעמען קינד־און־קייט, מאָלדאַוואַנער און ייִדן, רוסן און אוקראַיִנער און זאָל מאַכן אַ מאַניפעסט. טאַקע מיט רויטע פענער און מיט רעדעס, אַז הימל און ערד זאָלן זיך פרייען!

...איך קוק אויף מײַן מאַמען, ס׳איז זי ניט צו דערקענען. עפּעס איז זי פאַר איין מינוט ווי ייִנגער געוואָרן. מיטאַמאָל כאַפּט זי זיך, אַז זי שטייט אין הוילן אונטער־ראָק... עפנט זי אויף די שאַפע, נעמט אינדערגיך פון דאָרטן עפּעס אַרויס, לויפט אַרײַן אין קיך, און עס יאַוועט זיך אַרײַן אַ נײַע מאַמע, אַ פריילעכע, אַ יאָמטעוודיקע, אָן אָנגעטאָנענע אין אַ רויט סאַמעטן קליידל מיט זילבערנע פליטערלעך. פּלוצעם כאַפּט זי אַ פלעדערוויש און הייבט אָן אָפּקערן דעם שטויב פון די בענקלעך. פון ערגעץ אַ פאַרוקטן אַלמער שלעפּט זי אַרויס אַ טישטעך מיט בלויע פרענדזועלעך, שפּרייט אים אויס אויפן טיש און שטעלט אַוועק אַ פלעשל ווישניק, וואָס

זי האָט באַהאַלטן בעכאַדריי־כאַדאָרים אויף דעם טאָג, ווען דער טאַטע וועט זיך בעשאָלעם אומקערן פֿון דער מילכאָמע. ווישט אויס פֿיר פּיצינקע גלעזעלעך־פֿינגערהוטן און גיסט זיי אָן פֿול, פֿול, מיט אַן אויג.

— הערשעניו, ליובעניו, האַרצעניו, דושעניו, פֿון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. נעם מיר ניט ארויס דאָס כיעס און זאָג נאָר, כ׳בעט דיך: עס איז ניט דײַנע אַ באָבעמײַסע, עפּעס אַ מין פֿאַנטאַזיע?

דאָס וואָרט „פֿאַנטאַזיע“ זאָגט זי ארויס, מײַן מאַמע, אַזוי איידל און שיין, גלײַך עס וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן אַ דופּטיק בלימעלע פֿון אירע ליפּן. די מאַמע האָט זייער ליב שיינע, געקווייטלטע ווערטער: פֿאַנטאַזיע, ליבע, געדיכט, פּאָעט... עמעס, ניט שטענדיק פּאַסט זי זיי צו ווו מע דאַרף, אָבער זי רעדט זיי ארויס מיט אַזויפֿיל האַרץ און כיין, אַז מע זעט באַשײַמפּערלעך, אַז זי האָט האָלט דאָס וואָרט און שפּילט זיך מיט דרינען, ווי אַ קינד מיט פּאַטשערקעס.

פֿון הערש דאָמבראָוויצער האָלט מײַן מאַמע אַן אוילעם־אומלויע. נאָך מיט אַ פּופֿצן יאָר צוריק, ווען מײַן טאַטע האָט זי נאָר אַראָפּגעבראַכט קיין פּערליץ און זי איז געווען, ווי לײַטן זאָגן, שיין און פֿריש, ווי אַ רויז, מאַמעש בלוט און מילך, פֿלעגט זי מיט הערשן, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קאַוואַליער, באַשײַנען אַלע כאַסענעס און סימכעס. זי האָט ליב געהאַט, ווען הערש פֿלעגט זיך פֿאַר איר אַזוי ווויליונגעריש אַ פֿאַרנייג טאָן און דערנאָך, מאַכנדיק אַ קאָפּלשמוינעדיקן רעוועראַנס פֿאַרן „האָכגעשעצטן פּובליקום“, זיך צעציקלען אין גראַמען:

זאָפאָרט מײַנע דאַמען אונד הערן
ווערט איר לאַכן מיט טרערן.
אונד דעריבער, האָך און וויוואַט, און ביטע,
דען עס זינגט די איטע פֿון דער ליטע...

און כאָטש מײַן מאַמע האָט געשטאַמט פֿון די ברייסעדיק־גערדיכטע בעסאַראַבער קאַדרעס און האָט אַפֿילע ניט געוווסט, ווו די ליטע שפּאַרט ערגעץ אָן, האָט עס איר פֿונדעסטוועגן האַנאָע געטאָן, וואָס צוליב שיינקײַט־וועגן און קעדיי דעם אוילעם מעסאַמייעך צו זײַן, גראַמט ער, דער מאַזיק, דער לעץ, איטע מיט ליטע.

— נישטאָ, זון מײַנער, קיין גרעסערע מיצווע אויף דער וועלט, — האָט זי מיך מיט יאָרן שפּעטער מאַדריך געווען, — ווי צו ברענגען פֿרייד פֿאַר קינד־און־קייט. פֿון זינט איך בין געקומען צו מײַן סייכל, ווייס איך, אַז די וועלט האָט ליב אַ שמייכל, אַ סימען, אַפֿילע אין אונדזערע הייליקע ספֿאָרים שטייט געשריבן, אַז ווען גאָט האָט די וועלט באַשאַפֿן, האָט ער צוערשט געטאָן אַ שמייכל און נאָכער אַ זאָג געטאָן קי טויוו...

איצט איז זי געשטאַנען פֿאַר הערשן מיט די מאָגערע הענט פֿאַרלייגט אויפֿן האַרצן, אַזוי ווי די העלדנס פֿון אירע באַליבטע ראָמאַנען, און ווײַל די שאָ איז געווען אַזאַ פֿײַערלעכע, אַזאַ דערהויבענע, האָט זי גענומען רעדן אויף ייִדיש־טײַטש:

— איז זאָגסט שפּריכסט דו וואָרהאַפּטיק, הערש, מײַן ענגעל, עס איז ניכט קיין טראַום?

— זאָ וואָר איך לעב, מײַן ליבכען, ווי דאָס איז ניכט קיין טראַום און ניכט קיין זענזוכט, אַזוי זאָל מיקאָלקע באַקומען די געלעזוכט, — איז הערשן מיטאַמאָל ווי ענג געוואָרן אין די ראַמען פֿון די דײַטשמערישע ווערטער און ער איז אריבער אויף פּראָסט ייִדיש, — ווי ער ליגט טיף אין דער אַדאָמע ווי קוירעך. אַזוי זאָלן, איטע־קרוין, זײַן יעשועס און נעכאָמעס אויף דיר און אויף מיר, און אויף אַלע געפּלאָגטע און געיאָגטע באַסאָר־וועדאָמס... זאָג, מײַן קינד, אָמיין און... גיי קאָך וואַרמעס!

...שוין לאַנג אַזאַ פֿרייד באַ אונדז אין שטוב ניט געווען. מיר טרינקען זיסע טיי און פֿאַרבײַסן מיט מאָן־בייגעלעך. די בייגעלעך זײַנען האַרטע, טרישטשען זיי אונטער די ציינער. לאַכן מיר, און די מאַמע לאַכט אויך. און זי זאָגט אונדז צו, אַז מירצעשעם, אַז דער טאַטע וועט קומען אַהיים, וועלן מיר עסן אייערקיכלעך. צי מיר וועלן עסן אייערקיכלעך, צי מיר וועלן ניט עסן, ווייס איך ניט. נאָר דערווײַל טוט מיר זייער האַנאָע, וואָס די מאַמע שמייכלט. אַז זי שמייכלט, ווערט זי ייִנגער און שענער.

דערנאָך האָט זיך די מאַמע פֿאַרשלייערט אין אַ פֿאַרביקער קאָסינקע, גענומען רײַבן דעם דיל און מיר מיט ריוועקלען געגעבן צוויי פֿלעדערווישן אין די הענט, מיר זאָלן אָפּקערן דעם שטויב פֿון די ווענט, פּונעם מעבל.

— איצטער, — זאָגט די מאַמע, — אַז ניקאָלאַשקע האָט געכאַפּט די מאַפּאָלע, וועט זיך די מילכאָמע ענדיקן און דער טאַטע וועט אָן אַ מאַסקאָנע קומען אַהיים, דאַרף ער טרעפֿן אַ ריינע שטוב.

— פֿון דײַן מויל, מאַמעניו, אין גאָטס אויערן! — האַלט זי אונטער פֿרום מײַן שוועסטערל ריווקעלע און פֿאַרשנורעוועט פֿאַרכטיק די ליפּעלעך, ווי אַ גרויסע, ווישנדיק זיך בעשאַסמײַסע דאָס קורנאָסע נעזל אירס, וואָס איז אײַנגעטונקען אין שטויב.

— ריווקעלע, ברענג אַהער דאָס גרויסע בענקל, און דו, יאַנקעלע, דאָס קלײנע בענקעלע, — קאָמאַנדעוועט פֿרײלעך מיט אונדז די מאַמע.

ס'איז אַ זיסער באַפֿעל, און מיר טוען בעפֿײרעש, ווי די מאַמע הייסט. די מאַמע שטעלט אַוועק דאָס קלײנע בענקעלע אויפֿן גרויסן בענקל און הייסט אונדז בײדן צוהאַלטן די פֿיסלעך פֿונעם גרויסן בענקל. דערנאָך שטעלט זי זיך אויף אויפֿן בענקעלע, האַלטנדיק אין איין האַנט אַ העמערל און אין דער צווייטער אַן אָפּצווענגע. מיר, איך און ריווקעלע, ציִען זיך אויס אין אונדזער גאַנצער לענג אויפֿן דיל און מיר פֿאַרדרען די קעפּלעך צו איר. אָ! אָ! די מאַמע איז איצט ניט די, וואָס אַלע טאָמיד. זי זעט אויס, ווי אַ קאָמאַנדיר פֿאַר אַן אַנטשיידענער אַטאַקע.

■

...זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט, נאָר אַז מע לעבט, דערלעבט מען. הערט און געדענקט! די מאַמע נעמט אַראָפּ פֿון דער וואַנט דעם קייסער ניקאָלײַס פּאָרטרעט. עס הוקעט דאָס העמערל, עס קרעכצט די אָפּצווענגע, עס בונטעווען זיך די צוועקלעך... אַ קלײניקײַט! אַזויפֿיל יאָרן איז געהאַנגען מיט אַזויפֿיל גלאַנץ און פּאָרכט אַ מײלעך־אַדיר אויף דער וואַנט, און מיטאַמאָל אין אַ ליאַדע מיטוואָך נעמט אַ ייִדענע, אַ פּראָסטע בײגל־פֿאַרקויפֿערן, און איז אים מאַטריִעך — שלעפּט אים אַראָפּ פֿון דער וואַנט, ווי עפּעס אַ לוי־יוצלעך. ווייל ער ניט, בונטעוועט ער זיך. עס שיט זיך דער שטויב און פֿאַרפּראָשעוועט אונדז די אײגלעך. עס שיטן זיך דרויבעלעך קאַלך. עס קוויטשען די צוועקלעך, און עס יאָגט אין אַ וויסטער בעהאָלע אַ גאַנצע מאַכנע וואַנצן.

דער מאַמעס בלײך פּאָנעם באַדעקט זיך מיט רויטע פֿליאַמען.

— זע נאָר אויף אַ טשיקאַווע, ווי זיי האָבן זיך עס אויסגעזוכט אַ נעסט אויף צו פּלאָדיען, — קוקט זי עפּעס אַראָפּ, ווי פֿאַרשעמט צו אונדז, — סאַמע אונטערן מײלעכס נאָז. אַזוי איז שוין פֿון אַלע טאָמיד: אומרײנקײַט קריכט צו אומרײנקײַט.

פֿון האַלטן אַזוי פֿעסט פֿאַרקרעמפּעוועט די פֿינגער אַרום בענקל זײַנען אונדז אַזש פֿאַרטערפּעט געוואָרן די הענט. בײַ ריווקעלען אויפֿן שפּיץ נעזל בלעזלען זיך עטלעכע טראָפּעלעך שוויס. איך פֿיל אויך, אַז עס איז מיר שטאַרק פֿרײלעך אונטערן נעזל... נאָר אָפּווישן זיך — אַזאַס! מיר קאָנען ניט און מיר טאָרן ניט. ניקאָלײַ לאָזט ניט. דאָס איז שוין, אַפּאָנעם, זײַן לעצטער באַפֿעל, וועלכן מיר פֿילן אויס בעהאַווע.

די מאַמע, אַ צעלויכטענע, אַ פֿרײלעכע, גיט אונדז אַראָפּ דאָס העמערל און די אָפּצווענגע. דערנאָך גיט זיך אַ הוידע דאָס בענקל, און די מאַמע מיטן „באַרויגעזן מעכוטן" אין דער האַנט, — אַזוי רופֿט זי אים איצט אָן גאַנץ היימישלעך, — איז שוין מיט אים אויפֿן דיל.

ערשט איצט באַטראַכטן מיר אים אַלע דרײַ פֿון דער נאָענט, שוין ניט ווי קיין קייסער, נאָר ווי אַ פּאָשעטן באָסער־וועדאָם. דוכט זיך, וואָס, אַזוי אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן. עס איז אַפֿילע ניט צו גלייבן, אַז פֿון איין עק לאַנד ביז צום צווייטן האָט מען געציטערט פֿאַר זײַן דעך.

די מאַמע קוקט אויף אים מיט טרויעריקע, פֿײַכטע אויגן.

— ער האָט אײַך, קינדערלעך, צוגענומען דעם טאַטן פֿון דער שטוב, — כליפּעט זי אײַנדערשטיל און וואַרגט זיך מיט די טרערן.

באַם וואָרט „טאַטע" וויינען מיר שוין אַלע דרײַ, ווײַל מיר ווייסן ניט, צי איצט, אין דער מינוט, ווען מיר ברענגען אַרויס זײַן נאָמען אויף די ליפּן, איז ער נאָך אַ לעבעדיקער צווישן די לעבעדיקע. ווייסט דאָך אַ גאַנצע וועלט, אַז אויף דער מילכאָמע פֿאַלן מענטשן ווי פֿליגן...

— מאַמע, מאַמע, הערסט, מאַמע, — רײַסט איבער ריווקעלע די טרויעריקע מאַכשאָוועס אונדזערע, — ניקאָלײַ איז טאָטש טאָטש, ווי מע שנײַדט איבער אַן עפּל, געראָטן אין אַפּאָנקען דעם קוימענקערער!

— ער איז ניט ווערט צו טראָגן אַפּאָנקעס נאָמען. יענער איז אַן אָנגעפּלאָגטער און אַ ליײַטישער מענטש. און דער — אַ גאָרניט מיט אַ ניט. מיינסט, אַז ער קען, דער לעמעך, אויפֿשטעלן אַפֿילע אַ הרובע? אייסעך וואָס. קאַטעווען מענטשן, זיי נעריקן, זעסטו, דאָס קען ער יאָ, דאָס קייסערל, — איז דער מאַמעס קאָל טערפּקע און אָנגעווייטעקט.

„וואָס זשע פּאָרט, פֿרעגט זיך, טוט מען מיט ניקאָלײַען?.. צערײַסן אים? עפּעס לייגן זיך די פֿינגער ניט. די מוירע האָט זיך, אַפּאָנעם, רעכט אײַנגעגעסן אין די ביינער..." טראַכט זי,

די מאמע אונדזערע, גלײַך דאָס וואָלט געווען איצט די גרעסטע דײַגע אירע, און מיר העלפן איר מיט טראכטן. און מיטאמאָל לויפט זי ארויס אין דרויסן אין איין שאלעכל און ברענגט ארײַן דעם לייטער אין שטוב, און שטעלט אים צו צום בוידעם־טירל. דערנאָך כאפט זי הענדעם־פענדעם ניקאָלײַען. „גלײַך ווי איך וואָלט מוירע געהאט, — לאכט זי, — אז עמעצער וועט אויסכאפן די „שיינע מעציִע" בא מיר". — און לאָזט זיך מיט אים אפן בוידעם ארוף.

...ערשט דאָ עפנט זיך די טיר, און עס שטעלט זיך ארײַן אין שטוב מוישע באלאבירער. אן אלטער באָכער, א לאנגער, ווי א דראגונער, ער שפּארט מאמעש אונטער מיטן קאָפּ די סטעליע. ווי גערזאָגט, איז מוישע באלאבירער א פארזעסענער באָכער. אין אונדזער שטעטל זאָגט מען, אז מוישע איז אמאָל געווען א יונג א קראסאוועץ און א שטיקל פּאָעט. ער פלעגט אפילע שרײַבן שירים אין די „פּראָכים". און בעסאכאקל איז ער געווען ניט מער ווי א שערער. ער פלעגט גאָלן און שערן. נאָר דאָס איז שוין געווען אן ארבעט, אף אלע אונדזערע ליבע געזאָגט געוואָרן אזעלכע געבענטשטע הענט. וואָס דארפט איר מער, אז דער בעלצער איס־פּראווניק פלעגט פאָרן קיין קעשענעוו צום גובערנאטאָר, פלעגט ער זיך מאטריִעך זײַן אין אונדזער שטעטלע פערליץ און זיך קומען שערן צו אונדזער מוישען. האקיצער, וואָס טויג אײַך א סאך ברײַען, איר מעגט מיר גלייבן אפן וואָרט, אז דאָס איז געווען דער בעסטער שערער אף דער ליניע אונגען — קעשענעוו.

פארמאָגט האָט מוישע נאָך א מײַלע, וואָס איז געווען מיט גאָלד גלײַך. אנדערע כעוורע פון זײַן פאך דרעשן פוסטע כאָכמעס בעשאס דער ארבעט אָדער צימבלען אף א פארזשאווער־טער באלאלײַקע אלטע, פארלעגענע לידער פון מיילעך סאָביעצקיס צײַטן. ניט אזא איז געווען אונדזער מוישע. ער פלעגט „דעקלאמירן"... די מאמע דערציילט, אז ער פלעגט אָפּזאָגן די שענסטע געדיכטן פון זשארגאָן אף אויסווייניק און אפילע ניט א פּינטל טאָן מיטן אויג. רויזן דער אפטייקער פלעגט עס אָנרופן אײדל, מיט א מין סאמעטענעם נאָמען — פּאָ־ע־זי־ע... גיי וויס, אז פון אָט דער שיינער דעקלאמאציע וועט זיך נעמען זײַן אומגליק!

טרעפט א מײַסע. מוישע ווערט פארבעטן צו א ייִדישן פּאָסעסאָר, ער זאָל אונטערשערן זײַן טאָכטער. געווען א מאָדערן מיידל, וואָס פלעגט טראָגן קליידלעך שאנטעקלער און לייענען פראנצויזישע ראָמאנען, און דערצו א יעפּאס־טויאר. דערזען אזא געמעל פאר זײַנע אויגן, איז מוישען שיר ניט ארויסגעפאלן דאָס שערל פון די הענט. אָבער ער איז טייקעף געקומען צו־זיך און איר אָפּגעזאָגט א שטיקל „ביאליק", אז זי האָט גענומען ציטערן, ווי אין א קאָ־דאָכעס. לאָזט זיך אויס, אז דאָס מין פּאָ־ע־זי־ע איז אזא מין כאלאס, וואָס עס ווערט פון איר הייס און קאלט.

קורץ, דאָס מיידל האָט זיך פארליבט אין שערער איבער די אויערן, אזא פארקאָכעניש האָט נאָך די וועלט ניט געזען. אין א פּראָסטן מיטוואָך פּאָרט צו דעם פּאָסעסאָרס קארעטע צו דער שערערײַ, און זי, די יעפּאס־טויאר, שפּרינגט אראָפּ פון דער בריטשקע מיט דער פלינקײַט פון אן אינד. און דאָס שטעטל קוקט פארגאפט, ווי מוישע באלאבירער פארמאכט די שערערײַ, גלײַך ווי עס וואָלט געווען שאבעס נאָכן קוגל, טוט זיך אָן אינעם פאלטנדל מיט די אונטערגעהאקטע פּאָלעס, דאָס טשאקנדיקע קאפעליושל אפן קאָפּ, מיט דעם שיינעם כליסטעקל אין האנט, און לאָזט זיך אוועק מיט דעם פּאָסעסאָרס טעכטערל, לאָרע האָט זי געהייסן, אף דער טאָלעקע.

זי אים — נאדסאָן, ער איר — פרוג. זי אים — מײַן מאלעך, ער איר — מײַן גאניידן־רויז. אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביזוואנען דער פּאָסעסאָר האָט זיך דערוווּסט פון דעם ראָמאן, געשיקט רופן מוישען און אים געזאָגט, אז ער גיט אים קאך־וועקאך, ער זאָל זיך צונויפנעמען מיטן גאנצן האקל־באקל און אויקער זײַן פון פערליץ. איז דאָך מוישע אן אקשן און די צונג איז בא אים, ווי מײַן מאמע זאָגט, ניט אין קימפּעט. שטעלט ער זיך מינאסטאם איינס אף איינס מיטן פּאָסעסאָר, דערציילט אים וועגן די גרויסע שיינע ליבעס פון אוושאָלעם און שו־לאמיס, פון ראָמעאָ און דזשוליעטא. ערשט יענער זאָגט, אז מיט קיין כיינע־קוקעלעך, שיינע רייד און שטראם־גראם נעמט מען אים ניט. און רעדט מיט מוישען דוואָרים קאָשים וועגן סיביר. שיקט אים רופן צום ראָוו. און אז עס העלפט ניט — טרעפט אין איינער אן אָסיענדיי־קער נאכט, ווען די פינצטערניש איז געווען אזוי געדיכט, אז מע האָט זי געקאָנט שנײַדן מיט א מעסער, גייט מוישע פון באן אהיים און שלעגער פאלן אים איבער. אָנגעטאָן אים א זאק אפן קאָפּ און פארשלעפּט אים אונטער דער בריק און אָפּגעטאָן אים א מיִעסע זאך... וואָס גרויסע מײַדן אויס צו רעדן וועגן דעם און קינדער פארציטקעוועט מען, אז מע הערט זיי דאָס ארויסברענגען אף די ליפּן.

— געווען א מוישע, אזא שיינער, ליכטיקער, שטאלטנער מוישע, און איצט מעג ער שוין

הייסן אפילו כײַ־טרײַנע, עס איז אים שוין אַלצײנס, — אַזוי האָבן אים באַקלאָגט די ייִדענעס פונעם שטעטל.

...איז אין איינעם אַ טאָג האָט ער אַראָפּגענומען די שילד מיט די צווי שײנע פּײַער־פייגל, וואָס האַלטן שערן צווישן זייערע פליגל. אַ סאַך איז געקומען צו די פּראַקטיקע גע־דיכטן פון זשאַרגאָן און האַרצרײַסנדיקע ראָמאַנסן, וואָס האָבן געקאָנט רירן אַפילו אַ שטיין. פאַרלאָזט האָט מוישע אונדזער שטעטל און אַ קײַלעכדיק יאָר געפּראַוועט גאָלעס אין אַ דאָר־פישן מאָנאַסטיר, געשוירן קאַלטענעוואַטע מאָנאַכישע בערד און פאַרכעוואַטע גאָלאָכישע קעפּ. נאָר וויפל קאָן אַ ייִד וויאַנען אין אַן איפּעשדיקן מאָנאַסטיר?

אומגעקערט האָט ער זיך אין שטעטל נאָך וויסטער ווי ער איז געווען. אַ גראָווער, אַ פאַרוואַקסענער און מיט אַ ווילד פײַערל אין די אויגן. געריידט האָט ער מיט אַ פאַרלעגערט פּרעמד קאָל. פון מענטשן האָט ער געווײַכט, ווי פון אַ פעסט, און געשליאָנדערט איבער די פעלדער, ווי אַ ניטגוטער. אַ גאַנץ שטעטל האָט אים באַיאָמערט, און שנײַדער־מיידלעך מיט ווייכע הערצער און מיט גאָט אין די אויגן האָבן פאַרפאַסט וועגן אים אַ ליד, וועלכע עס זינגען נאָך ביז הײַנט־צו־טאָג אין מײַן שטעטל די ייִדענעס, וואָס זײַנען געבליבן ווי אַ זייכער־לעכורבן.

די איינציקע שטוב, ווו מוישע פלעגט נאָך אַרײַנגיין, איז געווען אונדזערע. די מאַמע פלעגט אים דערקוויקן דאָס אויסגעהוילטע האַרץ זײַנס מיט אַ ביסל געקעכץ און נאָך מער מיט אַ גוט וואָרט. זי פלעגט אים אויסוואַשן אַ פאָרל גרעט, אויספּרעסן די מאַנישקע און פאַרטרײַבן די ווײַסע כעוורע, וואָס פלעגן אים נאָכגיין פוסטריט, באַשטעקן מיט בערלעך און זינגען:

> מוישע־קוישע, מאַך אַ בריס.
> צען קאָפּעקעס אַן אָקע פּיס.

וואָס אַ יאָר, איז מוישע געוואָרן בייזער און האַרטער. די גרויסע שוואַרצע אויגן זײַנע האָבן זיך ווי אָנגעגאָסן מיט פּעך, און יעדעס וואָרט זײַנס איז געווען ביטער־סאַם, ווי מיט אַ צומיש פון גאַל.

...— וווּהין טאַסקעט איר, איטע, דאָס פאַרדריפּעטע מיילעכל אַזש אַפן בוידעם אַרויף? וואַרפט אים בעסער אַרויס אַפן מיסט, ווי עס טוען אַלע גוטע פרומע לײַט, — קריכט באַ מוישען אַרויס אַ זויערער שמייכל אַף די ליפּן.

— איך וויל, אַז עס זאָל בלײַבן אַ געדעכעניש לעדוירעס, אַז מײַנע קינדער און קינדס־קינדער, ווען סע וועט זיך זיי פאַרגלוסטן, זאָלן זיי אים אָנקוקן און זאָלן זען מיט זייערע אייגענע אויגן, וואָס פאַר אַ האָמען מיר האָבן זויכע געוועזן צו פּאַטערן.

— וואָס זשע, איר מיינט, אַפּאָנעם, אַז עס איז שוין דער לעצטער האָמען? — שטשירעט מוישע זײַנע פאַרגעלטע ציין.

— יאָ דער לעצטער, ניט דער לעצטער, נאָר ווען מע פּאַטערט אַ האָמען, דאַרף מען זיך פרייען. און כוץ דעם, האָב איך אַ גרויסן ביטאָכן, אַז אויב ניט מײַנע קינדער וועלן זויכע זײַן דערצו, וועלן מײַנע קינדסקינדער דערלעבן די מאַפּאָלע אויך פון דעם לעצטן האָמען.

— אַז איר וועט נעמען שלעפּן אַלע האָמענס אַפן בוידעם, וועלן אײַך אַלע בוידעמער פון דער וועלט ניט סטײַען, — כיכיקעט דער באַלאַבירער.

— איר זענט אַ פאַרקערטער קאָפּ. לאָזט מיך געמאַך און פאַרשטערט מיר, אַבעטעך, ביט די סימכע, — שטעלט די מאַמע פעסט דעם פוס אַפן ערשטן שטאַפּל, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך דעם אַלמעכטיקן מײַלעך פון ראַסייע.

ווונדער איבער וווּנדער!

אין אַ ווינטערדיקן, פּראָסטיקן טאָג זאָל אַזוי שײַנען די זון.

— אַפּאָנעם, דעם ריבוינעשעלוילעם געפעלט אויך די רעוואָליוציע, — זאָגט מײַן מאַ־מע, — וועהאַרײַ, שטענדיק אין דער צײַט שנייעט און ווייעט, און איצט, אין סאַמע שוואַט, אַזאַ לויכטעניש.

איך זע באַשײַמפּערלעך, אַז מײַן מאַמע ווערט ייִנגער פון מינוט צו מינוט. זי האָט זיך אופגעכאַפּט אין גרויסן פאַרטאָג, אָפּגעוואַשן די דילן, געשײַערט, געוואַשן און געריבן און פריילעך אונדז געמונטערט:

— העלפט מיר, קינדערלעך, אויספּוצן דעם דאַלעס.

דערנאָך האָט זי אונדז אָנגעטאָן אין די יאָמטעוודיקע מאַלבושימלעך, אונדזער ריווקעלען אײַנגעפלאָכטן רויטע סטענגעלעך אין די בלאָנדע צעפּעלעך, מיר אָנגעטשעפּעט אַ באַנטיקל אויפן לעצל און זיך אַליין אָנגעשפּיליעט אַ פּאַפּירענע רויטע רויז אויפן שוואַרצן סאַמעטענעם קאָפּטל. זי האָט אונדז אויך אָנגעלייגט פולע קעשענעס מיט סעכערלעך און צוקער־קאַנדל — ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער הייבט אונדז אָן צו נאָגן אונטערן לעפעלע. אונדז אָנגענומען פאַר די הענטלעך, און אינדרויסן זײַנען מיר אַוועק מעקאַבל־פּאָנעם זײַן די רעוואָליוציע.

...סע איז פריילעך הײַנט אין אונדזער שטעטעלע פּערליץ. דער אַפּטייקער רויזן, דער דאָקטער סטאַוורקי און מוישע־אַרן שוסטער מושטירן דעם עולם. די ערשטע צוויי רעדן איידל אויף רוסיש און וואָלעכיש און בעטן זיך מאַמעש טאַכנונים באַם צעפריילעכטן, צעהאַ־וועטן עולם:

— טאָווארישטשי, ניע נאַרושײַטיע פּאָריאַדאָק... ניע וויכאָדיטיע איז ריאַדאָוו[1].

ט אָ וו אַ ר י ש ט ש — דאָס איז אַ מין נײַ וואָרט, וואָס מיר הערן עס צום ערשטן מאָל. סע איז אַ מעכײַעדיק געשמאַק וואָרט, וואָס שמעקט מיט זון און מיט מאָן־פּלעצלעך. און אַז מע הערט עס, ווערט מען באַ זיך געהויבענער און אָנגעלייגטער.

דאַקעגן מוישע־אַרן שוסטער, וועלכער איז אויסגעקאָכט מיטן גאַנצן שטעטל און קען אַלע פון קליין ביז גרויס, מאַכט עס פּראָסטער, אויפן היימישן שטייגער. אַלעמאָל צעלאָזט ער זיך אויף זײַן קוויטשיק קעלעכל:

— ווילדע צאַפּעס וואָס איר זענט. וואָס זבורדעט איר אַזוי?!

ער איז הײַנט אַ מעיוכעס, מוישע־אַרן. ס'איז זײַן טאָג. מיט אַ פּיר כאָדאָשים צוריק האָט ער אין שול, בײַם מינכע לעמײַריוו, געזאָגט אויף דער רוסישער מאַלקע, אַז זי איז אַ כאַנטע באַס זוינע... נו, פאַרשטייט זיך, אַז ווענט האָבן אויערן, און מע האָט אָפּגעטראָגן אַהין ווו מע דאַרף. און אין אַ וואָך אַרום האָט מען אים מאַטריעך געווען...

...אַריבער אַ פערטל יאָר, — זאָגט מען באַ אונדז אין שטעטל, — האָט ער זיך געלײַטערט אין „כאַד־גאַדיע“, געגעסן קאַדאָכעס אויפן זייגער און געכאַפּט פּעטש ווי האָלץ.

— נאַטשאַלסטווע, — דערציילט מוישע־אַרן, — האָט געוואָלט באַ אים דערגיין, צו וועלכער „מאַסט“ געהערט ער: צי איז ער אַן עסער, אַן איסקראָוועץ אָדער אַ מענשעוויק? האָט ער אויסגעבאַטלט צו זיי אַלע כאַלוימעס און זיי געזאָגט, די שמענדריקעס מיט די עפּאָ־לעטן, אַז צײַט ער לעבט אויף דער וויסטער וועלט, האָט ער פון אַזעלכע פּעכפּייגל ניט גע־הערט. און אַז בעסאַכאַקל קען ער זיך קוים כאַסמענען אויף „רישעש“, און פרעגט אים בע־ריירעם, צי זײַן פאַמיליע ענדיקט זיך מיט אַ טוויאָרדי זנאַק, צי מיט אַ מיאַכקי זנאַק, ווייסט ער ניט.

אָבער נאַטשאַלסטווע האָט אַ וויסטע טעווע — זי האָט ליב צו וויסן „פונוואַנען די פּיס וואַקסן“. זי מוז דערגיין אַן עק. מעג זי אַפילע זען, אַז איר שפּילט מיטן לעבן. האָט אים דעריבער דער גלאַוונער פון זיי, — ווערט ניט מיד צו דערציילן מוישע־אַרן, — אַ גרויסער טשין, קימאַט אַ פּאָלקאָווניק, געגעבן אים אַ פאַרפאָר סאַמע אונטער דער גאָמבע, אַזש סע האָבן אים אָנגעהויבן צו קלינגען די ציין אין מויל.

...פאַרשטייט זיך, אַז מוישע־אַרן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ווי אַ נאַסע הון, און אָפּגעכאַלעשט גוטע צוואַנציק מינוט. לויט זײַנע רייד קומט אויס, אַז די גאַנצע צײַט, וויפל סע האָט געדויערט דאָס כאַלאָשעס, האָט אים איין קלינגל געשפּריצט מיט וואַסער און צוויי האָבן אים צענומען דאָס מויל און אַרײַנגעשפּריצט ראָם.

— איך, דאַרפט איר וויסן, — זאָגט מוישע־אַרן, — בין אַ גרויסער מײַסטער אויף כאַ־לאָשעס. מײַן מאַמע, אָלעהאָ־האַשאָלעם, פלעגט זאָגן אויף מיר, אַז איך האָב נאָך געכאַלעשט באַ איר אין בויך. אַ סימען, אַלע נײַן כאָדאָשים, ביזוואַנען איך בין אויף דער וועלט געקומען, פלעגט זי כאַלעשן דרײַ מאָל אין טאָג. איך קען אויך כאַלעשן אַזויפיל, וויפל איך וויל און וויפל מע דאַרף. נאָר, ערשטנס, איז מיר געווען אַ גאָטס ראַכמאָנעס אויף די אַדוינים. זאָגט אַליין, וויפל קאָן מען זיי מוטשען, און צווייטנס, איז מיר געקומען אויפן זינען מײַנער אַ קאָ־רעוו, וואָס האָט, מאָלט אײַך, אויף אַ קאַטאָוועס, גענומען כאַלעשן און אינמיטנדרינען, איינס, צוויי, געגעבן אַ שטאַרב.

אַז איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך דערפילט, אַז פון איין זײַט בין איך פּיטש־נאַס, כאָטש נעם און דריי מיך אויס, און פון דער צווייטער זײַט איז מיר וואַרעם אין אַלע איווורים, ווי אין פּאָסעק שטייט געשריבן: יין ישמח לב אנוש[2]...

---

[1] כאַוויירים, צעשטערט ניט די אָרדענונג... גייט ניט אַרויס פון די רייען.

[2] י א ִ י ן י ע ס א מ ײ א ך ל ײ ו ו ע נ ו י ש — ווײַן מאַכט פריילעך דעם מענטשנס האַרץ.

דער קימאַט־פּאָלקאָווניק האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס, דערנאָך מיך אוועקגעזעצט אַף אַ ווייך בענקל און אַ רעד געטאָן צו מיר סאַמעט־ווייך, אַזוי ווי אַן אייגענער טאַטע:

— דו זעסט כאָטש, גאָספּאָדין טאַלעסמאַן, וואָס דו האָסט געמאַכט פון זיך און פון אונדז? דו ווייסט, אַז איבער דיר האָב איך נאָך הײַנט קיין טראָפּן קאַווע ניט געהאַט אין מײַן מויל?.. איז וואָס זשע ווילסטו, טאַלעסמאַן, אַז מיר זאָלן טאַקע ביידע אַזוי אָפּפאַסטן דעם גאַנצן טאָג? עפּשער וואָלט שוין פּאַרט געווען אַ יושער, זאָלסט שוין אַמאָל אַרויס מיט דיבורים?!

איך בין בעטעווע, ווי איר ווייסט, אַ ווייכהאַרציקער מענטש, האָט מיך עפּעס אָנגעכאַפּט ווי אַ מין ראַכמאָנעס אַפן פּאָלקאָווניק. אַזאַ שיינער מאַן מיט גילדערנע עפּאָלעטן און רויטע לאַמפּאַסן, און ער זאָל אַזוי ביטער הונגערן איבער מיר. האָב איך מיר אָנגעטאָן אַ קויעך און אַרויסגעשלעפּט דאָס ביסל רוסיש, וואָס איז געלעגן ערגעץ פאַרשטעקט, דער גוטעריאָר ווייסט ווו, און איך האָב צו אים לײַמויר, אַזוי געזאָגט:

— וואַשאַ וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, איך שווער באַ גאָט און באַ מײַנע פאַרשטאָרבענע טאַטע־מאַמע, אַז איך האָב אַף איר, אַף דער „יעיאָ וועליטשעסטוואָ“, געזאָגט איין קלייניקײַט, אַז זי איז, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, געכאַפּט אין דער מאַנסע... פּאָימאַניע וו סקאַזקיע... איז גלייבט זשע מיר, איך זאָל אַזוי זײַן אַ טאַטע מײַנע קינדער און אַ מאַן מײַן ווײַב, וואָס ווײַנט זיך אויס די אויגן נאָך מיר, אַז איך וואָלט דאָס אויך ניט געווען געזאָגט, ווען איך טרעף ניט אין שול אַרײַן פינקטלעך צו אַ רײַכן יאָרצײַט, און כאַפּ ניט אַן איבעריק ביסל בראַנפן פאַר דער אליאַסהאַנעשאָמע.

אָבער נאַטשאַלסטווע בלײַבט נאַטשאַלסטווע. מאַלכעס האָט ליב צו וויסן, וויִאַזוי, ווער, וואָס און ווען. איך האָב גערעדט, און די קלענערע אַכאַשטראַנימלעך, די פּיסאַרס, האָבן געשריבן. אַ וואַלד מיט פּאַפּיר האָט מען פאַרשריבן. וויִאַזוי איך הייס, און מײַן טאַטע־מאַמע, שווער און שוויגער האָבן געהייסן. פון ווײַב און קינדער איז שוין אָפּגערעדט. אַז כ׳האָב זיי גענומען אויסרעכענען די קינדערלעך מײַנע נעבעך, אַלע באַ די נעמען, האָב איך זיך אַזש באַוואַשן מיט טרערן. וואָס דאַרפט איר מער, אַפילע אַזאַ קלייניקײַט האָט זיי אויך אינטערעסירט — צי איך האָב גענומען מײַן ראָכלען פאָ ליובווי, צי דורך אַ שאַדכן.

— עסן, — דערציילט ער, — האָט מען אים געגעבן נאָר מילכיקס... פאַרשטייט זיך, אַז ניט קיין פּוטערבולקעס, און אַפילע ניט קיין קעז און ניט קיין פּוטער און ניט קיין מילך. נאָר שוואַרץ ברויט מיט זויערמילך. באָרשטש האָט ער ניט געגעסן און וועט ניט עסן, כאָטש גיט אים אַ באָרשטש מיט גאָלד. ער האָט זיך פון אים אָפּגעזאָגט פונעם ערשטן טאָג אָן.

— וואַשאַ וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, — האָט ער געמאָלדן דעם פּאָלקאָווניק, — איר זאָלט ניט האָבן קיין פאַריבל אַף מיר, נאָר אײַערע באָרשטן וועל איך ניט עסן, כאָטש זיי שמעקן גוט, זיי האָבן אײַער טאַם, ווײַל איך בין אַן עלטערער מענטש, און ווי אַלע עלטערע ייִדן, וויל איך ניט דערצאָרענען דעם ריבוינעשעלוילעם.

— ס׳מיינט איר? באַ די ווערטער האָט דער פּאָלקאָווניק זיך אַרויסגענומען דאָס זײַדענע שמעקנדיקע טיכעלע זײַנס, זיך אויסגעווישט די אויגן און אַ זאָג געטאָן: „סלאַווא באָגו, וואָס אין ראַסייע זײַנען נאָך פאַראַן „נאַבאָזשנע“ מענטשן, ווײַל אונדזער איינציקע „נאַדיעזשדע“ איז גאָט און דער קייסער“.

...ערשט נאָך אַלע „פּאָלקאָוניטסקע“ טרערן און שיינע רייד, און דער פײַנער באַנעמונג האָט מען אים אַרײַנגעזעצט צוריק אין טפּיסע. עמעס, שוין ניט איינעם אַליין אין דעם איפּעשדיקן לאָך, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „כיידער־מוטשעניכע“, נאָר אין אַ גרעסער צימער, אָדער ווי ער רופט עס אָן, באַגרעבעניש, איניינעם מיט אַנדערע קראַמאָלניקעס, אַלטע און יונגע.

— פון זייערע מײַלער, — דערציילט מוישע־אַרן, — האָט זיך געשיט פּריסיק, אַזש מורעשקעס האָבן אים אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבערן לײַב, און ער האָט געפילט, אַז אויב ער וועט נאָך לאַנג זיצן צווישן זיי, איז טאָמער איז ער נאָך ניט געוואָרן אַ רעוואָליוציאָנער, וועט ער מינאַסטאַם ווערן.

זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך ניט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם, ווײַל צי ער וויל יאָ, צי ער וויל ניט, נאָר אַ „מוירעד־בעמאַלכעס“ הייסט ער, און ער וועט שוין מירצעהאַשעם פאָרן קיין סיביר אָן אַ בילעט.

...און אַז מוישע־אַרן האָט זיך צו מאַזל און צו גליק אומגעקערט פון קעשענעוו אַהיים, איז אים דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען מעקאַבל־פּאָנעם זײַן. און ווי נאָר ער איז אַראָפּ פונעם וואַגאָן, האָט ער באַוויזן אָפּצוגעבן צוויי באַפעלן:

ערשטנס, זאָל מען זיך פון היַינט אָן און וויַיטער ניט דערוועגן צו רופן אים מער מוישע־ארן פלאַכטאַן, וויַיל איצט ווייסט מען שוין באַרעכהאשעם פון איין עק בעסאַראַביע ביז צום צווייטן, וואָס פאַר א גערויִ ער איז און וויפל פּעטש ער האָט געכאַפּט פון דער סאַמאָדערזשאַוויע, און אויב אזא שטאָט, ווי קעשענעוו, האָט אים אָפּגעגעבן קאָוועד, איז דאָס פאַרדריפּעטע שטעטל פּערליץ אויך ניט קראַנק צו האָבן פאַר אים כאָטש א ביסל דערעכערעץ.

צווייטנס, האָט ער אוועקגערופן זיַין וויַיב ראָכעלען אין א זיַיט און האָט איר אָנגעזאָגט, אז זאָל איר ניט איַינפאַלן צו כאַלעשן דאָ אפן וואָקזאַל, וויַיל סע פּאַסט ניט פאַר אזא מענטשן ווי ער, וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט מאַלכעס, אז זיַין וויַיב זאָל מאַכן קודרישע שטיק. מעכעטייסע, אין דער היים קאָן זי כאַלעשן, וויפל איר הארץ גלוסט. אָבער דאָ? אזיאַסי!

היַינט איז ער דער ערשטער מעכוטן אף דער מאַניפעסטאַציע. א מין אונטערפירער אירער. עפּעס האָט ער ערגעץ פון א בוידעם ארויסגעשלעפּט אָן אַלטע, פאַרזשאַווערטע צעבויגענע שווערד און זיך אָנגעהאַנגען באַם גאַרטל. און דעם רעכטן ארבל האָט ער ארומגעוויקלט מיט א רויטער ברייטער סטענגע. און ער איז בא זיך איצטער געהויכט און געקרוינט, וואָס א גאַנץ שטעטל רופט אים שוין ניט מוישע־ארן פלאַכטאַן, און ניט מוישע־ארן לאַטוטניק, און אפילע ניט מוישע־ארן שוסטער, נאָר מוישע־ארן דער מיליציאָנער.

איין זאַך איז אים א ביסל פּריקרע: פון מאָל צו מאָל גיט זיך א יאַווע ראָכעלע מיט זייערע אכט קינדערלעך און שטעלט זיך אוועק הינטער זיַינע פּלייצעס מיט די הענט פּידבאָקאָם און צעגייט זיך פאַר נאַכעס:

— נו, יידן, וואָס זאָגט איר אף מיַין גליק? אזא יאָר אף מיר, וואָס פאַר א שיינער אוריאַדניק ער איז! היַינט ווי עס פּאַסט אים די סאַבליע! גליַיך ווי ער איז געבוירן געוואָרן מיט איר!

— בעהיימע וואָס דו ביסט! ביַיס דיר אָפּ א האַלבע צונג, — קאָעסט זיך מוישע־ארן, — וואָס פאַר אן אוריאַדניק בין איך דיר, יימאַך־שמוי־וועזיכרוי!

...אין עטלעכע שאָ ארום מאַרשירן שוין מענער, וויַיבער און קינדער צו צען אין א ריי איבער די גאַסן פון שטעטל מיט רויטע פענער אין די הענט. די זון האָט צעשמאָלצן דעם שניי, איז כוואַשטשען מענערישע שטיוואַלעס אין דער געדיכטער קלעפּיקער בלאָטע. וויַיבער מיט לאַנגע, פאַרשפּריצטע קליידלעך שריַיען אָן אף די קינדער, וואָס זיַינען פאַרנורעט פון קאָפּ ביז די פיס, אז זיי זאָלן זיך פאַרנעמען פונדאַנען. נאָר קליינוואַרג רירט זיך ניט פון אָרט. מע זינגט און מע שפּאַנט, מע שפּאַנט און מע זינגט. מע הערט גאָרנישט אוף צו זינגען.

עס איז שיין צו קוקן, ווי אין א פּאַשעטן מיטוואָך האָבן טאַטעס און מאַמעס, מאָלדאַוואַנעס און יידן, רוסן און אוקראַינער, און אפילע ציגיַינער, אוועקגעלייגט אלע אייסאָקים אין א זיַיט, זיך פאַרפּוצט אין יאָמטעוודיקע קליידער און ארויס אין גאַס און זיך גענומען זינגען.

איז וואָס זשע זינגט מען? א שפּאָגל־ניַיע ליד, מיט א וויַיבערשן נאָמען, „מאַרסעליאָזע", הייסט זי.

פונוואַנען די „מאַרסעליאָזע" האָט זיך גענומען, ווייסט מען ניט פּינקטלעך. אייניקע זאָגן, אז מע האָט זי אַראָפּגעבראַכט פון פראַנציע, און אנדערע זאָגן, אז נאָך פון וויַיטער, אזש פון ריאָ־דע־זשאַניירא. איז א טייל זינגט זי מיט א צעבראָכענעם קאַלנידרע־ניגן, און אנדערע — ווי א מין האָפּקענדיק וואַלעכל.

— אבעטעך נו, עפּשער וואָלט שוין געווען א רעזאָן זיך א ביסל צוצוזעצן. שויך, מע איז שוין געווען באַם בעסוילעם, מע איז שוין געווען באַם טיַיך — איז וויפל, אשטייגער, דער שיר צו גיין? שאַט, מע שמועסט, אז מע גייט גאָר אין דאָרף אריַין צום קלויסטער...

מיַין מאַמע איז אזוי פאַרמאָרעט, אז זי שלעפט שוין קוים די פיס.

די מאַמע זאָגט, אז סע מעג ליאַפּען מיט צעבערס און סע מעג זאַווערוכען און שטורמען, וועט זי אהיים ניט גיין, און אז ס'איז א גרויסע זכיע צו דערלעבן אזא טאָג. אין איר זכוס, סע הייסט אין דער רעוואַליוציעס, וועט זיך דער טאַטע איַינגיכן אומקערן אין זיַין היים צו זיַין וויַיב און צו זיַינע קינדער.

הערש דאָמבראָוויצער שפּאַנט מיט אונדז אין איין ריי, מיט אלע זיַינע זיבן קינדערלעך. לעקאָוועד דער מאַניפעסטאַציע האָט ער זיך אָנגעטאָן אין זיַין יאָמטעוודיקן איבערציִער, און אפן קאָפּ טראָגט ער א ווינער קאַפּעלישל, ענלעך אף א ראַנדל, וואָס שווער־און־שוויגער האָבן אים נאָך געקויפט א מאַטאָנע כאָסנוויַיז צו דער כאַסענע.

— הערשל, פאַרוואָס האָסטו ניט מיטגענומען דיַין צירלען אף דער מאַניפעסטאַציע, זאָל זי אויך האָבן א ביסל פאַרגעניגן? — פרעגט אים די מאַמע.

— לאָז זי זיצן אין דער היים, איטע, און היטן די שטוב, וויַיל צווישן יאָ און ניין, — לאַכט הערש, — קאָנען מיר די בורזשויען אָפּטאָרען די ציג...

...עפּעס אַלע שיטן פּעך און שוועבל אַף די בורזשויעס. נאָר ווער די בורזשויעס זײַנען, ווייס איך ניט זיכער. עס קומט מיר פאָר, אַז דאָס זײַנען אַזעלכע ווילדע מענטשן, וואָס פרעסן אָרעמע לײַט און קליינע קינדער.

סע איז שוין גרויסער פאַרנאַכט, ווען מע שפּאַנט אַרײַן אין הויף פונעם קלויסטער. דער אַלטער גאַלעך קאָנדיעראַקיע שליסט אוף מיט אַ גרויסן פאַרזשאַווערטן שליסל די שווערע קלויסטער־טירן. דאָס פּאָנעם זײַנס איז בא אים בלייך, ווי די באָרד. ער פינטלט מיט זײַנע וואַסעריקע אויגן און ציטערט, ווי אַן אָסיענדיקער בלאַט.

— טאָוואַרישטשי! — הער איך נאָכאַמאָל דאָס נײַע באַטאַמטע וואָרט, פון וועלכן עס ווערט מיר וואַרעם אין אַלע מײַנע גלידער, — זאָל אַ ביסל שטילער זײַן, דער דאָקטער סטאַווראַקע וועט זאָגן אַ רעטש.

דאָקטער סטאַווראַקע איז אַ קורץ געפּאַקט מענטשל. זומער און ווינטער, אָסיען און ווערסנע טראָגט ער אַן אָפּגעקראָכן קוטשמעלע און אַן אָפּגעריבן פּאַלטנדל. ער איז שוין נעבעך דרײַסיק יאָר אַן אַלמען. זײַן ווײַבל, זאָגט מען, איז געווען אַ גרויסע רעוואָליוציאָנערקע, נאָך אַ גרעסערע פון אים, און אונטערוועגנס אין אַן עטאַפּ איז זי פאַרפרוירן געוואָרן אין אַ ווײַטן סיבירער וואַלד. אָט וואָס עס הייסט אַ געטרײַער איבערגעגעבענער מאַן. צײַט דעמלט אָן האָט ער ניט כאַסענע געהאַט. ער אַליין, זאָגט מען בא אונדז אין שטעטל, האָט ניט אַזויפיל האָר אין קאָפּ, וויפל כאַדאָשים און יאָרן ער איז אָפּגעזעסן אין די אָסטראָגן. אַ לײַטישער מענטש, אָט דער סטאַווראַקע. וואָלט ער ניט געווען קיין מאָלדאַוואַן, וואָלט ער מינאַסטאַם

געווען א צאדיק בא יִדן... — טראכט איך מיר. מענטשן דערציילן, אז מע איז אים אמאָלֿ געקומען ארעסטירן פון א געווינערן, וואָס איז געגאנגען שווער צו קינד, האָט ער זיך אָפּגעבעטן באם אוריאדניק, מע זאָלֿ אויסווארטן, ביז ער וועט נעמען דאָס אייפעלֿע, זײַנען די קלֿינגלֿעך געזעסן א גאנצע נאכט אין קיך און אים געהיט די נעשאָמע. צי פון מידקײַט, צי פון דעם פײַנעם ביסלֿ בראנפן, וואָס זיי האָבן גענומען, זײַנען זיי ארום האלֿבער נאכט אנשלאָפן געוואָרן. קאיאָר, ווען דאָס קינד איז שוין געווען פון דער־זײַט, האָט ער אופגעוועקט זײַנע היטערס און זיי געזאָגט: „נו, איצט קאָנען מיר שוין גיין".

ווען ער האָט זיך אין א פיר יאָר ארום אומגעקערט אין אונדזער שטעטלֿ און מע האָט אים געפרעגט, פארוואָס האָט ער אין יענעם פארטאָג ניט אויקער געווען און זיך געלֿאָזט פירן ווי א קאלֿב צו דער שכיטע, האָט ער געענטפערט:

— די זשאנדארמען זײַנען געווען פויערישע זין, ווילֿע כעוורע. איר האָט אלֿיין געזען, ווי זיי האָבן מיך געלֿאָזט צורו. ווען איך צי אָפּ, וואָלֿט מען זיי געווען פארשיקט קיין סיביר... און זייערע מאמעס און קאלֿעס וואָלֿטן זיי געווען באקלֿאָגט און מיך פארשאָלֿטן. הייסט עס, אז מע טאָר קיינעם ניט אָפּנארן. אפילֿע צומאָלֿ דעם סוינע, ווײַלֿ א צווייט מאָלֿ וועט דיר שוין א גוטערפרײַנט אויך אופהערן גלֿייבן.

אונדזער דאָקטער הייבט אָן צו רעדן און פארדעכעט זיך. לֿײַטן זאָגן, אז ער איז א יאדעשלֿיוועך און קאָן יעדע מינוט געבן דעם קנויט, אזוי ווי ער שטייט און גייט. איז אים טאקע נעבעך דערפאר אזוי שווער איצט. עס פארקלֿעמט מיר דאָס הארץ, ווען איך זע, ווי דאָס געלֿבלֿעכע פאָנעם זײַנס באדעקט זיך מיט רויטע פלֿעקן, די בלֿויע אויגן זײַנע הייבן אָן צו טרערן, די הענט ציטערן בא אים און דאָס בענקלֿ הוידעט זיך אונטער אים.

— וואָס שטייט איר ווי די סטאטיקעס?! איר זעט דאָך, אז דער מענטש לֿעבט איבער, — קאָמאנדעוועט מוישע־ארן, — האלֿט אים אונטער, ווײַלֿ באלֿד פאלֿט ער פון די פיס.

מוישע־ארן, אוורעמעלֿע סטאָלֿיער און פעדקע דער קאָוועלֿ כאפן אים אונטער בא די אָרעמס, מיט אזויפילֿ אכפערונג, עפעס טאקע נאָר ווי ער וואָלֿט געווען א קויהען־גאָדלֿ, דער דאָקטער אונדזערער. סטאוורעקע פאָכעט זיך מיטן טיכעלֿע און רעדט אזוי שיין און אזוי פלֿיסיק אין וואָלֿעכיש. ער רעדט אזוי, ווי סע רעדן די פויערים, די, וואָס אקערן און זייען די ערד, ווי סע רעדן די מאָלֿדאוואנקעס, ווען זיי באקלֿאָגן זייערע מענער און זין, וואָס זײַנען אוועק אף דער מילֿכאָמע. און עפשער דערפאר באגיסן זיך מיט טרערן סײַ מאָלֿדאוואנעס, סײַ יִדן. זיי וויינען אזוי, גלֿײַך ווי ער וואָלֿט מיטן שלֿיסלֿ פון זײַן וואָרט זיי אופגעעפנט זייערע פארקלֿעמטע הערצער.

די מאמע רוקט ארוף דאָס טיכלֿ איבער די אויערן, קעדיי זי זאָלֿ בעסער הערן. הערש דאָמבראָוויצער פאָכעט זיך, מאכנדיק דערבײַ א שיינע גרויסשטאָטישע מינע, מיטן ווינער קאפעלֿיוש זײַנעם. אזוי אז איך ווייס ניט, צי עס איז אים אזוי הייס פון דער פארדומפענער, שווערער לֿופט, צי פון די קאָכיקע רייד. מיך האָט מען פארקוועטשט ערגעץ אין א ווינקלֿ. שטעלֿ איך מיך אלֿעמאָלֿ אוף אף די שפיץ פינגער.

נאָר זען זע איך קימאט א פײַג. צו מײַנע אויערן דערגייען נאָר אָט ווערטער געלֿעטנדיקע און מילֿדע: ברידער מײַנע, כאווירים טײַערע, קינדער פון דער ערד... און אָט ווערטער הארטע, קלֿינגענדיקע, מיט שארפע שפיציקע ריישן: סאמאָדיערזשאוויע, ררערוואָלֿיוציע, בוררזשואזיע...

„דאנקען האשעמי׳סבאָרעך, — טראכט איך מיר, — וואָס מיר זײַנען כאָטש ניט קיין בורזשויעס. אלֿע „בענטשן" זיי מיט קײַלֿעכיקע בראָכעס... אפילֿע אזא מענטש פון מענטשנלֿאנד, ווי סטאוורעקע, האקט אויך אין זיי, ווי אין קרויט. יאָ, מע מאכט הײַנט פאָשעט פון זיי אָריען־קאָריען".

— מאמע, מאמע! — דערביוע איך מיך קוים צו איר און טאָרע זי באם קלֿיידלֿ. — וואָס זאָגט דער דאָקטער?!

— ווען סע זאָלֿ, קינד מײַנס, א פערטלֿ מעקוייעם ווערן פון דעם, וואָס ער ווילֿ און וואָס ער אונדז גינט, — ווישט די מאמע די אויגן, — וואָלֿטן מיר געווען פארזיכערט מיט א געזונט, שיין און גלֿיקלֿעך לֿעבן.

זע נאָר, וואונדער איבער וואונדער!.. דער אוילֿעם האָט נאָך ניט באוויזן רעכט צו צעקײַען דאָקטער סטאוורעקעס שיינע רייד, ווי ס׳האָט זיך ארופגעכאפט אפן גאלֿאָכישן בעלֿעמער, טרעפט ווער? מוישע באלֿאבירער! און זעט נאָר זעט אף א טשיקאוועס, ווי הויך ער איז. ער דערגרייכט מאמעש מיטן קאָפּ ביז צו דער סטעלֿיע! אזוי מינאסטאם, טראכט איך מיר, האָט געקערט אויסזען אויג־מעלֿעך־האבאָשן.

— שאט, מוירײַ וועראבויסײַ, לֿאָז א ביסלֿ שטילֿער זײַן, איך וועלֿ מארבע־דראָשע זײַן, — הייבט אָן מוישע באלֿאבירער זײַן רעדע מיט א שטילֿ פאָרכטיק קאָלֿ. — האשעמעש יאָצאָ מע־

כופּאָסוי[1] — די זון איז ארויס פון אונטער איר כופּע, — קלינגט זײַן קאָל סאמעט ווייך, ווי דער טרילילי פון א סאָלאָוויי, — ווּעמאָלע זיווי קאָל האָאָרעץ[2] — און זי האָט אײַנגעהילט, — טײַטשט ער, — מיט איר ליכט דאָס גאנצע לאנד.

ער איז א מײַדים, אונדזער מוישע באלאביקער. אפילע דאָ אין קלויסטער רעדט ער אויך מיט שיינע מעליצעס, אזוי ווי אמאָל אין זײַנע יונגע בלײַענדיקע יאָרן. ער רעדט, און די אויגן זײַנע זײַנען געווענדט צו די קריסטלעכע מאלאָכים, וועלכע באצירן די סטעליע. גלײַך ווי ער וואָלט וועלן, אז גאָט זאָל אים אויך הערן.

— מאזלטאָוו אײַך אלע! — שרײַט אויס מוישע. — מאזלטאָוו פאר הײַנט, און דער איקער מאזלטאָוו פאר מאָרגן, — ווערט מוישעס קאָל מיטאמאָל יעמערלעך, ווי געבאָרן אין טרערן.

— מיט מאזל זאָלסטו לעבן, מוישע־טאטע, — וויטעט זיך הערש דאָמבראָוויצער, — א גליק האָט אים געטראָפן!.. א שניי מיט א רעגן, די באָבע וועט זיך לייגן...

...איך זע, אז מײַן מאמע איז אויסער־זיך פאר קאס. זי טרעט אָן הערשן אפן פוס מיט אזא גרימצאָרן, אז יענער שפּרינגט אזש אונטער, און שרײַט אים אין סאמע אויער ארײַן:

— א כאָכמע איז ווי א גילדן רענדל, בורמילע וואָס דו ביסט, און אז מע צעבײַט עס, ווו מע דארף און ווו מע דארף ניט, ווערט דערפון א צינערנער טאָלער.

כאָטש מוישע רעדט אף יִדיש, דאָך פארשטיי איך קימאט קיין איין וואָרט ניט. ער רעדט, אפּאָנעם, זייער טיף. אָבער דאָס קאָל זײַנס האָט אלע טאמען און א יאם מיט טענער. אָט קלינגט עס הויך, ווי מע וואָלט גערעדט פון דעם סאמע העכסטן בארג, און אָט איז עס ני־דעריק־פארדומפּן, גלײַך ווי ס'וואָלט געקומען פון א הייל ארויס. אָט איז עס סאמעט־ווייך, ווי מײַן מאמעס קוש, און אָט איז עס צאָרנדיק־הארט, ווי אירע אָנגעדראָלענע, פארהאָרע־וועטע הענט.

...איך קוק אף דער מאמען און זע, אז זי באגיסט זיך מיט טרערן. אוי, צופּט מיר דאָס הארץ, אז די מאמע וויינט! אז די מאמע וויינט, דוכט זיך מיר אויס, אז סע לעשט זיך אויס די זון. און איך בלײַב איינער אליין הענגען צווישן הימל און ערד, איבער א כאשכעסדיקן אָפּגרונט.

אויך הערש לאָזט א טרער, און, קענטיק, פון ניט געוווינהײַט צו וויינען, מאכט ער עפּעס אזא קרומע מינע מיטן מויל, גלײַך ווי ער וואָלט טאקע אפּאנעמעסן ברעכן פּיסקעס... (אזוי זאָגט אף מיר דער רעבע מײַנער שטענדיק, ווען איך צעוויין מיך.)

און אז מוישע ענדיקט רעדן, איז אין קלויסטער, ווי אפן ווײַבערשן גאָרן אין שול בעשאס דעם אונעסאנע־טויקעף זאָגן... אלע האָבן פארוויינטע אויגן. עס דוכט זיך מיר אויס, אז דאָס יויזל איז אויך פארוויינט, אז וואָס איז דער כידעש, אז סטאַווראקע דער דאָקטער, א מענטש, וואָס קען עפּשער זיבן שפּראכן און איז אויסגעווען א וועלט, גייט צו צו אונדזער מוישען, נעמט אים ארום און הייבט אים אָן קושן. וואָס דארפט איר מער, אפילע סענדערל בארענבוך, דער גרעסטער אויסוואורף פונעם שטעטל, אפילע ער ווישט זיך די אויגן מיט א גרויסער, זײַדענער געגאנווועטער פאטשיילע.

דאָבע די סארווערן, אף וועלכער מײַן מאמע זאָגט, אז זי איז א יִדענע א שאָלעמטעכע, גייט ארום פון איינעם צום צווייטן און ווינטשט אלעמען פרום, מיט א געבראָכן קאָל:

— מע זאָל שוין האָבן אָפּגעקומען מיט די טרערן, טאטע זיסער!

...ווען מיר קערן זיך אום פונעם דאָרף אהיים, איז שוין, זעט אויס, שטאָקנאכט. קיין סימען איז שוין ניט געבליבן פון דער זון. א פּענעצל לעוואָנע, אזוי ווי א דיניע־ריפּטל, שטייט אין הימל. א זאווערוכע, א בייזע, א צעיושעטע, וואָיעט איבער פעלדער און פארפּראָשעט אונדז די אויגן, דאָס פּאָנעם.

די גרויסע, ווי די גרויסע, נאָר אף אונדז, קינדערלעך, איז בעעמעס א גאָטס ראכמאָ־נעס — מיר שלעפּן קוים די מידע פיסלעך. און מיר הוכקען אין אונדזערע פארפרוירענע הענטלעך. מײַן ריווקעלע וויינט אף א קאָל.

די מאמע טישעט זי אײַן, אז באלד וועט קומען די וועסנע, און מיט דער ווענסע דער טאטע, און מיטן טאטן דאָס גליק.

הערש דאָמבראָוויצער גייט און טענצלט זיך אונטער. ער רײַבט זיך פריילעך די הענט און שרײַט איבער די זאווערוכע:

— ווײַסע כעווּרע! איאָ, סע לעקט און ברענט.

ער טרײַבט אונטער זײַנע קינדערלעך, וואָס לויפן פאָרויס פאר אים, עלעהיי א פּאסטעך זײַנע שעפעלעך בעשאס א שטורעם!..

---

[1] השמש יצא מחופּתו; [2] ומלא זיווי כל הארץ.

...אַז מיר קומען אַרײַן אין שטוב, איז אַזאַ קרירע, אַז סע דוכט זיך מיר, אַז די שײנע כײנעוודיקע קאַלֿע מיט דער גאַלֿיאַנדע[1] (דאָס איז מײַן מאַמע מײדלֿװײַז), װאָס קוקט אַראָפּ פֿונעם פּאָרטרעט, איז אױך פֿאַרפֿרױרן געװאָרן. די מאַמע ברענגט אַרײַן אַן אָבערעם האָלֿץ און הײצט אײַן די הרובע. די נאַסע שײַטלֿעך בלֿעזלֿען זיך, שיפּען, כלֿיפּען, און די עטלֿעכע טרוקענע שפּענדלֿעך טרעשטשען.

די מאַמע זיצט אױפֿן הינקעדיקן בענקעלֿע און קוקט מיט פֿאַרכאָלֿעמטע אױגן אין פֿײַער אַרײַן. איך און מײַן שװעסטערלֿ לאָזן זיך אַראָפּ אױפֿן דילֿ און טוליען און לאַשטשען זיך צו איר. עלֿעהײ צװײ קלײנע, פּיצינקע טײַבעלֿעך, װעלֿכע עס האָט נאָכגעיאָגט אַ שפּאַרבער און זײ האָבן זיך דערשראָקענע באַהאַלֿטן אונטער זײער מאַמעס, דער טױבעכעס, פֿליגלֿ.

נאָר די מאַמע, גלֿײַך זי זעט אונדז ניט, זי איז פֿאַרזונקען אין אירע מאַכשאָװעס און רעדט עפּעס װי צו זיך אַלֿײן:

— אַזאַ מױשע! אַזאַ מױשע!.. אַ יאָסעם עסט אַ סאַך, און אַ שװער האַרץ רעדט אַ סאַך!

— —

...װיפֿלֿ איז שױן אַלֿט דאָס קאַרשנבײמלֿ, װאָס בלֿײַט לֿעבן אונדזער שטוב?

— דרײַ יאָר, — זאָגט די מאַמע און גיט אַ ביטערן קרעכץ. און װיאַזױ זאָלֿ זי ניט קרעכצן? װײ, װײ, װאָס אין די דרײַ יאָר איז זיך פֿאַרלאָפֿן! װיפֿלֿ טײַכן טרערן האָט די מאַמעניו פֿאַרגאָסן, און װיפֿלֿ נעכט איז זי ניט דערשלאָפֿן!

דער טאַטע מײַנער האָט עס פֿאַרפֿלאַנצט אַ כוידעש פֿאַר זײַן אַװעקגײן אױף דער מילֿכאָמע. צו די צען יאָר פֿון זײער כאַסענע. אױ, װי איך האָב ליב געהאַט, װען טאַטע־מאַמע פֿלֿעגן זיך עס אין אַ זומערדיקן פֿאַרנאַכט אַװעקזעצן אױף דער פּריזבע און דערמאָנען זיך, װי זײ האָבן זיך בײדע גענומען!

...ס׳איז געװען אַ גינגאָלֿדענע פֿאַרנאַכטיקע שאָ. די אױגן האָבן שױן בײַ מיר זיך געקלֿעפּט פֿון מידקײַט, נאָר די געװירצלֿטע רײַכעס פֿון די גראָזן און צעקנאָספּעטע בײמער האָבן מיך ניט געלֿאָזט שלֿאָפֿן, האָב איך אײַנגענורעט מײַן קעפּלֿ אין דער מאַמעס פּאָדעלֿעק און זיך געלֿאָזט פֿאַרװיגן פֿון זײער שײנער כאָסן־קאַלֿע־געשיכטע.

לֿױט דער מאַמען קומט עס אױס אַזױ: דער טאַטע האָט טאַקע געהאַט אַ פּירשטלֿעכן אױסזען. שײַעך צו זאָגן — אַ מאַנספּאַרשױן אַ געמעלֿ, נאָר זאָלֿ עס אים צו קײן שמוכע ניט זײַן, איז ער אָבער געװען אַ גרױסער נאַכלֿיע. און כאָטש, דערצײלֿט די מאַמע, עס איז געװען אַ שײנער זומער־טאָג אין דרױסן, האָט מען אים עפּעס טאַקע נאָר װי אומיסטן פֿאַרפּוצט אין אַ געװאַנטענעם שפּענצער און אין אַ פּאָר גרױסע קאַלֿאָשן. אַזױ, אַז װי נאָר ער האָט איבערגעטראָטן די שװעלֿ, האָבן זיך אים נאָכגעשלֿעפּט אַלֿע קילֿימעס. עס האָט מאַמעש געריסן באַם האַרצן, װי ער בײגט זיך נעבעך אַלֿעמאָלֿ אָן זײ אױסצוגלֿײַכן. און בײַ יעדן בײג גיט עפּעס אַ טרעשטשע בײַ אים: דאָ פּלאַצט דער ראָספּער, דאָרטן פֿלֿיִען די קנעפּלֿעך, און דער שניפּס זײַנער שפּאַרט שױן אָן ערגעץ בײַ דער פּאָטילֿיצע.

דערנאָך, דערצײלֿט די מאַמע, האָט ער זיך גענומען צערוקן די בלֿומענטעפּ פֿונעם טיש. דאָס האָט ער געװאָלֿט מינאַסטאַם אױף איר נאָך אײן מאָלֿ רעכט אַ קוק טאָן, אײדער ער גײט זאָגן דעם האַרײ־אַט. נו, נו, זאָלֿט איר שױן גאָר ניט פֿרעגן — האָט ער אָנגעמאַכט אַזאַ כורבן... איבערגעקערט דעם גראַפֿין און צעבראָכן צװײ בלֿומענטעפּ. אַ גליק, זאָגט די מאַמע, װאָס זײַן אונטערפֿירער, עלֿיע קירילֿענער, אַ ײִד אַ פּיפּיקער, האָט אים מאַמזעריש אַרױסגעדרײט.

— מאַזלֿטאָװ, גיטלֿ־קרױן, מאַזלֿטאָװ, איטעניו טאָכטער, — האָט זיך עלֿיע געלֿאָזט װױלֿגײן, — כלֿעבן, ס׳איז אַ סימען צום גוטן. װעהאָרײַע, בײַ װעמען מע ברעכט טעלֿער אױף די טנאָיִם, און דאָ — בלֿומענטעפּ!

די מאַמע זאָגט, אַז מאַכמעס גרױס איבעראַשונג פֿון דעם אומגעריכטן מאַזלֿטאָװ האָט זיך דער טאַטע אַזש אַװעקגעזעצט אױף זײַן קאַפּעלֿיוש און געמאַכט פֿון אים אַ קניש.

לֿױטן טאַטן קומט אױס, אַז די מאַמע זאָלֿצט איבער. עמעס, די קילֿימעס האָבן ניט געהױזט מיט זײַנע קאַלֿאָשן, די בלֿומענטעפּ האָט ער טאַקע צעבראָכן, פֿונעם קאַפּעלֿיוש איז טאַקע געװאָרן אַ קניש, נאָר אַז די קראָכמאַלֿענע מאַנישקע זאָלֿ זיך געװען אָפּטײלֿן פֿונעם קאָלֿנער און זיך אַלֿײן אַ הײב טאָן און אַ פֿלֿי טאָן אינדערלֿופֿטן, דאָס, זעט איר, שמעקט שױן מיט גוזמע. די מאַמע, זאָגט דער טאַטע, האָט ער גענומען ניט פֿאַר איר שײנקײַט, אַז בעסאַכאַקלֿ האָט ער שױן דעמלֿט געזען, אַז זי שיקלֿט מיט אַן אױג. נאָר ער האָט געהאַט דע־

[1] גאַלֿיאַנדע (לאָקאַליזם) — קאַלֿע־שלֿײער.

קינסטלער גאווריִעל גליקמאַן



דער פיאניסט
הענריך נייהאוז

הויכע מײַסטערשאפט

דער לענינגראַדער קינסטלער גאווריִעל גליקמאַן געהערט צו די שעפער, וואָס צו זייערע ווערק בלײַבט דער צושויער קיינמאָל ניט גלײַכגילטיק: אין יעדן בילד געפינט ער ספּעציפישע שטריכן און ניואַנסן, וועלכע זײַנען אין טאָגטעגלעכן לעבן פאַרהוילן פונעם מענטשנס אויג.

ג. גליקמאַן איז א סקולפּטאָר און א מאָלער. דאָס וויכטיקסטע אָרט אין זײַן שאַפונג פאַרנעמען פּאָרטרעטן פון טוער פון דער רוסישער און סאָוועטישער קולטור. ער איז דער אווטאָר פונעם דענקמאָל לאַמאַנאָסאָוון אין לענינגראַד, פון דעם טשײַקאָווסקי־דענקמאָל אין קלין, פונעם דענקמאָל דעם קאָמיסאַר קאָנדראַטיעוו, וואָס שטייט אפן קאָנדראַטיעוו־פּראָספּעקט אין לענינגראַד, און פון פיל אנדערע סקולפּטור־פּאָרטרעטן. פון אונטער זײַן מאָלער־פּענדזל זײַנען ארויס אַזעלכע ווערק, ווי דער פּאָרטרעט פונעם אומרויִקן פּושקין, פונעם פארשלאָסענעם אין זיך דאָסטאָיעווסקי, פון דעם נאָך גאָר יונגן יעסענין, פון דער כיינעוודיק־אײַנגעהאלטענער אכמאַטאָווא, פון דעם שטורמישן איינשטיין און פון א גאַנצער פּלעיאַדע מוזיקאַנטן, צווישן זיי — הענריך נייהאַוז. כאָטש דער דאָזיקער פּאָרטרעט איז געמאָלט מיט א פּענדזל, דאָך פילט זיך אין אים אויך די האַנט פון א סקולפּטאָר: דער קאָפּ פונעם מוזיקאַנט איז ווי אויסגעהאַקט אין שטיין, און דאָס גיט צו דעם געשטאַלט אַן אויסזען פון קראַפט, וואָגיקײַט און גרויסקײַט.

אין גליקמאַנס שאַפונג זײַנען פאַראַן ניט ווייניק פרויען־געשטאַלטן. אין פיל פּאָרטרעטן פון הײַנטצײַטיקע פרויען מערקן זיך שפּורן פון די גרויסע אופטרייסלונגען פון אונדזער יאָרהונדערט. מערקווירדיק איז דאָס געשטאַלט פון מעדעיאַ (לויט דער אלטגריכישער מיטאָלאָגיע האָט אַזוי געהייסן די טאָכטער פונעם קייסער פון קאָלכידע עעט). גליקמאַן פאַסט אויף דאָס מעדעיאַ־געשטאַלט פון די פּאָזיציעס פון א הײַנטצײַטיקן מענטשן, וועלכער האָט איבערגעלעבט די שוידערן פון דער לעצטער וועלט־מילכאָמע. ער מאָלט א וואַנזיניקע פרוי, וואָס נעמענדיק נעקאָמע פאַרן פאַראַט פון איר געליבטן, דערמאָרדעט זי די קינדער, וועלכע זי האָט פון אים געבוירן.

(סאָף אף דער לעצטער זײַט פון דער בײַלאגע)

פּאָרטרעט פון א פרוי

דאָס ציגעלע



די באָבע מיטן זיידן

מעדעיא

הויכע מײַסטערשאַפט (סאָף)

גאווריִעל גליקמאן האלט אין איין זוכן שטארקערע אויסדריקלעכקײַט פון זײַנע ווערק. איך אָט די זוכונגען ווענדט ער זיך סײַ צו די קלאסישע טראדיציעס, סײַ צו די הײַנטצײַטיקע קונסט־דערגרייכונגען. אין זײַנע בעסטע ווערק דערשײַנט פאר אונדז גליקמאן אלס קינסטלער, וואָס לעבט מיט זײַנע העלדן, פרייט זיך און ווייטעקט פאר זייער גורל, זעט טיף די דיסהארמאָניש־קײַט פון דער נאטור און קען מײַסטערהאפט פארייניקן די אינדיווידועל־פסיכאָלאָגישע שטריכן פונעם געשטאלט מיט דער פאראלגעמיינערט־מאָנומענטאלער לייזונג.

גאווריִעל גליקמאן איז געבוירן געוואָרן אין 1913 אין וויטעבסקער גובערניע. ערעוו דער מילכאָמע איז ער אָנגעקומען אין לענינגראדער אינסטיטוט פון מאָלערײַ, סקולפטור און ארכי־טעקטור אף רעפינס נאָמען. בייסן קריג איז גליקמאן געווען אפן פראָנט און האָט דעם טאָג פון ניצאָכן באגעגנט אין בערלין. אף זײַן ברוסט שײַנט אן אָרדען פון דער רויטער פאָן און א ריי שלאכט־מעדאלן.

מ. מילטשיק

רעכערעך פאַר אירע פאַרהאַרעוועטע הענט מיט מאַזאָליעס. כוץ דעם, איז באַ אַלע אומעס־האָוילאָם פאַרשריבן אין אַלע לעשוינעס, אַז קיין יעסוימע טאָר מען ניט פאַרשעמען.

מיילע, וויאַזוי סע איז דאָרט צוגעגאַנגען — ווייסן זיי. נאָר אונדז, דאָס הייסט מיר מיט מײַן שוועסטערל ריווקעלען, טוט זייער האַנאָע, וואָס זיי האָבן זיך ביידע גענומען. אַדעראַבע, פּרוווט אויספאָרן די גאַנצע וועלט פון איין עק ביז צום צווייטן, וועט איר אַזעלכענע טאַטע־מאַמע ווי אונדזערע ניט געפינען.

ס'איז געווען אַ שיין בילד צו קוקן, ווי אין איינעם אַ וועסנעדיקן קאַיאָר האָבן טאַטע־מאַמע פאַרקאַטשעט די אַרבל און מיט רידלען אין די הענט צעגראָבן די ערד לעבן אונדזער שטוב און אײַנגעזעצט אַן איידל דיןביימעלע, אַזאַ שוואַכס, אַזאַ בייגעוודיקס, עלעהיי אַ פּיצל קינד אַ ציטעריקס.

די רעגעס האָבן שאַלוודיק געפּלאָסן. אַ פאַרכידעשט זשוקל, אַ ברויזל האָט זיך געפּאָרעט מיטן טאַטנס אַ טראָפּעלע שוויס, אַ פאַרהאַוועטע בין האָט זיך פאַרוואָלט טויעם זײַן פון מײַן מאַמעס זיסע ליפּן. און אַ צעוווירעוועטער האָן האָט זיך פּאַרוועט מיט פּוכיקע, ווײַסינקע געונדזעלעך, וועלכע האָבן ראַשיק געגאַגערט.

מיר ביידע, ריווקעלע און איך, האָבן געטראָגן עמערלעך וואַסער פון געציס קרענעצע און געגאָסן אין גריבל, ווו עס האָט זיך באַזעצט אונדזער ליבער גרינער גאַסט. און אַלע פיר האָבן מיר אַרומגעצאַמט דאָס ביימל מיט אַ פּלויטל. דער טאַטע האָט געקלאַפּט די צוועקלעך, מיר, די קלענערע, האָבן פאַרקערט דאָס מיסט, און די מאַמע האָט אָפּגעקאַלכט די שטאַכעט־לעך און דאָס טירעלע פונעם פּלויטל אָפּגעפאַרבט מיט אַ בלויער הימל־פאַרב.

דערנאָך, אַז מע האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אָט דער פײַנער אַרבעט, האָבן זיך טאַטע־מאַמע געווינטשעוועט, אַז ניט נאָר זיי, נאָר אויך זייערע קינדער און קינדסקינדער זאָלן זוכע זײַן צו געניסן פון די פּרוכטן פון דעם בוים. בעשאַס־מײַסע האָט די מאַמע געלאָזט אַ טרער. און דער טאַטע האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו אונדז. ווײַל פאַר אַ מאַנצבל איז ניט שיין, זאָגן גרויסע, צו וויינען.

איצט איז אין דרויסן סאָף אַפּרעל. אונדזער קאַרשנביימעלע איז שוין, קיין אײַנהאָרע, אַלט גאַנצע דרײַ יאָר. מעגט איר זיך שוין גראָדע פאַרגינען צו זען, ווי עס האָט זיך צע־קנאָספּעט מיט אַזאַ שמעקנדיקן צוויט. און אין ערגעץ, דוכט מיר, איז דער הימל ניט אַזאַ בלויער און אַזאַ פּעכלדיקער, ווי איבער אונדזער קאַרשנביימל. עפּעס בלאָזט ער זיך, דוכט מיר, אונדזער כיינעוודיקער כעוורעמאַן, דער קאַרשנבוים. בעטן מיר זיך, ריווקעלע און איך, באַ אים, ער זאָל זיך אַ ביסל צווײַלן, וואָס גיכער אויסצײַטיקן זײַנע פּרוכטן, קעדיי דער טאַטע זאָל געניסן פון זיי, ווען ער וועט קומען אַהיים.

— זע נאָר, ריווקעלע, זיי צײַטיקן זיך!

— נייך, יאַנקעלע, זיי צײַטיקן זיך ניט!

— דאַפקע יאָ!

— דאַפקע ניט!

שפּילן מיר זיך עס ביידע אין אַ מין שפּאָגל־נײַער שפּיל, וואָס הייסט — קאַרשנביימעלע. אַזוי שפּאַרן מיר זיך און וויטען זיך און פּליעסקען מיט די הענט און שפּרינגען אָף איין פוס. ווײַל אין ערגעץ איז דאָס גראָז ניט אַזוי סאַמעט־גרין און דער הימל בלויער פון בלוי, ווי לעבן אַ קאַרשנביימעלע אין סאַמע בלי.

שוועלבעלעך האָפּקען אַרום אָף די צווײַגעלעך און צוויטשערן אַזוי פריילעך, אַזוי זינגעוו־דיק, עלעהיי זיי וואָלטן עס מונטערן: זײַ זשע מויכל, טײַער קאַרשנביימל, און פּאַדע זיך גיך און געשווינד.

און אַפילע די צווײַגעלעך שושקען זיך אויך אָף זייער צווײַגלדיק לאָשן, וואָס עס פאַר־שטייען נאָר די שוועלבעלעך.

מיר טאָגן און נעכטיקן לעבן קאַרשנביימל.

עס איז פריילעך אַרום אונדזער שטוב, אַלע, אַלע קינדערלעך פון אונדזער ציגײַנעריש הינטערגעסל האָבן אַרומגעסטאַמפּעוועט אונדזער פּלויטל און קאָנען זיך גאָר ניט זאַט אָנקוקן אָף אונדזער שיין, צעבליט קאַרשנביימל.

דערזעענדיק אַזאַ כאַפּטע, האָט די מאַמע אוועקגעלייגט אַלע אַרבעטן, פאַרשטעקט דעם פּאַלעדערוויש אונטערן אויער, יונגמיידלש אונטערגעבונדן די קאָסינקע אונטער אירע האָר, פאַר־לייגט די הענט אָפן הארצן און שטייט און טײַעט אָן פון דעם שיינעם כאָסנבאָכער, דעם קאַרשנבוים אונדזערן.

— קינדערלעך, — ווענדט זיך די מאמע צום קליינוואַרג, — איך זאָג אײַך אָן זאָיר־וועזאָיר, איר זאָלט זיך ניט דערוועגן צו עפענען דאָס טירעלע, צו טשעפּען דאָס ביימעלע, צו גענים פון די קאַרשן, ביזוואַנען מײַן יאָסל וועט זיך אומקערן אַהיים. ער האָט עס דער ערשטער פאַרפלאַנצט, און ער וועט זײַן דער ערשטער, וואָס וועט גענים פון די פּיירעס, — פינקלען קליינע טראָפּעלעך אַף דער מאַמעס וויִעס, — און דערנאָך, דערנאָך, טײַערע קינדערלעך, וועט איר קאָנען עסן אַזויפיל, וויפל אײַערע הערצעלעך וועלן גלוסטן.

און די מאַמע לויפט אַרײַן אין שטוב און ברענגט אַרויס אַ פולן פאָדעלעק מיט פאַרביקע וואָלעכישע בייגעלעך און שטיקלעך קאַנדלצוקער — אַ מין זיסער אָדערוף, וועלכן זי פאַר־טיילט דער קליינער כעוורע.

איך קוק, ווי מײַנע גוטע ברידערלעך און גוטע שוועסטערלעך כראָמטשען מיט האַנאָע די האַרטע בייגעלעך און צוקערלעך, און עס גיט מיך אַ טראָג אויף, און איך שפּרינג אַרויף אַף אַ בענקל, און, ווי יויסעף, אונדזער פאָטער יאַנקעווס ייִנגסטער זון פון דעם שיינעם טעאַטער־שפּיל, הייב איך אויף די הענט צום הימל און קאָמאַנדעווע מיט אַ שאַלנדיק קעלעכל:

— איך באַפעל מײַנע דאַמען אונד הערן, איר זאָלט אַלע שווערן בײַ זאָנע, מאָנד און שטערן, אַז איר וועט דאָס קאַרשנביימל ניט באַרירן.

— און ווער עס וועט עס באַרירן, דער זאָל באַקומען אַף אַלע פינגער פוכירן, — כאַפּט אונטער מײַן ריווקעלע צום גראַם.

זעט אויס, אַז דער כעוורע געפעלט מײַן באַפעל, ווײַל צוואַנציק קעלעכלעך פאַרהילכן דאָס צוויטשערן פון די שוועלבעלעך.

— מיר שווערן! בײַ זאָנע, מאָנד און שטערן!

■

פאַרנאַכט־צו, ווען דער טאָג פאַלט שוין כאַלאָשעס, זיצן מיר אינדרײַען לעבן קאַרשנביימעלע — די מאַמע, ריווקעלע און איך. אוי, איז מיר איצטער גוט! כ'האָב אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אַף דער מאַמעס פאָדעלעק און פאַרזונקען געוואָרן אין אַ זיסן שלומער. און אין דרעמל הער איך, ווי דורכגעזיפּטע דורך אַ זיפּ, רייד באַקאַנטע, היימישע:

— איז ווי זשע האַלט איר, איטע? יאָ, כ'האָב שיר פאַרגעסן, אַז ווי נאָר איך בין אָנגעקומען אַפּן דאַלני וואָסטאָק און די אַדוינים האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ שנײַדער, האָט מען מיך גלײַך פאַרבעטן אין דער אינטענדאַנטסטווע. און איך האָב זיי באַנייט פון קאָפּ ביז די פּיס...

יאָ, כ'ווייס שוין, ווער עס רעדט. אונדזער בענטשע. אונדזער טײַערער שאָכן בענטשע, וועמען דאָס גאַנצע שטעטל רופט בענטשע פון יאַמפּאָניע. ווײַל מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אַף דער רוסיש־יאַפּאָנישער מילכאָמע.

— טאָמער ווייסט איר, וואָס מע האָט דערזען אין אים, — זאָגט מען בא אונדז אין פּערליץ, — וואָס מע האָט אים אָפּגעגעבן אַזאַ קאָוועד. אַז בעסאַכאַקל איז ניטאָ אין אים קיין גאַנצער אייווער. איז איינס פון די ביידע: אָדער מע האָט אים אונטערגעמאַסערט, אָדער ס'האָט זיי דאָרט אויסגעפעלט אַ צענטער צום מיניען...

— איז ווער ווייסט, וויפל איך וואָלט געוועזן געגייט, — שטעפּט בענטשע פּאַמעלעך זײַנע רייד, גלײַך ער וואָלט געשטעפּט אַ מאַלבעש אַף זײַן צעריפּעטער ניי־מאַשין, — ווען אין איינעם אַ טאָג טראָגט ניט אָן דער רועך טאַקע אים, דעם ייִמאַכשעמויניק סטעסלען אַליין.

— סע זאָל אים דאָרטן אַרײַנסטעסלען און אַרויסטעסלען, טאַטע זיסער, — שעלט אים די מאַמע מיט האַרץ, ווײַל קייסאָרים און גענעראַלן האָט זי פײַנט בעטאַכלעס סינע.

— יאָ, איז הער זשע, איטע. קומט ער אין אינספּעקציע, הייסט עס, קומט ער, דאַרף ער טרעפן צו מיר, און ווען? ווען איך זיץ מיר איבער אַ מאַלכעסדיקן מונדיר און זינג מיר אונטער:

אָט אַזוי נייט אַ שנײַדער!
אָט אַזוי נייט ער, נייט!..

האָסט געמעגט גראָדע זיך פאַרגינען מיך אָנצוקוקן, ווען אונדזער קאַפּיטאַן האָט געגעבן אַ ריטשע „ווסטאַוואַט"![1]. איך בין אַזוי פאַרשטאַרט געוואָרן, אַז כ'האָב פאַרגעסן אַרײַנצורוקן די ציצעס פונעם טאַלעסקאָטן...

---

[1] אופשטיין!

דערזען די ציצעס מײַנע, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, מיר אונטערגעהויבן די גאָמבע און אַזוי זיך אַ זאָג געטאָן:

— עטאָט זשידאָק טאַק ראַספּוסטילסיאַ, טשטאָ דאַזשע שאַבעס פּעסני פּאָיאָט זדיעס... פּאָסילײַטיע יעוואָ נאַ פּערעדאָוואָיאַ... ס'הייסט: דאָס ייִדלעקל איז אַזוי אַרויס פֿון די האָלאָב־לֿיעס, אַז ער זינגט שוין אַפֿילו זמירע דאָ. מע דאַרף אים שיקן אַהין, אין סאַמע קאָך, ער זאָלֿ שמעקן פּולֿווער.

קאַכאָווקע, אויפֿן צווייטן טאָג, קעוויר־האַבויקער, האָט מען מיך פֿאַרפּוצט אין אַ לֿאַנגער טענדעווערענדע, וואָס האָט זיך מיר די גאַנצע מילֿכאָמע טעלֿעבענדעט צווישן די פֿיס, מיר געגעבן אַ ביקס און געשיקט גלײַך אין דער פּעקלֿע אַרײַן. נאָר אַז מע האָט יאָרן, — שמייכלֿט בענטשע, — קומט מען אַהיים אַפֿילו פֿון דער שעוילֿ־טאַכטיע.

כאָטש מײַן מאַמע האָט שוין בענטשעס וווּנדערלֿעכע סאָלֿדאַטישע מעשׂיות געהערט צום הונדערטסטן מאָלֿ, לײַכט אַזוי איר פּנים, גלײַך סע וואָלט געווען אַ פֿריש־צאַפּלֿדיקע געשיכטע.

— מײַן נעשאָמע־טרייסטער, מײַן האַרץ־באַלֿזאַמער, — קוקט די מאַמע מיט פֿאַרטרערטע אויגן צו בענטשען, — איז מיינסטו טאַקע, אַז יאָסלֿ וועט זיך אימירצעהאַשעם אויך אומקערן?

— ניט איך מיין, נאָר איך בין זיכער. מ'האָט דאָך ניקאָלֿײַען געבונדן מיט נאַסע שטריק.

— פֿאַרוואָס מיט נאַסע?

— קעדיי ער זאָלֿ זיך ניט אַרויסרײַסן און נאָכאַמאָלֿ אָנהייבן די וויסטע שפּילֿ.

אוי, — טראַכט איך מיר, — ווען עס טרעפֿט אַזאַ נעס, און מע גיט דעם קייסער מיט דער קייסערינע איבער אין אונדזערע הענט, און מיר, ייִנגלֿעך און מיידלֿעך, נעמען זיך אַלֿע צונויף און מיר בינדן זיי ביידע... וואָס מיר נאַסע שטריק, ווער מיר נאַסע שטריק! דעם קייסער וואָלֿטן מיר אָנגעטאָן קייטן, אײַזערנע קייטן אויף די פֿיס און אויף די הענט. נאָר זעט איר, די קייסערינע וואָלט איך הייסן בינדן מיט פּאַטשיילֿעס — טאַקע אַ קייסערינע, אָבער פֿאָרט אַ פֿרוי — מע טאָר זי ניט אַזוי פּײַניקן.

— דאָס קאַרשנביימעלֿע האָט זיך שוין צעבלֿיט, — קרעכצט, ווי אַ גרויסע, מײַן שוועסטערלֿ, — נאָר דער טאַטע איז נאָך אַלֿץ ניט געקומען.

אַלֿץ הייסט בלֿיִען. יעדער קאַרש האָט אַ רויט בעקעלֿע, ווי אַ זונעלֿע, און אייניקע קאַרשעלֿעך, אָפּנים מאַכמעס גרויס ערגערניש, וואָס דער טאַטע האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט, זײַנען אַזש שוואַרץ געוואָרן.

זעט אויס, אַז אַלֿע פֿייגעלֿעך ווייסן, אַז מײַן טאַטע דאַרף קומען אַהיים, ווײַלֿ אַלֿע קאַיאָר פֿלֿיִען זיי זיך צונויף אויף די צווײַגעלֿעך און צוויטשערן: קום שוין, יאָסלֿ, קום, זע, סאַראַ שיינעם קאַבאָלֿאַס־פּאָנעם מיר האָבן דיר צוגעגרייט!

צענדלֿיקער עשעלֿאָנען יאָגן טאָג ווי נאַכט אַדורך אונדזער קלֿיינעם פֿערלֿיצער וואָקזאַלֿ, און מײַן טאַטע איז נאָך אַלֿץ ניטאָ. מײַן מאַמע שלֿאָפֿט ניט דורך די נעכט. ביז האַלֿבער נאַכט באַקט זי פֿאַרביקע וואָלֿעכישע בייגעלֿעך, און דערנאָך ווערט זי אַנשלֿאָפֿן אין די קלֿיידער אויפֿן יערושע־קאַסטן. זי טוט זיך ניט אויס, די מאַמע, טאָמער וועט דער טאַטע אָנקלֿאַפּן אין דער טיר, זאָלֿ ער ניט דאַרפֿן קיין סאַך וואַרטן.

אַנומלֿטן האָב איך מיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַרטאָג און געטראָפֿן די מאַמע שלֿאָפֿן אויפֿן קאַסטן. זי איז, זעט אויס, געווען אַזוי מיד, אַז זי האָט אַפֿילֿו ניט געהערט, ווי איך האָב איר אַראָפּגעצויגן די סאָלֿדאַטישע שיך מיט די צוועקעס פֿון די פֿיס. דערנאָך האָב איך זי אײַנגעדעקט מיט דער גרויסער וואַרעמער קאָלֿדרע, וואָס זי האָט געגעבן נאָדן דעם טאַטן, און אײַנגעוויקלֿט אירע פֿאַרגלֿיווערטע פֿיס.

איך האָב צוריק אַוועקגעשטעלֿט דעם קאָלֿפּעק אויפֿן רייכערדיקן לֿעמפּלֿ און דערזען אַ ראָזעווע בייגעלֿע פּאַפּיר, באַשריבן פֿון אַלֿע זײַטן מיט גרויסע קרומע אויסיִעס. דאָס איז געווען דער מאַמעס אַ בריוו צום טאַטן. אויב אַזוי, דאַרף מען אים לֿייענען. איך לֿייען דער מאַמעס אַלֿע בריוו, וואָס זי שרײַבט צו מײַן פֿאָטער. געוויינלֿעך גיט זי זיי מיר אַלֿיין לֿייענען, קעדיי, ווי זי זאָגט, איך זאָלֿ פֿאַריכטן אירע קאָטשערעס און לֿאָפּעטעס, ווײַלֿ שרײַבן און לֿייענען האָט זי זיך אויסגעלֿערנט פֿון זיך אַלֿיין.

איך האָב לֿיב אָט די ראָזעווע, דופּטיקע בייגעלֿעך פּאַפּיר, וואָס די מאַמע האָט זיי נאָך פֿון מיידלֿווײַז באַהאַלֿטן אין אַ בלֿויער פּושקע, פֿאַרבונדן מיט אַ רויטער סטענגע. אויף די געקווייטלֿטע בייגעלֿעך פּאַפּיר האָט זי געשריבן אירע ערשטע בריוו צום טאַטן. זי האָט די בריוו אַלֿיין אויסגעשטעלֿט. ניט געקוקט אין בריוונשטעלֿער, ווי אַנדערע פֿון איר גראַד. „ווײַלֿ דער שענסטער און דער בעסטער בריוונשטעלֿער, — זאָגט מײַן מאַמע, — איז דעם מענטשנס האַרץ".

איצט, בא דער טונקעלער שייַן פונעם לעמפל, לייען איך איר בריוו. שאָטנס פויזען אף די ווענט. דער פאַרטאָג האָט אייַנגעפאַסט אין בלויע רעמלעך אונדזערע פענצטערלעך. א שוועלבעלע צוויטשערט אויס אַפן קארשנביימל א גוטמאָרגן דער וועלט. און איך לייען און לייען.

— —

א וועסנעדיקער שאבעסדיקער פרימאָרגן. די לופט איז אזוי זיס און געווירצלדיק, כאָטש נעם און שמיר זי אף ברויט. אדורך די צעפראַלטע טיר־און־פענצטער זוניקט אריַין דער פרילינג. איך און מייַן שוועסטערל ריווקעלע האָבן זיך ערשט אופגעכאַפּט פון שלאָף. זיצן מיר אין אונדזערע אויסגעצוויטעטע סטאָנדלעך אף די געלעגערס און כראָמטשען ציגעלעך קאַנדלצוקער, וואָס אונדזער גוטע מאמע האָט אונדז געגעבן, מיר זאָלן דערקוויקן אונדזערע פאַרכליאַנעטע הערצלעך. עס איז לעצטנס בא אונדז אין שטוב אן אויספאל אף ברויט, האָדעוועט אונדז די מאמע מיט געלע מאַמעליגע־פלעצלעך, וועלכע מיר פאַרטרינקען מיט הייסער טיי, פאַרפראַוועט מיט קאַנדלצוקער.

זעט אויס, אז דער מאמען איז זייער אָנגעזאָליעט אפן הארצן, מאכמעס זי שטייט א פאַרצוקטע באַם פענצטער און שווייַגט עפּעס מיט א מאָדנער יאָמערלעכער שווייַגעניש, אזש עס קומט מיר אויס, ווי זי וואָלט אראָפּגעשלונגען דאָס אייגענע קאָל אין האלדז. מיטאמאָל גיט זי עפּעס א שעפּטשע מיט די ליפּן, דרייט זיך אויס צו אונדז מיט פייַכטע אויגן, און כליפּעט אויס גאָר א שפּאָגל־נייַע טפילע:

אלדאָסבייז זאָל פון אונדזער שטוב ארויס,
אלדאָסגוטס זאָל אין אונדזער שטוב אריַין,
ס'זאָל בא אונדז אייביק זייַן...

איך און מייַן ריווקעלע זאָגן נאָך וואָרט בא וואָרט אָט דער מאמעס נייַע פאַרטערטע טפילע. זאָגט אייַך, וואָס איר ווילט, נאָר מיר געפעלן זייער מייַן מאמעס ייִדיש־דייַטשמערישע טפילעס. מיר שייַנט, אז דעם ריבוינעשעלוילעם זייַנען זיי אויך מער צום הארצן, איידער די כאַפּלאַפּ־דאַווענעכצער אין לאָשנקוידעש, וועלכע די מאנצבלען פּרעפּלען אָפּ אף איין פוס אין אונדזער רענדאַריש שולעכל. אוי, כאַפּן זיי, גלייַך ווי זיי וואָלטן געגעסן הייסע לאָקשן. עס קומט מיר אויס, אז זיי נארן גאָר דעם ריבוינעשעלוילעם, פאַרבלענדן אים די אויגן.

„איז שיקט זיך, — טראַכט איך מיר א טראכטעכץ אזא, — אז מייַן מאמעס גאָט אין הימל האָט אזעלכע פאַרשטאָפּטע אויערן און אזא שטייניק הארץ? שוין זשע זעט ער ניט אירע טרערן און הערט ניט איר הארצרייַסנדיק געבעט? כלעבן, ווען איך בין אף זייַן אָרט, וואָלט איך זיך שוין לאנג מעראכעם געווען אף איר און שוואַליאָם אוועקגעשיקט אלע מאלאָכים, זיי זאָלן ברענגען מייַן טאטן וואָס גיכער אהיים".

...אין דעם עפנט זיך די טיר, און עס שפּאַנט אָקאָרשט אריַין לייבל שעלעמעט. אָט יענער לייבל, דער טאנדעטניק, וועלכער איז אוועקגעגאנגען אף דער מילכאָמע אין איין טאָג מיט מייַן טאטן.

ער שטרעקט אויס דער מאמען א ווייכע געכאַליעטע האנט, ווי פון רוי ווייַס טייג געמאכט, א באַשאָטענע מיט זומער־שפּרענקעלעך. דערזען, אפּאָנעם, דער מאמעס פאַרוויינטע אויגן, גיט ער א פרעג מיט א פרעמד געשפּרענקלט קאָל:

— וואָס האָסטו זיך אזוי צעכליפּעט, איטע, גלייַך די וועלט איז דיר אונטערגעגאנגען?

א רעגע פאַרווילט זיך מיר אראָפּשפּרינגען פונעם בעטל און אים צעקייַלן און צעבייַלן, פאַרוואָס ער טאָפּטשעט אזוי מיט זייַנע הילצערנע רייד מייַן מאמעס לויטערע טרערן.

איצט באטראכטן מיר אים אלע דרייַ פון קאָפּ ביז די פיס. עפּעס קוקט ער אונדז אויס, גלייַך ווי מע האָט אים אונטערגעביטן. אוועק אף דער מילכאָמע א לייב שעלעמעט, א ייִד אזוי־זיך, און איצט, עפּעס האָט ער זיך פאַרלאָזט א ווילדע טשופּרינע, ווי פון צעדריוולטער סמאָלע, און זייַן ברייטע נאָז האָט זיך צעפּלאַטשיקט העפקערדיק איבערן גאנצן פּאָנעם. אָנגעטאָן איז ער אין א פריצישן שפּענצער מיט גילדערנע קנעפּ, פון וועלכן סע פּעכלט ארויס א קלאָרווייַס העמד מיט א זייַדענעם שניפּס. און די גאנצע צייַט שטייט ער ניט אייַן אף איין אָרט, ווי ער וואָלט זיך עפּעס טאקע נאָר דרייען אף קאָרקעלעך.

— איז אנטקעגן דעם, וואָס דו כליפּעסט, איטע. כלעבן, סע זייַנען ארויסגעוואָרפענע טרערן, — צעכראַסטעט לייב זייַן בלאַנק העמד און קראַצט זיך בא דער פּאָטיליצע, — ווען דייַן מאן איז ניט קיין יאָלד, וואָלט ער דיך באגליקט און זיך באגליקט.

— דעהייַנע, — ווערן אזש דער מאמעס ליפּן פאַרבלאָוט פון אגמעסנעפּעש, און זי וואַרפט ארוף אף זיך איר אויסגעטרעפּקעטע שאל, גלייַך עס וואָלט איר מיטאמאָל זייער קאַלט געוואָרן.

— דעהײַנע־שמײַנע, אַז דײַן מאַן איז אַ גאַנצער כאָכעם פֿון דער מאַ־נישטאַנע! ווי נאָר ס׳איז געוואָרן די בעזהאָלאָווליע, זאָג איך אים: יאָסל, דו זײַ ניט קיין לײדאַק, נעם אַ זאַק, ווי סע טוען אַלע, וואָס האָבן אַ רעדעלע אין קאָפּ, און קום טשיסטען די בורזשויעס... עס וועט בעמײלע קיין שורע־דעפּורע ניט בלײַבן פֿון זייער האָב־און־גוטס. דאַרפֿן זיך אַנדערע וואַרגן מיט זייער פֿאַרמעג? לאָמיר אויך כאַפּן אַ שאַנץ. וואָס זײַנען מיר? זיבעלעך זײַנען מיר אָדער מעלופּם־קינדער?

הערט ער מיך גאַנץ גוט אויס און שטעלט אָן אויף מיר אַזעלכע טשיקאַווע קוקערס, גלײַך ווי איך וואָלט אָקאָרשט אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם הימל, און זאָגט מיר, ניט מער און ניט ווײניקער, מעגסט, איטע, אויף טשיקאַוועסט הערן, וואָס אַ ייִד פֿאַרגינט זיך צו זאָגן: אַז אויב איך קען אין אַזאַ גרויסער צײַט אין זינען האָבן אַזעלכע ווערעמדיקע שטיק, איז גאָר אָן אַווײרע, וואָס די ערד טראָגט מיך.

דערהערט אַזעלכע דיבורים, פֿאַל איך ניט אַראָפּ באַ זיך און זאָג אים: „וואָס קומט אַרויס, אַז ס׳איז אַזאַ גרויסע צײַט, ווי דו זאָגסט, אַז דו זעסט זיך אָן אין איר, ווי אַ פּלוי אין יעיקום־פּורקאָן. הער מיך, ברודערצי, אויב דו וועסט ווײַטער אַרומגיין מיט אָט די מאַנקאָליעס דײַנע, וועסטו מירצעהאַשעם לייגן די ציין אויף די באַנטעס“. נעמט ער מיר שוין גאָר עפּעס אַנדערש ברײַען, אַז פֿאַראַן מענטשן, וואָס לעבן, ווי די מײסים, און אַנדערע, וואָס שטאַרבן אַפֿילע ניט נאָכן טויט.

איז זיך באַ מיר די צונג אויך ניט אײַן קימפּעט, ענטפֿער איך טאַקע, אַז בעסער אַ לעבע־דיקער הונט, אײדער אַ טויטער לייב.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זע איך, אַז מע העצקעט אים גאָר אײַנדערלופּטן, דײַן כאָכעם־גאָדל. עפּעס איז ער גאָר מיטאַמאָל אַרײַן אין די רויטע פּעדערן. געוואָרן אַ גאַנצער יאַטעבעדאַם באַ דער רעוואָליוציע, אַזש „טשלען סאָלדאַטסקאָגאָ רעוואָליוציאָנאָגאָ קאָמיטעטאַ“, טראָגט אַ רויטע קאָקאַרדע אויפֿן היטל און אַ רויט בענדל אויפֿן לאַץ, און רעדט שוין מיט מיר מיט סאַמע ריישן: אַז אַלע מאַראָדיאָרן וועט מען אָפּרייניקן.

„נו, — טראַכט איך מיר, — אויב דו רעדסט מיר לאָשן טרובקע, טעלעבעגדעסט מיטן שפּײַער, און דו מישט מיר נאָך דערצו אויף דעם נײַעם סייפער פּראַלניק פֿון דער רעוואָליו־ציע, איז קוויק זשע זיך מיט איר געזונטערהייט. איך דאַרף זי האָבן, ווי אַ באָך אין דער פּלייצע“. האָב איך מיר טאַקע אָנגעלײגט דרײַ זעק מיט בורזשואַזנע רעמאַנענט און פֿאַרקע־רעוועט אַהיים, און לאָז מיך די „גרויסע צײַט“ דײַן יאָסלס רופֿן קנאַקניסל, — לאַכט לייבל מיט אַ דין געלעכטערל, ווי אַדורך די לעכלעך פֿון אַ ריבײַזן.

— דערפֿאַר האָסטו זיך מיר אַזוי אויסגעפּלעקלט, ווײַל דו האָסט אָפּגעטשימכעט די בור־זשויעס, טײַערער שפּילפֿויגל מײַנער, — דרעליעוועט אים די מאַמע מײַנע.

— ניין, כ׳ל גיין ווערן אַ קליאַמקע פֿון אַ שול־טיר, ווי יענער יאָלד, וואָס האָט זיך באַ־רימט, אַז פֿון אַ הונדערטער האָט ער געהערט, אַ פֿינף־און־צוואַנציקער האָט ער געזען, און אַ פֿינפֿערל האָט ער געהאַט. איז לאָז זיך דײַן יאָסל געזונטערהייט אַרומגיין נאַקעט און באָר־וועס און פּעכנען אויפֿן פּיסק און זײַן אַ טאַראַלאַלײַקער באַ דער רעוואָליוציע.

— ביסט אַ שלעכטהאַרציקער און אַ שאָלקהאַפּטיקער, לייב, און דו פֿאַרשטייסט ניט איין זאַך, אַז אַ מענטש גלייבט, האָט ליב און איז פֿאַראַקשנט, קאָן ער לעבן קימאַט מיט גאָרניט, זיך באַנוגענען מיט קנאַפּ, מיט אַ שטיק פֿון זיך אַליין.

— כ׳זע, אַז דו ביסט שוין אויך געוואָרן אַ גאַנצע טאַנעראַבעכע. נאָך קאַרג, וואָס דײַן מאַן האָט זיך אַליין אָנגעהאַנגען אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז, גייסטו שוין אויך באַ אים אויפֿן דראָנזשיק. איז מעכעטייסע, און איך וויל ניט לעבן, ווי אַנדערע, פֿון האַנט אין מויל אַרײַן און פֿון מויל אין קאָפּ אַרײַן.

— איך זע, לייבל, אַז באַ דיר איז אַרויסגעקומען פּידרעך. איז אויב אַזוי, אַ שיינעם דאַנק דיר פֿאַר דײַן גרוס. איז גיי, זײַ מויכל, און האָב אַ גוטן שליטוועגס, און זאָלסט קומען נאָר דעמלט, ווען מע וועט שיקן נאָך דיר, — צעפּראַלט די מאַמע אַזש ביידע טירן און פּראַוועט אים גאָר בעהאַרכאָוועדיק אַרויס פֿון דער שטוב.

— —

די ערשטע סיידער־נאַכט פּראַוועט מיר אײַנדרײַען, דאָס הייסט די מאַמע, ריווקעלע און איך.

מיר ווייסן שוין אַפּריִער, אַז הײַנט אָפּדערנאַכט וועלן מיר עסן אַ ווײַנער יויך אָן פֿלייש, ווי אין אַ פּאָשעטן וואָכעדיקן טאָג. קיין מאַצעס האָבן מיר אויך ניט, עסן מיר קוואַרע, פֿאַר־דאַרטע מאַמעליגע־פּלעצלעך. דערבײַ האָט אונדז די מאַמע פֿאַרזאָגט זאָהער־ווייִזאָהער, אַז

טאָמער וועט עמעצער פרעגן, וואָס מיר עסן, זאָלן מיר ענטפערן, אז דאָס זײַנען אייערקיכלעך. אײַ, מע טאָר קיין ליגן ניט זאָגן, איז אף דעם האָט די מאמע אונדזערע אויך א פארענטפערונג:

— אויב דעם ריבוינעשעלוילעם איז ניכע, איז מיר נעכײַ. זאָל ער זיך שעמען. ווי סע זאָל ניט זײַן, דערווײַל שעמען מיר זיך נאָך צוביסלעך. שלעכט וועט זײַן, אז ער וועט אונדז ברענגען דערצו, — טערפקעט זיך דער מאמעס קאָל, — אז מיר וועלן די בושע אויך פארלירן. אָ, דעמלט וועט שוין זײַן עק וועלט.

אין די דרײַ פייסעכדיקע קויסיעלעך — דער מאמעס, ריווקעלעס און מײַנס — האָט די מאמע ארײַנגעגאָסן זאפט פון קוואסניצעס, וועלכע זי האָט געקויפט אפן מארק פאר א שיבעש. נאָר דעם טאטנס קאָס און עלײאָהו־האנאָוויס בלאָ געקווייטלט בעכערל האָט זי אָנגעגאָסן מיט ווײַן פול, פול, מיט אן אויג. דעם טאטנס, ווײַל ער איז א טאטע און דערצו פעלט ער שוין פון דער היים גאנצע דרײַ יאָר מיט אן אוידעפל... און עלײאָהו־האנאָווי האָט אוואדע און אוואדע פארדינט דעם קאָוועד. ווייסט דאָך די מאמע זייער גוט, אז עלײאָהו איז א ייִד א זאָקן, און צו דערצו נאָך א שטאפעט באם ריבוינעשעלוילעם. אזוי, אז אים טאָר מען ניט אָפּכוימלען. כוץ דעם, אן אלטער ייִד, ווי ער, שליאָנדערט ארום א גאנצע נאכט פון איין אָרעמער שוועל צו דער צווייטער און נעמט זיך אָן מיט אזויפיל צאָרעס, דארף מען כאָטש דערקוויקן זײַן צעבראָכן הארץ מיט א ביסל עמעסער מאשקע.

די טיר האָט די מאמע פארקייטלט: אז ווי א זאך מאכט זיך, א שאָכן זאָל זיך ניט ארײַנכאפן און זען איר ביטער אויסקומעניש. אזוי, זאָגט זי, איז א קניפּ אין באק, אז די פארב זאָל שטיין. „אײַ, — טראכט איך מיר, — ווי וועט די מאמע נעמען אזויפיל פארב אף אויסצוקנײַפּן זיך די באקן, אז פון טאָג צו טאָג ווערט זי אלץ ווייניקער און ווייניקער“.

איך קוק אף עלײאָהוס קאָס, און פּלוצעם פאלט מיר אײַן א מאָדנע געדאנק: דער טאטע מײַנער מיטן אלטן נאָווי האָבן זיך עס געטראָפן בײדע אפן וועג, וואָס פירט צו אונדזער שטעטעלע פערליץ. דערזען א מידן, פארפאָרעכטן סאָלדאט, פארקלעמט עלײאָהון זײַן נעווײַש הארץ, און ער גיט אָפּ דעם טאטן מײַנעם גאָר א גרויסן שאָלעם־אלייכעם. דערנאָך זעצן זיי זיך אוועק גאנץ ברייטלעך אפן בערגל לעבן דעם קוואל, פון וועלכן אונדזערע פערליצער ייִדענעס שעפּן אָן עמער וואסער. פּאמעלעך, פּאמעלעך, ניט געכאפּט וואשן זיי זיך בײדע אָפּ די פארשטויבטע פּענעמער און הענט. און עלײאָהו־האנאָווי נעמט ארויס פון זײַן צעדריפּלטער טאָרבע א מאצעלע און גיט דעם טאטן מײַנעם, ער זאָל זיך אונטערלענען דאָס אויסגעהוילטע הארץ זײַנס. „עס פארשאפט מיר פיל פרייד, — שמייכלט מילד דער נאָווי צום טאטן, — וואָס דו ביסט געוואָרן א רויטער, און איך, זײַ וויסן, בין שוין א טויזנט יאָר אן ערעך א סעציליסט...“ דער טאטע איז אזוי מאָלעגדולעדיק פון אָט דער באגעגעניש און פון די מילדע נעווײַשע רייד, אז ער גיט אזש אוועק זײַן סאָלדאטיש היטל מיט דער קאָקאַרדע דעם נאָווי א מאטאָנע, און בײדע נעמען זיי זיך אָן פאר די הענט און שפּאנען פּאזע דעם טײַך. און פון גרויס נאכעס, וואָס זיי האָבן אזוי בײדע גוט אָנגעטראָפן, זינגען זיי די שיינע ליד מיט דעם ווײַבערישן נאָמען — „מארסעליאָזע“.

דערהערט דאָס פריילעכע, האָפערדיקע געזאנג, צעפּראלן ייִדן און ייִדענעס טיר־און־טויער און שטייען אף די שוועלן און גאפן:

— וווּנדער איבער וווּנדער, זעט נאָר, זעט נאָר, דער אלטער גרײַז־גראָוער נאָווי, דער שטאפעט פון דעם וואָס לעבט אייביק, איז זיך אויך מעסאמייעך מיט דער רעוואָליוציע.

פון דעם געדאנק, אז דעם טאטן מײַנעם האָט אזוי געגליקט און ער איז געוואָרן אזא פּאניבראט מיטן נאָווי, ווערט מיר אזוי פריילעך, אזש איך צעזינג זיך אף א קאָל. איך זינג די „מארסעליאָזע“ אין רוסיש, טאָטש טאָטש, ווי סע האָבן זי געזונגען צום ערשטן מאָל קינד־און־קייט אין יענעם פראָסטיקן ווינטערדיקן טאָג.

די מאמע לייגט אוועק איר האנט אף מײַן שולטער און שמייכלט צו מיר, אזוי ווי זי קען נאָר שמייכלען:

— אוווא, זונעניו, זינגסטו עס שיין. זײַ וויסן, אז בא א קינד שטייט אײַן די נעוווּע. ס׳קאָן זייער שיין געמאָלט זײַן, אז איבאראיאָר פּייסעך אין דער צײַט און אזוי ביז אין דער ווײַטער ווײַט ארײַן וועט מען די סדאָרים אָנהייבן פראווען מיט דער ליד. אָבער דערווײַל, קינד מײַנס, האָסטו פארכאפּט א ביסעלע צו פרי.

איך פארשעם זיך ביז איבער די אויערן און הייב אָן מישן די אלטע האגאָדע־שעל־פּעסעך מיט די אויסנעמלעכע געמעלן, וועלכע ליגט אָן אָפּענע אפן טיש.

די מאמע האָט מיך פארפּוצט אין א נײַ פארוסינען קאָסטיומל, אפן קאָפּ האָט זי מיר, וואָס אנעמעסן, אָנגעטאָן אן אלט קאשקעטל, אָבער דערפאר מיט א נײַ־גלאנציק דאשעקל. זי האָט מיך אוועקגעזעצט, די מאמע מײַנע, אף א הויך בענקל, אפן בענקל האָט זי אוועקגעלייגט א

קישעלע, א מין העסעבעטל פאר דעם איינציקן מאנצבל אירן — ווי זי וויטעט זיך איצטער איבער מיר.

אלעמאָל קושט זי אויס יעדן אייווער דעם איינציקן מאנצבל אין שטוב, דאָס הייסט מיך. דערבײַ פלאַמען אירע באקן מיט א העלישער רויטקײַט און די ברעמען צוקן בא איר. איך און ריווקעלע פרעגן שוין בא איר ניט, פארוואָס זי וויינט אזויפיל. ווײַל מיר ווייסן, אז זי וועט אונדז ענטפערן: „אז דאָס הארץ איז פול, גייען די אויגן איבער", און וועט זיך נאָך ביטערער צעוויינען.

— האָ לאַכמאָ אַניאָ, — צעניגן איך זיך, אזוי ווי דער רעבע הערץ האָט אונדז געלערנט, — דאָס איז עס, דאָס אָרעמע ברויט, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געגעסן אָף זייערע וואָגל־וועגן. און זע נאָר, סארא לײַטזעליקע, בארעמהארציקע מענטשן דאָס זײַנען, ווײַל כאָטש זיי זײַנען אליין געווען אָרעם, נאַקעט, ברוין און בלויז, האָבן זיי דאָך גערופן צו זייער טיש אלע הונגעריקע און נויטבאדערפטיקע.

...איז גיי זײַ א נאָווי און טרעף, אז עס וועט אָקאָרשט פּאָרקומען פונקט אזוי, ווי איך האָב זיך אויסגעמאָלט אין מײַן קינדערשער געדעכעניש.

דער פאַראָוואָז פון דעם עשעלאָן, אין וועלכן מײַן טאטע וועט זיך אומקערן אהיים, וועט געשטרויכלט ווערן גראָד לעבן דעם גילדענעם בארג, וועלכער הייכט זיך איבער אונדזער שטעטעלע פערליץ.

אײַ, אײַ, איז דאָס א בארג! אָף זײַן שפּיץ וואָיעווען מיר, כיידער־ייִנגלעך, אין די שאבעס־דיקע און יאָמטעוודיקע טעג. אָף דעם בארג רײַסן אָן אלטע אײַנגעשרומפּענע באָבעציעס קרײַ־טעכצער אָף רעפועס און פארשיידענע אָפּשפּרעכענישן. און אָף זײַן סאמע העכסטער הייך, סע זאָל אונדז קיין שמוכע ניט זײַן, פארקלײַבן זיך קליינשטעטלדיקע ייִנגלעך און מיידלעך און שפּילן זיך אין טאטע־מאמע.

ער זאָגט, דער טאטע, אז ער איז זייער צופרידן, וואָס ס'האָט גראָד אזוי פּאסירט, וואָס די באן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם בארג און ער האָט זיך אדורכגעשפּאצירט א דרײַ ווערסט צופוס, בארג־ארויף, בארג־אראָפּ, ביז ער איז אָנגעקומען אהיים.

— הערסט, איטע־קרויך, — איז זײַן קאָל איצט א מין בענקשאפטלעך געזאנג, — ס'איז מיר מאמעש צוגעקומען א פּוד געזונט פון יעדן שפּאַן. און אז איך האָב דערגרייכט די טאָלעקע און זיך אראָפּגעלאָזט אָף די קני באם קוואַל און א כליפּטשע געטאָן וואסער, האָב איך מאמעש געפילט, גלײַך ווי מע האָט מיר ארײַנגעגאָסן א סאָלץ אין די ביינער. און הערסטו, איטע, זעט אויס, אז איך בין טאקע א זינדיקער מענטש, — ווערט דעם טאטנס קאָל עפּעס ווי טונקל, — ווײַל בעשאס דעם כליפּטשען איז מיר אדורכגעלאָפן אזא מאכשאָווע־זאָרע: רינט זיך, הייסט עס, א קוואַל, אזוי זיך פון דער ערד ארויס, בלעזלט זיך און בעבעט זיך אזוי שטיל אָף זײַן קוואַליק לאָשן. און גאָרניט. זאָלסט זאָגן, ס'זאָל אים אָנגיין, וואָס ערגעץ דאָרט, אין די ווײַטע מערכאָקים, הארגענען מענטשן איינס דאָס אנדערע, גיסן זיך טײַכן בלוט. איז ווי טראכטסטו, איטעניו־מאמע, ביסט דאָך בא מיר א כאכאָמע, איז עס ניט קיין אוולע, וואָס איך, א פּאָשעטער באָסערוועדאָם, האָב גענומען זיך בייזערן אָף א קוואַל, וואָס ריזלט זיך אזוי גלאַט אין דער וועלט ארײַן?

אָבער די מאמע טראכט גאָרניט. די מאמע רעדט גאָרניט. די מאמע האָט זיך אין איר גאנצער גרייס א וואַלגער געטאָן אָפן דיל, ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענט דעם טאטנס פאַר־שטויבטע שיך, זיך אײַנגענורעט מיטן פּאָנעם אין זײַנע פּיס און העשעט נאָר אינדערשטיל: געמאַל מײַנער! האר מײַנער! ליבסטער מײַנער!

אני לדודי ודודי לי...[1] ווײַל איך געהער מײַן אויסדערוויילטסטן, און מײַן ליבסטער געהער מיר, — גיט מיר א פארשמעק מיטן רויזן־דופט פון שיר־האשירים, — ווײַל טיף איז מײַן טרויער, און טיף איז מײַן פרייד, און טיף איז מײַן בענקשאפט. און נאָך טיפער פון זיי איז מײַן ליבע...

נו, יאָ, מינאסטאם אזוי האָט די שיינע קלוגע ראָכל, קאלבאַ שאָוואָס אדעליקע טאָכטער, געקערט באגעגענען איר אויסדערוויילטן, דעם טאנע ראבי אקיווע, ווען ער האָט נאָך יאָרן וואָגלען און וואנדערן זיך אומגעקערט אהיים, — לויפּט מיר דורך א מאכשאָווע, — ניט מער יענעם האָבן באגלייט צוואנציק טויזנט טאַלמידים און ס'האָבן אים מעקאבל־פּאָנעם געווען די שענסטע מענטשן פון דער שטאָט. און מײַן מיד־פארשטויבטן טאטן האָט נאָר, זעט אויס, בא־געגנט דער גילדענער פערליצער בארג און דער לויטערער קוואַל. און ווער ווייסט, עפשער

[1] אני לעדוידי וועדוידי לי.

טאקע עליִאָהו־האנאָווי אויך? ס׳איז טאקע א כיִעוו, דער טאטע זאָל אים זען? א נאָווי איז דאָך ניט קיין פּאָשעטער מענטש, ווי מיר אלע. ס׳איז זיך פאָרט א רויע ווײינע נירע[1]. וויל ער, זעסטו אים, וויל ער ניט — זעסטו א פײַג. מאלע וואָס א נאָווי קאָן זיך פארוועלן.

אָבער סע קאָרטעט מיך און סע לאָפּטשעט מיך און סע בריט מיך און איך פיל, אז איך האלט עס ניט אויס. און פאליע דעריבער ארויס אין איין אָטעם:

— טאטע, טאטע, איך וועג האָסטו קיינעם ניט אָנגעטראָפן? האָט דיך אף דער טאָלאָקע טאקע קיינער ניט באגעגנט? — און בעשאס־מײַסע פיל איך, אז פון גרויס קאָכעניש און גלוסטעניש פלאמען מיר אזש די אויערן־לעפּלעך.

— נע, זינעקו, נייך, — ענטפערט דער טאטע מײַנער. — וואָס יאָ, לאָמיך קיין ליגן ניט זאָגן, שוין טאקע גאָר נאָענט צום שטוב, האָב איך מיך אָנגעשלאָגן אין אן אלטן ציגײַנער. אָבער כ׳האָב מיט אים קיין לאנגע שיִעס ניט געמאכט, ווײַל ער איז געווען גוט פארקנאקט.

כ׳שעם מיך צו זאָגן דעם טאטן, אז דער ציגײַנער איז ניט געווען קיין פּאָשעטער ציגײַנער, נאָר עליִאָהו־האנאָווי. דו שפּילסט זיך עפּעס מיט א נאָווי? יענער, אז ער וויל, קאָן ער ווערן אי אָ מיילעך, אי א קוימענקערער. און דאָס, וואָס ער איז געווען בעגילופן... איז ווער ווייסט? דערזען א מידן סאָלדאט שליאָנדערן אף די וועגן, האָט זיך אים פארוואָלט אים לוסטיק מאכן. ליימויר, אזוי צו זאָגן: „האָסט שוין טאקע יאָ זויכע געווען צו געגנענען צו דײַן היים, איז נא דיר, רעב יאָסל בערעב ייִצכאָק, אן אדערוף פון פרייד... און צווייטנס, מעגסט דיר טאקע זײַן א נאָווי, נאָר גיי זײַ א בעריע, אז מ׳איז דיך מעכאבעד מיט אזויפיל ווײַן, זאָלסטו ניט ווערן שיקער... נישקאָשע, איין מאָל אין א שמיטע מעג זיך א הייליקער מאן אויך פארגינען א הוליע צו טאָן. זאָגט נאָר, כ׳בעט אײַך, וויפל קאָן א נאָווי נאָר יאָמערן, צאָרענען און שטראָפן?“

— איטעניו, מאמע מײַנע, — וואָרקעט דער טאטע עפּעס טאקע נאָר ווי א טערקלטויב, — וויפל איז דער שיר אזוי צו ליגן? הייב זיך אוף, נעשאָמע מײַנע.

אָבער די מאמע הייבט זיך ניט אוף. אייסעך וואָס, זי זאָל עס אָנהייבן צו טראכטן. זי זעצט זיך מיר ערשט אוועק אפן פּאָל און פּאָרעט זיך באם טאטנס שווערע, געקאָוועטע סאָלדאטישע שיך. דאָס צעשנירלט זי אים די שנירלעך. אָבער, אפּאָנעם פון צעטומלעניש, קאָן זי זיי בעיין־אויפן ניט צעבינדן. דאָ קומען מיר איר שוין ביידע צוהילף — ריווקעלע און איך. און טאקע אויגנבליקלעך זיצט שוין דער טאטע א באָרוועסער אפן פוסבענקעלע.

— מיר זאָל זײַן פאר דײַנע מידע פארבלוטיקטע פיס!

באם וואָרט „פארבלוטיקטע“ פיל איך, ווי סע הייבן מיר אָן צו גייען מוראשקעס איבערן לײַב און די האָר ווערן בא מיר ווי טשוועקלעך. א רעגע וויל איך מיך טרייסטן, אז דאָס זאָגט די מאמע צוליב שיינקײַט־וועגן, ווי זי האָט עס ארויסגעלייענט בא די העלדנס פון אירע ראָמאנען. אָבער אז דער טאטע שטעלט ארײַן ביידע ברודיקע צעראצטע פיס אין דער הייסער שיסל וואסער, דערזע איך מיטאמאָל, אז אפן לינקן פוס פעלן אים דער גראָבער פינגער און דאָס קליינע פינגערל.

— כ׳האָב זיי איבערגעלאָזט אין גאליציע, ערגעץ צווישן קאָסעוו און קיטעוו, — זאָגט דער טאטע צו דער מאמען.

איז וואשן מיר אים שוין אלע דרײַ די פיס און באגיסן זיך מיט טרערן. די מאמע וואשט אים דעם רעכטן פוס, דעם מאזלדיקן, דעם, וואָס ער איז געקומען א גאנצער אהיים. און מיר, קינדער, וואשן אים דעם לינקן פוס, דעם געקריוודעטן.

---

[1] א רואה ואינו נראה (העבר.) — ער זעט, אָבער אים זעט מען ניט.

דער טאַטע האַלט די פֿיס אין דער הייסער שיסל וואַסער און הערט ניט אויף צו דערציילן וועגן די אַלע צאָרעס און פּוראַניעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגענומען אין די ביטערע מיל־כאָמע־יאָרן. פֿון זײַנע רייד קומט אויס, אַז אַלע אומגליקן איז ער בײַגעקומען, ווײַל די בענק־שאַפֿט נאָך דער היים איז אים בײַגעשטאַנען.

— גלייבט מיר, קינדער טײַערע, — ווענדט ער זיך צו אונדז, ווײַל די מאַמע האָט זיך אײַנגעקנוידערט אין אַ ווינקל און סע קלימפּערן באַ איר די ציין אין מויל, עפּעס טאַקע נאָר ווי אין אַ קאַדאָכעס, — אָט אַפֿילע דאָרטן, אויף די פֿראָנטן, ווען אַרום מיר איז געווען אַ גע־נעם־פֿײַער און די האַרמאַטן האָבן געטראַסקעט, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך הער, ווי עס רינט דער פּרוט.

אַ רעגע נעמט דער טאַטע אַרויס די פֿיס פֿון דעם וואַסער, ווערט מיטאַמאָל אַנשוויגן און קוקט אויף זיי אַ פֿאַרטראַכטער. מינאַסטאַם, טראַכט ער, דער טאַטע מײַנער, אַז מיט די־אָ שוואַכע און מידע פֿיס וואָלט ער אַפֿילע פֿון עק וועלט אויך געקומען אַהער. די פֿיס וואָלטן אים שוין געבראַכט אַהיים. ווײַל ווי געשיקט זיך עס, אַז ער זאָל שטאַרבן אויף אַ פֿרעמדער ערד?

און ווען דער טאַטע, אַן אָפּגעוואַשענער, אַ ציכטיק־פּעכלדיקער, אַן אויסגעפּוצטער אין זײַן יאָמטעוודיקן בעגעד, זעצט זיך אַוועק פּראַווען דעם סיידער, הייבט שוין אָן אין דרויסן אופּצוציטערן דער קאַיאָר. די מאַמע האָט אַוועקגעזעצט איר לאַנג געגאַרטן און דערוואַרטן, אויסגעבענקטן און אויסגעוויינטן מיילעך אויפֿן ווייכן קישן, און פֿאַר אַן אָנלען דינט אים אירס אַ סאַמעטן קישעלע, וואָס זי האָט נאָך פֿון מיידלווײַז און אויף וועלכן סע זײַנען אויסגעהעפֿט די ווערטער: „דען שטאַרקער פֿון טויט איז די ליבע“... איך, דער פּרינץ, דער בען־מעלעך, זיץ אַנטקעגן דעם קיניג, מײַן פֿאָטער, גרייט צו פֿרעגן אים די פֿיר קאַשעס. ערשט דער מיי־לעך שווײַגט מיט אַזאַ פֿאָרכטיקער שווײַגעניש, אַז מע הערט נאָר דער מאַמעס כליפּען און דאָס צוויטשערן פֿון די קאַיאָריקע שוועלבעלעך.

— איטעניו, נעשאָמע מײַנע, — באַפֿעלט דער קיניג יאָסל, — וויש אָפּ דײַנע טרערן און גיי פֿאַרפּוץ זיך, ליובע מײַנע, אין דײַן כופּע־קלייד.

איך און ריווקעלע האָבן אונדז ביידע אָנגעשפּיצט די אויערן. מיר זײַנען איצט גאָלע הער־רעניש און זעעניש. כאָטש איך בין געבליבן מיט די פֿיר קאַשעס אויף דער שפּיץ צונג, פֿרייט מיך זייער, וואָס מירן הוליען אויף דער טאַטע־מאַמעס כאַסענע. „ניט מער, — טראַכט איך מיר, — אַוואַדע וואָלט אויף אַזאַ סימכע געדאַרפֿט זײַן ניט קיין מאַמעליגע־פּלעצלעך, און ניט קיין ווינער יויך, און אַוואַדע ניט קיין קוואַסניצע־זאַפּט, נאָר אייעריקע מאַצעס, קעזלעך, קניידלעך און דער יאַיִן־האַמשומאָר, דער ווײַן פֿון די ווײַנען זאָל שפּילן אין די קויסיעס. און סע קומען מיר מיטאַמאָל אויפֿן זינען די וווּנדערלעכע געשיכטעס וועגן די אָרעמע לאַמעדוואָוו־ניקישע סודעס, וועלכע זײַנען בעדערעך־נעס, וויפֿל מע גיט אַ פֿינטל מיטן אויג, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַלכעסדיקע טישן... שיקט זיך, וועט דער אייבערשטער פֿאַרשעמען אַ סאָלדאַט, אַן אויסגעמוטשעטן, וועלכער האָט קימאַט גאַנצע פֿיר יאָר זײַן היים ניט געזען?

אָבער זעט אויס, אַז טאַטע־מאַמע נעמען זיך ניט צום האַרצן דערפֿון. ווײַל, זעט נאָר זעט, די מאַמע גייט אַרײַן אין צווייטן צימער און קומט אַרויס פֿון דאָרטן אַזאַ שטאַלטנע, אַזאַ שיינע, אַז עס גיט אַ פֿאַרנעם דאָס אויג.

זע נאָר זע, ווי עס בליִען אירע באַקן, ווי רויזן. זע נאָר, סאַראַ ליכטעניש אין אירע בלויע אויסגעוויינטע אויגן. הער נאָר הער, ווי עס פֿלאַטערן אירע קאַלע־שלייערן, ווי צוויטן אין פֿרילינג־ווינט.

מיטאַמאָל ציט זיך אויס דער קיניג, עס הייסט דער טאַטע אונדזערער, אין זײַן גאַנצער הייך. ערשט איצט זעען מיר, ווי אויסגעמאָגערט איז זײַן פּאָנעם, און ווי פֿאַרקוילט, גלײַך עס וואָלטן עס געסמאַליעט די גלוטיקע מידבער־זון און געשמיסן אַלע ווינטן פֿון דער ערד. און נאָר די גרויסע שוואַרצע אויגן זײַנע בריִען, לאַשטשען און גלעטן.

זיי שעמען זיך ביידע גאָרניט. די מאַמע קושט דעם טאַטן, דער טאַטע קושט די מאַמע. אַזאַ פֿרייד האָט פֿאַרכלינעט דעם טאַטן, אַז ער גיט אונדז אַ כאַפּ אין דער האַנט עליִאָהו־האַנאָוויס קאָס און טרינקט אים אויס ביז דער שפּענטע. עס איז גוט צו קוקן, ווי טרערעלעך ווײַן קאַפּען אַראָפּ פֿון דעם טאַטנס אָנגעדראָלענע ליפּן אויף זײַן אָנגעקראָכמאַלעטער מאַנישקע.

די מאַמע שויבערט דעם טאַטנס פּעכקע האָר, צווישן וועלכע עס זיפּן זיך שוין אַדורך זילבערנע שטרײַפֿעלעך, און פּרוּווט אים פֿירהאַלטן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען דעם נאָוויס קאָס. דער טאַטע לאַכט מיט אַ שאַליק געלעכטער און זאָגט דער מאַמען, אַז פֿאַראַן אַזעלכע אווייִרעס, וועלכע זײַנען סײַ אין הימל, סײַ אויף דער ערד אַ סאַך אָנגעלייגטער ווי מיצוועס. און פֿון אַזאַ אווייִרע האָט עליִאָהו־האַנאָווי אויך האַנאָע און וועט אויף אים קיין פֿאַריבל ניט האָבן.

זײ קאַטאָוועסן און וואָיעווען, אונדזערע טאַטע־מאַמע, טאַקע עפּעס נאָר ווי קלײנע קינדער. איך זע שוין קלאָר, אַז דער טאַטע וועט שוין הײַנט דעם סײדער ניט פּראַווען. ווײַל אָט עפּנט ער דעם קאָמאָד און נעמט אַרויס פון דאָרטן אַ סאַמעטענע דעק מיט באַראַבאַנטענע שפּיצן. מיך מיט ריווקעלען שטעלט ער אַוועק אויף הויכע בענקלעך און גיט אונדז האַלטן די עקן פונעם טישטעך. און דער מאַמען באַפעלט ער אַרונטערגײן אונטערן טישטעך.

די מאַמע פּילט אויס דעם טאַטנס באַפעל בעאַהאַווע, און איך זע באַשײַמפּערלעך, ווי פון רעגע צו רעגע צעבלעטערט זי זיך און צעצוויטעט זיך, ווי אַ רויז אונטער דער ליכט פון דער זון.

דער קאָלירי̈קער טישטעך פּאַליעט זיך, ווי אַ כופּע איבער דער מאַמעס געקרויזטן קאָפּ. קלאָר ווי דער טאָג, טאַטע־מאַמע האָבן אַפּאַנעמעסן כאַסענע און מיר בײדע, ריווקעלע און איך, זײַנען זײערע אונטערפירערס.

דער טאַטע גיט דער מאַמען אונטער דער כופּע דאָס קויסעלע מיט קוואַסניצע־זאַפּט. אויך אונדז גיט ער די בלאָע קויסעלעך מיט זאַפּט. די מאַמע טרינקט, און מיר טרינקען אויך.

פון דער מאַמעס אויגן רינען אַ יאַם מיט טרערן. אָבער זי קײַכט אויף אַ קאָל. זי פאַרגײט זיך אַזש אין געלעכטער. אַזוי לאַכן האָב איך זי שוין לאַנג ניט געהערט.

— יאָסל! ביסט שיקער, יאָסל? — לאַכט און וויינט די מאַמע.

דער טאַטע קושט אירע הענט, איר פּאָנעם. ער קושט אירע האָר, און זײַן קאָל איז איצטער קוואַליק און זיס, ווי פּעכקע האָניק.

— אין דײַנע האָר און אין דער הויט פון דײַן פּאָנעם זע איך דעם טאָג און די נאַכט, — צעזינגט זיך דער טאַטע.

איך און ריווקעלע האָבן נאָך מער אָנגעשפּיצט די אויערן, און מיר הערן דעם טאַטנס געזאַנג. עס פלאַמען אונדז די באַקן, עס בריִען אונדז די אויערן־לעפּלעך.

דער טאַטע זינגט אַ שיר־השירים דער מאַמען.

די מאַמע צעפּראַלט די טיר, די פענצטער, און דעם טאַטנס געזאַנג פלײצט אַרײַן אין סאַמע האַרץ פון דעם אויפגעציטערטן פּײסעכדיקן קאַיאָר.

— יאַנקעלע, — בעט זיך די מאַמע בײַ מיר, — טו טפילע, מײַן קינד, אַז די נאַכט זאָל קײנמאָל ניט אַוועקגײן. איאָ, זינעקו, אין אונדזערע הײליקע ספאָרים איז פאַראַן אַזאַ טפילע? — העשעט די מאַמע.

דעם טאַטנס און דער מאַמעס הענט פלעכטן זיך איצט צוזאַמען. די מאַמע רעדט איצט ווי אין שטילן געפליסטער. מע זעט מאַמעש, אַז עס גײען איר אויס די קויכעס.

— יאָסעלע... — ציקלט די מאַמע אויס דעם טאַטנס נאָמען, — אַזוי ווי דו זינגסט איצטער, האָסטו נאָך אײן מאָל אין לעבן ניט געזונגען.

אַ פרילינגדיקער פרימאָרגן. אונדזער שטיבל ווערט פול מיט די רײכעס פונעם צעבליטן אײַנדרויסן. טאַטע־מאַמע צעפּראַלן טיר־און־פענצטער. דאָס מאַכן זײ אַ ווארע פאַר דעם וועסנעדיקן ווינטל. אײַ, איז דאָס אַ לינד ווינטל! עס שמעקט מיטן צוויט פונעם קאַרשנבוים. איז וואָיעוועט עס אַרום, דאָס ווינטל, אַזוי לאַנג אין שטוב, ביז עס מאַניעט אונדז אַלע אַרויס אין דרויסן.

עס איז ליב צו זען, ווי טאַטע־מאַמע נעמען זיך אָן בײַ די הענט, ווי קינדער, ווען זײ שפּילן זיך אין קאַמער־קאַמער־הויז, און לאָזן זיך אַראָפּ אין גערטנדל. דער גאַנצער הויף שלאָפט נאָך. און עס איז אַזאַ סאַמעטענע שטילקײַט אַרום, אַז מע הערט נאָר דאָס וואָרקען פון די טויבן און דאָס קוואָקען פון די הינער אויף זײער אויפּעס־לאָשן.

די מאַמע זעצט זיך אַוועק אויף אַ בענקעלע. זי איז מיד און מאַט, די מאַמע מײַנע. אָבער ס'איז אַ זיסע מידקײַט. דער טאַטע איז מיד, און אויך מיר, קלײנוואַרג, זײַנען מידלעך. אַז אַ גאַנצע נאַכט האָט מען קימאַט קײן אויג ניט צוגעמאַכט!

דער טאַטע באַטראַכט דעם קאַרשנבוים, און דער בוים באַטראַכט דעם טאַטן. דער בוים האָט זיך צעצוויטעט מיט ווײַסע קנאָספּעלעך. און בײַם טאַטן שלאָגן זיך אַרויס פון צווישן זײַנע שוואַרצע האָר ווײַסע שטרײַפּעלעך. דער בוים בליט, און דער טאַטע הײבט אָן צו פאַרבליִען. איז וואָס, אַשטײגער, טראַכט דער טאַטע? ער טראַכט, מינאַסטאַם, אַז מע לעבט, דערלעבט מען. באַשערט אים נאָכאַמאָל צו זען, דעם שטאָלטנעם כאָסן־באָכער אונדזערן. דער טאַטע שטעלט זיך אַוועק לעבן בוים, ציט זיך, ראָסטעט זיך. שטרעקט זיך אויס אין זײַן גאַנצער הײך און טײַעט אָן. אַוואַ, — נאַכעסט זיך אַ שמײכל אויף זײַן פּאָנעם, — זע נאָר, ווי ער איז עס, קײן אײַנהאָרע, אויסגעוואַקסן!

און דער בוים? וואָס, אשטייגער, קאָן עס טראכטן און דאכטן, אזא קלוג קארשנביימל, ווי אונדזערס? ווארשײַנלעך, טראכט עס, אז ביז ס'איז יונג און בא אלע קויכעס — וואקסט עס און עס בליט, און אז ס'וועט קומען די צײַט און ס'וועט כאס־וועכאָלילע אלט ווערן, זאָל מען עס כאָטש ניט לאָזן שטארבן. גיכער זאָל מען מאכן פון זײַן האָלץ א פלויט, א שטאכעטל ארום די ביימלעך, וועלכע הייבן זיך ערשט אָן צו צעבליִען.

— ס'קאָצל קומט, א גאסט איז דאָ, מאזלטאָוו אין א גוטער שאָ!

איז ווער זשע גראמט עס אזוי שיין? פארשטייט זיך, אז אונדזער הערש דאָמבראָוויצער. ווי ער האָט זיך עס אויסגעפליגלט! עס איז אים פּאָשעט ניט צו דערקענען. אפן שפּיץ קאָפּ דאָס גערימטע ווינער קאפּעליושל, אָנגעטאָן איז ער אין א שווארצן לוסטרינענעם שפּענצער און אין א פּאָר געקעסטלטע קאוואלעריסטישע הויזן, פון וועלכע ער שפּארט ארויס. ער ווארפט זיך מאמעש ארוף דעם טאטן אפן האלדז און קושט זיך הילכיק. דערבײַ פארגעסט ער ניט אין דער מאמען און, זעט אויס פון גרויס איבערראשונג, טרעפט ער אָן מיט זײַן קוש אונטער איר גאָמבע. אויך אונדז, קליינווארג, גייט ער ניט פארבײַ. אונדז קושט ער ניט, ער קנײַפּט אונדז אויס די בעקלעך. אזוי אז עס הייבט אונדז אזש אָן צו גיין א פּארע פון די אויערן.

ער איז ניט געקומען מיט די ליידיקע הענט, הערש. אָט עפנט ער אוף דאָס קאָבריצל און נעמט ארויס פון דאָרטן א פלאש מילך מיט א טעלער באלאבעשקעס.

— עסט און טרינקט, און זאָל אײַך זײַן צו געזונט, — צעלייגט זיך הערש גאָר ברייטלעך מיט זײַן גאנצן רעמאנענט, — האָט ניט קיין מוירע, ס'איז אלץ פּייסעכדיק. די ציג איז בא אונדז א געקאשערטע. א גאנצן ווינטער האָט זי געגעסן קאדאָכעס, און איצט האָדעווען מיר זי מיט מאָרער...

אלע דרײַ לאכן, און מיר, קליינווארג, לאכן אויך. עס איז מיר אזוי פריילעך, אז איך צעהירזשע זיך, ווי א לאָשעקל, און איך הייב אָן צו מאכן קאָזשעלקעס. ערשט מיטאמאָל דערזע איך, ווי עס בײַט זיך דעם טאטנס מארע. עפּעס גיט אף אים א שלאָג אזא מאָדנע בלאסקײַט און די גרויסע שווארצע אויגן זײַנע גיסן זיך אָן ווי מיט פעך. אויך דער מאמעס פּאָנעם האָט זיך מאָדנע אויסגעצויגן. איך וואָלט זאָגן, אז אפילע די אויערן־לעפּלעך זײַנען בא איר ווי בלייך געוואָרן.

דאָס האָבן זיי דערזען לייבל שעלעמעט. עפּעס שפּאנט עס, דאָס לייבעלע, מיט אזא באא־לאכסנדיק גענגל. צוגעקומען, שטעלט ער זיך אוועק א ביסל בא א זײַט און כיכיקעט מיט אָן אויסטערליש געלעכטערל, און ער גאָנערט זיך עס גאָר, דער לייבל, ווען ער נעמט ארויס פון א געפלאָכטן קוישל מיט טרעלדעלעך א גאנצן טאמאזליק מיט ברוינע בייגל, וועלכע פּעכלען אזש פון געלקײַט, און א בעכער מיט ווײַן.

— לאָמיר טרינקען און פארבײַסן מיט בייגל, קאָלזמאן די שיינע רעוואָליוציע האָט זיי נאָך ניט געמאכט כאָמעצדיק, — שטשירעט ער, לייבל, זײַנע שטשערבאטע ציין און כיכיקעט אלץ מיט דעם געלענדערל זײַנעם.

אין דעם קומען אָן מוישע־ארן שוסטער און פעדקע קאָוועל. אָבער אפן טאטנס פּאָנעם יאָגן אזעלכע צאָרן־כמארעס, אז ער ענטפערט קוים אף זייערע שאָלעם־אלייכעמס. איך וואָלט קיינמאָל זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז דער טאטע קאָן זײַן אזוי בייז. די אויגן ברענען בא אים איצט, ווי צוויי שטורקאצן, און דאָס קאָל איז בא אים אָנגעדראָלן.

— הערסט, דו, פאלשעווניק, דו, דו, קאָל־שעבעקאָל, — גיט ער זיך א לאָז צו לייבלען נאָר ווי אף דוירעס צו זײַן אים, — איידער דו ברענגסט ארויס דאָס וואָרט רעוואָליוציע אף דײַנע טרייפענע ליפּן, מעגסטו זיך פריִער צען מאָל אויסשווענקען דײַן דאָווערכיש מויל.

א רעגע דוכט מיר, אז ס'ברינזלען אינדערלופטן פונקען פון צאָרן. נאָר גוט, וואָס הירש דאָמבראָוויצער לייגט זיך ארײַן אין שאָלעם.

— הערסט, יאָסל, פּאָלג מיך, קאָך זיך ניט אוף, — וואקסט ער אויס צווישן טאטן און לייבלען, — עס שטייט דאָך געשריבן בא אונדז אין די הייליקע ספאָרים: מי שעפּאָדאָ נעפעש אכאס מעיִסראָעל[1]. סע הייסט, ווער סע דערלאנגט א פּאסקודניאק א קני אין ווי הייסט דאָס... איז פּאָטער פון אלע זינד.

— איז זאָג אים, — גיט דער טאטע א פארשאר דעם שמייכל פון זײַנע ליפּן, — ער זאָל זיך שוין פארנעמען מיט זײַן הינטיש געביין און פרעסן און זשליאָקען אליין, אניט...

---

[1] מי שפדה נפש אחת מישראל, כאלו פדה עולם כולו — ווער עס האָט אויסגעלייזט איין נעפעש, איז גלײַך ווי ער האָט אויסגעלייזט די גאנצע וועלט (א מעדרעש).

אָבער דאָס ווײַטערדיקע דערזאָגט שוין ניט דער טאטע, ווײַל לײבל זײַטלט זיך שוין ארויס פונעם גערטנדל מיט זײַן קרום־קײַלעכדיק גענגל. עפּעס קריכט ער אוועק מיט אזעלכענע שאַר־טריטעלעך און ווערט מיטאמאָל ווי גאָלע פּלייצע, גלײַך עס וואָלט רעגענען אָף אים מיט פּעך און שוועבל.

עס טוט מיר אזוי האנאָע, וואָס מע האָט אים מעשאלייעך געווען, אז עס פאַרגלוסט זיך מיר אזש נאָכקרימען זײַן דרעפּטשענדיק גענגל. נאָר איך קיל מיר אָפּ דאָס הארץ מיט א קלאָלע, מיט וועלכער אונדזער רעבע באגלייט אלע ווײַסעכעווריעניקעס און שמינדרעבעגעצן: „זאָלסט אהין נישט דערגיין און קריק ניט דערקומען“.

נאָר לעמײַ לייקענען, מיילע דער ווײַן, ווי דער ווײַן, נאָר נאָך די אייעריקע בייגל טוט מיר הארציק באנק. שײַעך צו זאָגן, עס הייבט מיר אזש אָן צו נאָיען אונטערן לעפּעלע. אויך ריווקעלע, זע איך, באלעקט אירע טרוקענע ליפּלעך. זי ווייסט נעבעך אויך, וואָס ס'איז גוט. אָבער א מאמע בלײַבט א מאמע. דערפילט, אז ס'איז אונדז געוואָרן קאלעמוטנע אין די מײַלעכלעך, כאפּט זי זיך ארײַן אין שטוב און ברענגט אונדז ארויס צוויי אָפּגעפּרישטע מאמעליגע־פּלעצלעך.

— האלט זיי, קינדערלעך, א ביסל אָף דער זון, וועלן זיי ווערן אייעריק, ווײַל געל זײַנען זיי שוין, — שמייכלט די מאמע דורך טרערן.

גוט כאָטש, וואָס מוישע־ארן און פּעדקע קאָוועל זײַנען אויך ניט געקומען מיט די ליידיקע הענט. כ'זע, ווי זיי שטעלן אוועק אפן טיש צוויי פלעשלעך מיט ווײַסן ווײַן. מוישע־ארן האָט אפילע מיטגעבראכט א קעזל.

— עמעס, — פאַרענטפערט ער זיך, — ס'איז ניט אזא וואזשנע קעזל, ס'איז מער געמאכט מיט סייכל, ווי מיט שמאלץ. ווײַל אנומלטן האָט זיך ארײַנגעכאפּט סראָל־בערס נעגידישער הונט און האָט כאסענע געמאכט די פלוסטערן.

דאָס קעזל האָט טאקע עפּעס א מין מיסע־מעשונע־קאָליר. דאָך צעשנײַדט עס די מאמע און איז מעכאבעד די געסט און אונדז ביידע. גוט האָט זי געטאָן, די מאמע מײַנע, מע טאָר דאָך אָן אָרעמען מענטשן ניט מעוואיעש זײַן. קײַען מיר עס, ריווקעלע און איך, און קוקן זיך לאכנדיק איבער. ווײַל עס דוכט זיך אונדז, אז מיר האָבן א פול מויל מיט קליאָטשע.

נאָר דער טאטע רירט זיך ניט צו ניט צום קעזל און ניט צום ווײַן. דער טאטע האָט זיך גענומען עפּעס אויסקלאָרן די געסט. און אין זײַן ארט ריידן פיל איך, אז ער וויל מיט לײַב־און־לעבן, אז עס זאָל דערגיין צו זיי דאָס, וואָס סע קאָרטעט אים אצינד. דער טאטע רעדט סײַ אין רוסיש, סײַ אין ייִדיש. אין רוסיש, ווען ער דערציילט וועגן געהויבענע מעלוכישע און האַפּערדיקע זאכן, און אין ייִדיש, ווען ער מישט אוף די מעגילע פון צאָרעס און ווייטעקן. זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט, נאָר אין קיין שום לאָשן קרעכצט זיך ניט אזוי פונעם הארצן, ווי אין ייִדיש. דעם עמעס געזאָגט, פאַרשטיי איך קימאט גאָרניט, וואָס ער רעדט. אזעלכע שפּאָגלנײַע ווערטער, ווי מענשעוויק... באָלשעוויק... אוטשרעדיטיעלנע סאָבראניע... דומע... קערענסקי... טשכעיִדזע... דאָס לעצטע וואָרט דערמאָנט מיר אין עפּעס א צעצויגענעם קלעפּיקן פלאסטער.

איך וואָלט געקאָנט שווערן, אז אויך הערש דאַמבראָוויצער באנעמט ניט אלץ, וואָס דער טאטע דערציילט, מאכמעס ער קוקט אָף אים מיט אזעלכע אויגן, גלײַך ווי דער טאטע מײַנער וואָלט גערעדט לאָשן־טרובקע.

— איז הער זשע, יאָסל, כ'וואָלט זיך פאָרט וועלן וויסן די אורזאַך פון דערפון, — קראצט זיך אזש הערש פאר נאכעס מיט א פינגער אין דער פּאָטיליצע, גלײַך ווי דאָרט וואָלט געווען די שאצקאמער פון זײַן דײַטשמעריש לאָשן.

— וואָס פלעכסטו שטריק פון קלײַען? — קאעסט זיך די מאמע אָף הערשן, ווײַל זי טאפּט אָן, אז ער נעמט דעם טאטן אפן זיכער, — בעבעסט גלאט אין דער וועלט ארײַן. זע בעסער, אז דאָס הארץ זאָל טראכטן לויטער, וועט בעמיילע דער קאָפּ אופהערן צו טשאדען.

דער טאטע נעמט עפּעס ארויס א פּאפּירל פון דער בוזעם־קעשענע מיט א רויט שטעמפּל אינמיטן און גיט עס לייענען הערשן, מוישע־ארענען און פּעדיען. דער טאטע רופט אָן דאָס פּאפּירל מיט א טשיקאַווע נאָמען — מאנדאט. פון זײַנע רייד פאַרשטיי איך, אז דאָס איז א מעסוקן פּאפּירל. סע קאָן אים איבער אײַך נאכט מאכן פאר דעם עלטסטן אין פערליץ.

הערש נעמט דאָס פּאפּירל אין דער האנט, ער שטעלט זיך אוף און האלט עס אנטקעגן דער זון, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן דורכלויכטן די אויסיִעס, סע זאָל אים זײַן קלאָרער צום לייענען. דערנאָך טוט ער אָן א צערומפּלטע פּאָר ברילן און טראָגט צו דאָס פּאפּירל צוערשט צו די אויגן, דערנאָך צו דער נאָז. באשמעקט עס און באטאפּט עס פון אלע זײַטן. דרייט עס

אהין און אהער. לעסאָף צופט ער זיך אויס א האָר פונעם סיוון בערדל און שאמקעט ארויס א פארשעמטער:

— איך זאָל אזוי וויסן פון א בייזער וועטשערע, וואָס סע שרײַבט זיך דאָרטן. אז איך קען פאָרט ניט מויצע־פויצע זײַן קיין סאָלדאטסקע רוסיש.

— דו הערסט, הערש, זאָלסט מיר מוחל זײַן, ווי אן אייגענער ברודער, נאָר נאָך איידער דו זינדיקסט, איז שוין גרייט בא דיר די האנט פארן אלכעט. איז נעכײַ וואָלסטו זיך געשלאָגן אין דײַן אייגן הארץ, איז האָסטו זיך אָבער ליב צו שלאָגן אין א פרעמדס. אמער וואָלסטו פון דער אָדראזע געזאָגט, אז דו האָסט נאָר געלערנט אין סייפער פראלניק און ניט פארבלענדט די אויגן, — מוסערט אים די מאמע.

— איך קען רעדן רישעש, אָבער לייענען אזיאסי, — פארכאפט מוישע־אָרן די נעץ פאר די פיש און פארשעמט זיך אזוי, אזש די קלײַען אף זײַן בלייך פּאָנעם ווערן שארלעך־רויט.

— פּאַדאוויי סיודא, גיב אהער ס׳פּאפירל, יאָסל, זעסטאָך, אז זיי מאכן דירביידע כאלאנ־ציעס כעזשבוינעס, — שטרעקט אויס פעדקע קאָוועל זײַן שווערע פארהאָרעוועטע האנט. א פּאָר מינוט שמאָרעט ער, פעדקע, מיט זײַנע פארסאזשעטע נאָזלעכער. דאָס זײַנען זיי בא אים אזוי שווארץ פון שטענדיק הוכקען אין די קוילן. מיטאמאָל גיט ער זיך א בלאָז אָן, ווי דער בלאָזזאק פון זײַן שמידערײַ, און עס דוכט זיך מיר, אז ער שטיקט זיך מיט יעדעס וואָרט.

— Совет рабочих, крестьянских и солдатских депутатов, —

פאלן אראָפּ פון זײַנע ליפּן מיט א סקריפּ אָט די נײַמאָדישע ווערטער. דערנאָך דעכעט ער אָפּ שווער און ווישט זיך מיט א געקווייטלטער פאטשיילע די גרויסע טראָפּנס שוויס, וועלכע בלעזלען זיך אף זײַן שטערן.

— וואָס האָב איך געלערנט, פארשריגענע יאָרן מײַנע, אין שקאָלע? עפשער דרײַ כאַ־דאָשים, אָבער, הא, יאָסקע, כ׳האָב זיך ניט פארטשעפּעט? — קוקט ער זיגעריש צו הערשן און מוישע־אָרענען. — און איר האָט געסיוועט אין כיידער אזויפיל זמאנים און באגראָבן געוואָרן דאָרטן באם איילעך־מיילעך, קאטשקע־דריילעך...

טאטע־מאמע לאכן אף א קאָל. אויך הערש און מוישע־אָרן פארלירן א שמייכל אין די וואָנצעס. דאָס טײַען זיי אלע אָן פון פעדיעס מעכײַעדיקן יידיש. כוץ דעם, איז ער א מעזעג־טאָוו. אלטע ווײַבער בא אונדז אין שטעטל זאָגן אף אים, אז ער קער זײַן א גילגל פונעם גער־צעדעק.

אָט א צאדייקעס די מאמע אונדזערע, כאָטש נעם און פארשרײַב זי צווישן די אימאָהעס. געזעצן, אז פעדקע באגיסט זיך מיט זיבן שווייסן, ביז ער בײַסט אײַן א וואָרט, האָט זי קונציק ארויסגעכאפּט דאָס פּאפירל פון זײַן האנט און א ווונק געטאָן צום טאטן, אז ער זאָל עס מאס־ביר זײַן.

אך, פארמאָגן מיר עס א געלערנטן טאטן! ער נעמט דאָס פּאפירל אין די הענט, לייענט און פארטײַטשט, און עס גייט בא אים, קיין אײַנהאָרע, ווי בא מיר דאָס מײַוער זײַן פריטיק די סעדרע. די יאָרן, וואָס ער איז ניט געווען אין דער היים, האָבן געגומען זייערס. ער האָט זיך אנטוויינט פון יידיש. מאכמעס אלעמאָל, ווען עס קומט צום פארטײַטשן, פארטשעפּעט ער זיך אין אן אנדער יידיש וואָרט, און דעמלט הייבט זיך אָן אונדזער מאמע צו צאפּלען און אים דערלאנגען אזעלכע שיינע, קײַלעכיקע ווערטער. אײַ, ווערטער! בלינעדיקע און דופּטיק, ווי רויזן, און געשמאקע און זאפטיקע, ווי מילגרוימען. דערבײַ פּאָכט זי מיט אירע מאָגערע הענט, גלײַך זי וואָלט שווימען אין יאם פון ווערטער, און רויטלט זיך, ווי א קאַלע־מיידל אונטער דער כופּע.

עס קומט מיר אויס, ווי זי וואָלט אים וועלן אונטערשרויפן די צונג, דעם טאטן, אז דאָס ארויסגעזאָגטע זאָל האָבן מער האפט און קויעך. איך פיל באשײַמפּערלעך, אז זי כאפּט דעם הויך פון זײַנע ליפּן.

אָבער דער טאטע מיט א לאָז־מיך־געמאך־מינע גיט אָנצוהערן דער מאמען, אז אלע אירע שיינע, ווייכע, לאשטשענדיקע ווערטער פּאסן זיך ניט אהער צום ראשיקן נוסעך פון דער רעוואָליוציע. דער טאטע שיפּעט און קאָכט זיך. ער רעדט שוין מער רוסיש ווי יידיש. זעט אויס, אז אף רוסיש איז אים גרינגער צו קאָסן זיך און אויסגיסן די גאנצע באָד אף איי־נעם א פּריש־געבאקן קיניגל קערענסקי, וועלכער איז א שאקרען און א שאבסיצוויניק און א קאָל־שעבעקאָל.

— הייסט עס, יאָסל, אז דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען ביז איצטער, איז נאָר א פּאָר־שפּיל? די עמעסע כאַסענע קומט ערשט אונטער, — ברײַעט אויס הערש דאָמבראָוויצער אף זײַן באדכאָנישן שטייגער.

— אָן־אָ, דאָ דארף מען זיך אונטערגארטלען. עס וועט נאָך זײַן צו זינגען און צו זאָגן, — פּאָטאקעוועט אים אונטער מוישע־ארן.

מײַן טאטע איז איצט העכער און שענער געוואָרן. ער רעדט מיט אזא ברען, גלײַך ווי דאָס הארץ וואָלט אים געווען בא דער צונג. און עפּעס האָט יעדער וואָרט בא אים אי א מיין, אי א הינטערמיין. עס קומט אויס לויט זײַנע רייד, אז אויב ער, די מאמע, הערש, פעדקע, מוישע־ארן און מילי־מיליאסן אזעלכע ווי זיי זאָלן פארשטיין און וועלן און טוען, ווי די באָל־שעוויקעס הייסן, וואָלט געווען א גאניידן אף דער ערד.

די מאמע פארדערעט דעם קאָפּ מיט אירע שיינע פארפלאָכטענע צעפּ און קוקט צום טאטן א פארגאפטע. זי קער אים איצט פארגלײַכן צו די העלדישע ריטער פון אירע ראָמאנען, וואָס נאָך אומצאָליקע וואָגלענישן, שטרויכלונגען און ראנגלענישן מיט פארשיידענע שאָלקהאפטיקע לײַט, בייזע גײַסטער און סטאם מערדער ראטעווען זיי ארויס די אָרעמע יעסוימע, די קינפטיקע באסמאלקע פון די רויבערישע הענט, פון אירע באטריגער.

און פארנאכט, ווען איך מיט ריווקעלען קערן זיך אום אהיים, נאָך ארומוואָיעווען א גוטע פּאָר שאָ אפן גילדענעם בארג, זײַנען זיך שוין די געסט צעגאנגען. אפן טיש גלינצערן נאָר די ליידיקע פלעשלעך און גלעזלעך. עס צווירקען נאָך קאראשיק די שוועלבעלעך און פּיקן די ברעקלעך, וואָס זײַנען פארבליבן נאָך דעם סומנע קעזל און די הארטע מאמעליגע־פלעצלעך. דאָס כאפּן זיי איבער פארן גיין שלאָפן אף אונדזער קארשנביימל.

טאטע־מאמע זיצן שווײַגנדיקע און באדאכטע אונטערן קארשנבוים. דער טאטע שפּארט אָן דעם קאָפּ אין דער מאמעס אקסל, ווי אן אָנלען. ער זעט מיר אויס איצטער נאָר ווי שימשן־האגיבער, ווען ער האָט אוועקגעלייגט זײַן לייבישע גריווע אף דלילעס פאָדעלעק. און ווען כ'שעם מיך ניט, וואָלט איך זאָגן דער מאמען, זי זאָל זיך ניט דערוועגן אויסרײַסן דעם טאטנס גראָווע האָר, ווי זי טוט עס איצט, ווײַל אין זיי איז זײַן גאנצע גוורע. איז גלעט זי, די מאמע, דעם טאטנס קאָפּ, צעזייט אינדערלופטן זײַנע גראָווע האָר, און דערבײַ כליפּעט זי. און איך וויס ניט, צי זי ווייַנט פון גרויס נאכעס, צי פון קלעמעניש.

די וועסנע־נאכט הילט זיי אײַן ביידע און פארשפּינט זיי מיט אירע קישעף־פעדעם. אין דער פינצטער זע איך קוים זייערע פּנעמער און דער מאמעס טרערן. דעמאָלט האָב איך נאָר ניט געוווסט, פארוואָס זי וויינט. אָבער אז כ'בין עלטער געוואָרן, האָב איך פארשטאנען, אז דאָס האָט זי אזויפיל טרערן פארגאָסן, וואָס גראָד איר אויסגעבענקטער מאן האָט זויכע געווען צו זײַן דער שאָליעך פון דער רעוואָליוציע אין איר צעלט.

פֿאַרשיידענע לידער

אויג־אָף־אויג מיט נאכט

הירש אָשעראָוויטשן

אויג־אָף־אויג מיט נאכט
איז דער אורמענטש אין זײַן הייל געזעסן
און געטראכט —
אָנגעשטרענגט געפרוווט האָט
זײַן געדאנק זײַן ערשטן קערעווען.

ס'איז געווען פאר אלע ערעוון.
ערעוו יעצער־טאָוו און יעצער־רא.
ערעוו גאָט פון סינײַ פון מיצראַיִמס רא,[1]
און פון אלע איבעריקע געטער —
גלויבנס, וואָס אף אונדז זיי הויערן אצינד,
און, ווי אטעיִסטן זאָגן, מאכן אונדז נאָר בלינד.

פריִי פון אלע אונדזערע באלאסטן —
ער געזען האָט זייער ווײַט
ביז און איבער אונדזער צײַט,
און געוויס געזען שוין אף די ווענט
פון זײַן הייל, ווי כיראָסימע ברענט —
אָן א רעטער.
אָן א רעטער.

דאָס איז אָבער די זיך אָקאָרשט־אויסגעבריטע געטער
ניט געפעלן, און מע האָט בא אים זײַן כוש זײַן פרומען צוגענומען,
און פארביטן זײַן ניט וויסן אים אף וויסן.
דעמלט איז אויך אופגעקומען דער געוויסן.

אויג־אָף־אויג מיט נאכט —
מיר אזוי האָט הײַנט זיך אויסגעדאכט.

---

[1] ר א — עגיפטישער גאָט.

צוויי פּייזאזשן

1. דאָרף־פּייזאזש

די אָוונט־לאַנדשאַפט
שטייט פאַרגליווערט אין איר שיינקייט.
איז וואָס אין דעם געשלאָסענעם אַנסאַמבל
פון וואַסער, וואַלד, און באַרג, און טאָל —
געמאָלן איידל, ווי אַ פאַרפאַר־שאָל —
עס האַלט מיך אָפּ אים זינגען דיפיראַמבן? —
זײַן לאַקריץ־זיסע רו,
זײַן זעלבסטצופרידענע אַליינקייט,
זײַן שפּיגלען זיך אין אָזערע נאַרציסטיש...

נאָר אומגעריכט —
אין שפּאַס, צי ערנסט, האָט אַ קו זיך צעמערוקעט מיסטיש,
ווען ס'האָט איר סטאַדע, ווי אַ לאַנגער שנור,
פון באַרג אַראָפּגעלאָזט זיך צו דעם וואַסער אינעם טאָל.
און מיטאַמאָל האָט אופגעלעבט דאָס בילד פון דער נאַטור,
אין אַלע פאַרבן פון אַרום האָט אופגעבליצט אַ שמייכל —
די גאַנצע לאַנדשאַפט האָט געקראָגן
דאָס ביסל נייטיק ליכט
פון סייכל...

2. שטאָט־פּייזאַזש

ווען די הויכע שטאָט ווערט ענדלעך ביז איר אָפּגרונט אויסגעלאָשן, —
מיטאַמאָל פאַרלוירן האָט די ריִע און דאָס לאָשן, —
טיילן אויס זיך מאָרעשכוויריש,
מאַמעש טאַקע, ווי אײַל נויראָ'ש,
אייניקע האַרבאַטע הײַזער —
נאָר ווי קעמלען שווער־באַלאָדן, גרייט צו זייער רײַזע.
נייק, ניט קעמלען נאַכטישע, נאָך פּאַרכטיקער.
מיט זייערע קאָנטורן
זיי דערמאָנען פון די אַלטע געטער־בערג די שפּורן —
אין אָלימפּן, אין בארג סינײַס אײַנגעשרומפּן־קליינע.

דוכט מיר, אַז איך הער אַף זיי די געטער וויינען
אַף אַ קאָל פון ווינט, צי רעגן, צווישן בלעטער.
ס'טוט מײַן גײַסט אויס מיטלײַד ביז צו זיי אַ שוועב.
אַ קלעטער —
זיי, די געטער־יורדים, צו באַזוכן.

אָבער ניט זיי בענטשן, נאָר זיי פלוכן
מיט דער גאַנצער בייזער געטער־קראַפט
מיך, וואָס זיי פונסנײַ באַשאַפט.
— — — — — — — — — — — — — — —
זיבן פאַרבן צינדן אָן זיך אַף די לענדן פונעם האָריזאָנט —
פון דער אופגעוואַכטער שטאָט די זונען־שפּיגל־וואַנט...

און עס איז געווען...

און עס איז געווען,
ווען גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן,
און גאָט האָט געטאָן אים אויך בענטשן.

א גאַנצן מעסלעס איז געגאַנגען אָן ראַש
א רעגן א גוטער, א ווייכער פון שטויב און פון אַש.
ס׳האָט יעטווידער טראָפּן גענידערט באַזונדער,
נאָר אַלע צוזאַמען זיי אויסגעקלעפּט האָבן די גלידער
פון גאָטס ערדיש אָפּבילד — דעם בכאָר בא די מענטשן —
ביז שטיין איז געבליבן דער רעגן א מידער,
ביז שטיין איז געבליבן דער רעגן פאַרוווּנדערט.

ערשט דעמלט צעשטורעמט עס האָט זיך א ווינט,
באַפאַלן, געקנאָטן האָט אָדאָמען — זײַן זאָל ער מעכטיק,
גערעכטיק!

און איך — איך הער נאָך ביז הײַנט, ביז אַצינד,
דעם רעגן פון שטויב און פון אַש און פון פײַער דעם ווינט,
וואָס ריידן צו מיר אינעם גײַסט פון טאַנאַך
אף יידיש־טײַטש־שפּראַך.

ע ל ע ג י ע

איך בין געווען זײַן בלום
געצערטלטע,
זײַן גאַנץ געפיל, דאָס ניט
געפערטלטע,
און אָפּט פון אים צום האַרץ געדריקט.
נאָר ניט געוווּסט איך האָב פאַרוואָס.

הײַנט כ׳בין זײַן טאָפּ
צעבראָכענער,
זײַן אָפּגעבליאַקעוועטע זשיפּיצע
די אינדערוואָכענע,
זײַן ליאַלקע, וואָס אוועקגעוואָרפן ליגט
צעפליקט.
און כ׳ווייס ניט אויך פאַרוואָס.

דער בוים פאַר מײַן פענצטער

1

פאַרוואָס נאָר מענטש פאַרדינט,
אַז מאָלן זאָל מען זײַן פּאָרטרעט?
מיט וואָס איז ווייניקער א בוים,
אשטייגער? צי ווײַל ער שווײַגט —
ניט רעדט?

איז ערשטנס, ניט דעם מענטשנס שפּראַך
אַליין געוועלטיקט אף דער וועלט,
און צווייטנס, ברײַען כ׳וויל קיין סאַך.
איך מאָל א בוים, וואָס זיך אוועקגעשטעלט

ער פאַר מײַן פענצטער האָט,
קעסיידער קוקט צו מיר אין דאַטשע־שטיבל.
איך אָפּט דעם בליק קער אָפּ פון אים.
מיר דוכט:
ער האָט אף מיר, דעם מענטש, פאַריבל.

יאָ, יאָ, איך הער דאָך, ווי ער זאָגט,
און, ווי מיט הענט, מיט זײַנע צווײַגן
רעדט ער:
די כײַע און דער פויגל, יעדע פלאַנץ
אין מיר, דעם מענטש, זעט א פאַרעטער,

וואָס האָט פון זייער גרויסן שטאַם
בעשוטפעסן זיך אָפּגעריסן,
זיך אויסגעוואָרצלט פונעם אַלגעפלעכט
און אָן א קאַפּעלע געוויסן.

נאָר עפּשער רייד אויך אַנדערע
עס פירט מיט מיר דער בוים, דער דוימעם.
איז האָב א טראַכט געטאָן איך הײַנט —
איך מוז
אים זען ביז די טעהוימען.

2

איך האָב פארגעסן זאָגן נאָך,
אז ווינטער איז אין דרויסן,
און ס'פאסט אזוי די טראכט פון שניי
מײַן בוים, דעם גוואר דעם גרויסן.

עס דוכט, מאסקירט אין א כאלאט,
געלאָפן איז א קריגער
אף זײַנע ליזשעס ביז אהער —
אי טויט, אי אונדזער זיגער!

אזוינע לייגט מען ניט אין גרוב —
אויך טויטע אף די פיס זיי שטייען,
מאסקירטע בלײַבן אין כאלאט
אין ווײַסן פון די קלאָרסטע שנייען.

3

און עפשער ניט בלויז איין געשטאלט
מײַן בוים מיט זיך שטעלט פאָר.
ווײַל איין געשטאלט — געוויינלעך דאָך
מע מערקט פון אויבן נאָר.

אין אים צומאָל א כײַע־פלאנץ
איך זע דערפאר, געוויס,
און כ'זוך בא אים דאָס מויל מיט ציין,
און זוך אויך זײַנע פיס.

איך קוק זיך אײַן אין שניי און אײַז
אף זײַנע צווײַגן — הענט,
און כ'וויס ניט, צי אין אָט דעם פראָסט
עס פרירט מײַן בוים צי ברענט?

צי ווי א ניכנע איצט ער שווײַגט,
צי ווי א לייב ער מעכטיק שלאָפט?
צי ער א בעטלער איז,
א הייליקער,
צי גאָר דער גאזלען דאָ, אין וואלד?

און עפשער

דעם זיידן מענדעלע אין גרויס
פארערונג צו זײַן 50־טן יאָרצײַט.

און עפשער א דריי טאָן דעם וואָגן,
א טרײַב טאָן מײַן „קליאטשע" צוריק
צו גאסן, צו מענטשן, וואָס זײַנען
א ראבים?

גענוג שוין געפוילנצט,
געטויוולט, געשפיגלט דעם בליק
אין אייגענעם „איך".

גענוג שוין געלאטעט די אייגענע שיך,
באגלעט זיי, באקלאפט און באזונגען
מיט העמערל קליינעם.

גענוג שוין, גענוג שוין,
גענוג מיטן יאָכידס יעכידישע
כיינען —
גענוג ראק באשרײַב אים!

איז עפשער א דריי טאָן דעם וואָגן,
א טרײַב טאָן מײַן „קליאטשע"
צוריק
צו גאסן, צו מענטשן, וואָס זײַנען
א ראבים?

מ ו ט

כ'בין שוין קיינעם ניט מעקאנע —
אויסער קינדער.
ווען דאָס שפּילצײַג זיי צעברעכן,
ווי אין אלץ, אין אלץ, וואָס טוען, —
זעסטו אויך אף זיי די שכינע רוען.

זיך אליין אזוי צעברעכן אויך אָן מוירע,
און פונסנײַ זיך אופצובויען נאָכדעם, —
ניט אין דעם דער איקער טאָך דען?
ניט אין דעם — די גאנצע
לעבנס־ און אויך שאפונגס־טוירע?

פילאָסאָפישע רו

פילאָסאָפישע רו? — יאָ!
אויסצורוען זיך פון קליינלעך־זלידנע
אגמעסנפעשן, ווי אויך פון קליינלעך
האוועון,
אָבער נאָר אזויפיל — וויפל אין א האפן,

וואָס מיט אים מע דארף זיך שיידן
אף זיך לאָזן שווימען
צו באגעגענען די גרויסע ליידן
און מיט פרישע קויכעס
גיין אנטקעגן נײַעם גאפן.

אווראָם גאָנטאַר

א רייַזע קיין לענינגראַד, וואָס פירט צום גנילאָפּיאַט

באנאכט איז אויסגעפאלן א שניי און דער גרויסער הויף הינטער דעם פענצטער פון מײַן צימער איז מיטאמאָל פארענדערט געוואָרן. די פאָרענטשע פונעם באלקאָן איז באזעצט געווען מיט אָנגעכאָרכלטע טויבן. זיי זײַנען, ווי שטענדיק, געזעסן מיט די עקעלעך צו די שויבן און אלעמאָל אויסגעדרייט די פּיסקלעך צום פענצטער — געוואַרט אף זייער איבערבײַסן. ווען איך האָב געעפנט די פאָרטקע, האָבן זיי זיך א ריס געטאָן פון אָרט, עטלעכע מאָל א פּאטש געטאָן מיט די פליגל אינדערלופטן, נאָר באלד צוריק זיך אומגעקערט אפן באלקאָן און גענומען פּיקן די שרויטעלעך פּראָסע און ברעקלעך ברויט, וואָס איך האָב פאר זיי אויסגעשאָטן.

דער צוג קיין לענינגראַד איז אָפּגעגאנגען באנאכט, נאָר פון אינדערפרי אָן איז געווען בא מיר א שווערע שטימונג, איך האָב זיך געערגערט, געווען צעשטרייט און צעטומלט, גלײַך מיר וואָלט פאָרגעשטאנען א ווײַטע און א שווערע רײַזע. קאָן זײַן דערפאר, וואָס אין לענינגראַד בין איך דאָס לעצטע מאָל געווען מיט א סאך יאָרן צוריק, נאָך ביז דעם קריג.

ס׳איז נאָך פרי און ס׳איז א רו־טאָג, דעריבער זעט מען קיינעם ניט אין הויף, אלע פענצטער פון די ארומיקע פינפשטאָקיקע הײַזער זײַנען פארצויגן מיט שטאָרן — מע שלאָפט. בא מיר אין שטוב שלאָפט מען אויך. עפן איך ווידער די פאָרטקע און שיט אונטער א נײַע פּאָרציע הירזש די טויבן. דאָס מאָל פליִען זיי ניט אוועק — זיי ווייסן, אז אזוי דארף זײַן. אהא! — כאַפּט זיך בא מיר ארויס, ווען איך דערזע אינעם סעדל פון הויף דעם באָכער פון דער 51־טער קוואַרטיר. אלע טאָג, אָן א פערטל זיבן, באווײַזט ער זיך, יורי, מיט זײַנע גאנטעלן. איך פארשפּאָר שוין קוקן אפן זייגער. פּונקט זיבן וועט ער פארענדיקן זײַנע איבונגען און אנטלויפן פונדאנען.

איך וויל ניט, אז מײַניקע זאָלן באמערקן, אז איך בין אופגערעגט. פאַרשפּאַר איך די טיר פון צימער און נעם זיך פאָרען מיט מײַנע פּאַפּירן.

אין שטוב איז מען קלאָל ניט געווען באַגײַסטערט פון מײַן פאָרן.

— א סקולפּטור פון אן אייגענעם מענטשן אין שטוב דערמאָנט אין א מאַצייווע. דו האָסט ניט אזא געפיל? — האָט די פרוי מײַנע מיר א זאָג געטאָן.

צוריק מיט א טעג צען איז אין רעדאַקציע ארײַנגעקומען א מענטש. ער איז געבליבן שטיין בא דער צעעפנטער טיר פונעם צימער, ווו איך ארבעט, און א פּאָר מינוט ניט אראָפּגענומען דעם בליק פון מיר. ווען איך האָב אופגעהויבן די אויגן, האָט ער מיט אן אויסגעשטרעקטער האַנט זיך געלאָזט צו מיר.

— פאַרשטייט זיך, — האָט ער געזאָגט, — אז איר קענט מיך ניט. אין גאַס וואָלט איך אײַך אויך ניט דערקענט. ניין, מעגלעך, דערקענט. איך האָב דאָך געזען אײַער פאָטאָגראַפיע. יאָ, געוויס וואָלט איך דערקענט, אנדערש וואָלט גאָר געווען א ביזאָיען — פאָרט אן אויג פון א פּראָפעסיאָנאַל. מיט איין וואָרט: איך בין אײַערער א בען־איר, פּיאָטער קריוואָרוצקי, פון לענינגראַד, א סקולפּטאָר. — ער האָט א קורצן לאַך געטאָן, — אין בערדיטשעוו האָב איך אויך געהייסן קריוואָרוצקי, אָבער ניט פּיאָטער, נאָר פּייסעך.

ווען דער דאָזיקער העל־בלאָנדער מענטש מיט די בלויע אויגן זאָל ניט ריידן צו מיר אף אזא מעכײַעדיקן אוקראַיִנישן ייִדיש, מיטן גראָבן „אָ“ און מיטן צעצויגענעם „אי“, וואָלט מיר קיינמאָל ניט געקומען אפן זינען, אז דאָס איז פּייסעך און ניט פּיאָטער.

אומגעריכט האָט מײַן גאַסט זיך א ריס געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— איך קום גלײַך צוריק, איך קום גלײַך! — און אוועק.

ער האָט טאַקע באַלד זיך אומגעקערט מיט א דיקער קאַרטאָנענער פּאַפּקע אין די הענט. גיך צעבונדן די שטריקעלעך, האָט ער גענומען מישן די פאָטאָגראַפיעס פון זײַנע סקולפּטורן. כ'האָב מיט א זײַטיקן בליק געכאַפּט א קוק אין זײַן פּאַפּקע און א טראַכט געטאָן: „עהע, ס'איז דאָך טאַקע ערנסט“. איצט האָב איך גאָר מיט אנדערע אויגן גענומען קוקן אף דעם דיקלעכן מענטשן, וואָס האָט פון ערשטן בליק געמאַכט אן אײַנדרוק פון א זעלבסטצופרידענעם פאַרשוין. ער האָט געמישט די פאָטאָגראַפיעס, און איך האָב געקוקט אף זײַנע שטאַרקע פינגער. „יאָ, אזוי דאַרפן אויסזען פינגער פון א סקולפּטאָר“... די שפּיצן פון די פינגער פוןביידע הענט, כוץ די מיזיניק־פינגער, זײַנען געווען ניט פאַרשפּיצט, נאָר עטוואָס צעפּלעטשט, ווי לאָפּעטקעלעך, און אויסגעקנייטשט, ווי ער וואָלט זיי ערשט ארויסגענומען פון וואַסער.

איך האָב געקוקט אפן הויפן פאָטאָגראַפיעס, און עס האָט זיך ארויסגעכאַפּט בא מיר:

— אזויפיל סקולפּטורן האָט איר שוין באַוויזן צו מאַכן! וויפל זײַט איר עס אַלט?

— אַלט בין איך שוין א סאַך. ווען איר, — האָט ער אופגעהויבן צו מיר די אויגן, — ווען איר האָט פאַרענדיקט די שול, האָב איך אָנגעהויבן גיין אין ערשטן קלאַס. אײַער ייִנגערער ברודער שמוליק איז געווען מײַן לערער פון מאַטעמאַטיק און פיזיק אין דער בערדיטשעווער נײַנטער ייִדישער שול.

כ'האָב אין זיך א שמייכל געטאָן: „יאָ, מיר ווערן אַלט...“ דער סקולפּטאָר האָט, ווײַזט אויס, דערפילט, וועגן וואָס איך טראַכט, און זיך פאַרוויטלט.

— און אײַך וואָלט איך מער פון פופציק ניט געגעבן, כאָטש איך אליין בין שוין אַלט זיבן און פערציק. — ער האָט זיך צעלאַכט, מיר דערלאַנגט א פאָטאָגראַפיע, וועלכע ער האָט ארויסגעשלעפּט פון זײַן פּאַפּקע.

דאָס איז געווען א סקולפּטור פון א באַיאָרטער ייִדישער פרוי מיט א פאַרשפּיצטן אונטערשטן קין, מיט שטײַף־צונויפגעקלעמטע דינע ליפּן, נאָר די אויגן — כאָטש די אויגן פון א סקולפּטור זײַנען געווײנלעך ווייניק אויסדריקלעך, — די אויגן האָבן מיר געדוכט צו זײַן זייער קענטלעך.

— דאָס איז ליִע שפּילבערג. אין דער יוגנט איז זי געווען אײַער מירלס א כאַווערטע. זי האָט מיר דערציילט וועגן מירלס טויט. ליִע שפּילבערג געדענקט אויך אײַך. איר ברודער האָט מען גערופן שיקע דער ציגײַנער.

קריוואָרוצקי האָט נאָך עפּעס געזאָגט, נאָר איך האָב ניט אײַנגעהערט, מיר האָט אף דער מינוט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. יאָ, מײַן עלטערע שוועסטער מירל איז אומגעריכט און געהיימניספול געשטאָרבן אין א יאָמקיפּער־טאָג. איך בין דעמלט קיין נײַן יאָר נאָך ניט אַלט געווען. ליִע, בראָכע און שיקע דער ציגײַנער... אָ, איך געדענק זיי זייער גוט.

בא אונדז אין שטוב האָט מען זעלטן ווען גערעדט וועגן דעם פּלוצעמדיקן טויט פון דער שוועסטער. גלײַך ווי אַלע וואָלטן אָפּגעמאַכט, מע זאָל וועגן דעם ניט דערמאָנען. די מאַמע, אונדזער שטילע טויב, איז דאַן אין איין מעשעך פון איין מעסלעס גראָוו געוואָרן. לאַנגע יאָרן

נאָכאַנאַנד האָבן אירע אויגן זיך ניט אויסגעטריקנט פון טרערן. זי האָט, דאַכט זיך, געקלערט, אַז שולדיק אין מירלס טויט איז זי, די מאַמע.

קריוואָרוצקי האָט דערפילט, אַז ער וואָלט געדאַרפט אָנהייבן פון עפּעס אַנדערש.

— איר ווייסט, צוליב וואָס איך בין געקומען קיין מאָסקווע? — האָט ער זיך אופגעהויבן פון בענקל און אָנגעשטעלט זײַן פּאַטאַ־אַפּאַראַט אַף מיר. — איך בין געקומען אײַך נעמען צו זיך אין לענינגראַד. קיין שום טערוצים וועלן ניט אָנגיין. איך ווייס, איר זײַט אַ פאַרנומענער מענטש, אָבער אַ וואָך צײַט וועט איר מוזן מיר שענקען. סײַדן מײַנע אַרבעטן וועלן אײַך ניט געפעלן. איך האָב שוין אויסגעקלעפּט עטלעכע אונדזערע לאַנדסלײַט. איצט דאַרף איך האָבן אײַך!

איך האָב געפּרוּווט אים דערוויַיזן, אַז ניט מיך דאַרף ער האָבן אַף צו דערגאַנצן זײַן קאָ־לעקציע. נאָר דער סקולפּטאָר האָט מיך ניט געלאָזט ריידן.

— איך קלײַב זיך שענקען מײַנע סקולפּטורן דעם בערדיטשעווער מוזיי, — ער האָט זיך צעלאַכט און צוגעגעבן, — דעם מוזיי, וואָס עקזיסטירט דערווײַל ניט... נאָר עמעצער דאַרף דאָך אָנהייבן.

איך האָב צוגערוקט צו זיך די פּאַפּקע און גענומען זיך אײַנקוקן אין די פּאָטאָגראַפיעס. אָט איז נעקראַסאָוו אַף געיעג. דער פּאָעט איז אָנגעטאָן אין אַ יעגער־אָנצוג, ער זיצט ערגעץ אין וואַלד אַף אַ פּניאַק. אינעם באַלעבאָס׳ קני האָט זיך אײַנגענורעט אַ גרויסער הונט. בּאַ דער זײַט שטייט די ביקס, און וועלכער דער יעגער האָט, דאַכט זיך, פאַרגעסן. ער איז פאַרכאַלעמט. וועגן וואָס טראַכט ער?.. אָט איז גאָרקי, מענדעלייעוו, קעפּ פון פּראָסטע מענטשן — יידן, קאַזאַקן, פּענעמער פון רוסישע שלאַכטלײַט. און אָט — אַן אווטאָפּאָרטרעט. איך קוק און איך הייב אָן פאַרשטיין, אַז ניט אַזוי די אויסערלעכע ענלעכקײַט איז וויכטיק פאַרן קינסטלער, ווי דער אויסדרוק פון אינערלעכן צושטאַנד, דער כאַראַקטער פון זײַנע העלדן. יאָ, ס׳איז אַן עכ־טער קינסטלער.

איך טאַש איבער די פּאָטאָגראַפיעס. אייניקע לייג איך אָפּ אין אַ זײַט. קריוואָרוצקי טרעט אָפּ אַף אַ שפּאַן. ער איז בלאַס, די אויגן פול מיט שרעק, ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען פאַר זייער אַ שטרענגן עקזאַמענאַטאָר.

ווען מיר געזעגענען זיך, איז שוין בּאַ אונדז אָפּגעמאַכט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום קום איך קיין לענינגראַד. און ווען קריוואָרוצקי גייט אַוועק, בלײַבט בּאַ מיר אַ געפיל, אַז עפּעס וויכטיקס איז מיר צוגעקומען — מיר ווילט זיך עמעצן דערציילן וועגן מײַן בען־איר, וועגן דעם אויסגעצייכנטן סקולפּטאָר, וועלכן כ׳האָב אַזוי אומגעריכט אַנטדעקט.

דער צוג קיין לענינגראַד גייט אָפּ בּאַנאַכט. אין מײַן קופּע זיצט אַ יונגע בלאָנדע פרוי. איך כאַפּ זיך, אַז מיך פאַרדריסט, וואָס זי איז איינע אַליין און מיר וועט אויסקומען פון העפּ־לעכקײַט־וועגן פאַרפירן מיט איר אַ געשפּרעך. איך בין זיך מודיע — איך האַלט ניט פון קיין צופעליקער באַן־באַקאַנטשאַפט. איך ווייס ניט, ווי דאָס איז בּאַ אַנדערע, נאָר איך האָב שטענדיק דאָס געפיל, אַז אין באַן גיבן זיך מענטשן אָפּט אויס ניט פאַר די, וואָס זיי זײַנען אינדערעמעסן.

איך האָב אײַנגעמאָסטעט מײַן טשעמאָדאַנדל אינעם קעסטל פונעם דיוואַן און אַרויס צום קאָרידאָר־פענצטער זיך געזעגענען מיט מײַנע באַגלייטער.

אומבאַמערקט האָט דער צוג זיך גערירט פון אָרט און אין עטלעכע מינוט אַרום זיך אַרויס־געריסן פון דעם רעלסן־געפּלאָנטער און שנעל זיך געלאָזט יאָגן פאַרבײַ וועלדלעך און לאָנקעס, וואָס זײַנען באַלויכטן מיט דער זילבערדיקער שײַן פון דער פולער לעוואָנע.

ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט אין קופּע, איז מײַן שכיינע שוין געלעגן אַף איר געלעגער מיט דער פּלייצע צו מיר. די שײַן איז געווען אויסגעלאָשן, דאָס בלויע פּײַערל פונעם נאַכט־לאָמפּ האָט קוים באַלויכטן די קופּע. איך האָב זיך אויסגעצויגן אַפן אויסגעבעטן דיוואַן. „ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט, — האָב איך געטראַכט, — מײַן שכיינע איז ניט פון די באַריידעוודיקע“... דער צוג איז געגאַנגען גרינג. איך האָב זיך אײַנגעהערט אינעם ריטמישן געפּלוידער פון די וואַגאָן־רעדער, און מיר האָט אָנגעהויבן קלינגען אין די אויערן:

— מי־רע־לע, מי־רע־לע, מי־רע־לע...

איך האָב געפּרוּווט אַרויסריידן אין טאַקט אַן אַנדער וואָרט: שלאָ־פן, שלאָ־פן, עס האָט זיך אָבער ניט באַקומען. מי־רע־לע, מי־רע־לע, — האָט זיך גוט אַרײַנגעלייגט אין ריטם...

...זעקס זײַנען מיר געווען, דרײַ שוועסטער און דרײַ ברידער: מירל, כאַנע און ענע. זיי זײַנען געווען די עלטערע; דאַוויד, איך און שמוליק — מיר זײַנען גערוקט געווען איינער פונעם צווייטן אַף דרײַ יאָר.

...געגאָסן האָב איך נאָך פון ייִכעס גלײַך פון וויגל —
דער גרעסטער קאַפּצן אויף דער וועלט — דער מוליער ייִדל.
זײַן שטוב — אַ פּאַלאַץ איז מיט דרײַ פּרינצעסן,
מיט פּרינצן דרײַ — און אַלע ווילן עסן.
ניט לאַנג האָט זיך דער דאָלעס דאָ געיִישעווט,
די מאַלקע אונדזערע, די מאַמע, גלײַך פּאַרקישעפֿט —
זי אַלט און גראָוו געמאַכט, אַז קיינער זאָל ניט מיינען,
אַז ערשט ניט לאַנג איז זי געווען אַ שיינע...

אין דעם טאָג, ווען מע האָט צו אונדז אין שטוב אַרײַנגעפֿירט די ניי־מאַשין פֿאַר מירעלען, האָט זיך געטאָן כוישעך ניט בלויז בײַ אונדז, נאָר אין גאַנצן געהײַ פֿון מייער דעם גענדזערס הויף. ביידע זאָקנמאַכערנס, די צוויי פֿאַרזעסענע שוועסטער מענוכע און מעניע, זײַנען פֿון גאַנצפֿרי געזעסן מיט דער מאַמען אין קיך און ניט אויפֿגעהערט אײַנצוטײַנען, אַז מע דאַרף זיך צוקוקן, יעדעס שרײַפֿעלע זאָל זײַן אויפֿן אָרט, יעדער שרויפֿנציִער, יעדער שפּוליק... צו די רייד פֿון מענוכען און מעניען האָט די מאַמע זיך דאַפֿקע צוגעהערט — נאָך מיט אַ סאַך יאָרן צוריק האָבן די שוועסטער גענומען אויף אויסצאָלן אַ זאָקן־מאַשין, טאַקע בײַ דעם זעלבן אַגענט פֿון דער זינגער־קאָמפּאַניע, בײַ זאַלמען קאָטליאַר. כאָטש זאַלמען האָט זיי ניט אָפּגענאַרט און קיין שום טײַנעס צו אים און צו דער מאַשין האָבן זיי ביז איצט ניט געהאַט, דאָך האָבן זיי טויזנט מאָל אָנגעזאָגט דער מאַמען: אויפֿן וואָרט טאָר מען ניט גלייבן, גלייבן דאַרף מען די אייגענע אויגן, אויב זיי זײַנען נאָר ניט מיט קיין בעלמעס.

נאָך פֿאַריקן זומער האָט זאַלמען קאָטליאַר אָנגעהויבן אָפּט אַרײַנקומען צו אונדז אין שטוב. קומען פֿלעגט ער אָפּדערנאַכט, ווען מירעלע האָט שוין געהאַט זיך אומגעקערט פֿון דער אַרבעט. קאָטליאַר איז געווען אַ שטשופּלע, אָבער פֿלינק מענטשל, אין אַ ליכטיק שמאָל פּידזשאַקעלע מיט דינע שוואַרצע פּאַסיקלעך. דעם האַרטן שטרויענעם הוט האָט ער מער געטראָגן אין די הענט, ווי אויפֿן קאָפּ, כאָטש דעמאָלט איז אַ ייִד מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ געווען ניט קיין גרויסע מעציִע. נאָר אויף די פּיסקעס האָבן געוווינט גאָר ווייניק גאָט־היטער, און פֿאַר אַן אַגענט פֿון דער זינגער־קאָמפּאַניע האָט עס דאָך געפּאַסט מער, ווי פֿאַר אַ מוליער צי אַ בלעכער.

אַרײַנקומען אין שטוב פֿלעגט ער מיט אַ זײַטל. צום אַלעם ערשטן האָט ער זיך אַרומגעקוקט, צי קיין פֿרעמדע זײַנען אין שטוב ניטאָ, דערנאָך זיך ברייט צעזעצט בײַם טיש און גענומען אַרויסציִען פֿון זײַן דאַר פּאַפּקעלע גלאַנצנדיקע זײַטלעך פּאַפּיר, אויף וועלכע עס זײַנען געווען אָפּגעפֿאָטאָגראַפֿירט פֿאַרשיידענע ניי־מאַשינעס. מאַשינעס מיט אײַזערנע געשטעלן, מיט גלאַנציקע פּאָלירטע דעקלעך און שופֿלאָדלעך; האַנט־מאַשינדלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען פּאָשעט אויף טישלעך. אויף אַנדערע גלאַנציקע בייגעלעך זײַנען באַוויזן געוואָרן די אינווייניקסטע מאַשינעריעס — שרײַפֿעלעך און רעדעלעך, באַזונדערע טיילן, שפּולקעס און אַפֿילע מאַשין־נאָדלען.

ווען זאַלמען קאָטליאַר פֿלעגט זיך באַווײַזן בײַ אונדז אין שטוב, פֿלעגן מיר, אַלע ברידערלעך און שוועסטערלעך, אַרומרינגלען דעם טיש, און שטילע, ווי די שעפֿעלעך, קוקן און הערן, וואָס דער אַגענט זאָגט.

— איך ווייס דען ניט, — האָט ער היימיש אײַנגעשמועסט, — איך ווייס דען ניט, אַז אַרויסנעמען דרײַסיק קאַרבן איז ניט פֿון די פּאָשעטע זאַכן, נאָר אַז עס זײַנען פֿאַראַן דרײַ מיידלעך אין שטוב, און ביפֿראַט נאָך אַזאַ מירעלע מיט אַזעלכע גאָלדענע הענט, מוז מען... שווער איז נאָר אַרײַנטראָגן דעם אָדערויף, נאָכדעם איז שוין בלאָטע.

די מאַמע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און טרויעריק געשמייכלט.

— איר זײַט אַוודע גערעכט, רעב זאַלמען, נאָר ווי זאָגט מען, אַז דער אָקס איז אַ גראָשן... — זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך צוגעגעבן. — גלייבט מיר, רעב זאַלמען, אַז ווי נאָר מיר וועלן קאָנען, וועלן מיר מיטן גרעסטן קאָוועד קומען צו אײַך, אַ שאָד אײַער אומזיסטע טירכע.

זאַלמען קאָטליאַר האָט אָבער זײַן טירכע ניט געזשאַלעוועט, און כאָטש ער פֿלעגט אַוועקגיין מיט דעם, וואָס ער איז געקומען, האָט ער די האָפֿענונג ניט פֿאַרלוירן.

ער האָט געוווּסט, אַז די גלאַנציקע פּאַפּירן מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די מאַשינעס און מאַשינעריעלעך וועלן ווי אַ גוטער וואָרעם טאָטשען דאָס האַרץ און ניט לאָזן פֿאַרגעסן, אַז דרײַ מיידלעך דאַרפֿן אַ מאַשין, אַז זייער לעבן איז געווענדט אין דעם, צי וועט מען די מאַשין אַרײַנברענגען אין שטוב צי ניט.

שאַבעס אינדערפֿרי, ווען מע איז נאָך געלעגן אין די געלעגערס און דער טאַטע האָט זיך געלאָזט ריידן, פֿלעגט די מאַמע פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך וועגן מירעלען.

הײַנטיקע וואָך, — האָט די מאמע שטיל דערציילט, — האָט זי באגעגנט מירעלעס באלע־באָסטע, די ווערביצקע.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָנלויבן. מירעלע, זאָגט זי, וועט זײַן א בארימטע מאסטעריצע, אלע קליִענטקעס אירע, זאָגט ווערביצקע, ווילן נאָר, אז מירעלע זאָל זיי נייען. האָב איך זיך דײַקע ניט געשעמט און געזאָגט, אז אויב שוין יאָ אזוי, וואָלט געווען א יושער דערלייגן איר די סכירעס. ענטפערט זי מיר, אז ניט אין דעם גייט עס. לײַטישע עלטערן דארפן טראכטן וועגן טאכלעס פון אזא טײַער קינד. איך, זאָגט זי, האָב געעפנט מײַן אייגן געשעפט, ווען איך בין געווען ניט עלטער פון מירעלען.

דער טאטע שווײַגט, ענטפערט גאָרנישט. די מאמע שווײַגט אויך א מינוט, און דערנאָך רעדט זי ווײַטער:

— איך פארזיכער דיך, — זאָגט זי, — אז די ווערביצקע האָט ניט גלאַט אין דער וועלט ארײַן גערעדט מיט מיר. מירעלע זאָגט אויך, אז ניט געקוקט אָף אלץ, האָט איר באלעבאָסטע א גוט הארץ, און אז מע וועט דארפן, וועט זי איר קומען אנטקעגן.

מער רעדט די מאמע ניט, זי ווייסט, אז וואָס צו, איז איבעריק. זי אנטלויפט אין קיך, און אינגיכן נעמט קלינגען דאָס געפעס. אָט האָט זי שוין געשטעלט דעם סאמאָוואר, כאָטש זי ווייסט, אז דער רויך פון קוימען וועט מינאסטאם, ווי שטענדיק, צוציִען די בליקן פון א ייִדן, וואָס לויפט אין שול ארײַן, און יענער וועט א צי טאָן מיט די אקסל: „אין א ייִדישער שטוב זאָל אום שאבעס זיך רייכערן דער קוימען". נאָר די מאמע נעמט זיך דערפון ניט צום הארצן.

מיר, קינדער, זײַנען שוין אראָפּ פון די געלעגערס און פּאטשן מיט די באָרוועסע פיסלעך איבער דער רייך־אויסגעשאָבענער און אויסגעוואשענער פּאָדלאָגע. שמולקע איז ארײַנגעקראָכן צום טאטן אין בעט און זיך אײַנגעגראָבן מיט די הענטלעך אין זײַן געדיכטער באָרד. דער טאטע גלעט אים דאָס קוטשעראווע קעפּל מיט ביידע גרויסע הענט. שמולקע האָט אָבער פאר־געסן, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און זיך ארופגעכאפּט רײַטנדיק אפן טאטנס בויך, נאָר דאָ קומט א סאָף צו זײַנע שטיפערײַען — דער טאטע כאפּט אים אונטער די פּאכוועס און שטעלט אים אראָפּ אפן דיל.

— נו, גענוג, גיי שפּיל זיך.

אין עטלעכע טעג ארום האָט דער טאטע זיך אומגעקערט שפּעט אהיים. די מאמע האָט זיך אָנגעשטויסן, ווו ער איז פארפאלן געוואָרן, ווו מע דארף אים זוכן, נאָר זי איז געדולדיק געזעסן באם פינפער לעמפּל און געלאטעט אונדזערע הייזלעך. מיר זײַנען שוין אלע געשלאָפן, ווען דער טאטע איז געקומען. די טיר האָט א שטארקן קלאַפּ געטאָן, נאָר די מאמע האָט זיך ניט אומגעקוקט. א ווײַלע איז דער טאטע געשטאנען בא דער שוועל, דערנאָך געמאכט עט־לעכע שווערע טריט און איבער דער מאמעס פּלייצע אויסגעצויגן די האנט און אוועקגעלייגט אפן טיש דרײַ רויטע קנאקעדיקע צענערלעך.

— נא, הײַנט האָב איך געשטעלט אָף מירעלעס מאזל, — האָט ער שטיל געזאָגט.

די מאמע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און פאָרגעזעצט שטשאָבען מיט דער נאָדל.

— וואָס בלאָזסטו זיך?! — האָט דער טאטע א דונער געטאָן. — מאָרגן זאָלסטו ארײַנ־טראָגן דאָס געלט זאלמענען, דעם אגענט. דו הערסט, אניט קאָן איך נאָך כאראָטע האָבן.

די מאמע האָט אונטערגעהויבן דעם פארטעך און באהאלטן דאָס געלט. זי האָט געוווּסט, אז מיטן טאטן טאָר מען זיך ניט שפּילן.

דעם טאָג, ווען מע האָט צו אונדז אין שטוב ארײַנגעפירט די ניי־מאשין, האָט ריווקע די קורעלאפּניטשקע אראָפּגעשטעלט אירע ביידע פּוסטע קוישן אין פירהויז לעבן אונדזער אָפענער טיר און גענומען זיך פארענטפערן פאר דער מאמען, אז זי מוז שוין אוועק אין מארק, ווײַל די סעדעכעס וועלן איבערכאפּן אלע אייער און אלע הינער און זי וועט בלײַבן מיטן וואָרטשעק. אימירצעאשעם אפדערנאכט, ווען זי וועט זיך אומקערן פון מארק, וועט זי ארײַנ־קומען אָנקוקן מירעלעס מאשין.

דערפאר אָבער זײַנען דעם גאנצן טאָג אלע אירע „הענדעלעך און הינדעלעך" און אויך איר „נאקעטער פרינץ" איבערגעלעגן בא אונדז אין שטוב. ווי נאָר זיי האָבן דערזען א פור צי א דראָשקע אפן וועג, זײַנען זיי אלע, צוזאמען מיט מיר און מיט שמוליקן, געלאָפן אנטקעגן, זען, צי פירט מען ניט די מאשין, און ווען מע האָט די מאשין שוין געבראכט, איז די שטוב פול געוואָרן מיט מאנצבלען, ווײַבער און קינדער. עס האָבן ניט געהאָלפן זאלמענס געשרייען, אז ער וועט די מאשין ניט צעפּאקעווען, ביז אלע וועלן ניט ארויסגיין פון שטוב.

ווען מע האָט די מאַשין אויסגעשײלט פֿונעם גאָפּרירטן פּאַק־פּאַפּיר, אַרופֿגעשטעלט דאָס בלאַנקעדיקע מאַשין־קעפּל אויפֿן פּאָלירטן געשטעל, האָט בײַ אַלעמען זיך אַרויסגעריסן אַ גע־ברום פֿון פֿאַרוווּנדערונג.

איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף דער בלאַנקעדיקער מאַשין, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מאַשין־קעפּל איז ענלעך אויף אַ שטאָלן לאָשעקל, אָט־אָט וועט עס זיך צעהירזשען.

אַלעמאָל, ווען איך דערמאָן זיך אינעם דיכטער יויסעף קאָטליאַר, זע איך פֿאַר די אויגן אונדזער אַלטן וואַנטזייגער. אינעם שאַפֿקעלע פֿונעם זייגער האָט די מאַמע געהאַלטן דאָס ביכעלע מיט דער אינסטרוקציע, וויאַזוי זיך באַגיין מיט דער מאַשין, און די קוויטאַנציעס, וואָס זי פֿלעגט באַקומען אַלע כוידעש בײַ דעם זינגער־אַגענט, בײַ יאַסקעס טאַטע — זאַלמען קאָטליאַר. פֿאַר דעם דרײַערל, וואָס זי פֿלעגט אַלע כוידעש אַרײַנטראָגן זאַלמענען, פֿלעגט זי ברענגען אַ קוויטאַנציע און זי צושפּיליען צום פּעקעלע, וואָס איז געלעגן אין זייגער.

און דער אומרו פֿונעם זייגער אינעם שאַפֿקעלע הינטערן גלאָז האָט זיך געוויגט הין־און־צוריק, הין־און־צוריק. טיק־טאַק, טיק־טאַק.

...און די רעדער פֿונעם צוג מאָסקווע — לענינגראַד זײַנען גרינג געלאָפֿן איבער די רעלסן און צום ריטם אונטערגעקלאַפּט: מי־רע־לע, מי־רע־לע...

דורך אונדזער פֿענצטער זע איך גוט, וואָס עס טוט זיך בײַ יוינע שפּילבערג אינעם גרי־נעם הייפֿל. יוינעס שטוב שטייט אין דער טיף, לעבן דעם נידעריקן פּאַרקנדל, וואָס איז פֿאַר־וואַקסן מיט ווילדע מאַלינעס און אַגרעסן. זומער זעט מען קימאַט ניט אַרויס די שטוב, נאָר וואָס איז דאַרטן דאָ צו זען? צוויי קליינע אַלקערלעך אונטער אַ דראַניצענעם דאַך! ווען אין גאַס איז הייס, שלאָפֿט דאָרט אַפֿילע קיינער ניט.ביידע מיידלעך — לייקע און בראָכע — שלאָפֿן אונטערן באַרנבוים אויף לײַוונטענע בעטלעך. און פֿון שיקען איז שוין אָפּגערעדט, ווען נעכטיקט ער דען אין דער היים? אַמאָל אין אַ יויוול! אַמערסטן אַרבעט ער אין דער באַנאַכטיקער מיש־מוירע.

אינדערפֿרי, ווען ער קומט פֿונעם לעדער־זאַוואָד, זע איך, ווי ער שעפּט אָן אַ פֿולן עמער פֿון דער קרעניצע, וואָס שטייט קימאַט בײַ דער פּירטקע, טאַסקעט אים אַוועק הינטער די געדיכטע בעז־ביימלעך, טוט זיך אויס נאַקעט און נעמט זיך וואַשן, דערנאָך טוט ער אַ פֿליוכע אויף זיך דעם רעשט וואַסער פֿון עמער, וואָס בריט אים מינאַסטאַם אָפּ מיט אַ שנײַדנדיקער קעלט, דערפֿאַר הייבט ער אָן אונטערשפּרינגען און הירזשען, ווי אַ פֿערדל.

איך באַווײַז נאָך ניט עפּענען די פּירטקע, אַריבערשטעלן אַ פֿוס איבערן פּערעלאַז, דער־זעט מיך שוין בראָכע. זי שטייט בײַם דרויסנדיקן אייוועלע און פֿרעגלט עפּעס אויף אַ סקאָוואָרעדע, זי דרייט אויס דאָס פּאָנעם צו מיר, לייגט צו אַ פֿינגער צו די ליפּן — איך זאָל שווײַגן, און מיט דער צווייטער האַנט נעמט זי מיך רופֿן — איך זאָל צוגיין נעענטער. איך גיי אויף די שפּיץ פֿינגער. אונטערן באַרנבוים שלאָפֿט שיקע דער ציגײַנער, בראָכצעס ברודער. די הענט און די פֿיס האָט ער ברייט צעוואָרפֿן איבער ביידע לײַוונטענע בעטלעך, אויף וועלכע עס זײַנען די נאַכט געשלאָפֿן זײַנע שוועסטער לייע און בראָכע. שיקע ליגט אין אײנע גאַטקעס, זײַן ברוסט איז פֿאַרוואַקסן מיט אַ גאַנצן וואַלד שוואַרצע האָר, די טשופּרינע זײַנע איז צעפּאַטלט און שוואַרץ, ווי קויל. אָט האָט אַ זון־העזל זיך אַרײַנגעגאַנוועט דורך די בלעטער פֿונעם בוים, געזעצט זיך אים אויף דער נאָז און באַלד אַ שפּרונג געטאָן איבערן לינקן און דערנאָך איבערן רעכטן אויג. שיקע קערעוועט אָפּ דעם קאָפּ אין אַ זײַט, נאָר פֿון שלאָף כאַפּט ער זיך ניט אויף.

בראָכע דערלאַנגט מיר אַ פֿרישע בולבענע לאַטקע. ווען איך עס זי אויף, דערלאַנגט זי מיר אַ צווייטע, אַ דריטע, דערנאָך כאַפּט זי מיך אַרום צו זיך אויף די הענט און נעמט מיך דריקן צו זיך.

— מיט וואָס האָדעוועט דיך די מאַמע, וואָס די בעקלעך דײַנע פֿלאַמען אַזוי?

איך רײַס זיך פֿון אירע הענט, נאָר זי באַווײַזט מיך אָנקנײַפּן אין ביידע באַקן.

בראָכע פֿאַרגעסט אַ ווײַלע, אַז דער ברודער שלאָפֿט, און לאָזט זיך יאָגן נאָך מיר מיט אַ קוויטשערײַ און מיט אַ געלעכטער.

— אהא, אוורעמפּל איז שוין דאָ? — דערהער איך שיקעס קאָל. — וואָס מוטשעסטו דעם יאַט? שוין געמעגט זיך קריגן אַן אַנדער קאַוואַליער, אַן עלטערן פֿון אים.

בראָכע זעצט זיך אַנידער אויפֿן בעטל לעבן ברודער און נעמט אים קעמען די האָר מיט די פֿינגער.

— שטיי שוין אויף, פּוליאַק, די לאַטקעס וועלן פֿאַרקליאַקנעט ווערן.

פֿאַר איין מינוט רוקט שיקע אַרײַן די לאַנגע פֿיס אין די הויזן, וואָס זײַנען געהאַנגען איבער זײַן קאָפּ אויף אַ צווײַגל, טוט צו מיר אַ ווונק, איך זאָל גיין מיט אים צום טישל, וואָס

שטייט א ביסל ווײַטער אונטער די ווײַנשל־ביימלעך. בראָכע האָט שוין באַוויזן דאָרט אָנשטעלן, וואָס א מויל קאָן אויסריידן: גרינע און געזאָלצענע אוגערקעלעך, ציבעלעס און רעטעכלעך, א פולע שיסל בולבענע לאַטקעס און א זודיקן טשײַניק טיי.

שיקע רוקט אין מויל אַרײַן, וואָס עס קומט אים אונטער דער האַנט, זײַנע געדיכטע ווײַסע ציין כראָמטשען די רעטעכלעך, די ציבעלעס, אַז ס'איז נאָר א מעכײַע צו קוקן. זיצט זי, בראָכע, מיטן רוקן צום טישל און קוקט פון א זײַט, ווי מיר ביידע, שיקע און איך, קײַען. בראָכע שמייכלט און רוקט מיר אַלעמאָל עפּעס אונטער. זי קאָן זיך, אַפּאָנעם, ניט אײַנהאַלטן און דער־לאַנגט מיר א קניפּ אין דער באַק, אַז איך שפּרינג אַזש אונטער פונעם אָרט. בא שיקען טוט פון זיך אַליין זיך א הייב די האַנט, נאָר בראָכע איז שוין ניטאָ.

— עס, עס, אוורעמפּל, — בארויקט ער מיך, — קאָנסט איר ניט דערלאַנגען אין די ציין? איך סטאַרע זיך ניט וויינען און דריי אוועק דעם קאָפּ אין א זײַט.

שיקע נעמט מיך אַרום מיט זײַן שטאַרקער האַנט און ציט מיך צו צו זיך.

— מירעלע, — פרעגט ער, — איז שוין אָף דער אַרבעט?

— מ... מ... — שאָקל איך מיטן קאָפּ.

— זי האָט דיר גאָרנישט געזאָגט?

— נע, גאָרנישט.

— און ווען זי וועט הײַנט קומען פון דער אַרבעט, ווייסטו ניט?

איך כאַפּ א קוק אָף דעם ציגײַנער און באַמערק, אַז אָף די טונקעלע באַקן איז אַרויסגע־טראָטן א רויטע פאַרב. דריבנינקע טראָפּנדלעך שוויס האָבן זיך באַזעצט אין די קנייטשן פון זײַן הויכן שטערן. ער האַלט מיך צוגעדריקט צו זײַן לינקער זײַט און סטאַרעט זיך קוקן אַזוי, איך זאָל ניט קאָנען כאַפּן זײַן בליק.

— זעסט, אוורעמפּל, אָט דאָרט, אַפן הויכן צווײַגל, זײַנען די באַרן שוין ראָז. אַנו, קלעטער נאָר אַרוף!

שיקע שטופּט מיך אונטער, איך כאַפּ זיך אַרוף אָף דער ערשטער דיקער צווײַג, און אין א מינוט אַרום בין איך שוין אַפן שפּיץ בוים.

— מירל האָט געזאָגט דער מאַמען, — שרײַ איך פון דאָרט אַראָפּ, — אַז נאָך דער אַרבעט וועט זי גיין מיט די כאַווערטעס צום פּערעיעזד.

מער פרעגט דער ציגײַנער שוין גאָרניט. ער נעמט מיך אַראָפּ פון בוים, לייגט אַרײַן אין מײַנע קעשענעס אַלע באַרן, וואָס איך האָב אָנגעריסן, און טוט מיך א פּעטשל אין געזעס.

— נו, מאַרש אַהיים!

בא אונדז אין שטוב ווייסן שוין אַלע, אַז נאָך מירעלען אוכאַזשעוועט שיקע שפּילבערג. קיינעם אַרט עס ניט, פאַרקערט, די מאַמע זאָגט, אַז ער איז זייער א ווילער און שיינער באָכער, זי האָט נאָר פאַרדראָס, לעמײַ מירל באַגעגנט זיך מיט אים ערגעץ אין אויסערײַסעניש, אַפן פּערעיעזד.

— א ייִנגל, וואָס שפּילט ניט קיין קאַטאָוועסלעך, מעג אַרײַנקומען אַמאָל אין שטוב, קיי־נער וועט אים ניט מעווײַעש זײַן, מעגסט אים איבערגעבן.

אַזוי זאָגט די מאַמע, ווען עס קומט צו אונדז אַרײַן לייקע אָדער בראָכע. לייקע אַרבעט איינינעם מיט מירלען בא דער וואַרביצקע, זי איז אויך א נייטערן. לייקע איז עלטער פון מי־רעלען אָף א יאָר צי צוויי, נאָר קיין בעסערע כאַווערטע פון מירעלען האָט זי ניט. א סוואָרע, אַז טאַקע זי האָט צונויפגעפירט מירעלען מיטן ציגײַנער, מיט איר ברודער.

געוויס האָט מירעלע עפּעס געוווּסט, נאָר זי איז בעטעווע געווען א פאַרשלאָסענע און אַלץ באַהאַלטן אין זיך.

ס'איז געווען אָסיען. באַנאַכט איז שוין קאַלט געווען. לייקע און בראָכע האָבן נאָך צוריק מיט עטלעכע וואָכן איבערגעטראָגן זייערע בעבעכעס צו זיך אין אַלקערל און געשלאָפן אין שטוב. שיקע פלעגט נאָך אָבער אַלע קאַיאָר זיך אָפּגיסן מיט קאַלטן וואַסער און נאָך העכער אונטערשפּרינגען. אָבער אינגיכן האָב איך אים שוין אויך אופגעהערט צו זען אין זײַן הייפל.

לייקע און בראָכע האָבן אָפּט זיך געגומען שושקען מיט מירעלען. זיי פלעגן אַרײַנלויפן — אָט איינע, אָט די צווייטע, עפּעס א זאָג טאָן מירלען אַפן אויער און אַנטלויפן.

— וואָס האַלט איר זיך אין איין סוידען, — האָט די מאַמע געקנייטשט מיט די אַקסל, — און וואָס פליט איר אַרום אין אַזא עסעריקער קעלט אפילע אָן א שאַלעכל? איר מיינט, אַז איר וועט זיך צוקילן, וועט איר עמעצן טאָן דערמיט א טויווע?

נאָר קיין סוידעס קאָן מען אָף די פּיסקעס לאַנג אין א זאַק ניט באַהאַלטן. אינגיכן האָבן שוין אַלע אַלץ געוווּסט און אַלע האָבן פונדעסטוועגן זיך געסוידעט.

...בא יוינע שפּילבערג אין שטוב איז יענע וואָך געווען פּאָליציע, מע האָט איבערגעקערט האַרע־קאַרע, אין דער גאַנצער שטוב, אין דער קאַמער, אין דעם הויף. דער ציגײַנער שיקע איז אַנטרונען געוואָרן.

אָט פאַרוואָס מירעלע איז אַרומגעגאַנגען שוואַרץ, ווי די ערד!

אפּאַנעם, אַז נאָך יוינע שפּילבערגס הויף האָט מען נאָכגעקוקט, און די נאַרישע קעלבלעך, לייקע און בראָכע, האָבן גאָרנישט ניט געזען און גאָרנישט ניט געהערט.

ווען מײַן עלטערער ברודער דאַווידל האָט דערזען, אַז די פּאָליציע האָט אַרומגערינגלט יוינעס הויף, איז שוין געווען צו שפּעט.

דאַוויד איז אַרויסגעשפּרונגען דורך דעם פענצטער און זיך געלאָזט צו שיקעס פאַרטקע. מע האָט אים אָבער אַפילע ניט צוגעלאָזט נאָענט צום הויף.

דערזען, ווי דאַוויד שפּרינגט דורכן פענצטער, האָב איך אויך געטאָן דאָס זעלבע. נאָר ביז איך בין איבערגעלאָפן דעם וועג, האָבן שוין דרײַ גאָראָדאָוואָיען פאַריאָגט שיקען צווישן דער קאַמער און דעם פּלויט. ווען מע האָט דעם ציגײַנער אַרויסגעפירט פון הויף, איז דאָס פּידזשאַקל אַף אים געווען צעפליקט אַף פּיץ־פּיצלעך, פון דער נאָז און, דאַכט זיך, פון די אויגן האָט געקאַפּעט בלוט.

גאַנץ פּיסקעס איז זיך צונויפגעלאָפן זען, ווי מע פירט דעם ציגײַנער מיט פאַרדרייטע הענט.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז שיקע האָט מיך דערזען און אַ וואָרף געטאָן צו מיר מיטן קאָפּ. שפּעטער, ווען לייקע און בראָכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן צו אונדז אין שטוב מיט אַ געוויין, האָב איך זיי דערציילט, אַז שיקעלע האָט צו מיר אַ געשריי געטאָן: „אוורעמפּל!“.

— דאָס זײַנען שוין זײַנע באַבעמײַסעס. וואָס הערט איר זיך צו, איר קענט אים ניט? — האָט די מאַמע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. זי האָט זיך אויך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט, אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט. דאָך האָט זי געשטעלט דעם סאַמאָוואַר, אָנגעשמירט ברויט מיט קעז און אָנגעהאָדעוועט די דערשראָקענע מיידלעך — לייקען מיט בראָכען.

— איר הערט, קינדער, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, — האָט די מאַמע זיך צוגעזעצט צום טיש, — אײַער טאַטע און דעריקער די מאַמע זײַנען געווען גרויסע כאַכאָמים, וואָס זיי האָבן דאָס ניט דערלעבט...

לייקען האָט עס אופגעטראָגן פון אָרט, אירע שוואַרצע לענגלעכע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט פײַער, די ליפּן האָבן גענומען ציטערן בא איר.

— וואָס גיט איר מיר אָנצוהערן? מײַן ברודער האָט זיך ניט וואָס צו שעמען, ער האָט בא קיינעם גאָרנישט ניט געגאַנוועט! ניט פאַר זיך האָט ער זיך אײַנגעשטעלט, נאָר... — זי האָט ניט פאַרענדיקט די רייד און זיך צעוויינט. פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן און באַוואַשן איר דאָס פּאָנעם.

די מאַמע האָט אַרומגעכאַפּט לייקען מיט ביידע הענט, זי צוגעדריקט צו זיך און גענומען אײַנשטילן:

— נו, שאַ, נו, שטיל... מיר זאָל זײַן פאַר דײַן האַרץ. פאַל ניט אַראָפּ בא זיך, ס'איז מיר אויך אָנגעזאָליעט אַף דער נעשאָמע.

— ניט דערפון וויין איך. איך, איך אַליין בין אין אַלץ שולדיק! — האָט אַרויסגעשלוכצט לייקע דורך טרערן, און זי האָט דערציילט:

צוריק מיט צוויי טעג איז אין וואַרשטאַט, ווו זי אַרבעט, געקומען עפּעס אַ מיידל און געזאָגט, אַז געשיקט האָט זי שיקע, ער דאַרף וויסן, צי קיינער שפּירט ניט נאָך דער שטוב און דעם הויף, ער מוז דאָס זייער נייטיק וויסן. לייקע איז געווען אַזוי איבעראַשט און אַזוי גערן צו זען דעם ברודער, אַז זי האָט אַפילע ווי עס דאַרף צו זײַן קיין טראַכט ניט געטאָן וואָס צו ענטפערן. לייקע האָט פאַרזיכערט דאָס מיידל, אַז זינט דעם „אָביסק“ האָט אַפילע קיין מעשוגענער הונט די נאָז אָהער ניט אַרײַנגעשטעקט. און שיקע איז געקומען. ער האָט נייטיק געדאַרפט אויסגראָבן עפּעס אַ מאַשינעריע, וואָס ער האָט געהאַט באַגראָבן אין דער ערד.

איצט פאַרשטייט שוין לייקע, אַז זי האָט אַליין, מיט די אייגענע הענט אַרײַנגעוואָרפן שיקען אין פײַער.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום, ס'איז שוין געווען טיפער ווינטער, האָט מען אין קיִעוו געמישפּעט אַ גרופּע בונטאַרעס פון שלענקערס לעדער־זאַוואָד, וואָס געפינט זיך אין בער־דיטשעוו.

נײַן זײַנען זיי געווען, און אַלעמען האָט מען צוגעמישפּעט סיביר. שיקע שפּילבערג איז געווען דער ייִנגסטער צווישן די מאַנצבלען. דאָס מיידל, וואָס מע האָט פאַרמישפּעט צוזאַמען

מיט די אכט מאנצבלען, איז געווען נאָך גאָר א קינד — זי איז קוים אלט געווען אכצן יאָר. א סוואָרע, אז דאָס איז טאקע געווען דאָס זעלבע מיידל, וואָס איז געקומען צו לייקען אין ווארשטאט.

זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער מישפּעט, האָט מען מירלען קימאט ניט געזען אין שטוב. גלײַך פון דער ארבעט פלעגט זי אוועקלויפן צו לייקען און צו בראָכען און דאָרט פארפאלן ווערן. די מאמע האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט — זי איז שוין ניט קיין פיצל, זאָל זי טאָן, ווי זי פארשטייט...

דער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו דער פלאטפאָרמע. איך בין מיט מײַן טשעמאָדאנדל אין דער האנט געשטאנען בא דער וואגאָן־טיר און געקוקט אף די נעאָן־פײַערן פון דער גרויסער שילד, וואָס האָט פארנומען די גאנצע ברייט פון דער פאסאד־וואנט. נאָך גאָר פון ווײַט האָט מען געקאָנט דײַטלעך איבערלייענען דעם אופשריפט: Московский вокзал. די טונקעלע געבײַדע מיט די גרויסע באלויכטענע פענצטער האָט זיך ארײַנגעשניטן אין דער ווייכער שווארצקײַט פון הימל, וואָס האָט עטוואָס שוין גענומען גרוי ווערן.

פארשטייט זיך, אז ער האָט מיך באגעגנט.

פון וואָקזאל ביז זײַן הויז איז ניט מער ווי פופצן מינוט גאנג. גייען מיר. מיר שווײַגן ביידע, און ביידע שמייכלען מיר אין זיך. מיר האָבן נאָך ניט באוויזן איבערגיין אף דער צווייטער זײַט גאס, און אונדזערע מאנטלען זײַנען שוין באוואקסן און באקלעפּט מיט שניי. דער שניי איז פײַכט און צעגייט זיך, אָבער ער פאלט אזוי געדיכט, אז אונטער די פיס פילט זיך אָן אָנגענעמע ווייכקײַט — אזא שניי האָבן ליב קינדער: פון אים איז גוט צו מאכן שנייי־מאלקעס.

מײַן בען־איר נעמט מיך אונטער דער האנט און זאָגט גלאט אזוי:

— אין מאָסקווע איז איצט שוין ליכטיק, שוין באלד נײַן, און דאָ איז נאָך נאכט. אָבער דערפאר איז זומער בא אונדז ליכטיק א קײַלעכדיקן מעסלעס.

אין א שטיל געסל, ניט ווײַט פונעם רוישנדיקן און פארביק־באלויכטענעם ניעווסקי פּראָספעקט, אין א פינפשטאָקיק הויז, וואָס האָט אמאָל געוויס געהערט צו א פעטערבורגער סויכער פון דער ערשטער גילדיע, געפינט זיך קריוואָרוצקיס וווינונג. די דרויסנדיקע וואנט פונעם מויער איז באדעקט מיט לענגלעכע בלויע קאכליעס. דאָס הויז שטייט פעסט אף די פיס, דער באלעבאָס האָט, ווײַזט אויס, עס געבויט פאר קינדער און קינדסקינדער, נאָר איצט הייסט די גאס 6-ая Советская און אין הויז נומער 4 וווינען גאָר אנדערע שכיינים. און אין דער 7־טער קווארטיר — דער סקולפטאָר פייסעך קריוואָרוצקי, דער זון פון דעם בערדיטשעווער קירזשנער מוישע...

די טיר האָט געעפנט אן עלטערע פרוי. זי איז געשטאנען אין גרויסן פאָדערצימער און געקוקט, ווי מיר הענגען אוף די מאנטלען, טרייסלען אָפּ דעם רעשט שניי פון די פוטערנע היטלען. איך האָב געפילט איר בליק אף זיך און זיך געמאכט ניט ווויסנדיק, אז איך שטויס זיך אָן, אז דאָס איז זי, ליע יאָנאָוונע, מײַן מירלס אמאָליקע כאוועריטע לייקע.

יאָ, דער פּאָרטרעט, וואָס קריוואָרוצקי האָט אויסגעקלעפּט, איז שטארק ענלעך אפן אָריגינאל — איר דורכדרינגלעכער בליק, אירע שטײַף־צונויפגעצויגענע ליפן, דער עטוואָס פארשארפטער קין, וואָס שפארט זיך אָן אינעם ניט גרויסן גוידערל. אלע קנייטשן און קנייטשעלעך, וואָס זײַנען זיך צעלאָפן איבער איר געזיכט, טראָגן אין זיך עפּעס סוידעספולס. „מירל, — האָב איך א טראכט געטאָן, — וואָלט איצט אויך געווען אזא זקיינע...“ אומגערן האָט מײַן קאָפּ זיך א שארפן טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט וועלן אָפּטרייסלען אלע צענדליקער יאָרן, וואָס לייקע, מײַן שוועסטערס אמאָליקע כאווערטע, האָט דערטראָגן ביז הײַנטיקן טאָג. „און אויב אפילע, — האָב איך ווײַטער געטראכט, — לייקע איז געווען ניט אזוי שיין און ליכטנדיק, ווי מײַן נײַנצניאָריקע שוועסטער, האָט די צײַט געדארפט זײַן אזוי אכזאָריעסדיק צו איר?“ און אף איין מינוט האָט דאָס געפיל מיך פארפירט אף א פאלש סטעזשקעלע. „עפשער איז אמאָל קעדײַ זיך אָפּפארטיקן צו נײַנצן יאָר...“ נארישקײַטן. מע דארף, ווײַזט אויס, ווייניקער קוקן אין שפּיגל און אָפטער ארײַנקוקן אין דער נעשאָמע.

דאָס גרויסע און ברייטע צימער, אין וועלכן ליע יאָנאָוונע האָט מיך ארײַנגעפירט, האָט גלײַך אויסגעזאָגט דעם סאָד, ווער עס וווינט דאָ. די בילדער, בארעליעפן און מאסקעס אף די ווענט, די סטאטועטקעס, קעפּ, הענט אף די שאפעס און אף דעם קאמין, וואָס זײַנען ניט אויסגעשטעלט, נאָר צונויפגערוקט אזוי, אז זיי זאָלן פארנעמען וואָס ווייניקער אָרט, האָבן זיך געקלאָגט, אז אפילע אזא ראכוועסדיקער זאל איז פאר זיי צו ענג.

ליִע יאַנאָווגע האָט נאָך אַלץ געשוויגן. זי האָט אַראָפּגענומען פונעם גרויסן קײַלעכדיקן טיש צונויפגעוויקלטע רולאָנען, גרויסע און שווערע ביכער, וואָס זײַנען דאָ געלעגן, און אויסגעשפּרייט אַ ווײַסן שטײַף־אָנגעקראָכמאַלעטן טישטעך. ערשט דעמלט האָט זי אַ שמייכל געטאָן און מיט אַ ווייך מאַמיש קאָל געזאָגט:

— איך האַלט ניט פון דער מאָדע. אויף אַ פרישן טישטעך האָט אַ פּראָסטע גלאָז טיי גאָר אַן אַנדער טאַם.

— אַ בערדיטשעווער... — האָב איך זיך אַרײַנגעמישט.

— לאָך ניט, אוורעמפּל, דײַן מאַמע איז זיך באַגאַנגען אָן ניילאָן, און דאַכט זיך, אַז זי האָט ניט שפּעטנע אויסגעכאָוועט אירע קינדער.

ליִע יאַנאָוונע האָט געקוקט אויף מיר, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, מיט בייזע אויגן, נאָר ווען זי האָט באַמערקט, אַז בייסן אַרויסברענגען מײַן קינדערשן פאַרצויגענעם נאָמען „אוורעמפּל" האָב איך אַ שמייכל געטאָן, איז זי ווייכער געוואָרן צו מיר.

— שיקע דער ציגײַנער, דײַן מירעלעס כאָסן, האָט דיך אַזוי גערופן. דו געדענקסט אים כאָטש, מײַן שיקעלען?

— איצט וועט איר זיך שוין פון ליִע יאַנאָוונען ניט אויסדרייען, — האָט פון צווייטן צימער אַרײַנגערעדט קריוואָרוצקי, — זי, אַז זי פּאַקט אַ בערדיטשעווער, וועט זי אים ניט לאָזן צורו, ביז זי וועט ניט איבערקלײַבן אַלע ביינדעלעך פון אַלע בערדיטשעווער.

דאָס מאָל האָט ליִע שוין געוואָרפן אַ בייזן בליק צו דער טיר, ווו קריוואָרוצקי האָט זיך געייסעקט מיט אַ סטאָס ביכער.

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער צו מײַן שוועסטערס כאַווערטע און סוידעסדיק, אָבער אַזוי, אַז קריוואָרוצקי זאָל דאָס הערן, איך געזאָגט:

— איר מעגט איבערגעבן דעם באַלעבאָס, אַז קיין לענינגראַד בין איך געקומען טאַקע צוליב אײַך, ליִע יאַנאָוונע. און איך בין גרייט ניט שלאָפן די נעכט...

— דאָס ניט! — איז דער קינסטלער אַרײַנגעלאָפן מיט אַ פּאַק ביכער אין ביידע הענט. — באַטאָג מעגט איר אײַך טאָן וואָס איר ווילט, נאָר אויף באַנאַכט פאַרשפּאַר איך אײַך בא זיך אין סטודיע. — זײַן שטים האָט עטוואָס געציטערט, גלײַך ער וואָלט דערפילט, אַז עמעצער וויל אים באַליידיקן אָדער עפּעס צונעמען בא אים. — די נעכט זײַנען פאַר מיר! — האָט ער געמאָלדן קאַטעגאָריש.

דעם דאָזיקן טאָג האָט קריוואָרוצקי מיך טאַקע געלאָזט צורו. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון לענינגראַד, פאַריסן דעם קאָפּ צום מאַלעך, וואָס שטייט אויפן הויכן זײַל אינמיטן דעם פּלאַץ באַם ווינטער־פּאַלאַץ. איך האָב ניט געפילט, ווי דער נאַסער שניי האָט שוין דורכגענעצט מײַן מאַנטל. איך בין אַוועק צום ברעג, ווו עס שטייט די „אַווראָרע", און שיר־שיר זיך ניט דערלאַנגט מיט דער האַנט צו דעם פריש־אָפּגעפאַרבטן מעטאַל פון דער הייליקער שיף.

פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען דער טשוהונענער טויער פונעם ווינטער־פּאַלאַץ, וועלכן כ'האָב אָט ערשט ניט לאַנג אָנגערירט מיט די אייגענע פינגער, געקוקט אויף אים מיט די אייגענע אויגן, נאָר געזען האָב איך אים איצט אַזאַ, ווי אייזענשטיין האָט אים באַוויזן אין זײַן „אָקטיאַבער". „גאָט מײַנער, — האָב איך זיך געכידעשט, — שוין זשע קאָן אַ קינסטלער אָפּווירקן מער, ווי די רעאַלע ווירקלעכקײַט?"

ווען איך בין אַרויס אויף ניעווסקי פּראָספּעקט, האָבן שוין געברענט אַלע גאַס־לאַמטערנס. פון די רויטע, גרינע, בלויע, געלע, זילבערנע און גאָלדענע נעאָן־שילדן, וואָס ציִען זיך אין דער לענג — פון דער ערד ביז אין דער טיף פון הימל, און אין דער ברייט — איבער די פּאַסאַדן פון אַלע הײַזער, איז מיר פריילעך געוואָרן אויף דער נעשאָמע. איך האָב אומגעריכט פאַר זיך אַליין אָפּגעשטעלט אַן עלטערן מענטשן און אים אַ פרעג געטאָן:

— וועלכע זײַט איז דאָ די ווייניקער געפערלעכע?

דער מענטש האָט אָנגעכמורעט די ברעמען, פאַרכידעשט אַ צי געטאָן די אַקסל, ער האָט אָבער באַלד זיך געכאַפּט, פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין.

— אָט די, אָט די, אויף וועלכער איר גייט.

ערשט אויפן אַנדערן טאָג האָב איך דאָ, אויף איינעם אַ הויז באַמערקט אַ שילדל מיט אַן אויפשריפט Безопасная сторона. אויף דער לינקער זײַט פונעם פּראָספּעקט איז געווען ווייניקער געפערלעך צו גיין, בייס די דײַטשן האָבן באַשאָסן די בלאָקירטע שטאָט...

זאָל הענגען דאָס שילדל — זאָל דאָס וועקן דעם זיקאָרן...

לעבן פּיאָטערס דענקמאָל, קימאַט אונטער די פאַריסענע פיס פונעם בראָנזענעם פערד, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מאַשין. איך בין געשטאַנען מיטן פּאָנעם צום דענקמאָל, געהערט,

ווי דאָס טירל פון דער מאשין האָט זיך פארקלאפט. עמעצנס האנט האָט אָנגערירט מײַן אקסל. דאָס הארץ האָט א ציטער געטאָן... צוריק מיט א סאך יאָרן איז שוין אזוינס פאָרגעקומען — א קלאפ פון א מאשין־טירל, א האנט אפן אקסל... עמעס, דאָס איז געווען ניט אין לענינגראד, נאָר אין מאָסקווע אינעם שטילן סטאניסלאווסקי־געסל...

— איך האָב אָבער געוווסט, ווו אײַך צו זוכן, — האָט פריילעך אויסגעשריִען קריוואָ־רוצקי, — זעצט זיך אין מאשין, מיר פאָרן גלײַך אין סטודיע. — ער האָט מיר ארײַנגעקוקט אין פּאָנעם און פארכידעשט געפרעגט, — וואָס איז מיט אײַך, עפּעס זעט איר מיר בלאס, עפשער איבער דער שײַן פונעם פּראָזשעקטאָר?

— נארישקײַטן. א ווילדע אסאָציִאציע. נו, לאָמיר פאָרן, עס ווערט שפּעט.

אלע מאָל, ווען ס׳קומט מיר אויס צו זײַן אין ווארשטאט פון א סקולפּטאָר, שטיי איך לאנג און באוווּנדער די שווערע מי און די קונסט פונעם מענטשן, וואָס פּיקט און פּיקט מיט זײַנע דאָלעטקעס און העמערלעך די טויטע הליבע לאבראדאָר צי מארמאָר און צווינגט זי אָנהייבן עטעמען — ווערן לעבעדיק.

די לאנגע קאָרידאָרן, דורך וועלכע קריוואָרוצקי פירט מיך איצט צו זײַן סטודיע, זײַנען פארוואלגערט מיט פּאפּירענע זעק גיפּס, מיט מעגושעמדיקע צענעריקטע ליימענע פיגורן, פון וועלכע מע האָט שוין אָפּגעגאָסן טשוהונענע אָדער בראָנזענע מאָדעלן. דאָ, אינעם לאנגן קאָרידאָר, געפינען זיך נאָך פיר סטודיעס פון לענינגראדער סקולפּטאָרס, און בא קיינעם פון זיי הייבט זיך ניט אוף די האנט אף צעהאקן די ליימענע עסקיזן, אין וועלכע די קינסטלער האָבן ארײַנגעבלאָזן זייער אייגענעם אָטעם...

איך פארשטיי דאָס זייער גוט. מיר אליין איז טאָמיד שווער זיך אײַנשטעלן און צערײַסן די בייגעלעך פּאפּיר, וואָס זײַנען אזש שווארץ פון שרײַבן און מעקן, כאָטש זיי, די ענדגילטיקע שורעלעך, זײַנען שוין איבערגעשריבן אף ריין און די פארדראקעטע בלעטלעך האָבן קיין שום ווערט ניט. דאָך טו איך א פרעג בא קריוואָרוצקין:

— אײַערע ארבעטן וואלגערן זיך אויך דאָ?

— ניין, ניט דאָ. מײַן „קובישקע“ געפינט זיך אינעם קעלער פון פירשט יוסופּאָווס פּא־לאץ, אפן ברעג פון דער מויקא. מיר וועלן מיט אײַך אומבאדינגט זיך ארײַנכאפּן אהין.

די הייך פון קריוואָרוצקיס סטודיע איז ניט ווייניקער פון א מעטער זעקס־זיבן, מע וואָלט דאָ לײַכט געקאָנט מאכן צוויי שטאָקן. ווען איך כאפּ אָבער א קוק אין דער לינקער זײַט, פארשטיי איך, אז מײַן כעזשבן איז קיין כעזשבן ניט — אף א מאסיוון צווייענדיקן לייטער, לעבן א ריזיקן לעניך־מאָנומענט, שטייט א מיטלוווּקסיקער מאנצבל און קלעפּט אים ארום מיט א גיפּסענעם פּאנצער. דער מאנצבל אפן לייטער זעט אויס זייער קליין אין פארגלײַך מיט דער סקולפּטור.

אין סטודיע זײַנען ענג אָנגעשטעלט פארענדיקטע און ניט פארענדיקטע ארבעטן. א סאך פון זיי זײַנען אײַנגעקוטעט אין דינע גומענע לײַלעכער, וואָס היטן אײַן די פײַכטקײַט. אף סטעלאזשן און פּאָליצעס, וואָס ציִען זיך ביז צו דער סטעליע, זײַנען אָנגעשטעלט קלענערע און גרעסערע פיגורן. זיי זײַנען פארשטויבט, זיי שטייען ווי עס מאכט זיך. און ניט ווילנדיק כאפּט זיך בא מיר ארויס די זעלבע פראגע, וואָס איך האָב שוין געהאט געשטעלט אין מאָסקווע:

— ווען האָט איר עס באוויזן?

פייסעך שמייכלט. אָט האָט ער שוין ארויפגעוואָרפן פון זיך דעם יאָמטעוודיקן גארניטער און ארופגעצויגן דעם פארשפּריצטן ארבעטס־קאָמבינעזאָן. ער טוט א דריי דעם „פּיעדעסטאל“, וואָס ער האָט אליין אויסגעמײַסטערוועט פאר זײַן „נאטור“ — דאָס הייסט פאר די, וואָס פּאָזירן אים. „ניין, ניט אזוי“, — רעדט ער צו זיך אליין. דער „פּיעדעסטאל“ באוועגט זיך גרינג אף די ראָליקעס, און דער קינסטלער פּרווט אלץ — אזוי און אזוי. „אָט, דאָס איז דאָס!“..

מיך בעט ער זיצן פרײַ, זיך ניט אָנשטרענגען, טראכטן, וועגן וואָס מיר איז ליב, אבי ניט וועגן דעם, אז איך פּאָזיר. א מינוט צען שטייט דער קינסטלער און קוקט אף מיר, ער פארנייגט דעם קאָפּ אף לינקס, אף רעכטס, טרעט אָפּ אף א שפּאן, דערנעענטערט זיך... אָט פארבײַסט ער די אונטערשטע ליפּ און אין זײַנע אויגן צינדט זיך אָן א שמייכלענדיק פײַערל. „אָט אזוי!“ — ער מאכט עטלעכע גרויסע שפּאן צו דער וואנע מיט צעווייקטער ליים, נעמט אָן אין די הענט גרויסע קאוואליקעס און הויפנט זיי אָן אפן געשטעל. די ערשטע עטלעכע מינוט שטרענג איך זיך אָן און כאפּ פון א זײַט א קוק, וואָס ער טוט, נאָר אינגיכן פארגעס איך, אז איך זיץ אפן „פּיעדעסטאל“, און אין קאָפּ נעמען זיך רויען פארשיידענע נארישקײַטן.

פון צײַט צו צײַט דרייט זיך אויס דער פּאַרמאָוושטשיק, וואָס שטייט אפן הויכן לייטער און קוקט, ווי דער סקולפּטאָר ארבעט. סאָפּקאָלסאָף שטעלט ער זיך אײַן פארפירן א שמועס.

— פּיאָטער מאָיסייעוויטש, איך האָב געבראַכט די מעלדונג.

— אהא, — טוט א ברום דער סקולפּטאָר. ער שווײַגט א ווײַלע, דערנאָך נעמט ער ריידן, — איר האָט טאקע באשלאָסן גיין לערנען?

איך שטויס זיך אָן, אז וועגן דעם שמועסן זיי שוין ניט דאָס ערשטע מאָל.

— איר צווייפלט אין מײַנע פייִקײַטן, פּיאָטער מאָיסייעוויטש?

— בא צוויי און פערציק יאָר איז דאָס א ריזיקע. איר זײַט א גוטער פארדינער, א מײַסטער אין אײַער פאך, און מיר, די סקולפּטאָרן, לויפן אײַך נאָך, אוכאַזשעווען נאָך אײַך, ווי פארליבטע. נאָר אויב איר באשטייט, וועל איך זען, איר זאָלט אָנגענומען ווערן אין סטודיע.

באַם מענטשן אפן לייטער האָבן די אויגן זיך צעשײַנט, ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אונדז און גענומען פלינק פליאסקען מיט גיפּס איבער דער פיגור.

דעם אנדערן טאָג, ווען מיר זײַנען אף א צײַט געבליבן אליין מיטן פּאַרמאָוושטשיק אין סטודיע, האָט יענער געזאָגט:

— קריוואָרוצקי איז ניט נאָר א גוטער קינסטלער, ער איז אן אויסערגעווייִנלעכער פּע־דאגאָג. די סטודיע באַם קולטור־פּאלאץ פון די בילדונגס־טוער, מיט וועלכער ער פירט אָן, איז די בעסטע אין לאנד.

— און ווו געפינט זיך די סטודיע?

— אף דער מויקא, אין יוסופּאָווס הויז.

איצט האָב איך שוין פארשטאנען, פארוואָס קריוואָרוצקי האָט אויסגעקליבן דעם קעלער פונעם געוועזענעם פירשטלעכן פּאלאץ פאר זײַן „קובישקע“.

איך האָב געזען, ווי ליִע יאָנאָוונע האָט א פּאָר מאָל געעפנט די טיר פונעם צימער, ווו איך בין געשלאָפן. זי האָט אָבער צוריק זי שטיל פארמאכט — ניט געוואָלט מיך אופוועקן. איך האָב געהערט, ווי זי זאָגט:

— ער מיינט געוויס, פּייסעכקע, אז ער האָט צו טאָן מיט א יִנגל פון אכצן יאָר? נאָך מײַן כעזשבן דארף ער אלט זײַן בא די זעכציק. נעמט ער און זעצט אוועק א מענטשן, וואָס איז ערשט פון וועג, און האלט אים אָפּ אין דער פארדומפּענער סטודיע ביז פיר באנאכט!

קיינער האָט איר ניט געענטפערט. אין א פּאָר מינוט ארום:

— יאָ, געוויס בא די זעכציק. מירעלע איז געווען די עלטסטע, זי איז יִנגער געווען פון מיר אף א יאָר.

ווען איך האָב זיך גענומען אָנטאָן, איז ליִע יאָנאָוונע ארײַן צו מיר אין צימער מיט א גלאָז קאָפע.

— וואָס האָסטו זיך אזוי פרי אופגעכאפּט? קאָנסט נאָך ליגן א ביסל. אין שטוב איז קיינער ניטאָ, די קינדער זײַנען שוין אין שול, פּאניעטשקע — אף דער ארבעט, און ער איז שוין אויך אוועק אין סטודיע. אז א מענטש זאָל ניט רוען קיין מינוט! — ליִע יאָנאָוונע האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, אוועקגעלייגט די עלנבויגנס אף די צארגעלעך פון דעם שטול און געקוקט, ווי איך טרינק. — הערסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, ער איז בעטעווע א גוטער און א צוגעלאָזטער מענטש, נאָר א ביסל א געכאפּטער, א דולער. יאָ, יאָ, וואָס קוקסטו אף מיר? באזונדערס ווען ער טוט זיך ארײַן אין דער ארבעט. אפילע די קינדער ווייסן שוין, אז דעמלט דארף מען אים ניט אָנרירן, ניט אויסריידן צו אים קיין איבעריק וואָרט. ער הערט ניט און זעט ניט, וואָס עס טוט זיך ארום אים. דיר מעג איך עס זאָגן, ביסט אן אייגענער מענטש.

פון ליִעס רייד איז מיך באפאלן א געלעכטער, איך האָב זיך גאָרנישט געקענט אײַנ־האלטן — אזש צעפליוסקעט די קאָפע. דאכט זיך, אז ליִע יאָנאָוונע האָט וועגן מיר אויך אָנגעהויבן קלערן דאָס זעלבע: מעשוגע, כאָסערדייע...

— וואָס איז דער געלעכטער, דו גלייבסט מיר ניט?

— מיט וועמען האָט איר ערשט גערעדט אין שכיינעסדיקן צימער? איר זאָגט דאָך, אז קיינער איז אין שטוב ניטאָ.

— איך? וואָס איז מיט דיר, אורעמפּל? ווען האָב איך גערעדט? אלע זײַט איר געשניטן פון איין שטיק. אלע טראכטן זיי אויס, אז איך רייד מיט זיך אליין. — זי האָט א שמייכל געגעבן. — וואָס דען זאָל איך טאָן? מע קאָן דאָך שטום ווערן. אז א גאנצן טאָג איז ניטאָ מיט וועמען אויסצורריידן א וואָרט, רעדט מען צו זיך אליין. נאָר איך שווער דיר, אז איך הייב ניט אָן צו געדענקען, איך זאָל האָבן הײַנט געעפנט דאָס מויל.

ס'איז געווען גענוג, איך זאָל דערמאָנען מירעלעס נאָמען, אַז ליִע יאַנאָוונע זאָל מיר אויסדערציילן אַלץ, וואָס עס האָט זיך פּאַרהיט אין איר זיקאָרן פון יענע ווײַטע צײַטן. איך בין געלעגן אויפן דיוואַן מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, געהערט איר קאָל, און פאַר מיר האָבן זיך צעפראַלט די טויערן, וואָס זײַנען פאַרשלאָסן געווען אויף טויזנט שוין פאַראָסטעטע שלעסער. די טויערן, הינטער וועלכע עס זײַנען פאַרבליבן צענדליקער און צענדליקער פאַרגאַנגענע יאָרן...

באַנאַכט, ווען איך בין ווידער געזעסן אויפן „פּיעדעסטאַל" בײַ קריוואָרוצקין אין סטודיע, ווען ער האָט מיר ווידער געראַטן טראַכטן, וועגן וואָס מיר איז ליב, האָב איך אים געפאָלגט...

באַלד ווי ס'איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי, בין איך מיט מײַן עלטערן ברודער, מיט דאָווידן, אַוועק אין סקאַרגליוּוקער וואַלד נאָך צוויי יונגע דעמביקלעך. די ביימלעך האָט מען געדאַרפט גוט אויסקלײַבן, זיי זאָלן זײַן פון אויבן פאַרבויגן, אַנדערש וועלן זיי ניט טויגן פאַר קיין שליטן. דאָוויד האָט צו אַזעלכע זאַכן געהאַט אַ גוסט, און דערצו נאָך גאָל־דענע הענט, קיינער פון די פּיסקעוואַטע יינגלעך האָט ניט געקענט מאַכן אַזאַ שליטן, ווי ער. ס'איז נאָך געווען גוט פינצטער, ווען מיר זײַנען געקומען אין וואַלד. מיר האָבן די ביימלעך געדאַרפט ברענגען אַהיים, אַז קיינער זאָל ניט זען און ניט הערן, ווײַל קוים פּאַקט מען אונדז, וועט מען אונדזביידן גוט אָנלייגן אין די ביינער. אין וואַלד איז געווען פינצטער און רוישיק. די אייבערשטע צווײַגן פון די מוירעדיק גרויסע דעמבעס האָבן זיך געוויגט און געקלאַפּט איינס אין צווייטן מיט אַ טרוקענעם בייניקן געקלאַנג. פון אונטער די פיס האָט דער ווינט אַרויסגעריסן גאַנצע הויפנס איבערגעפרוירענע, פאַרקליאַקנעטע בלעטער און זיי געיאָגט ערגעץ אין דער פינצטערניש.

איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו אַ שטאַם פון אַ דיקן בוים, אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל און זיך אײַנגעהערט, ווי דאָווידל זעגט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די קלאַנגען פון זײַן האַנט־זעגעלע זײַנען אַזוי שאַרף און גרילצן אַזוי, אַז אין דאָרף סקאַרגליוּו־קע, וואָס ליגט הינטערן באַרג, הערט מען געוויס דאָס זעגערײַ.

— וואָס אַזוי לאַנג, — בעט איך זיך שעפּטשענדיק בײַ דאָווידלען, — וואָס אַזוי לאַנג?

די דעמבענע דרענגלעך האָט דאָוויד אַרומגעשניצט, דערנאָך אַרומגעקאָוועט מיט שמאָלע בלעכענע פּאַסן. אַ קאַסטן האָט ער צונויפגעקלאַפּט פון די נײַינקע ברעטלעך, און וועלכע ס'איז פּאַרפאַקט געווען מירעלעס ניי־מאַשין.

דאָס מאָל האָט דאָווידל באַזונדערס זיך געסטאַרעט. דער שליטן האָט געדאַרפט זײַן ניט פּאָשעט אַ שפּילעכל. ער האָט אונדז באַדאַרפט גוט צוניץ קומען — מיר מיט דאָווידן...

איצט וועלן מיר ניט טאַסקען אויף די אַקסל די שווערע פּעק מיט גימנאַסטיאָרקעס אין דער אינטענדאַנטסטווע, וואָס געפינט זיך אין אויסרײַסעניש, אַזש בײַ די לאַגערלעך, און ניט טראָגן צוריק אויף זיך די אָנגעשטאָפּטע זעק מיט „קראָי". מיט אַ שליטן איז גאָר אַן אַנדער זאַך — פלי, ווי אַ פויגל, קיין לאַסט איז ניט שווער...

...נאָך צוריק מיט אַ פּאָר כאַדאָשים, אין איינעם אַן אָפּדערנאַכט איז אַרײַנגעקומען זאָל־מען קאָטליאַר. אַרײַנגעקומען איז ער קלוימערשט אַ קוק טאָן, וויאַזוי עס אַרבעט די מאַשין. ער האָט טאַקע אַ דריי געטאָן דאָס רעדל פונעם קעפּל, די ראָד באַם געשטעל, אַרויסגענומען די שפּולקעס און געפּרוּווט אַ שטעפּ טאָן אַ שמאַטקעלע.

— גוט, פּרימע, אַלץ אין אָרדענונג, — האָט ער געריבן די קליינע הענטלעך. ער האָט זיך געפּאָרעט בײַ דער מאַשין און בעניבײַ אַרײַנגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— אײַער מירעלע אַרבעט נאָך אַלץ בײַ דער ווערביצקע, זי פאַרדינט נאָך אַלץ וואַסער אויף קאַשע? וואָס טויג עס אײַך! איר, רייזל, זײַט דאָך אַ קלוגע ייִדענע, דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז איצט קאָן אײַער קינד אַרבעטן אויף זיך, ניט אויף עמעצן. — ער האָט זיך ווידער געפּאָרעט מיט דער מאַשין און ווידער אַזוי זיך, גלײַכגילטיק, גערעדט, — אין דער אינטענדאַנטסטווע אַרבעט מײַנער אַ באַקענטער, אַדאַם אַדאַמאָוויטש הייסט ער, אַ גאָלדן מענטשל. איך האָב שוין אָפּגעמאַכט מיט אים, אַז ער זאָל אײַך געבן אַרבעט, גימנאַסטיאָרקעס. איר האָט, קיין אײַנהאָרע, דרײַ מיידלעך, און דרײַ ייִנגלעך, און אַלע וועלן קאָנען צולייגן אַ האַנט — נייען קנעפּלעך, שלייפן לעכלעך, אַרויסציִען פאַרסטריגעס. מאָרגן וועל איך אײַך אַרײַנברענגען די ערשטע האַלבע מייע גימנאַסטיאָרקעס.

זאַלמען האָט ניט ליב געהאַט צו וואַרפן קיין ווערטער אויפן ווינט. אויף מאָרגן האָט ער געבראַכט צו טאַסקען אַ גאַנצן זאַק מיט „קראָי". שפּעטער מיט אַ וואָך, ווען דער ערשטער זאַקאַז איז פאַרטיק געוואָרן, האָט רעב זאַלמען געבראַכט אויף פּראָקאַט נאָך אַ מאַשין, עמעס ניט אַזאַ, ווי מירעלעס — אַ האַנט־מאַשינדל, אויך פון דער זינגער־קאָמפּאַניע, שוין אָן אָפּ־געניצטס, נאָר געניײט האָט עס גוט.

פון דעמלט אָן איז די שטוב פארוואנדלט געוואָרן אין א נײַ־ווארשטאט. פון די פּעק „קראַי“ און פארטיקע גימנאסטיאָרקעס איז אזש גרין געווען אין די אויגן. מירל איז געבליבן ארבעטן אין שטוב, זי האָט אָנגעפירט מיט דער גאנצער ארבעט. אף ביידע מאשינעס האָבן געשטעפּט ענע און כאנע. די מאמע, ווען זי האָט נאָר געהאט א פרײַע מינוט, מערסטנס אפּדערנאכט, האָט זי געשלייפט לעכלעך, אײַנגעניית מעטאלענע קנעפּלעך צו די מאנזשעטן און צו די פּלאנקעס פון די סאָלדאטישע העמדער. איך און דאָווידל האָבן געפירט אפן שליטן גאנצע סטאָסן מיט פארטיקער סכוירע צו דער אינטענדאנטסטווע און אף צוריק „קראַי“. פון אונדזער ארבעט איז אדאם אדאמאָוויטש געווען צופרידן, ער האָט אפילע אלעמאָל, ווען מיר פלעגן קומען צו אים אף די לאגערלעך, געהייסן אונדז איבערגעבן א גרוס דער מאמען און באזונדערס דער שוועסטער מיריאם, ווי ער פלעגט זאָגן.

דער טאטע איז קימאט קיינמאָל ניט געווען אין דער היים, זעלטן, זעלטן פלעגט ער קומען איבערנעכטיקן, און פארטאָג, ווען מיר זײַנען נאָך געשלאָפן, צוריק אוועק אין בעקערײַ. יאָ, דער טאטע האָט איצט געארבעט אין א בעקערײַ, געבאקן ברויט פאר די סאָלדאטן, ס'הייסט אויך פאר דער אינטענדאנטסטווע. א בעקער איז דער טאטע געוואָרן אויך לויט זאל־מען קאָטליארס אייצע.

ווען זאלמען האָט זיך דערוווסט, אז דער טאטע שטעלט אוף פיר גרויסע אויוונס אין דער בעקערײַ פון דער אינטענדאנטסטווע, איז ער ווידער געקומען צו אונדז און ווידער פארפירט א שמועס מיט דער מאמען.

— בא הײַנטיקע צײַטן, — האָט ער געגומען אײַנטײַנען, — דארף מען האָבן א קאָפּ אף די אקסל — אנדערש קאָן ער ארויפפליִען. — זאלמען האָט פארלייגט א פוס אף א פוס, ארויסגענומען פון זײַן הילצערן פאפּיראָסן־פושקעלע א דין און לאנג פאפּיראָסל, זיך פאר־צויגן און ארויסגעלאָזט עטלעכע רינגעלעך רויך, — אָט וועט אײַער יידל, — האָט ער גערעדט צו די רויך־רינגעלעך, — פארענדיקן די אויוונס, קאָן מען אים א נעם טאָן פארן כ'בעט־אײַך־איבער און אוועקשיקן אפן פראָנט, און גיי זוך אים. איז עס עפּעס אן ארבעט, פרעג איך אײַך, פאר א טאטן פון זעקס קינדער? ביז איצט האָט מען אים ניט גערופן, נאָר ס'איז שוין געקומען אויך צו זײַן יאָר...

די מאמע האָט געקוקט דעם אגענט אין די אויגן און געשוויגן. זי האָט שוין געוווסט, אז צו זאלמענס ווערטער דארף מען זיך צוהערן.

— עס וועט אים צום קאָוועד ניט שאטן, אײַער מאן, אז ער וועט ווערן א בעקער.

די מאמע האָט אזש ארויסגעגלאָצט די אויגן.

— א בעקער? איז וואָס איז די פּולע?

— א בעקער אין דער אינטענדאנטסטווע איז א וואָיענע מענטש!..

און דער טאטע איז מיט זאלמענס און אדאם אדאמאָוויטשעס הילף געוואָרן א בעקער.

יעדן אינדערפרי פלעג איך אוועקלויפן אף דער אלטער שטאָט, ווו די בעקערײַ האָט זיך געפונען, אָנקלאפּן אין פארמעליקטן קליינעם פענצטערל, וואָס גייט ארויס אין הויף. דאָס פענצטערל פלעגט זיך טייקעף אופעפענען און פון דאָרט האָט זיך ארויסגערוקט דעם טאטנס קאָפּ, אף וועלכן ס'איז געווען ארופגעזעצט א ווײַסער טשיפּעק. דער טאטע האָט איצט ביכלאל מיר אויסגעזען מאָדנע, עפּעס פרעמד. קאָן זײַן, אז דאָס איז געווען דערפאר, וואָס ער האָט אָפּגעגאָלט די באָרד און די וואָנצעס זײַנען אויך געווען קורץ אונטערגעשוירן און אויסגעזען צו זײַן שטעכיק.

דורך דעם פענצטערל פלעגט ער מיר אלע טאָג דערלאנגען א ווארעם ברויט — ערשט פונעם אויוון. דאָס ברויט איז געווען א פירקאנטיקס, א לענגלעכיקס, אן אויסגעבאקנס אין א בלעכן בעקעלע. דאָס ברויט פלעג איך אײַנוויקלען אין א ווײַס פילקעלע און עס צודריקן מיט ביידע הענט שטארק צו זיך. ס'איז געווען גאנץ שווער, יעדער ברויט האָט געוויגן פונקט צען פונט. דערפאר אָבער האָט עס מיך געווארעמט דעם גאנצן וועג — פון דער בעקערײַ ביז דער שטוב.

פון פארטאָג ביז באנאכט האָבן געקנאקט אין שטוב די מאשינעס. ענע האָט זיך אזוי אײַנגעארבעט, אז די גימנאסטיאָרקעס פלעגן פליִען פון אונטער אירע הענט, ווי די פויגלען. זי האָט שוין אפילע ניט געקוקט אף דעם שטיקל ארבעט, וואָס זי פלעגט האלטן אין די הענט. זי האָט געארבעט און געזונגען, און די קלענערע, כאנעלע, האָט אונטערגעכאפּט:

איר, ליכט, אז מע צינדט אײַך אָן,
ברענען אין אײַך אלע פארבן.
אזוי, אזוי איז דער מענטש,
ווען ער טוט שוין שטארבן...

מירעלע האָט ניט געזונגען. זי איז געזעסן באַם פענצטער אָנגעבויגן איבער דער אַרבעט — מיט ווײַסע פעדעם צוגעסטריגעוועט די קעלנער, אַז ענע און כאַנע זאָלן ניט דאַרפן ריכטעווען. איך האָב שוין געוווּסט — די קעלנער דאָס איז די שווערסטע אַרבעט, דערפאַר טוט עס מירעלע. ווען ענע און כאַנעלע האָבן שוין אַליין זיך געקענט ספּראַווען מיט די קעלנער, האָט מירעלע זיי איבערגעגעבן די אַרבעט און אַליין גענומען נייען פאַר פּריוואַטע באַשטעלערנס.

דווירע, די שכיינע אונדזערע מיטן גרויסן בויך, פלעגט אַלע מאָל אַרײַנקומען צו אונדז און זיך סוידען מיט דער מאַמען. די לעצטע צײַט האָט זי מוירע געהאַט פאַרבלײַבן איינע אַליין באַ זיך אין שטיבל. לויט איר כעזשבן האָט זי שוין פון לאַנג געדאַרפט געלעגן ווערן, נאָר זי האָט נאָך אַלץ געטראָגן. דעם מאַן אירן, דעם טרעגער איציק אָדלער, האָט מען צוגענומען אַף דער מילכאָמע, פלעגט דווירע זיצן באַ אונדז און אויך עפּעס טאָן. דאָס האָט זי געשטריקט וואָלענע זעקעלעך, קאַפּערלעך, גענייט העמדעלעך פון ראָזע און בלויע שטיקלעך צײַג. איינמאָל האָט זי זיך פאַרקלאָגט פאַר דער מאַמען, אַז זי האָט מוירע, זי איז זיכער, אַז זי טראָגט שוין צוועלף כאַדאָשים, זי וועט נאָך האָבן אַ לאָשעקל, האָט זי זיך צעוויינט.

די מאַמע האָט זיך גוט אויסגעלאַכט און זי געטרייסט, אַז אַלץ וועט זײַן אַפן בעסטן אויפן. זאָל נאָר איציק זיך אומקערן אַ געזונטער אַהיים. אַפן גאַנצן לעבן האָב איך פאַרגעדענקט דאָס פּאָרל — דווירען מיטן גרויסן בויך און דעם מאַן אירן, איציק אָדלער, וואָס איז דרײַ מאָל גרעסער געווען פון זײַן ווײַב. ער פלעגט איר אַרײַנקוקן אין די אויגן, ווי אַ מאַמע קוקט אין די אויגן פון איר קראַנק קינד.

ווינטער, ווייסטו דאָך, איז אומעטיק אַזוי,
זיצט באַ אונדז די שכיינע, פונקט ווי נעכטן,
קליינע שיכעלעך זי פלעכט פון שטרוי
און ווערט אַנדרעמלט אינעם מיטן פלעכטן.

און דעמלט קומט דער אָדלער, דווירעס מאַן,
און נעמט זי אַף די הענט, ווי אַ מאַטאָנע,
ער טראָגט זי פאַרזיכטיק, מיט שטילע שפּאַן,
און ס׳קוקט אַף זיי און ס׳שמייכלט די לעוואָנע.

פון נײַן אינדערפרי ביז דרײַ באַטאָג האָב איך הײַנט ווידער פאַרנומען דעם „פּיעדעסטאַל“ באַ קריוואָרוצקין אין סטודיע. ער האָט גערדרייט דאָס בענקל, אַף וועלכן איך בין געזעסן, מיט מיר אינײנעם, די ראַליקעס האָבן דערבײַ שטיל אונטערגעקרעכצט, נאָר גרינג זיך באַוועגט. אַלעמאָל האָט קריוואָרוצקי באַוויזן מיט דער האַנט, וווּהין איך זאָל קוקן, וווּהין אַ קערעווע טאָן דעם קאָפּ. איצט האָב איך שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס דער סקולפּטאָר האָט פאַרטראַכט.

— יאָ, — האָט ער באַשטעטיקט מײַן געדאַנק, — אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס שטאַמט פון די פּיסקעס, וויל איך אויסקלעפּן. אויסערלעכע ענלעכקײַט איז בלויז אַ פראַגע פון פּראַקטיק, דעם דאָזיקן אַלעפבייס קאָן יעדער ייִנגל גרינג באַהערשן. פאַר קונסט איז דאָס אָבער ווייניק. דער קינסטלער קוקט ניט אַפן געשטאַלט, נאָר אין געשטאַלט. אײַך דאַרף איך עס ניט דערקלערן...

— פונדעסטוועגן, — האָב איך דערווידערט, — האָט איר פאַר די געציילטע שאָ אויסגעקלעפּט מײַן נאָז, מײַנע אויערן, מײַן טשופּרינע, אַפילע אַלץ באַטאַפּט מיט די הענט...

— וואָס עמעס, איז עמעס, — דער סקולפּטאָר איז צוגעלאָפן, אַ ביסל צעשויבערט מיר די האָר און זיך צעלאַכט. — אָט האָט איר מיך געכאַפּט פאַר דער האַנט, אָבער ווען עס זאָל גײן נאָר אין ענלעכקײַט, וואָלט איך שוין מער ניט געהאַט וואָס צו טאָן. דאָס, וואָס איך האָב ביז איצט געמאַכט, איז בלויז אַ „באַלוואַנקע“, וואָס רופט ניט אַרויס קיין שום אַסאָציאַציעס, קיין שום דערווידערונגען. קונסט דאַרף וועקן, אופטרייסלען די נעשאָמע, אַרויסרופן שטרײַטן, פאַרשיידענע אויסטײַטשונג. — ער האָט גערעדט און ניט אופגעהערט צו אַרבעטן, אַ פּיר געטאָן מיטן פינגער איבער דער פײַכטער ליים ערגעץ לעבן די ליפּן און באַלד אַ דריי געטאָן דעם געשטעל און אַ שמיר געטאָן דעם ליימענעם האַלדז־און־נאַקן, — הײַנט וועל איך אײַך אומבאַדינגט אַוועקפירן אַף דער אויסשטעלונג פון די לענינגראַדער קינסטלער. פאַר מיר איז זייער וויכטיק, איר זאָלט זען, וואָס אייניקע קינסטלער טוען איצט. מעגלעך, אַז איר זאָלט כאַראָטע האָבן, וואָס איר פאַטערט דאָ באַ מיר אומזיסטע צײַט, איך גלייב, אַז איר וועט זיך ניט שעמען מיר דאָס צו זאָגן, קיין פאַריבל וועל איך אַף אײַך ניט האָבן. — ער איז שטיל

געבלֿיבן, זיך פארטיפט אין דער ארבעט און, ווײַזט אויס, אינגאנצן פארגעסן אין מיר. ערשט אין א צײַט ארום האָט ער פרייל̇עך א פרעג געטאָן:

— און לֿיִע יאָנאָוונע האָט אײַך נאָך ניט פארמוטשעט? איר וועט געוויס פארזאָגן אײַערע קינדסקינדער ניט האָבן צו טאָן מיט קריוואָרוצקין.

— איך האָב דערווײַל ניט קיין כאראָטע, — האָב איך געענטפערט, קוקנדיק אפן פאר־קאלכטן דיל, אין דעם פינטל, וואָס איך האָב זיך אויסגעקלֿיבן נאָך אין דער ערשטער מינוט, ווען איך האָב זיך פארקלֿיבן אפן „פיעדעסטאל“. — די רײַזע צו אײַך קיין לֿענינגראד האָט מיך געבראכט צום גנילֿאָפּיאט, און דאָס איז שוין ניט גלאט קיין רײַזע. לֿיִע יאָנאָוונע איז פאר מיר א וויכטיקע אנטדעקונג...

מיר האָט זיך געדאכט, אז איצט איז די פּאסיקע צײַט א פרעג טאָן, וואָס קער זיך אָן לֿיִע יאָנאָוונע מיט די קריוואָרוצקיס. אז די אלֿטע איז ניט קיין שוויגער, ניט קיין מומע, האָב איך זיך אָנגעשטויסן. די קינדער — סוועטע און מארינקע — האָבן זי גערופן לֿיִעטשקע, קריוואָרוצקי מיט דער פרוי — באם נאָמען און פאָטערנאָמען. קיין פאָשעטע שכיינע האָט זי אויך ניט געקאָנט זײַן — זי איז אין שטוב געווען די גאנצע באלעבאָסטע, אין דער באַ־לֿעבאטישקײַט האָט פאניע, קריוואָרוצקיס פרוי, זיך ניט ארײַנגעמישט. אפילֿע מיט ביידע מיידלֿעך האָט קאָמאנדעוועט ניט די מאמע, נאָר זי, לֿיִע יאָנאָוונע.

און איך האָב געפרעגט.

— לֿיִע יאָנאָוונע?! — האָט קריוואָרוצקי אויסגעשריִען. — זי איז אונדזער אלֿעמענס מאמע, אלֿעמענס באָבע, אלֿעמענס מיזינקע, מיט איין וואָרט — די עלֿטסטע און די קלֿענסטע.

צוויי זין אירע האָבן זיך ניט אומגעקערט פון פראָנט. דער מאָן, די טאָכטער מיט צוויי שניר, זעקס אייניקלֿעך לֿיגן צוזאמען מיט אלֿע בערדיטשעווער יידן אין די גריבער פון ניז־גורעץ אָדער אפן גרינעם בארג. פינקטלֿעך ווייסט זי עס ניט, לֿיִע יאָנאָוונע, זי איינע איז לֿעבן געבלֿיבן. ווײַזט אויס, אז איר איז באשערט לֿאנגע יאָרן ארומטראָגן דעם ווי פון א צעצווײַגטער פארשניטענער מישפּאָכע. קיין שפּור איז אויך ניט געבלֿיבן פונעם ברודערס מישפּאָכע. שיקע שפּילֿבערג איז מיטן ווײַב און קינד אָפּ זומער אוועקגעפאָרן צו דער שוועס־טער קיין בערדיטשעוו, און זי, לֿיִע יאָנאָוונע, וואָס איז געווען אין לֿענינגראד בא שיקען, האָט זיך דאָ פארהאלֿטן — אין עטלֿעכע טעג ארום האָבן געדארפט פארטיק ווערן אין אטעלֿיע דרײַ פוטערנע מאנטלֿען פאר אירע שניר און פאר דער טאָכטער, איז זי געבלֿיבן וואַרטן. די מאנטלֿען האָט זי באקומען, נאָר אהיים פאָרן איז שוין געווען אוממעגלֿעך — עס האָט אויס־געבראָכן די מילֿכאָמע. לֿיִע יאָנאָוונע האָט איבערגעלֿעבט די בלֿאָקאדע. נאָכן קריג האָט זי אפילֿע דאָס אָרט ניט געקאָנט אופזוכן, ווו איר שטוב איז אין בערדיטשעוו געשטאנען. איז זי געקומען צוריק קיין לֿענינגראד. שוין זעכצן יאָר, ווי זי לֿעבט מיט די קריוואָרוצקיס. פייסעכקע איז געוואקסן אין בערדיטשעוו צוזאמען מיט אירע זין, זיי האָבן געלֿערנט אינײנעם אין דער נײַנטער שול. איצט איז זײַן שטוב איר שטוב, זײַנע קינדער אירע קינדער...

פיאָטער מאָיסייעוויטש האָט מיט א בעטנדיק קאָל מיך געוואָרנט:

— בעסער וואָלֿט זײַן, איר זאָלֿט זי וועגן דעם אלֿץ גאָרנישט ניט פרעגן.

איך האָב צוגעשאָקלֿט מיטן קאָפּ, ס'הייסט — איך פארשטיי.

פון די געשפּרעכן מיט קריוואָרוצקין האָב איך פארשטאנען, אז עפּעס באומרויִקט אים, מיט עפּעס איז ער ניט צופרידן, אין עפּעס צווייפלֿט ער.

— איך וואָלֿט וועלֿן, איר זאָלֿט זען גאָווריִעלֿ גלֿיקמאנס סקולֿפּטור־ארבעטן. מיט זײַנע געמעלֿן זײַט איר באקענט, זיי זײַנען אײַך געפעלֿן, מיר זײַנען זיי אויך זייער צום הארצן. אָבער די לֿעצטע סקולֿפּטורן רופן בא מיר ארויס א צווייפל. ער איז זייער טאלאנטפול, גאָווריִעלֿ דאווידאָוויטש. ער האָט איצט ארויסגעשטעלֿט א גרויסע פיגור — ראדישטשעוו, — האָט קריוואָרוצקי מיר געזאָגט, פאָרנדיק אָפּ דער אויסשטעלֿונג פון די לֿענינגראדער קינסטלֿער.

אינמיטן העלֿ־באלֿויכטענעם זאל שטייט ער, ראדישטשעוו. אויסגעפורעמט איז ער פון ווײַסן גיפּס — א מין צווײַמעטראָווע טומבע, אָפּ וועלֿכער עס איז ארופגעזעצט א פּעסטער קאָפּ, וואָס איז אויסגעקערעוועט אין דער ריכטונג פונעם רעכטן אקסל; נידעריקער פון דער ברוסט — סימאָנים פון ביידע הענט, אָפּ וועלֿכע עס הענגען צעריסענע קייטן. איך קוק אָפּ דער סקולֿפּטור אָנגעשטרענגט און לֿאנג, פיל, אז מײַן באגלייטער לֿאָזט ניט אראָפּ פון מיר דעם בלֿיק, וויל, ווײַזט אויס, דערגיין, וואָס פאר אן אײַנדרוק די דאָזיקע ארבעט מאכט אָפּ מיר, פאר אים איז דאָס ביז גאָר וויכטיק צו וויסן — ער דארף וויסן דעם אָביעקטיוון אײַנדרוק פון אזא, וואָס האָט ניט קיין דייע אין קונסט־ראט. פון גלֿיקמאנס ארבעטן באשטעטיקט דער ראט איינע פון צען, און יענער בלֿײַבט פאראקשנט־אײַנגעשפּארט. ניין, נאָר אזוי, באשטייט ער.

זאָל זייַן ארבעט אפילע קיינעם ניט געפעלן. ער פילט אזוי, ער זעט אזוי, און ער וויל בלייַבן ערלעך מיט זיך אליין.

איך קוק אף דער סקולפּטור און רוף ארויס אין זיקאָרן דאָס געשטאַלט פונעם אווטאָר. א פּאַשעטער מענטש, מיט א היפּשער נאָז און דיקע ליפּן. דאָס פעלצענע היטל מיט די לאַנגע אויערן פארשטעלן אים קימאט דאָס גאַנצע געזיכט. אפילע בא זיך אין סטודיע האָט ער דאָס היטל ניט אראָפּגענומען פון קאָפּ, כאָטש דאָ איז ווארעם. ער באווייַזט מיר איין בילד נאָכן אנדערן און פרעגט ניט, צי עס געפעלט, צי ניט.

— דאָס, — זאָגט ער, — איז א לעמפל, קינד מייַנס, — אן אכטער לעמפל מיט א צעבראָכן גלעזל. דאָס — א שטייסל, א פּרעסל, מייַן טעלעפאָן, און דאָס — דער זיידע מיט דער באָבע. — אף מיר הייבט ער אוף די אויגן נאָר דאַן, ווען איך פּרוו זיך אונטערזאָגן א נאָמען פאר דעם בילד, וואָס ער באווייַזט מיר.

— אויסגעצייכנט. ביסט גערעכט, קינד מייַנס, ניט „מענדל מיטן באס”, נאָר „בערל מיטן באס”, איך דערמאָן זיך, אזוי זינגט זיך טאקע, אין א פאָלקסליד: „יידל מיטן פידל, בערל מיטן באס”...

קוק איך אף ראדישטשעוון און טראכט: „פונוואנען קומט צו דעם קינסטלער, וואָס איז אויסגעוואקסן ערגעץ אין ווייַסרוסלאנד, אזא גאנג אין זייַן קונסט. ניין, דאָס איז צו אן ערנ־סטער קינסטלער, ער זאָל זיך יאָגן נאָך דער מאָדע”. און איך באשליס: „גוט, וואָס ער טוט דאָס, וואָס דעם הארץ איז ליב. מעג דאָס מיר געפעלן צי ניט געפעלן”.

אין א צווייטן זאָל שטייט אין צענטער קריוואָרוצקיס „שטאָלגיסער”, א קליינע מאָדעל פון דער דאָזיקער ארבעט האָב איך געזען בא אים אין סטודיע. דער דאָזיקער זאָל איז פול מיט באזוכער. קריוואָרוצקי פרעגט מיך ניט, צי מיר איז געפעלן ראדישטשעוו, צי געפעלט מיר „דער שטאָלגיסער”. און ווען ער דערשפּירט, אז איך וויל אים זאָגן וועגן דעם, שאָקלט ער מיטן קאָפּ, ס'הייסט: מע דארף ניט.

ס'האָט גענומען א פרעסטל. אינעם פענצטער האָט ארייַנגעקוקט א שורע ביימער, אָנ־געפּעלצטע אין ווייכן פוכיקן שניי. אין שטוב זייַנען שוין אלע געשלאָפן. ניין, ניט אלע. אָט האָט עמעצער אָנגעקלאפּט אין טיר און, ניט ווארטנדיק אף קיין ענטפער, זי געעפנט. אף דער שוועל איז געשטאַנען ליע יאַנאָוונע. מיך האָט פארכידעשט, וואָס אין אזא שפּעטער שאָ איז זי אָנגעטאָן אין מאנטל, אין א פוטערן היטעלע, וואָס איז פון אויבן איבערגעבונדן מיט א ווייך וואָלן שאלעכל.

— ווּהין? ליע יאַנאָוונע, ס'איז שוין, דאכט זיך, גאַנץ שפּעט.

— איך הער, דו שפּאנסט ארום איבערן צימער, איז עפּשער ווילסטו זיך דורכשפּאַ־צירן? — זי האָט באמערקט, אז איך קוק אפן זייגער. — ווּעסט זיך שוין אויסשלאָפן אין מאָסקווע, — האָט זי געשמייכלט, — איך שפּאציר שטענדיק אין דער צייַט.

ווייַזט אויס, אז ליע יאַנאָוונע האָט געהאט איר באשטענדיקן מארשרוט. דורך א שמאָל געסל זייַנען מיר אינגיכן צוגעקומען צו א גרויסן פארשנייטן גאָרטן; אים איבערגעשניטן, זייַנען מיר ארויס אף ניעווסקי.

— קוק זיך צו, — האָט ליע יאַנאָוונע געזאָגט, — אין דער צייַט שפּאצירן דאָ אמערסטן אלטע לייַט, פּענסיאָנערן. זיי דארפן ניט אופשטיין צו דער ארבעט, און אף דער עלטער שלאָפט זיך ניט.

זי איז גערעכט געווען, קיין יונגע האָט מען קימאט ניט געזען. פּאָרלעכווייַז האָבן זיי, די באנאכטיקע פוסגייער, פּאמעלעכן שפּאצירט, זיך אָפּט אָפּגעשטעלט, עפּעס אייַנגעטייַנעט איינער מיטן צווייטן און ווייַטער געשפּאנט.

ווען מיר זייַנען צוגעקומען צו דער בריק מיט די בארימטע פיר בראָנזענע פערד, האָט ליע יאַנאָוונע זיך אָפּגעשטעלט. ניין, ניט וועגן דער בריק האָט זי מיר געוואָלט דערציילן, זי האָט מיט א האנט מיר אָנגעוויזן אין דער לינקער זייַט פונעם געסל, וואָס ציט זיך לענגויס דעם ברעג.

— אין אָט דעם הויז, אפן פינפטן שטאָק, וווינט נינע גאָרשינא. מינאסטאם האָסטו גע־קענט די מאמע אירע, ליזע האָט זי געהייסן. זי האָט געשפּילט אין דראמקרייַז. געשעמט פאר דער גרעסטער קראסאוויצע אין בערדיטשעוו.

אוואדע געדענק איך ליזע גאָרשינא, אלע בערדיטשעווער יונגעלייַט זייַנען פארליבט געווען אין ליזען, דעריקער די כעוורע פון מייַן דעמאלטיקן עלטער. דעם טאָג, ווען ליזע פלעגט ארויסטרעטן אין צענטראלן ארבעטער־קלוב, פלעגן אלע בלומען־קלומבעס פון קליינ־ און

גרויס־יורידיקע פוסט ווערן. און די בינע, אף וועלכער ליזע האָט געזונגען און געטאַנצט, איז פאַרשאָטן געווען מיט קאָלערליי רויזן, ווײַסע ליליעס און רויטע פּיאָנען.

— כ׳וויל דיך באַקאַנען מיט ליזעס טאָכטער. אויב דו ווילסט, וועל איך איר מאָרגן אָנקלינגען.

פאַרשטייט זיך, אַז נינען האָב איך געוואָלט זען, נאָר מיך האָט איצט אינטערעסירט, פאַרוואָס ליזע יאַנאָווּנע וויל מיך מיט איר באַקענען. איך האָב זי געפרעגט וועגן דעם.

— נינעטשקע, — האָט ליזע יאַנאָווּנע געענטפערט, — איז דעמאָלט שוין אַלט געווען צוועלף יאָר, און זי געדענקט אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען בייסן דײַטש. זי איינע איז לעבן געבליבן. — ליזע יאַנאָווּנע האָט זיך אָפּגעשטעלט, מיך אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל און אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם, — מיסטאָם האָט דיר שוין פייסעך געזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט ריידן מיט מיר וועגן יענע זאַכן, — דאָס מויל האָט בא איר נערוועז אַ צוק געטאָן, — אַ דולער קאָפּ! ער מיינט, אַז איך וועל זיך פאַרגעסן. זאָל ער רויק שלאָפן, מיך וועט שוין אָבער קיין שום שלאָף ניט נעמען.

אומגעקערט אהיים האָבן מיר זיך דורך אַן אַנדער וועג. ליזע יאַנאָווּנע האָט מיך געהאַלטן אונטערן אָרעם און געשוויגן. זי האָט אָבער פון מאָל צו מאָל מיר אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם, ווײַזט אויס, געוואָלט זיך אָנשטויסן, וועגן וואָס איך טראַכט.

אין שטוב האָט זי אָפּגיך אופגעזאָטן טיי און מיך פאַרבעטן צו זיך אין צימער. אף אַ גרויסן קײַלעכדיקן טיש זײַנען אונטער אַ דיקער גלאָז, וואָס האָט צוגעדעקט די גאַנצע טיש־דעק, געלעגן אָן אַ שיר פאָטאָגראַפיעס.

— אָט דאָס איז מיר פאַרבליבן פון שיקעלעס פאַרמעגן. קוק זיך אײַן, אייניקע פון זיי דאַרפסטו געדענקען. — זי האָט אָנגעצונדן אַלע זעקס לעמפּלעך פון דער ליוסטרע, וואָס איז געהאַנגען איבערן טיש.

— אָט דאָס איז דײַן מירעלע, — האָט זי אָנגעוויזן מיטן פינגער, — דערקענסט זי?

יאָ, די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע קען איך גוט, זי האָט זיך ביז איצט פאַרהיט בא מיר. מירל איז דאָ זייער שיין, איר איז מינאַסטאָם דאַן געווען אַ יאָר זיבעצן. זי זעט דאָ אויס ווי אַ גימנאַזיסטקע. די האָר נעמען אַרום דאָס פּאָנעם, ווי אַ ראָם, ווײַזט אויס, אַז אף דער פּלייצע לאָזט זיך אַראָפּ אַ דיקער צאָפּ. דאָס קאָפּטעלע איז פון ווײַסן באַטיסט און פאַרשפּיליעט מיט אַ סאַך קנעפּעלעך ביז צום האַלדז; דורך די שמאָלע אַרבל מיט די הויכע מאַנזשעטן זעט מען גוט אירע דינע געטאָקטע הענט. יאָ, די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע איז מיר גוט באַקאַנט. אָבער די צווייטע, וואָס ליגט דערנעבן אונטערן גלאָז, זע איך צום ערשטן מאָל. מיט וועמען שטייט זי עס געאַרעמט, מירעלע? דאָס איז דאָך שיקע, שיקע שפּילבערג, שיקע מיט די ציגײַנערשע אויגן.

איך געדענק ניט, אַז עמעצער פון אונדזער מישפּאָכע זאָל האָבן ווען־ניט־איז דערמאָנט וועגן דעם, אַז מירעלע האָט זיך אַמאָל פאָטאָגראַפירט מיט שיקע שפּילבערג.

— נאָר איך מיט בראָכען האָבן געוווסט, אַז מירעלע האָט זיך פאָטאָגראַפירט מיט שיקען, — האָט די אַלטע אַ כיטרע ווונק געטאָן מיט דעם לינקן אויג, — ניט דער טאַטע דײַנער, ניט די מאַמע האָבן עס ניט געטאָרט וויסן. און וויפל זײַנען מיר זיך אָנגעלאָפן צו עפּלבאַומען, צום פאָטאָגראַף? ער האָט נאָר געוואָלט אַרויסשטעלן דאָס פּאָרל אין זײַן וויטרינע. מיר האָבן אים קוים אײַנגערעדט. שיקע האָט געזאָגט, אַז אויב עפּלבאַום וועט עס טאָן, וועט ער אויסזעצן די שויבן פון אַלע זײַנע וויטרינעס.

יאָ, כ׳האָב דאָ אַ סאַך געקענט. אָט איז זי, לייקע, מירלס כאַווערטע. איך קוק זיך אײַן אין דעם שיינעם געזיכט פון דעם בלאָנדן מיידל, און פאַר די אויגן שטייט מיר אוף יוינע דעם בלעכערס גרין הייפל, וואָס געפינט זיך פונקט אנטקעגן אונדז. דורך דעם פענצטער זע איך אַלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר. אָט שטייען אונטער די גערדיכטע צווײַגן צוויי לײַוונטענע בעטלעך, וווביידע שוועסטער שלאָפן דעם גאַנצן זומער... איך הייב אוף די אויגן און טו אַ קוק אף ליזע יאַנאָווּנע.

— יאָ, — שאָקלט זי מיטן קאָפּ, — דאָס בין איך, אוורעמפּל. און אָט דאָס, — ווײַזט מיר ליזע יאַנאָווּנע אף אַ שלאַנקן ברונעט, — אָט דער איז יאַנקל קריזשאַק, צוליב אים איז מירעלע אַזוי יונג געגאַנגען פון דער וועלט.

יאַנקעלע קריזשאַק! איך געדענק אים! אוודע געדענק איך אים, אַקוראַט, ווי איך וואָלט זיך ערשט נעכטן געהאַט מיט אים געשיידט. אַך, האָב איך אים ליב געהאַט! די שטיוועלעך, וואָס ער האָט מיר געבראַכט פון טשודנאָוו, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. שטיוועלעך פון עמעסן כראָם, אופגעבנייט פונקט אף מײַן מאָס, זיי האָבן געגלאַנצט, ווי אַ שפּיגל...

— כ׳וועל אומבאַדינגט מאַכן אַ קאָפּיע פון דער דאָזיקער פאָטאָגראַפיע.

ווען איך זאָג דאָס ליזע יאַנאָווונען, גיסן זיך אַן אירע אויגן מיט קאַס.

— דאַרפסט אים נייטיק האָבן?!

— און איר?

— דאָס איז פון שיקעס אַלבאָם...

צי איז ליזע יאַנאָוונע געשלאָפן די דאָזיקע נאַכט, ווייס איך ניט. נאָר איך האָב שוין אַנשלאָפן ווערן ניט געקאָנט. מײַן רײַזע קיין לענינגראַד האָט מיך שוין דאָס וויפלטע מאָל, אַף פאַרשיידענע אויפנים, אָוועקגעפירט צום גנילאַפּיאַט.

אין אונדזערע צוויי קליינע ביידערלעך איז געווען מוירעדיק ענג. די פּעק מיט גימנאַ־סטיאָרקעס זײַנען געלעגן אַף די בעטן, אונטער די בעטן, מיר זײַנען געשלאָפן אַף די פּעק, געשפּרונגען איבער זיי. מיר זײַנען שוין אָבער צוגעווינט געווען דערצו, און קיינער וואָלט זיך ניט ארומגעקוקט אַף דעם, ווען ניט מירעלעס נײַע באַשטעלערנס. באַזונדערס האָט אַף דער מאַמען זיך אָנגעזעצט עסטער פײַן מיט אירע צוויי טעכטער ליובאַטשקע און גיטקע. זיי האָבן פאַרוואָרפן מירעלען מיט אַרבעט.

— ווּהין טוען זיי עס אַהין אַזויפיל קליידער? — פלעגט די מאַמע זיך כידעשן.

עסטער פײַן איז דאַפקע געווען אַן אויסגעדאַרטע, אַ קליינינקע, מיט אַ שוואַרצער אָפּ־געסמאַליעטער הויט, נאָר ווען זי פלעגט זיך אַרײַנשטעלן אין שטוב, איז מיטאַמאָל ענג גע־וואָרן. אירע ברייטע, לאַנגע קלײדער האָבן זיך פאַרטשעפּעט פאַר די בענקלעך, פאַר דעם טיש, פאַר די פּעק. די שטוב פלעגט מיטאַמאָל פול ווערן מיט עסטער פײַן — מיט אירע רייכעס, מיט אירע קליידער און מיט אירע רייד.

— ניין, מירעלע, אַזוי טויג ניט! מיילע איך מיט מײַנע קינדער זײַנען שוין צוגעווינט. אָבער איך זאָל דיר אַרײַנברענגען אַ נײַע באַשטעלערן אין אַזאַ ענגשאַפט, — מע זאָל מיך אפילע אָפּגילטן! ס׳פעלט מיר נאָך אַרײַנפאַלן אין די מײַלער פון אונדזערע רעכילעסניצעס. מע פלוידערט שוין אַזוי אויך, אַז מיר האָבן זיך איבערגעפּעקלט פון דער ווערביצקע צו עפּעס אַ נייטערן אַף די פּיסקעס צוליב קאַרגשאַפט.

בא עסטער פײַן האָט זיך אַף קיין מינוט ניט פאַרמאַכט דאָס מויל. מיך מיט דאָווידלען פלעגט זי אָנעמען פאַר די אַקסל, צופירן צו דער טיר און אַרויסשטעלן פון יענער זײַט שוועל.

— גייט, גייט, אַן אײַך וועט מען זיך דאָ אויך באַדרייען.

פון דער מינוט, ווען עסטער פײַן פלעגט זיך באַווײַזן בא אונדז אין שטוב, פלעגט זי דאָ ווערן די גאַנצע באַלעבאָסטע. זי האָט געגעבן אייצעס, וויאַזוי איבערצושטעלן דאָס מעבל, ס׳זאָל ווערן אַ ביסל גערױמער, און אַליין טאַקע געהאָלפן שלעפּן די מאַשינעס, די בעטן און די פּעק. זי האָט זיך לאַנג געסוידעט מיט דער מאַמען, געקושט מירעלען און זי געדריקט צום האַרצן. די מאַמע אָבער האָט, ווײַזט אויס, זי ניט ליב געהאַט און איר ניט געגלייבט. „זי האָט בייזע אויגן“, — פלעגט די מאַמע זאָגן.

גיטקע פײַן, עסטערס ייִנגערע טאָכטער, וואָס פלעגט זיך אָפּט אַליין אַרײַנכאַפּן צו מי־רעלען, האָט אויך ניט שטאַרק געהאַלטן פון איר מאַמע. גיטקע פלעגט בישטיקע עפּעס אַרײַנ־ברענגען מירעלען — אַ שטיקל זײַדנס, אַ קנײַלעכל האַפּט, אַ בינטעלע סטענגעס, עס איבער־געבן דער שוועסטער און פאַרזאָגן, אַז איר מאַמע טאָר ניט וויסן דערפון.

— קענסט דאָך מײַן מאַמע, זי איז קאַרג, ווי אַ דאָרן!

איינמאָל, ס׳איז געווען פרילינג־צײַט, איז עסטער פײַן געקומען אַ פאַרפאַליעטע אַף אַ דראָשקע, אַרײַנגעשפּרונגען אין שטוב און באַפוילן מירעלען און דער מאַמען, זיי זאָלן פאָרן מיט איר:

— קומט, אָן איבעריקע רייד. איר וועט שוין אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ דירע כ׳האָב אײַך אָפּגעדונגען.

אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען מיר מיט האַק־און־פּאַק אַריבערגעפאָרן אַף קליין־זשיטאָ־מירער גאַס, צו הירש דעמב אין הויף אַרײַן. און נאָך אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט עסטער פײַן אַראָפּגעבראַכט צו אונדז אין דער נײַער דירע איר קאָרעוו פון טשודנאָוו יאַנקל קריזשאַק.

איך מיט דאָווידן האָבן אים גלײַך ליב באַקומען. צום אַלעם ערשט האָט ער מיט אונדז אויסגעסטרויעט פון פּאַפּיר און דראַנעצקעלעך אַזאַ גרויסן שלאַנג, וואָס האָט זיך קוים אויס־געלייגט אַף דעם קיך־דיל. ער איז מיט אונדז אַוועק אַף דער לעוואַדע און אַרופגעלאָזט די ראַציע ביז צום הימל, דערנאָך האָט ער מיט אונדז צוזאַמען זיך געבאָדן אין דעם אײַז־קאַלטן וואַסער פונעם גנילאַפּיאַט, ער האָט אונדז נאָר פאַרזאָגט, מיר זאָלן וועגן דעם ניט דערציילן מירעלען און דער מאַמען.

דער מאמען איז ער אויך געפעלן געוואָרן דערמיט, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן פראָסט און היימיש, ווי ער וואָלט אויסגעוואַקסן מיט אונדז צוזאַמען, און אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אָפּגעשפּעט פון זײַן טײַערער מומישע עסטער פײַן.

שפּעטער מיט א פּאָר וואָכן איז יאַנקל געקומען פון טשודנאָוו מיט זײַן טאַטן. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך דרײַ גרויסע טשעמאָדאַנעס, אָנגעפּאַקט מיט מאַטאָנעס, פאַר מירעלען, פאַר דעם טאַטן מיט דער מאַמען און פאַר אַלע קינדער. מיר האָט דעמאָלט יאַנקל אַליין אַרופגעצויגן אַף די פיס די נײַע כראָמעווע שטיוועלעך, וואָס האָבן געגלאַנצט, ווי א שפּיגל.

אינגיכן האָט מען געשריבן תּנאָים, און מירעלע מיט יאַנקלען זײַנען געוואָרן כאָסן־קאַלע. מ׳האָט אָפּגעמאַכט, אַז נאָך יאָמים־נוראָים וועט מען שטעלן א כופּע. נאָר קיין כופּע האָט מען ניט געשטעלט. יאָמקיפּער, ווען אַלע האָבן זיך אומגעקערט פון שול, איז מירעלע געלעגן אַף דער קאַנאַפּע א טויטע. אין יענער נאַכט איז די מאַמע גראָוו געוואָרן. זי האָט ניט אופגעהערט צו טײַנען, אַז זי, נאָר זי איז שולדיק אין מירעלעס טויט. ענע און כאַנע האָבן מוירע געהאַט, אַז די מאַמע זאָל זיך ניט רירן פונעם זינען, דעריבער האָבן זיי גלײַך איר נאָכגעגעבן, און מיר האָבן צוריק זיך איבערגעקליבן אַף די פּיסקעס, טאַקע אין דער זעלבער דירע, ווו מיר האָבן געוווינט, בא מייער גענדזער אין געהײַ.

אין לענינגראַד ווערט שפּעט ליכטיק. אין די פענצטער האָט נאָך אַרײַנגעקוקט א שוואַרצער הימל, נאָר ס׳איז שוין געווען שפּעט, ווען איך בין אַנשלאָפן געוואָרן. אַרום עלף אַזייגער האָט ליִע יאַנאָוונע מיך אופגעוועקט. איך האָב זי באַגעגנט מיט א פראַגע, וואָס האָט זיך די גאַנצע צײַט געדרייט בא מיר אין קאָפּ:

— ווען האָט אײַער שיקע זיך אומגעקערט פון סיביר?

ליִע יאַנאָוונע האָט גלײַך געענטפערט, פּונקט ווי זי וואָלט געוווּסט, וואָס איך וועל זי פרעגן:

— סאָף זומער האָט שיקעלע זיך אומגעקערט.

אין זיבעצעטן יאָר, — זי האָט א מינוט געשוויגן און דערנאָך פאָרגעזעצט, — ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מירעלע איז א קאַלע געוואָרן, איז ער אוועק פון שטאָט, נאָר אַף איר לעווײַע איז ער געווען. ער האָט דעמאָלט געוויינט, ווי א קליין קינד, און אַלץ געשריִען, אַז שולדיק איז ער, נאָר ער.

אין פופציק יאָר אַרום האָט דאָס פאַרפלאָנטערטע קנײַלעכל זיך אויסגעפּלאָנטערט... איך האָב געקוקט אַף דער אַלטער פרוי און געטראַכט: נו, און דײַן קנײַלעכל וועט זיך אַמאָל צעפּלאָנטערן?

— ניין, — האָב איך איר געזאָגט, — צו נינע גאָרשינא דאַרף מען הײַנט ניט קלינגען. אַן אַנדערס מאָל. עפּעס בין איך מיד. מע דאַרף זיך קלײַבן אַהיים.

שלוימע רויטמאַן

צוויי לידער — מײַסעלעך

אפסנײַ־געבוירן מײַסעלע

וואָס־וואָס, נאָר א מײַסעלע
ווערט דעם אוילעם נישט נימעס צו הערן,
ווער־ווער, נאָר דאָס אלטיטשקע מײַסעלע
קאָן אוואדע דאָך יוגנטלעך ווערן.

און מע דארף צוליב דעם נאָר מײַן דאָרעם,
ווען די אווגוסט־נעכט ווערן לינדער
און נעמען ארײַן אײַך אין אָרעם
און ריידן אײַך אײַן, ווי קינדער,

אז איר זענט אויך זייערע שטערנדלעך,
זייער ווינטעלע, וואָס דערקויבערט,
אײַערע הערצער — זייערע קערנדלעך,
און פונדאנען וואקסט ער, דער צויבער.

וואָס־וואָס, נאָר א מײַסעלע
ליב האָט דער אוילעם צו הערן,
ווער־ווער, נאָר דאָס אלטיטשקע מײַסעלע
קאָן אוואדע דאָך יוגנטלעך ווערן.

און מע דארף צוליב דעם נאָר מײַן שטעטעלע
און א רעדעלע — גלידער אין גלידער —
קינדער — אליין ווי די שרעטעלעך,
ווײַבער — אליין, ווי די לידער,

מענער — אליין שוין געשיכטעס, —
און אינמיטן רעב מענדל זאָל זיצן
און פון ווערטער אזוי אומגעריכטע
זײַן מײַסעלע מאָלן און שניצן,

אז אין טאם זאָל עס אייביק אײַך ליגן
מיט זײַן קאָל, מיט זײַן נוסעך און ניגן
און מיט אים, מיט זײַן שטילן זיך וויגן,
ווײַל מער פון גערעדט איז געשוויגן,

ווײַל מענדל רײַסט שטענדיק דאָך איבער
באם סאמע שפּיץ די לעגענדע,
ער זאָגט, אז די וועלט איז אים ליבער,
ווען ס'האָט ניט די מײַסע קיין ענדע.

— די געשיכטע פון אונדזער מײַסע, —
הייבט ער אָן, — איז אזא מין מײַסע,
ניט אזוי די ציג איז א ווײַסע,
ווי די טײַערע וועלט איז א ווײַסע...

„ס'האָט אמאָל א יונגערמאן פארמאָגט א גאָרטן,
ניט קיין גאָרטן, נאָר אן אויצער א געהיימער,
און געלעגן נישט אין היילן איז ער דאָרטן,
נאָר געהאנגען איז דער אויצער אף די ביימער.

וואקסן דאָרט נאָר עפּל דרײַ, און מער — קיין פּיירע,
איז אין זיי אָבער א וועלט מיט גליק פארבאָרגן,
הײַנט טאָ וואָס זשע וואָלט דעם יונג געפעלט נאָך מערער,
פעלט אים טאקע, מײַנע פרײַנט, א וועלט מיט זאָרגן.

ווען די עפּל ווערן פארטיק, ווייסט ניט קיינער,
כוץ דעם ריז, וואָס אײַלט צו זיי זיך נישט פארזאמען,
צוועלף שלאנגען־קעפּ ער האָט, — געענוג איז איינער,
אז ער זאָל מיט אים דעם זאפט אין זיי פארסאמען.

און דעם ריז איז פון דער נאכט ניט אָפּצוטיילן,
און דער ריז איז טונקל־בלוי, די אויגן — בלענדיק,
און ס׳ווייסט דער יונג, אויב וועסט איין עפּל ניט דערציילן,
דאַן קײַקלט זיך פון דיר דײַן גליק אוועק אַף שטענדיק.

דער ערשטער עפּל האָט אַזוינס, — איז דאַרפט איר וויסן,
אַז אויך אַ צײַטיקער פאַרהיט ער זײַנע צוויטן,
און ווער די זכיה האָט פון אים נאָר צו געניסן,
דער קאָן זײַן יוגנט פון דער וועלקעניש פאַרהיטן.

נאָר ווי דער באָכער האָט געפּרוווט זײַן אויג פאַרשליסן,
האָט מיט דעם עפּל שוין דער ריז געשוועבט אין בלויען,
און ווען דער באָכער האָט פון שלאָף זיך אויפגעריסן,
איז האָט ער דעמלט זיך דערזען שוין גאָר אַ גרויען.

דער צווייטער עפּל — גאָר אַ פּראַכט, נאָר צום באַשרײַבן,
אַף ביידע בעקלעך, נו, מאַמעש גאָלדיק־איידל —
ווי זאָל איך זאָגן אײַך, קעדיי ניט איבערטרײַבן, —
מע זעט, ס׳גיסט זיך אָן דאָס פּאָנעם פון אַ מיידל.

און ווען די פרוכט שוין ווערט, לעמאַזל, פּאָלנע פאַרטיק,
איז דאַרף מען לאַנג אין איר זיך שפּיגלען, נאָר ניט עסן,
און דעמלט גייט פון איר אַרויס אַזוי גרויסאַרטיק
מיט אַלע דופטן אײַער ליבע — די פּרינצעסן.

נאָר אײַנגעדרעמלט האָט דער יונג, ס׳זאָל גאָרניט טרעפן,
און אויסגעכאַפּט האָט זי דער ריז פאַר זיך אַ קאָרבן,
און ווען דער באָכער האָט די אויגן אויפגעעפנט,
האָט ער דערזען, אַז זײַן געליבטע איז געשטאָרבן.

אָ, זייער פּראָסט, ווי אַלע עפּל, איז דער דריטער,
איז רונד ווי אַלע און ווי אַלע זיס, צי ווײַניק,
אויך די קערנדלעך אין אים, זיי זײַנען ביטער,
נאָר פון זיי טאַקע סע גייט דער גאַנצער טײַנעג.

און נאָר פון זיי איז דאָך דער עפּל אַזאַ רונדער,
אַז ס׳זאָל דער אָנהייב מיטן סאָף אין אים זיך וועבן,
און ווער סע פּרווט פון אים, טאָ וואָס איז דען דער וווּנדער,
וואָס אייביק רינט אין זײַנע אָדערן דאָס לעבן.

נאָר ווי דער ריז הייבט אָן די קערנדלעך צו פּיקן,
דאַן טוען אָפּ זיך פון דײַן פּאָנעם אַלע פאַרבן,
די בלוטן טריקענען, דער אָטעם נעמט זיך שטיקן,
און ווי די צווײַגן, אינעם מענטש די איוורים שטאַרבן...״

און דאָ האָט שווײַגעניש שוין מענדל אײַנגענומען,
כאָטש ס׳בעט דער אוילעם זיך: „נו, צי ניט די נעשאָמע״,
נאָר ס׳האָט אַ הילך געטאָן זײַן ווײַבל: „ווענמען־ווענמען,
נאָר דיך, מײַן אויצער, מעג שוין נעמען די אַדאָמע.

וואָס קאָן נאָך טרעפן, אַז ס׳האָט אַלץ זיך שוין געטראָפן, —
האָט זי מיט הארץ אָן אויפגעבראַכטע צוגעגעבן, —
אויב ס׳האָט דער באָכער אויך זײַן ליבע שוין פאַרשלאָפן,
נו, הײַנט צו וואָס זשע, פרעג איך, טויג אים נאָך זײַן לעבן?..״

...מע מאַכט שוין נאַכט. ס׳איז נאָר איין ייִנגל פול מיט זאָרגן,
ער דרייט אין בעטל זיך און בויערט זיך דאָס קעפּל,
ער וועט אַזוי שוין בלײַבן וואַך ביז דעם פרימאָרגן,
קעדיי ער זאָל שוין ניט פאַרשלאָפן יענע עפּל...

וואָס־וואָס, נאָר א מײַסעלע
ליב איז דעם אוילעם צו הערן,
ווער־ווער, נאָר דאָס אלטיטשקע מײַסעלע
קאָן אוואדע דאָך יוגנטלעך ווערן,

ווײַל די מײַסע פון דער מײַסע
איז דאָך, פרײַנט, אזא מין מײַסע,
ניט אזוי די ציג איז א ווײַסע,
ווי די טײַערע וועלט איז א ווײַסע.

מײַן טאטנס ליב מײַסעלע

ס׳טוט דער טאטע ווי זײַן שטייגער זיך א הוידע,
ווי ער וואָלט איצט זײַן נעשאָמע טיף צעוויגן,
און ווען די אויגן האָבן זיך שוין דורכגעסוידעט,
הייבט ער אָן ערשט דאן דערציילן מיט א ניגן:

— „ס׳האָט געלעבט אמאָל א טײַערע פרינצעסן,
גיט זי נאָר א קוק אָף דיר, נו, אויגנבליקלעך,
איז גענוג, זאָלסט אלע וויטעקן פארגעסן,
איז גענוג, זאָלסט ווערן יונג און שיין און גליקלעך.

איז פארקאָכט אין איר דער אוילעם און דער קעניג,
וויל מען, ס׳זאָלן די כאכאָמים אייצעס געבן,
ווי צו מאכן איר די יאָרן אונטערטעניק,
וויאזוי צו שענקען איר דאָס אייביק לעבן.

קומט דער ענטפער: — אז עס זאָל אָף אירע הויטן
די שווארצכיינעוודיקע זוניקײַט ניט שטארבן,
דארף אליין די מאלקע אייביק זייען ברויטן,
דארף אליין די מאלקע אייביק בינדן גארבן,

אז איר שיינקײַט זאָל די עלטער ניט פארשוועכן,
דארף זי שטענדיק אָף די גאסן פלאנצן קווייטן,
אז איר יוגנט־שטאלט עס זאָל זיך ניט צעברעכן,
זאָל די מאלקע וואסער טראָגן פאר די בייטן.

און, דעריקער, — ס׳זאָל דער טויט זי ניט דעריאָגן,
ווי דאָס גייענדיקע וואסער דארף זי ווערן,
ווי די ווינטעלעך, איר אָטעם דארף זיך טראָגן,
יאָ, דעריקער, גיין און גיין ניט אופצוהערן, —

איז דאָס לעצטע גאָר דעם אוילעם ניט געפעלן,
סטײַטש, זי איז דאָך אויך ניט מער ווי א בען־אָדעם,
ס׳מוז א מענטש דאָך האָבן רעכט זיך אָפצושטעלן,
ס׳מוז א פרוי כאָטש איבערטאָן זיך אירע בגאָדים.

און אז ס׳גייט א רייד פון גיין, וואָס איז אווודע
אויך א רייד פון פיס און שיך, פון מאָס און מוסטער
און אויך פון לאנגע ווײַטע וועגן נאוועגאדע,
איז ווענדעט מען זיך, רייזיס־כאָכמע, צו א שוסטער.

מאכט ער: „ווער עס וויל די טײַערע דערפרייען,
ווער עס קען נעשאָמעדיק די מאלקע ליבן,
דער אָט ווייסט, מע דארף איר שיך אזעלכע נייען,
וואָס זיי ווערן קיינמאָל דאָ ניט אויסגעריבן.

ס'זײַנען דאָ דרײַ שעפעלעך אַף וועלט דער גאָרער —
פעל און קאָפּיטקעס פון גאָלד — א פארגעניגן,
און די הערנער פון לעוואָנע זײַנען קלאָרער,
מוז מען כאָטש איין שעפעלע אזא מין קריגן.

וועלן מיר פון פעלעכל איר שיכלעך מאכן,
און אָפּצאסן — פון די קאָפּיטקעס, און קנעפּ — פון הערנער,
קנעפּ — דאָס איז דאָך אויך ניט פון די לעצטע זאכן,
קראפּט זיי וועלן געבן איר ווי גוטע קערנער".

נאָר ווען געבראכט מע האָט יענץ פעלעכל צו פירן,
האָט ער געזאָגט: „מע קען די שיכעלעך ניט נייען
פון שאָף געקוילעטער, דער מאלקעס בלוט וועט פרירן,
און איר נעשאָמע וועט זיך אופהערן צו פרייען".

נאָר מאכן, מאכט ער, ווײַל דער קעניג האָט באפוילן.
ווי נאָר זי טוט זיי אָן, איז נעמט זי עפּעס הערן,
סע קרעכצט דאָס שעפעלע ארויס ווי פון די זוילן,
און אָנגעהויבן האָט די מאלקע גרוי צו ווערן.

איז דעם קעניג דאן געוואָרן גאָר ניט פריילעך,
מאכט דאָס סאנדלערל צו אים דאן קעהײַ לישנאָ:
„די מעלאָכע מ'לוכע איז, אדוינֵי מיילעך,
ס'איז זיך אייצען מיט א שוסטער אויך ניע לישני,

הער! דאָס מעסער טאָר דאָס שעפעלע ניט שרעקן,
און דאָס פעלעכל, געדענק, איז זייער נייטיק,
ס'זאָל קיין טראָפּן בלוט, כאָלילע, עס ניט פלעקן
און מע טאָר דאָס ניט באקומען דורך ווייטעק.

לאָזט אין הארבסט זיך צו דעם שעפעלע דעם צווייטן,
ווען די כײַעלעך אין וואלד שוין נעמען לינען,
ווען סע שיטן זיך שוין בלעטלעך אָפּ פון קווייטן,
טוט עס אויס אליין זײַן פעלעכל, ווי גינען,

דעמלט וועלן מיר אין שיכלעך זי פארפּוצן,
שפּיליעסט צו, איז העלפן זיי איר אלץ דאן טוען,
נאָר דאָס אופשפּיליען וועט אויך איר ברענגען נוצן —
כאָטש זי שפּאנט, נאָר אירע פיסעלעך דאן רוען".

אלץ גייט וויל, נאָר מ'האָט די הערנערלעך פארגעסן,
און די קנעפּעלעך, זיי זײַנען שוין ניט יענע,
און אז אָנגעטאָן די שיכעלעך האָט די פּרינצעסן,
לאָזן זיי ניט רוען זי ווי גלײַך אין גענעם.

ערשט פון דער דריטער שאָף איז אלץ אוועק קעשורע,
און אז די מאלקע קוקט אַף אײַך, נו, אויגנבליקלעך,
איז דוכט ערשט איצט, אז זי איז פול מיט מילדער גוורע
און זי מאכט אזוי אײַך יונג און שיין און גליקלעך.

איז א סימכע, און דער אוילעם טאנצט אַף גאסן,
נאָר דאָס שוסטערל זיך הוידעט אָנגעבויגן,
קוקט עפּעס אזוי פארקלערט אַף די אָפּצאסן,
און א בענקעניש זיך בלויט אין זײַנע אויגן.

די פּרינצעסן, זאָגט ער, וועט ער אייביק ליבן,
נאָר אז שיכעלעך, וואָס זײַנען ריין ווי גינען,
ניט ווערן זאָלן דאָ, כאָלילע, אויסגעריבן,
מע דארף א וועג א גאָלדענעם דאָך ערשט געפינען.

לייזער קאצאָוויטש

לייזער קאצאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין מינסק דעם 5 אָקטיאבער 1903, געשטאָרבן אין מאָסקווע דעם 13 יון 1953. דעביוטירט האָט ער אין 1926 מיט א זאמלונג דערציילונגען פאר קינדער „קיווע דער ליגנער".

פאר די יאָרן פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט האָט לייזער קאצאָוויטש ארויסגעלאָזט א ריי ביכער: „אין יענע טעג", „קורץ און שארף", „די מישפּאָכע", „צוריק צום לעבן", „רויטער פאקעל" און אנדערע.

די ליטעראטן פון מינסק, ווו קאצאָוויטש האָט געלעבט און געארבעט פיל יאָרן, האָבן אים שטארק ליב געהאט פאר זײַן כאַווערישקײַט, פּאָשעטקײַט, הארציקײַט און שארפזין. דערמיט דערקלערט זיך טאקע, וואָס ער איז געווען נאָענט באפרײַנדעט מיט אלע שרײַבער — מיט די ייִדישע און ווײַסרוסישע.

מיר איז אָפט אויסגעקומען ארויסטרעטן מיט לייזער קאצאָוויטשן אף ליטערארישע אָוונטן אין ווײַסרוסישן אוניווערסיטעט, אין פאבריקן, זאוואָדן. אומעטום האָט דער צושויער מיט באגײַסטערונג אופגענומען זײַנע מעשאָלים, זײַנע פריילעכע און טרעפלעכע פאראָדיעס און שארזשן.

צו פרי איז לייזער קאצאָוויטש געשטאָרבן, פיל פון זײַנע ליטערארישע פּלענער האָט ער ניט באוויזן רעא־ליזירן, אָבער ביז איצט איז נאָך ניט פארעפנטלעכט אלץ, וואָס דער שרײַבער האָט געשאפן.

אָט ליגט פאר מיר קאצאָוויטשעס א באנד מעשאָלים. איך בלעטער דעם מאנוסקריפּט, און פאר מײַנע אויגן שטייט אוף א שרײַבער, וואָס האָט געלעבט מיט די אינטערעסן פון זײַן צײַט. ער האָט ניט געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק צו דעם גוטן און צום שלעכטן. אלץ איז אים אָנגעגאנגען, פאר אלץ האָט ער געווייטעקט.

אינעם הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" ווערן פארעפנטלעכט לייזער קאצאָוויטשעס אייניקע מעשאָלים.

מאָטל גרוביאן

דער רעטעך און די באר

אומגעריכט און שטיל
האָט זיך אין קיך אפן דיל
א באר פארקײַקלט צו א רעטעך.
„אנטשולדיקט מיר, איך בעט אײַך! —
האָט זיך פארנייגט די באר. —
איך האָב ניט ווילנדיק געגעבן זיך א שאר
און בין פון טיש אראָפּגעפאלן.
פארפאלן!
מיסטאמע איז מיר אויך באשערט
צו ליגן אף דער ערד".
„האיטאָכן? —
האָט זיך פארקרימט דער רעטעך. —
ס'געפעלט דיר ניט דער שאָכן?
צי ס'איז דיר ווייניק שעטעך?
צי עפשער גאָר,
צו אלדי שווארצע יאָר,
דיר ווילט זיך פון מיר שפּאָטן?
דו — נאר!
דו — נאר!
כ'קען דיך! ביסט איידל דאָך געקנאָטן!
מיינסט, אז דו ביסט ציכטיקער,
ביסטו שוין וויכטיקער?
גוילעם דו! כאָטש איך בין קויטיק —
בין איך, ווי דו, נאָך אזוי נויטיק!
ווײַל, ערשטנס, ווייסן אלע, אז איך בין ניט טײַער.
מע קויפט מיך פאר א דרײַער.
און, צווייטנס, זאָג אליין, פארשטאָפּטער מויעך,
וואָס איז ווערט מײַן רייעך?
דיך פילט מען דאָך נאָר דאן, בעשאס מע עסט.
מע עסט דיך אוף — און מע פארגעסט.
און איך אָבער — איך לאָז זיך לאנג נאָך פילן!"
„אום גאָטעס ווילן! —
האָט די באר געגעבן אזש א ציטער. —
איר שמעקט, און איר זײַט צוגעפוילט, און ביטער.
נאָר אָך און ווי אײַך, ליבער,
מיט וואָס איר נעמט זיך איבער".

דאָס ליכט

א כיילעוו־ליכטל ברענט
און העל באלויכט די שאָטנדיקע ווענט.
נאָר ס'גיסט דער כיילעוו הייסע טרערן,
טײַנעדיק צום קנויט:
„דו זע נאָר, זע! דו שינדסט דאָך מיר מײַן הויט!

באַלד וועט פון מיר שוין גאָרנישט ווערן.
דו פלאַקער ניט אַזוי, איך בעט דיך, ברען ניט!״
„אַ, ניין! איך קען ניט!״ —
אים ענטפערט אָפּ דער קנויט. —
„אָן פײַער בין איך טויט.
און אַז איך ברען, איז ליכטיק אומעטום.
מיר טיילן דאָך מיט דיר דעם רום —
מיט דיר צוזאַמען
מיר טראָגן דאָך דעם נאָמען „ליכט״.
איז אונדזער פליכט
וואָס ליכטיקער, וואָס העלער פלאַמען״.

„איך צאַנק! — האָט זיך צעטריפט דער
כײַלעוו. — כ׳צאַנק!״
„און מיר, דו מיינסט, עס טוט ניט
באַנק? —
צעפלאַמט האָט זיך דער קנויט נאָך רויטער
און זיך אַ צי געטאָן אַרויף. —
אויב שטאַרבן אָבער, איז מיט דעם
געדאַנק,
אַז כ׳האָב געלעבט ניט ווי אַ טויטער —
און אויסגעפילט כ׳האָב מײַן באַרוף!״

די פעלדער און דער רעגן

עס זײַנען פעלדער צוויי געלעגן
פון ביידע זײַטן שליאַך
און האָבן דורכגעוועדטלט זיך אָף זייער שפּראַך.
„מיר דאַרפן ניט קיין רעגן!״, —
האָט אָפּגערופן זיך דאָס פעלד, וואָס איז געווען ניט פאַרזייט.
דערווידערט האָט דאָס פעלד דאָס צווייטע,
דאָס פאַרזייטע:
„אַדרעבע, זאָל דער רעגן גיין געזונטערהייט!
פאַרקערט גאָר — וואָס דער רעגן וועט זײַן גרעסער,
וועט זײַן פאַר אונדז געזינטער, בעסער!״
„ניין! ניין! — געטײַנעט האָט דאָס ניט פאַרזייטע. — איך בין קעגן!
איך וויל ניט, אַז דער רעגן
זאָל מיך פּאַסעווען און שנײַדן״.
„עט, — געשמייכלט האָט דאָס צווייטע. — ס׳איז נאָך צו דערלײַדן״.
און טאַקע באַלד האָט אין דער הויך
אַ גרויסער וואָלקן, ווי אַ רויך,
דעם הימל אײַנגעהילט.
און ס׳האָט דער הימל זיך צעבליצט, צעשפּילט,
און ס׳האָט אַ גאַס געטאָן אַ רעגן אָף די וועלדער,
אָף די פעלדער.
דאָס פעלד, וואָס איז געווען פאַרזייט,
האָט זיך דערפרייט,
עס האָט דערפילט, ווי ס׳רײַפט, ווי ס׳וואַקסט אין דעם און קוועלט
אַ ליכטיקע, אַ גרויסע וועלט.
נאָר בא דעם צווייטן פעלד, וואָס, ווי געזאָגט,
קיין קערנדל אין זיך האָט ניט פאַרמאָגט
און ס׳איז געווען קעגן הימל אופגערעגט, —
האָט אונדזער רעגן אופגעדעקט
אַ בלאָטע
און שליכאָטע.

דאָס צינגל צווישן וואָגשאָלן

צווישן וואָגשאָלן דאָס צינגל וויגט זיך הין און הער.
באַמערקן עס איז אָפּטמאָל שווער,
דאָס צינגעלע, וואָס וויגט זיך אום פּאַוואָליע,
וואָס שפּילט זיך, קלוימערשט, זײַן נייטראַלע ראָליע.
עס דאַכט זיך טאָמיד, אַז עס שטרעבט צו זײַן אינמיטן,

קעדיי דאָס גלײַכגעוויכט צו היטן.
נאָר אויב איין וואָגשאָל, לאָמיר זאָגן, גיט זיך נאָר אַ קער,
נעמט דאָס צינגל צו איר קניִען.
און אויב די צווייטע וואָגשאָל לאָדט זיך אָנעט שווער,
דאַרף דאָס צינגל זיך באַמיִען
בייגן זיך אַהער.
אינמיטן בלײַבט עס שטיין, בלויז אַף אַ רעגע קלערן,
וווּהין זאָל עס זיך קערן.

איז מיילע, דאָס איז דאָך אַ טעווע פֿונעם וואָג־צינגל ביכלאַל.
נאָר אויב אַ מענטשל בייגט אַהער־אַהין זײַן רוקן
און שווערט דערבײַ: „איך בין נייטראַל!”,
איז אַ כאַרפּע, זאָג איך אײַך, אַף אים צו קוקן.

די שער

געלעבט האָבן צוויי קלינגלעך פֿון אַ שער —
אין לײדן און אין פֿריידן.
און ס'איז געווען שווער
די פֿרײַנט צעשיידן.
ווײַל זאַלבענאַנד —
די קלינגלעך האָבן ניט געוווּסט פֿון מוירע.
פֿלעגט נאָר אַרײַנקריכן צו זיי אַ שטיק געוואַנט,
אַמאָל אַן אַנדער שטיקל סכוירע —
זיי פֿלעגן עס צעשערן
און גערן
צונויפֿקומען זיך באַלד צוריק.
צוזאַמען — דאָס איז זייער גליק!
ביז איינמאָל האָט צעווישן זיי געטאָן אַ פֿאַל
אַ שטיק פֿאַרזשאַווערט אײַזן.
„ניט שרעקט זיך נאָר, כ'בין אויך מעטאַל! —
האָט ער געזאָגט, — און כ'קאָן דערווײַזן,
אַז איך בין אײַער כאַווער.
איר לאָזט מיך נאָר אַראָפּשאָבן פֿון זיך דעם
זשאַווער”.

און ס'איז דאָס אײַזן באַלד,
מיט גוואַלד,
אַרײַן אינמיטן,
גענומען דרייען זיך און פּראַווען מאָדנע זיטן.
„אוי, ברודערל! מע דאַרף זיך פֿאַר אים היטן! —
איין קלינגל האָט געזאָגט צום צווייטן. —
ניט אַנדערש, אַז ער וויל אונדז בייטן,
מיר זאָלן זיך צעגייען”.
„אַנו, דערלאַנג אים אין די ציין!
בײַס אים!
רײַס אים!
פּלעטן!”
ס'איז אָבער שוין געווען צו שפּעט.
דאָס אײַזן האָט געגעבן זיך אַ קער —
און ס'איז געוואָרן מיטאַמאָל אויס שער.

באַוואָרנט איז מען, ווען מע איז צוזאַמען.
איז היט זיך, ס'זאָל די בייזע שאָ ניט זײַן,
אַ זשאַווערדיקער פֿרײַנטל זאָל, כאָלילע, ניט
אַרײַן —
ער וועט דאָס לעבן אײַך פֿאַרסאַמען.

טריבונע פון לעבן

מייער פּאָלאַנסקי

קינדער פון אָקטיאַבער

דאָס איז געווען זומער 1920. אין מאָסקווע האָבן זיך צונויפגעקליבן אַף זייער ערשטן צוזאַמענפאָר טוער פון דער ייִדישער קולטור.

ווי טאָמיד אַף אַזעלכע באַגעגענישן, זײַנען די ארויסטרעטונגען פון די דעלעגאַטן געווען פול מיט ענטוזיאַזם. צווישן די רעדנער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן שטיל קאָל דער פּעדאַגאָג באָרוך שווארצמאַן, וואָס האָט אין פּאָשעטע ווערטער דערציילט וועגן דעם, ווי עס לעבט און ארבעט די קינדער־קאָלאָניע אין מאַלאַכאָווקע — אין בײַמאָסקווער דאַטשע־ייִשעוו, 27 קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט.

און דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס קיין אָפיציִעלע פּראָגראַם האָט ניט פאָרויסגעזען: דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן איבערצורײַסן די זיצונג און איז אין זײַן גאַנצן באַשטאַנד ארויסגעפאָרן קיין מאַלאַכאָווקע, כּדי אַפן אָרט זיך באַקאַנען מיט דער קאָלאָניע. דאָס, וואָס באָרוך שווארצמאַן האָט דערציילט, איז געווען נײַ און אַקטועל פאַר יענער צײַט, ווען ס׳האָט נאָר וואָס גענומען זיך אויספאָרמירן די מעטאָדיק פון קאָמוניסטישער קינדער־דערציִונג.

אײַנגיכן ווערט מאַלאַכאָווקע אַן אָרט פון אייגנאַרטיקע עולי־רעגלים: עס קומען אַהער פון מאָסקווע און פון דער פּראָווינץ ניט נאָר שול־לערער און דערציִער פון קינדער־אַנשטאַלטן, וועמעס פּראָפעסיאָנעלע פאַרינטערעסירטקײַט איז פאַרשטענדלעך. עס קומען גאַנצע דעלעגאַציעס פון זאַוואָדן, פּויערים פון נאָענטע דערפער; סטודענטן, שרײַבער, אַקטיאָרן. ווײַל דאָס נײַע לעבן,

אין זאַמלען און צוגרייטן דעם מאַטעריאַל וועגן דער מאַלאַכאָווקער ייִדישער קינדער־קאָלאָניע האָבן אָנטייל־גענומען די דערצויגלינגען פון דער קאָלאָניע אַרן אַראָנאָוו, עליע פּלאָטקין און לייב צירלין. די פאָטאָ־בילדער האָט צוגעגרייט עליע פּלאָטקין.

דער רעפּאָרטאַזש „קינדער פון אָקטיאַבער״ איז געשאַפן געוואָרן נאָך אַ באַגעגעניש פון אַ גרופּע געוועזענע קאָלאָניסטן אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד״ אין פעברואַר הײַנטיקס יאָר. דעם רעפּאָרטאַזש האָט איבערגעזעצט פון רוסיש ש. גאָרשמאַן.

דער שטייגער, די זעלבסטפאַרוואַלטונג, די באַלעבאַטישקײַט, די שול פון דער יונגער קאָלאָניע רופן ארויס פאַרוווּנדערונג.

דער געוועזענער קאָלאָניסט איציק באַנק (איצט אַן אַגראָנאָם אין בירָאָבידזשאַן) דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס:

„בא אונדז זײַנען געווען אָפטע געסט שרײַבער און דיכטער: לייב קוויטקאָ, דאָוויד האָפשטיין, דער ניסטער, דאָברושין, ליפע רעזניק. ס׳פלעגט אויך צו אונדז קומען דער קאָמפּאָזיטאָר ס. מילנער, די ארטיסטן פון ייִדישן מעלוכע־טעאַטער — מיכאָעלס, זוסקין, שטיימאַן און גערטנער. זיי פלעגן אונדז צונויפזאַמלען און זינגען מיט אונדז די ליד „לאָמיר, קינדער, גאָר אײַנגאַנצן״, וואָס דער קאָמפּאָזיטאָר יולי ענגעל האָט ספּעציעל געשאַפן פאַר אונדזער קאָלאָניע... באַזונדערס האָט זיך פאַרגעדענקט איינער אַ טאָג אין 1924, ווען צו אונדז איז פון אַמעריקע געקומען דער גרויסער דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דער גרונטלייגער פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע. ער איז געווען ממש אַנציקט, בײַ מיר, דערצויגלינגען פון אַ סאָוועטישן קינדערהיים, געוועזענע פאַרוואָרלאָזטע יעסוימים, האָבן אים באַגעגנט מיט די ווערטער פון זײַן ליד: „הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך, ווי עס רירט זיך איבעראַל״.[1]

וועגן דער מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע האָט דאָס ערשטע מאָל גענוי דערציילט אין זשורנאַל „יונגוואַלד״ (נומ. 5 פאַרן 1924) דער זשורנאַליסט אָסקאַר סטרעליץ, וועלכער האָט באַזוכט די קאָלאָניע אין דער ביטערער צײַט פון הונגער גלײַך נאָכן בירגערקריג, ווען אין מאָסקווע, לויט זײַנע ווערטער, „זײַנען די קראָמען געווען פאַרקלאַפּט און ס׳איז ניט געווען ניט קיין אָנטאָן און ניט קיין שפּײַז, ווען אַף אָנבײַסן און אַף וועטשערע איז געווען נאָר הירזשענע קאַשע״.

ניט קוקנדיק אַף אַלע שוועריקײַטן, גייט דאָס לעבן אין מאַלאַכאָווקע אימפּעטפול:

„...בא אים, באַם הײַנטיקן דעזשורנע, איז קיין ברעקל צײַט ניטאָ, ער איז פאַרבאָדן אין ארבעט. ער דאַרף פאַרקנעטן דאָס ברויט, אָנטראָגן האָלץ, אויסקערן די שטוב, אכטונג געבן, אַז די סאַמע קלייניקע זאָלן צו דער צײַט גיין שלאָפן, נאָכדעם פאַרשרײַבן די געשעענישן פאַרן פאַרגאַנגענעם טאָג, און ערשט דאַן אַליין גיין שלאָפן״.

„אָוונט. מעכטיקע סאָסנעס באַוואַכן דאָס הילצערנע צווייגאָרנדיקע הויז. הײַנט האָט זיך באַוויזן אַ געל קווייטעלע אַף די אוגערקעס, די קרויט־בלעטער פאַרוויקלען זיך אַלץ מער און מער, אַ קלאָרער וועטער״...

ס׳זײַנען אַוועק דרײַ יאָר, סטרעליץ האָט ווידער באַזוכט מאַלאַכאָווקע. ווי פריִער, זײַנען די דוירעסדיקע סאָסנעס געשטאַנען באַם צווייגאָרנדיקן הויז, און, ווי פריִער, האָט דער דעזשורנע אים באַגעגנט אַפן שוועל. נאָר איצט איז דער דעזשורנע שוין געווען וווּקסיקער און ער האָט מעכאַבעד געווען דעם גאַסט ניט מיט הירזשענער קאַשע, נאָר מיט מילכיקער רײַז־קאַשע...

אָסקאַר סטרעליץ לייענט, וואָס דער דעזשורנע האָט פאַר אַ טאָג פאַרשריבן אין טאָגבוך: „איך האָב זיך

[1] דאָ און ווײַטער זײַנען די ציטאַטעס פון ארויסזאָגונגען פון קאָלאָניסטן גענומען פונעם קאָלאָניע־אַרכיוו „קינדער־דערמאָנונגען״.

טוער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט צווישן דערצויגלינגען פון דער קינדער־קאָלאָניע.

אופגעכאַפּט שפּעטלעך, האַלב אַכט. אין דרויסן איז כמורנע, אָבער איך מיין, אַז דער טאָג וועט זיך אויסלײַטערן. איך האָב אופגעוועקט געדאַליען. אָן פינף מינוט אַכט איז ער שוין געווען אין קיך. ער האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. אײַנגעהייצט די פּליטע. די איבעריקע קינדער האָב איך אופגעוועקט אַכט אַזייגער מיט פופצן מינוט. מייער און זאַלמען טראָגן אַרויס די טירן אַפן בוידעם, ווײַל הײַנט עפענען מיר די וועראַנדעס. אין קיך באַקט מען פּירעזשקעס, מע וואַשט איבער הירזש. ראָסיע שנײַדט ברויט און באַשמירט עס מיט פּוטער, ניאָמע גרייט צום טיש, ניוטע קלײַבט צו דאָס שלאָפצימער. אַכט אַזייגער מיט פינף און פערציק מינוט פרישטיקן אַלע. נאָכן פרישטיק נעמט מען זיך צו דער אַרבעט. מייער און זאַלמען האַקן האָלץ, מאָסיע און נאָכעם טראָגן דאָס האָלץ אין קיך, שימען און הינדע ברענגען וואַסער, מוליע, ריווקע, ציפּע און סימע ראַמען די צימערן און די וועראַנדע, ראָסיע קנעט טייג. דער מיטיק איז געווען פאַרטיק צו דער צײַט. אָבער די פּירעזשקעס האָבן זיך באַקומען האַרטע און טרוקענע, אַפּאָנעם דערפאַר, וואָס מע האָט זיי צופיל געוואַלגערט אין מעל. אין אָוונט האָט דער כאַווער ליפּע רעזניק געלייענט זײַנע לידער. ווייל איז דעם, ווער עס איז אַ קאָלאָניסט"...

דער אָנפירער פון דער קאָלאָניע באָרוך שוואַרצמאַן האָט געאַרבעט אַלס פּעדאַגאָג פון 1912 יאָר. דאָס האָט ער אָרגאַניזירט די אַזויגערופענע דעמיִעווקער שול פאַר ייִדישע קינדער אין קיִעוו. אין דער צאַרישער צײַט איז די שול געווען אומלעגאַל. ענלעכע שולן האָט שוואַרצמאַן אָרגאַניזירט אויך אין אַנדערע ייִדישע און אוקראַיִנישע ייִשווים.

גאַנץ אָפט, אין זומערדיקע וואַרעמע נעכט, בא אַ שײַטער, פלעגט כאַווער באָרעך (אין קאָלאָניע איז געווען אָנגענומען צו רופן די פּעדאַגאָגן באַם נאָמען) דערציילן וועגן דער דערציִונג פון קינדער ביז דער רעוואָליוציע:

„די דעמיִעווקער שול האָט עקזיסטירט אַף די מיטלען, וואָס די אַרבעטער פלעגן צונויפקלײַבן. פאַרשטייט זיך, די שול פלעגט מען פאַרפאָלגן, און מיר אַלע האָבן ניט ווינציק איבערגעלעבט. עמעצער פון די שילער פלעגט שטענדיק שטיין אַף דער וואַך. ניט איין מאָל האָט מען אַוועקגעפירט אין דער פּאָליציי אונדזערע לערער, מע האָט אויך ניט געשאַנעוועט די קינדער. נאָר דאָס האָט אונדז ניט אָפּגעשטעלט. מיר האָבן געטאָן אונדזער זאַך. אונדזער שול האָט געקעמפט קעגן רעליגיע, שאָוויניזם און צאַרישער זעלבסטהערשונג. פון אונדזער שול זײַנען אַרויס ניט ווינציק באָלשעוויקעס — אָנטיילנעמער פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע".

אין 1919, נאָך דעם, ווי די רויטע אַרמיי האָט צײַטווײַליק פאַרלאָזט קיִעוו, איז דער פּעדאַגאָג־קאָמוניסט באָרוך שוואַרצמאַן געקומען קיין מאָסקווע. אין קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקס־בילדונג האָט מען אים פאָרגעלייגט פאָרן קיין מאַלאַכאָווקע און זיך באַקאַנען מיט די פינף קליינע זומערדיקע קינדערהיימען, וועלכע די מאָסקווער ייִדישע קעהילע האָט אויסגעהאַלטן. דאָס איז געווען יענע צײַט, בייס אין מאָסקווע, ווי אין אַנדערע שטעט, האָבן אַ סאַך פאַרוואָרלאָזטע קינדער זיך גענייטיקט אין באַלדיקער הילף.

„ווען איך בין געקומען קיין מאלאכאָווקע, — האָט שווארצמאן שפּעטער דערציילט, — האָב איך זיך דורכגעשמועסט מיט די קינדער און באשלאָסן דאָ צו בלײַבן... דערבײַ האָב איך א טראכט געטאָן: יאָ, אונטער די פליגל פון דער ראטנמאכט איז טאקע מעגלעך צו פירן אן עמעסע פּעדאגאָגישע ארבעט...“

אָבער בלויז באגײַסטערונג איז געווען ווייניק. מע האָט באדארפט ווילן, באהאוונטקײַט, אָרגאניזאטאָרישע פייִקײַטן, ווײַל פון די ערשטע טריט אָן האָט זיך באָרוך שווארצמאן באגעגנט מיט גרויסע שוועריקײַטן.

„וואָס האָב איך געפונען אין מאלאכאָווקע? — דערציילט שווארצמאן. — 125 קינדער, וועלכע זײַנען זיך צונויפגעלאָפן פון אלע עקן רוסלאנד זיך צו ראטעווען אין מאָסקווע. מיט פארשיידענע וועגן זײַנען זיי ארײַנגעפאלן אין די יִדישע „טארבוס־שולן“, וואָס זײַנען געווען רעליגיעז און האָבן נאָך דאן עקזיסטירט אין מאָסקווע. די מערהײַט לערער — ציִעניסטן — האָבן זיך באמיט צו באזאָרגן די קינדער מיט טפילן, זיי אויך געלערנט זינגען „האטיקוואָ“. קיינער פון די לערער האָט אָבער ניט געטראכט וועגן אָרגאניזירן די קינדער אין א כאווערישן קאָלעקטיוו, וועגן פלענער אף דער צוקונפט, וועגן אָפּהיטן די קנאפּע אָרדענונג און היגיִענע אין די ווינונגען. ס'האָט געמאכט דעם אײַנדרוק, אז די לערער אליין ווייסן ניט, צוליב וואָס זיי געפינען זיך מיט די קינדער אינאיינעם“[1].

---

[1] באָרוך שווארצמאן. יִדישע קינדער־קאָלאָניע אין מאלאכאָווקע. זשורנאל „קולטור און בילדונג“ (אָרגאן פון יִדישער אָפּטיילונג באם בילדונגס־קאָמיסאריאט), 1920, נומ. 2־3, ז. 6—9.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א פּאראקשנטער קאמף פאר א גרינטלעכער איבערבויונג פון דער קאָלאָניע, פאר אײַנוואָרצלען סאָוועטישע ארבעטס־מעטאָדן. פריִער פון אלץ האָט מען באדארפט אָפּרייניקן די קאָלאָניע פון צופעליקע קעסטקינדער, וועלכע האָבן געזוכט א ווארעם אָרט און א פול שיסעלע. אין דער שווערער ארבעט געפינט שווארצמאן א פעסטן אָנשפּאר באם פּעדאגאָגישן קאָלעקטיוו.

מיט פארשיידענע וועגן זײַנען די קינדער געקומען קיין מאלאכאָווקע, נאָר קימאט בא אלעמען — די זעלבע סיבעס: פארוואָרלאָזטקײַט, ניטאָ קיין דאך איבערן קאָפּ, הונגער און קאפּצאָנישער שטייגער. אָט די סיבעס וועלן נאָך ניט איין יאָר גוירעם זײַן, אז אין קאָלאָניע זאָל פליסן א שטראָם פארוואָרלאָזטע קינדער פון דער שטעטלשער אָרעמקײַט פון טכום, ווי אויך פון מאָסקווער מארינאָ־ראָשטשע.

די קאָלאָניסטקע פּ. דערציילט: „ווען מײַן טאטע איז געשטאָרבן, געדענק איך ניט; אז מײַן מאמע איז אויך געשטאָרבן, האָב איך געמוזט קומען אהער...“

בליומקען האָבן אירע קרויווים געצוווּנגען פארקויפן ברויט אפן מארק, ווײַל א קינד וועט די מיליציע ניט באמערקן. „אלע טאָג פלעג איך זיך שלעפּן מיט כאלע אפן מארק, און די גאנצע צײַט האָב איך געציטערט פאר אן אָבלאווע. מיר האָבן געהאט א געוויסן סיגנאל: עמעצער פון די קינדער פלעגט א געשריי טאָן „זעקס!“ אָדער א פײַף טאָן, פלעגן מיר אויסרינען. נאָכדעם האָט דער מארק מיר דערעסן ווי א ביטערע ציבעלע, בין איך אוועק אין קאָלאָניע“.

דער געוועזענער קאָלאָניסט יויסעף באנק האָט, שוין זײַענדיק א דערוואקסענער מענטש, דערציילט: „דאָס

אין דער גאָרטן. הײַנט איז דעזשורנע דער לערער פון מאָלערײַ מארק שאגאל. לעם אים (פון לינקס) זיצט דער פארוואלטער פון דער קאָלאָניע באָרוך שווארצמאן.

איז געווען אין צוואַנציקסטן יאָר. אין דער צײַט פון בירגערקריג. עס האָט געבושעוועט א טיפוס־עפּידעמיע. טאַטע־מאַמע זײַנען געשטאָרבן. דרײַ קינדער זײַנען מיר געבליבן. איך בין געווען דער ייִנגסטער. אַלע האָבן מיר געקרענקט מיט טיפוס. איך בין אַרײַנגעפאַלן אין מיליטערישן שפּיטאָל אין סמאָלענסק. א סאַך סאָלדאַטן זײַנען געשטאָרבן. איך, א נײַניאָריק ייִנגל, בין געבליבן לעבן. מע האָט מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, גיי ווו עס גלוסט זיך דיר... איך שפּאַן איבער סמאָלענסקער גאַסן און הער: ערגעץ שפּילט מוזיק. עס גייט א דעמאָנסטראַציע מיט רויטע פאָנען. אַלע זינגען. פּלוצעם, וואָס זע איך! מײַן עלטערער ברודער איציק און מײַן שוועסטער ריווע! זיי האָבן מיך אויך באַמערקט, און זיי האָבן געבעטן דעם קאָלאָנעפירער: „נעמט, נעמט דאָס ייִנגל, ער איז אונדזער ברודער"... נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָט מען מיך געבראַכט אין א קינדערהיים. מע האָט מיך מעכאַבעד געווען מיט א יאָמטעוודיקן מיטיק. איך האָב דאָ געלעבט א צוויי וואָכן. נאָכדעם האָט מיר אָפּגעגליקט — מע האָט מיך אינאיינעם מיט דער שוועסטער און מיטן ברודער אַוועקגעשיקט אין מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע..."

אין קאָלאָניע־אַרכיוו האָט זיך פאַרהיט א דאָקומענט — א מעלדונג פון דעם אַרטיסט פרידמאַן. די מעלדונג איז דאַטירט *1926*, *29* אָקטיאַבער. „איך אַרבעט אין דער סטודיע „פרײַ־קונסט", קיין דירע האָב איך ניט, צו מיר האָט זיך צוגעבלאָנקעט איסאַק. ער איז אַלט נײַן יאָר, קיין מאַמע האָט ער ניט. איך בין איצט אַרבעטסלאָז. איך קאָן אים ניט געבן קיין שום דערציִונג, דערנערן קאָן איך אים אויך ניט. איך בעט אײַך, איר זאָלט אים אײַנאָרדענען אין אײַער קינדער־קאָלאָניע"...

דער כאַווערישער גײַסט, די קאָלעקטיווע צווישנבאַציִונגען האָבן געהאָלפן לייזן די אויפגאַבן פון בויען דעם באַזונדערן סטיל פון צוזאַמענלעבן. אין „מאַלאַכאָווקע" הערשט א פרײַנטלעכע אײַנפאַרשטענדיקונג צווישן די קינדער און פּעדאַגאָגן. מיט קליינע אויסנאַמען רופן די קאָלאָניסטן זייערע דערציִער באַם נאָמען, דער אָפיציעלער „איר" איז פאַרביטן אף דעם צוטרוילעכן „דו". און, פאַרשטייט זיך, מיטן פּראָלעטאַרישן צוגאָב „כאַווער".

פון דער קינדער־סוויווע האָבן פּאַמעלעך זיך גענומען אַרויסרוקן פאָרגעשריטענע קאָלאָניסטן (לייב צירלין, ריווע באַנק אאַ.). זיי האָבן אַרויסגעוויזן פייִקײַטן אַליין צו דערציִען, און זיי זײַנען געוואָרן די געהילפן פון די פּעדאַגאָגן.

מעסירעסנעפּעשדיקע, אומדערמידלעכע אַרבעט פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו, א ניט־געשריבענע קאָנסטיטוציע פון זעלבסטפאַרוואַלטונג: די גאַנצע אַרבעט ווערט געטאָן מיצאַד די קינדער, מיט זייער באַוווּסטזיניקער האַסקאָמע, — דאָס אַלץ רופט אַרויס בא די קאָלאָניסטן אַן עמעסע געטרײַשאַפט צו דער קאָלאָניע, העלפט בײַקומען שווערִיקײַטן און נויט.

פרילינג נעמט מען זיך פלײַסיק צו דער ערדאַרבעט. די מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע ווערט א שול מיט א „לאַנדווירטשאַפטלעכן אָפּנייג", ווי מע האָט עס דאַן גערופן. די קינדער פאַרשרײַבן: „מיר האָבן פאַרזייט פּאָמידאָרן, קרויט, קאַבאַקלעך, קוקורוזע און בלומען. די פלאַנצונגען זײַנען זיך גיך צעוואַקסן, זיי זײַנען קרעפּטיקע, פרישע, זיי ציִען זיך צו דער זון און צו דער שײַן...

אין קאָלאָניע זײַנען געקומען שילער און פּויערים פון די שכיינישע דערפער א קוק טאָן וואָס און וויִאַזוי. דער פּיִאָנער־אָטריאַד לעבט מאַמעש מיט אָט דער אַרבעט".

אין אָנהייב 1925 האָט דער אוכטאָמסקער ערד־אָפּטייל פון ליובערצער ראַיאָן, מאָסקווער געגנט, זיך געווענדט צו דער קאָלאָניע מיט א פאָרשלאָג, זי זאָל אָנטיילנעמען אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג, וואָס האָט זיך געדאַרפט עפענען. דער אָנטייל פון דער קאָלאָניע, וועלכע האָט שוין א זעקסיאָריקן סטאַזש אין ערדאַרבעט, דאַרף העלפן אויפהייבן די גרעטעניש אין ראַיאָן.

„אף דער אויסשטעלונג זײַנען זיך צונויפגעפאָרן א סאַך דערפער פון ראַיאָן, — דערציילט אין איר באַריכט די קינדער־דעלעגאַציע. — אף א גרויסן פלאַץ האָט מען אויסגעבויט א לאַנגן באַראַק, אף טישן און אף בענק איז געלעגן גרינוואַרג פון די פעלדער, פרוכט פון די סעדער. פּלאַקאַטן און לאָזונגען האָבן דערציילט וועגן נײַע פעלד־קולטורן. בא א צווייפוּדיקן קירבעס איז געשטאַנען דער קליינינקער איציקל, אַרום אים עטלעכע פּויערים. זיי האָבן באַטראַכט דעם ריזיקן קירבעס, דעם קליינינקן קאָלאָניסט און זיך געוויצלט: „מע באַדאַרף א צוויי צענדליק אַזעלכע קאַראַפּוזן, קעדיי א רוק צו טאָן פון אָרט אָט דעם ריז".

אַלע יאָר, נאָך די זומער־אַרבעטן, ווען הונדערט פּוד קאַרטאָפל, בורעקעס, מערן זײַנען שוין געלעגן באַהאַלטן אין די קעלערן, פלעגט די מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע פּראַווען א גרעטעניש־יאָמטעוו. די קינדער פלעגן צוגרייטן אַן אויסשטעלונג און א קאָנצערט־פּראָגראַם פאַר דער געזעלשאַפטלעכקײַט.

די קינדערשע זעלבסטעטיקײַט האָט באַשײַנט יעדע פײַערלעכע געשעעניש אין דער קאָלאָניע. מוזיק, דראַמאַטישע שטעלונגען, מאָלערײַ האָבן באַגלייט די קינדער אומעטום.

„קונסט־קרײַזלעך האָבן זיך בא אונדז אָרגאַניזירט אין 1921. אין סאַמע אָנהייב האָט זיך מער פון אַלע אַנדערע קרײַזן אַנטוויקלט דער מוזיק־ און כאָר־קרײַז, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט דער קאָמפּאָזיטאָר יולי ענגעל. דער דראַמקרײַז האָט געשטעלט די פּיעסן: „סאָרע באַסטויווים", „באַם קיניג אַכאַשווייראָש", „באַרדיטשעווער טעאַטער", די בופאָנאַדע „לאָקאַרנאָ". געלערנט די קאָלאָניסטן מאָלן האָט דער דעמאָלט נאָך יונגער, נאָר שוין גוט באַקאַנטער קינסטלער מאַרק שאַגאַל. די קורצע צײַט, וואָס שאַגאַל און ענגעל זײַנען געווען אין דער קאָלאָניע, האָט איבערגעלאָזט א טיפן שפּור אין לעבן פון אַלע קינדער.

„אין מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע בין איך געקומען אין 1920, — דערמאָנט זיך אַרן אַראָנאָוו, — איך האָב ליב געהאַט די מוזיק־לימודים פון יולי דמיטריִעוויטש ענגעל. ענגעל האָט אָפּגעקליבן די קינדער, וואָס האָבן געהאַט א גוט געהער. מיר האָבן געלערנט ייִדישע פאָלקסלידער אין ענגעלס באַאַרבעטונג, אויך מענדעלסאָנען און רובינשטיינען.

די לימודים האָט יולי דמיטריִעוויטש דורכגעפירט זייער לעבעדיק. ער האָט אַליין געזונגען, באַגלייט דורך פּיאַנע. קעדיי מיר זאָלן נאָך מער ליב האָבן און פאַרשטיין מוזיק, פלעגט ענגעל מיט זײַן פרוי אַנטאָנינע אײַנאָרדענען קאָנצערטן אין קאָלאָניע־קלוב. מיר האָבן זייער ליב געהאַט, ביים ענגעל פלעגט זינגען גרעטשאַנינאָווס „ווײַט הינטערן טײַך", אָדער שפּילן טשײַ־



מע באַגלייט אַרויס דעם ווינטער.

קאַווסקיס „בלעטלעך פון אַלבאָם". ספּעציעל פאַר די קאָלאָניסטן האָט ענגעל פאַרפאַסט קינדער־לידער.

ווען ענגעל און זײַן פרוי זײַנען אַוועקגעפאָרן, איז אין קאָלאָניע געקומען אַרבעטן דער מוזיק־פאָרשער און זאַמלער פון ייִדישן פאָלקלאָר מוישע בערעגאָווסקי. אָבער אויך ער איז אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן איבערגעגאַנגען אַף אַן אַנדער אַרבעט, און דאַן קערט זיך אום קיין מאַלאַכאָווקע דער געוועזענער קאָלאָניסט אַרן אַראָנאָוו, וועלכער האָט שוין באַוויזן ענדיקן אין מאָסקווע אַ מוזיקאַלע שול און איז געוואָרן אַ יונגער לערער פון מוזיק. אַראָנאָוו, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין די טראַדיציעס פון דער קאָלאָניע, האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט פלײַס, און צווישן די קאָלאָניסטן האָבן זיך באַוויזן אַלץ נײַע קינדער, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען און ליב געהאַט מוזיק.

ווי געזאָגט, איז מאַרק שאַגאַל איין צײַט געווען אין קאָלאָניע אַ לערער פון מאָלערײַ. דאָס קאָנען ביז הײַנט ניט פאַרגעסן די „מאַלאַכאָווקער". אַדאַנק שאַגאַלן האָבן די קינדער גענומען פאַרשטיין אין מאָלערײַ־קונסט. פאַרגאַפטע פלעגן זיי הערן, וואָס עס דערציילט דער גרויסער קינסטלער, ווען זיי פלעגן קומען צו אים אין אַטעליע, ניט ווײַט פון דער קאָלאָניע. מאַרק שאַגאַל, דער האַרציקער, אומיטלבאַרער מענטש, פלעגט אָפט שפּאַצירן מיט די קינדער אין וואַלד, באַם טײַך. בעשאַס די שפּאַצירן פלעגט ער מאַמעש עפענען בא די קינדער די אויגן באַם באַוואונדערן די נאַטור.

אַ באַגאַבטער שילער פון מאָלערײַ איז געווען מוישע ריווקין. זײַנע מאָלערישע שאַפונגען האָבן באַוויזן, אַז ער האָט אַ באַרוף צו קונסט. ער ענדיקט טאַקע דעם „וכוטעמאַס" און ווערט אַ מאָלער. צום באַדויערן, איז ער זייער יונג אומגעקומען אַפן פראָנט פון דער פאָטער־לענדישער מילכאָמע...

עליע פלאָטקין און נאָך עטלעכע קינדער האָבן אויך געקענט האַלטן אַ פענדזל אין האַנט. זיי האָבן קינסטלעריש געגרייט די וואַנטצײַטונג „רויטע שיידים". עליע דערמאָנט אָפט, וויאַזוי מאַרק שאַגאַל האָט אין זײַנע שילער אײַנגעפלאַנצט די ערשטע געפילן צו מאָלערײַ, ווי ער האָט זיי דאָס ערשטע מאָל געלערנט אונטערשיידן איין קאָליר פונעם צווייטן. די ווענט פון דער קאָלאָניע־שול האָבן באַשיינט שאַגאַלס בילדער. מיט יאָרן שפּעטער זײַנען די דערוואַקסענע מאַלאַכאָווקער קאָלאָניסטן געווען פאַרוואונדערט און דערפרייט, ווען זיי האָבן דערזען די זעלביקע בילדער אין פאָיע פון ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

אַלע יאָר דעם 2 מײַ פלעגט אין מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע פאָרקומען אַ באַגעגעניש פון „אַלטע" קאָלאָניסטן. זיי פלעגן זיך צונויפפאָרן פון מאָסקווע און פון אַנדערע שטעט. פאַר יעדן איינעם איז דאָס געווען אַ פריידיקע באַגעגעניש מיט זײַן היים, מיט זײַן קינדהײַט, מיט כאַווערים און מיט די באַליבטע לערער און דערציִער, וועלכע האָבן ניט געשאַנעוועט זייער געזונט און צײַט פאַר די אַמאָל פאַרוואָרלאָזטע קינדער.

לאַנגע שאָען פלעגט מען דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן אַ נײַע לעבן, וועגן דער אַרבעט אַף גרויסע זאַוואָדן — אַפן „אַמאָ", „רויטער פּראָלעטאַריער", „סערפּ און האַמער", וועגן דעם, ווי פריידיק עס איז צו לערנען זיך אין אַרבפאַק, אין אינסטיטוט.

„די קאָלאָניע וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אַלץ, וואָס איך קען, האָב איך זיך אויסגעלערנט אין קאָלאָניע", — דערציילט אַן „אַלטער" קאָלאָניסט. אַ צווייטער זאָגט: „דאָס, וואָס איך בין דיסציפּלינירט, וואָס איך האָב אַ קאָמוניסטישע דערציִונג, וואָס איך בין גלײַך צו אַלע בויער פון סאָציאַליזם, האָב איך צו פאַרדאַנקען דער קאָלאָניע".

„איך בין אַוועק פון קאָלאָניע, — שרײַבט איציק באַנק, — מיט אַ הייסער שטרעבונג צו בויען די סאָציאַליסטישע לאַנדווירטשאַפט. נאָך דעם, ווי איך האָב געענדיקט דעם אָדעסער לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט, בין איך געוואָרן אַן אַגראָנאָם. פון 1929 האָב איך

מאַרק שאַגאַל לערנט די קינדער מאָלן.



דער קאָמפּאָזיטאָר יו. ענגעל זינגט מיטן כאָר די מאַלאַכאָווקער ליד:
„לאָמיר, קינדער, גאָר אײַנגאַנצן זיך אין וואַלד און פעלד פאַרפלאַנצן“.

געאַרבעט אין אוקראַיִנע. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די פּאַטערלענדישע מילכאָמע, בין איך אַוועק אױפֿן פראָנט. נאָך דער מילכאָמע בין איך געקומען קיין ביראָבידזשאַן. דאָ האָב איך עטלעכע יאָר געאַרבעט אַף דער סטאַנציע פון יונגע נאַטוראַליסטן. כ'האָב זיך באַמיט צו לערנען מיט מײַנע טאַלמידים אַזוי, ווי אונדז האָבן געלערנט די דערציִער אין מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע. איך וויל האָפן, אַז מײַנע טאַלמידים וועלן ברענגען נוצן דער סאָציִאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט. איצט אַרבעט איך אין ביראָבידזשאַן אין דער געזעלשאַפט „באַשיצער פון דער נאַטור“.

מערקווירדיק איז דער לעבנס־וועג פון אַלע דערצויגלינגען פון דער מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע. מוישע פּראַנקענבערג, לעמאַשל, קומט אָן אַפן אַרבעפּאַק באַם מאָסקווער אוניווערסיטעט. נאָכדעם לערנט ער זיך אין לענינגראַדער שיפבוי־אינסטיטוט און אין מאָסקווער כימישן אינסטיטוט אַף מענדעלייעוס נאָמען, ער ווערט אַן אינזשעניער.

אווראָם סקאָפּאָווסקי, זאַלמען מינקין, אווראָם לעווין קומען אָן אַרבעטן אין זאַוואָד אַף גאָרקיס נאָמען. הע־כער דרײַסיק יאָר אַרבעט אַלס מײַסטער אין אַ זאַוואָד ייִסראָעל טורעצקי. ער איז אַן אינוואַליד פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט איסאַק קאַסטרעל, דער אָנטיילנעמער פון די שלאַכטן קעגן דײַטשישן פאַשיזם, דער פּאָלקאָווניק נאָכעם ליפּשיץ, דער דאָקטאָר פון כימישע וויסנשאַפטן ראַגאָווין — זיי אַלע זײַנען דערצויגלינגען פון דער מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע.

טשיקאַווע איז נאָכצופאָלגן דעם גוירל פון די קינדער פון די „דינאַסטיעס“. אָט איז די מישפּאָכע אַראָנאָוו. וועגן אַרן אַראָנאָוון איז שוין געזאָגט געוואָרן אויבן. דער עלטערער ברודער אַרנס, זאַלמען, האָט געענדיקט דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, געווען לערער פון געשיכטע אין אַ טעכניקום. ער איז דער אַווטאָר פונעם בוך „מאַלאַכאָווקער קינדער־קאָלאָניע“, וואָס איז דערשינען אין „עמעס“־פאַרלאַג אין 1932. שמועל איז געווען אַ טעכניקער אין מאָסקווער עלעקטראָ־לאָמפּן־זאַוואָד. זייער שוועסטער רייזל איז געווען אַ פּיִאָנער־אָרגאַניזאַטאָר אין דער מאָסקווער טעקסטיל־פאַבריק אַף סווערדלאָווס נאָמען. (ליידער, זײַנען אַרן אַראָנאָווס ברידער אומגעקומען אַף די פראָנטן פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. עס איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע אויך רייזל.)

די מישפּאָכע פלאָטקין: ייִסראָעל איז אַ פּאָליגראַפיסט; פעניע האָט געאַרבעט אין אַ ניי־פאַבריק; ליובע איז אַ דערציִערן אין אַ קינדערגאָרטן. וועגן זייער ברודער עליע, וואָס איז אַ קינסטלער, איז שוין געזאָגט געוואָרן.

מיט שטאָלץ רופן זיך אָט די אַלע סאָוועטישע מענטשן — קינדער פון אָקטיאַבער, ווײַל די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט זיי אָנגעצייכנט דעם לעבנס־וועג, אָנהייבנדיק פון דער מאַלאַכאָווקער קינדער־קאָלאָניע.

אַף דער באַגעגעניש אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“
מיט געוועזענע דערצויגלינגען פון דער קאָלאָניע.

*

די כאַריק־טעג אין ווײַסרוסלאַנד

אין דער הויפּטשטאָט פון ווײַסרוסלאַנד מינסק איז ברייט אָפּגעמערקט געוואָרן דער 70־טער געבורטסטאָג פונעם גרויסן ייִדישן סאָוועטישן דיכטער איזי כאַריק.

אין די טעג פונעם יובילײַ האָט די רעפּובליקאַנישע ראַדיאָ געווידמעט איזי כאַריקס שאַפונג א ספּעציעלע טראַנסליאַציע.

דעם 15 מאַרט איז די ווײַסרוסישע רעפּובליקאַנישע צײַטונג „ליטעראַטוראַ אי מאַסטאַטסטוואַ“ אַרויס מיט כאַריקס א גרויסן פּאָרטרעט און מיט מאַטעריאַלן וועגן זײַן דיכטערישן וועג.

דער יובילײַ־אָוונט איז פּאָרגעקומען אין מינסקער קלוב פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד. אין פּאָיע פון קלוב האָט זיך דעם זעלבן טאָג געעפנט אַן אויסשטעלונג פון כאַריקס ווערק און איליוסטראַציעס צו זיי פונעם קינסטלער מאַרק זשיטניצקי.

פיר שאָ האָט געדויערט דער פײַערלעכער אָוונט. אין זאַל האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון ברידערלעכער פרײַנטשאַפט צווישן די צוויי סאָוועטישע קולטורן — דער ייִדישער און ווײַסרוסישער.

נאָך די אַרויסטרעטונגען פון ווײַסרוסישע און ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער האָט איזי כאַריקס ווערק פּאָרגעלייענט די באַוווּסטע ייִדישע אַקטריסע יודיס אַראָנטשיק. די שילערן פונעם 8־טן קלאַס, א טאָכטער פונעם ווײַסרוסישן פּאָעט סטאַניסלאַוו שושקעוויטש — רוזשאַנע שושקעוויטש האָט געלייענט כאַריקס ליד „האַרבסט“. מיט א גרויסער פּראָגראַם איז אַרויסגע־טראָטן די אַקאַדעמישע כאָר־קאַפּעלע פון ווײַסרוסלאַנד.

דעם 16 מאַרט האָט געגעבן א ספּעציעלע כאַריק־טראַנסליאַציע די ווײַסרוסישע טעלעוויזיע. אין משך פון 40 מינוט האָבן די אַרטיסטן פונעם ווײַסרוסישן אַקאַדעמישן טעאַטער אויפן נאָמען פון יאַנקאַ קופּאַלאַ און פונעם רעפּובליקאַנישן יוגנט־טעאַטער פּאָרגעלייענט כאַריקס ווערק אין דער איבערזעצונג פון די בעסטע מײַסטערס פון דער ווײַסרוסישער דיכטונג.

דער סאָליסט פונעם ווײַסרוסישן אָפּערע־טעאַטער מי־כאַיִל פּושקאַריאָוו און די סאָליסטן פון דער ווײַסרוסי־שער פילהאַרמאָניע נאַדעזשדאַ פּערעבילאַ האָבן געזונ־גען כאַריקס לידער. די מוזיק צו די לידער האָט ספּע־ציעל צום יובילײַ אָנגעשריבן דער פאָלקס־אַרטיסט פון בסס״ר קאָמפּאָזיטאָר יעווגעני טיקאָצקי. דער קאָמפּאָזי־טאָר האָט דערציילט פאַר די טעלעוויזיע־צושויער, וויאַזוי ער האָט געאַרבעט אויף כאַריקס טעקסטן. אויפן טעלעוויזיע־עקראַן זײַנען באַוויזן געוואָרן פאָטאָ־בילדער פון כאַריקן און פון זײַנע ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אין ייִדיש, רוסיש און ווײַסרוסיש.

ווײַטער ברענגען מיר אויסצוגן פון די אַרויסטרעטונ־גען פון שרײַבער און קונסט־טוער אויפן יובילײַ־אָוונט.

הערש בעריאָזקין

געטרײַשאַפט

פאַר כאַריקן איז כאַראַק־טעריסטיש זײַן שטענדיקער דראַנג צו געפינען זיך צווישן מענטשן, אין סאַמע ברען פון זייערע זאָרגן און מײַסים; ער האָט זיך אויס־געטיילט מיט שטאַרקער אינערלעכער קאָנצענטרירט־קײַט און דערהויבענער שטילקײַט, אין וועלכע ס׳האָבן גערײַפט זײַנע גע־פילן און מאַכשאָוועס.

א זון פון א שטעטלדיקן (זעמבינער) שוסטער, האָט כאַריק נאָך יונגערהייט דערפילט אין זיך דאָס געזאַנג פון זײַנע גערוידעפטע אָוועס און דעם גרענעצלאָזן פאַר־לאַנג אונטערצוכאַפּן, פאָרזעצן אָט דאָס געזאַנג אין נײַע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט צוגעגעבן דער פעלע־בייִשער ליד א גוואַלדיקן סאָציִאַלן רעזאָנאַנס. און דאָס אומרויִקע קינד פונעם געוויסנעם טכום ווענדט זיך שוין צו די קעמפער פון דער פאַריזשער קאָמונע:

ברידער, דאָס בין איך מיט אײַך געפאַלן א גערעכטער
אויף שטיינער און אויף בלוט פון פּערלאַשעז.

איזי כאַריק איז געווען א לירִיקער מיט א ברייטן פאַרשיידנאַרטיקן קרײַז פון געפילן און טעמעס. פאַר אים איז געווען אייגנטימלעך (באַזונדערס אינעם אָנ־פאַנג־פּעריאָד פון זײַן שאַפן) אַן אומגעצוימטער, קימאַט אינסטינקטיווער יוגנט־דראַנג, וואָס האָט אין אים טאָמיד געברויזט, לויטן בילדערישן אויסדרוק פון דעם פּאָעט גופא, „ווי פרילינג אויף די הרעבליעס“.

צו איזי כאַריקן, דעם פּאָעט פון דערשיטערונג און אומרו, פלעגן אויך קומען רעגעס פון פּיקכעסדיקער ליכטיקער באַגײַסטערונג. ס׳דערמאָנען זיך די שורעס פון איינער פון כאַריקס גאָלדיקע האַרבסט־לידער:

ווײַסע בעריאָזעס אין ליכטיקע קרוינען —
ליכט, וועלכע ווערן פאַרברענט...
און ס׳דאַכט — אַזאַ דורכזיכטיק־ריינער
בין איך נאָך קיינמאָל ניט געווען.
בענטש איך די גנעדיקע זאַטקײַט פון פאַרבן,

מײַן רו, וואָס גייט אויף און ווערט גרויס.
און ס'איז מיר הײַנט ליכטיק און גוט, ביז
צום שטאַרבן:
די ערד גיב א קוש און גיי אויס!..

כאריקס ליריק איז פול מיט קאָנפליקטן און דראַמאַ־טיזם. אין איר האָט שטענדיק געלעבט דער פאַרשטאַנד, אז ניט איבער לײַכטע שליאַכן איז געגאַנגען אונדזער דאָר און אונדזער לעבן.

אין סאָף 1924 שרײַבט כאריק אָן זײַן פּאָעמע „מינס־קער בלאָטעס", וועלכע איז א וויכטיקע דערשײַנונג אין דער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע. זי האָט רעאַליסטיש אָפּגעשפּיגלט די רעוואָליוציע און דעם בירגערקריג. באַ דעם גאנצן נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, באַ דער גאַנצער איבערגעפּלאַכטנקײַט און אויסגעבונדנקײַט פון דער פּאָעמע מיטן פאָלקלאָר און שטייגער פון דער יידישער שטאָטישער אָרעמשאַפט, האָט „מינסקער בלאָטעס" א סאך געמיינזאמס מיט אייניקע ווערק פון דער ווײַס־רוסישער פּאָעזיע פון יענער צײַט, וועלכע זײַנען אויך געווען געווידמעט דעם קאמף פאַר באַפרײַען ווײַסרוס־לאַנד פון די ווײַספּאָליאַקן.

ביכלאַל מוז מען אָפּמערקן, אז די טעמע ווײַסרוסלאַנד האָט ניט פּאַשעט פאַרנומען א גרויס אָרט אין כאריקס פּאָעזיע. די געשטאַלטן פון ווײַסרוסלאַנד, די נאַטור, שפּראַך, לידער און שטייגער פונעם לאַנד זײַנען געווען וויכטיקע עלעמענטן פון שעפערישן, עמאָציאָנעלן גע־דאַנקענגאַנג פונעם פּאָעט. איזי כאריק האָט דעריבער מיט פולן רעכט געקאָנט זאָגן:

איך קען דיך, ווײַסרוסלאַנד, אזוי ווי איך קען מײַנע
אייגענע פינגער.
אינמיטן דער נאַכט וועל איך שטענדיק דײַן יעטווידע
סטעזשקע דערקענען.
די טראַקטן, די טײַכן, די ווייכע פאַרנאַכטן, די וועל־
דער, וואָס זינגען,
יעלן אין סמאָלע, בעריאָזעס אין שנייען, פאַרפעכיקטע
סאָסנעס, וואָס ברענען.

סערגיי גראַכאָווסקי

אייביקער דראַנג



עס טרעפט, דו באַגעגנסט אַמאָל א מענטשן און פאַר־געדענקסט אים אויף גאַנצן לעבן. עס זײַנען פאַראַן פּאָעטן, וואָס דו הערסט זיי איין מאָל, און זייער קאָל לעבט אין דײַן זיקאָרן און הארצן יאָרצענדליקער. אזא קאָל ווערט ניט אונטערגע־וואָרפן דער צײַט. אזא קאָל רעגט, באַציבערט, פאַרכאַפּט מיט דער אומגעצוימ־טער כוואַליע פון פּאָעזיע אפילו דאַן, ווען עס קלינגט אין א שפּראַך, וואָס איז דיר אומבאַקאַנט. דו דערפילסט מיט אַלע כושים די מוזיקאַלישקײַט, דעם טעמפּעראַ־מענט, די טיפקײַט און די גרויסע עמעסדיקײַט פונעם קינסטלער.

אזא איז געווען איזי כאריקס קאָל, אזא איז געווען זײַן פּאָעזיע.

ווען מע פרעגט באַ מיר, אף וועמען איז ענלעך איזי כאריק, — ענטפער איך אזוי: ס'קאָן זײַן, אז עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע זײַנען ענלעך אף כאריקן, נאָר כאריק איז אף קיינעם ניט ענלעך. אזוי איז געווען אין לעבן, און אזוי איז געווען אין דער דיכטונג.

די צײַט מעקט אויס אין דעם מענטשנס זיקאָרן פיל זאכן, אפילע דעם אָנבליק פון די נאָענטסטע. כאריקס פּאָרטרעט קאָן מען אין דרײַסיק יאָר ארום נאָך זײַן טראַגישן טויט אופשטעלן אין זיקאָרן מיט סקולפּטורי־שער פּינקטלעכקײַט. איך זע אים שטענדיק א יונגן: זײַן שוואַרצע, ניט געהאַרכזאַמע, ווי דער פּאָעט אליין, קוטשמע געקרויזטע האָר, דער כאַריפּעסדיקער פאלד אפן שטערן, וואָס פלעגט פאַרטײַען א צאַפּלדיקע מאַכ־שאַווע, זײַן עטוואָס סטאַרטשענדיקע קין, וואָס האָט אויסגעדריקט אַקשאָנעס, ווילן, דראַנג פון ניט געצוימ־טער ענערגיע. איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען קיין גלײַכגילטיקן און זעלבסטצופרידענעם. ער האָט זיך שטענדיק געײַלט, געוואָלט וואָס מער אופטאָן, שענקען מער שײַן און וואַרעמקײַט די מענטשן. דעריבער האָבן זיך צו אים אזוי געצויגן יידישע, ווײַסרוסישע און רוסישע פּאָעטן פון פאַרשיידענעם עלטער. ער איז געווען די פּאָעזיע אליין. ער איז געווען א מײַסטער מיט א ברייט, אָפן הארץ.

כאריק האָט געהערט צו די קאָמוניסטן און בירגער, וואָס גיבן אלץ אָפּ דעם מענטשן. אים האָט געקענט און ליב געהאַט גאַנץ ווײַסרוסלאַנד. קליין און גרויס פלעגט הערן מיט אנציקונג דעם פּאָעט־טריבון, דעם צאַרטן ליריקער, דעם פילאָסאָף, דעם קלוגן אייצעגעבער.

כאריק איז אין אונדזערע הערצער פאַרבליבן אן אייביק יונגער, א לײַדנשאַפטלעכער, באַגײַסטערטער פּאַטריאָט פון אונדזער היימלאַנד. וועגן דעם, אז ער איז געווען טאַקע אזא, זאָגן איידעס זײַנע לעבעדיקע לידער, זײַן פאַרליבטקײַט אין לעבן, זײַן געטרײַשאַפט צו אונדזער ברוויזיקער און הערלעכער עפּאָכע.

איזי כאריק לעבט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, אין די הערצער פון מיליאָנען לייענער. הײַנט רעדט ער מיט אונדז אף זײַן מוטערשפּראַך, אף יידיש, ער רעדט מיט אונדז אף ווײַסרוסיש און רוסיש. א באַגײַסטער־טער, א לײַדנשאַפטלעכער וועט ער אויך קומען צו די קינפטיקע דורעס.

יורי האַוורוק

א דיכטער מיט אן אָפן הארץ

עס ווילט זיך מיר דער־מאָנען מיט א גוט וואָרט אָט דעם ענטוזיאַסט פון לעבן, דעם טײַערן מענטשן און באַרימטן פּאָעט איזי כאריק. איך האָב אים פּער־זענלעך געקענט, איך האָב זיך געלערנט צוזאַמען מיט אים אינעם מאָסקווער לי־טעראַריש־קינסטלערישן אינסטיטוט אף וואַלערי בריו־סאָווס נאָמען אין די יאָרן 1923—1924. שפּעטער האָב

איך זיך מיט אים געטראָפן אין די פאַרשיידענע שטעט פון ווײַסרוסלאַנד. איזי כאַריק האָט פיל געוואַנדערט; ער האָט ניט ליב געהאַט צו זיצן אַף איין אָרט. ס׳האָט אים געצויגן צו מענטשן. מיר דערמאָנען זיך שורעס פון זײַנער אַ פּאָפּולערער ליד:

פײַערלעכע אָוונטן אַף ליכטיקע עסטראַדעס.
לייען איך און לייען, ביז איך ווער ניט מיד.
אין גאַר מײַן גאַנצער אופריכטיקײַט בין איך זיך
מיסוואַדע
און זינג אַרויס פאַר אַלעמען דעם יאָמטעוו פון
מײַן ליד.

מיר איז אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין איינעם אַזאַ ליטעראַרישן אָוונט. דאָס איז געווען ניט ווײַט פון אָרשע, אינעם שטעטעלע גאָרקי. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די אַטמאָספער פון צוטרוי, אָפּשײַ און ליבע, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן דעם פּאָעט און זײַנע צוהערער. איזי כאַריקס קלינגעוודיקע, אויסדרוק־פולע שטים מיט אַ זינגעוודיקער אינטאָנאַציע, זײַן היסלײַוועס, אָפּטימיזם, די פּובליציסטישע פאַרשאַרפט־קײַט פון זײַנע לידער — דאָס אַלץ האָט באַצויבערט די יוגנט. בא זײַנע יונגע צוהערער האָבן די פּנעמער געברענט, די אויגן געפינקלט. זיי זײַנען גרייט געווען אים צו הערן אָן אַ סאָף. די באַגעגעניש האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט. כאַריק האָט זיך געפילט ווי אין אַן אייגענער מישפּאָכע. און איך האָב פאַר־שטאַנען, סאַראַ גליק עס איז פאַרן פּאָעט צו דינען דעם פאָלק, וויסן, אַז זײַן מי, זײַן פּאָעטישע שכינע האָט אַן אייביק לעבעדיקן קוואַל.

איינמאָל, בײַס אונדזערער אַ באַגעגעניש אין מאָ־ליעוו אין אָנהייב פון די 30־ער יאָרן, האָב איך איבער־געלייענט כאַריקן אין אָריגינאַל אַ ליד פון עדגאַר פּאָ. די ליד האָט געהייסן „גלעקעלעך“. די מוזיקאַלישע אָרגאַניזירטקײַט פון דער ליד האָט אים טיף אופגערו־דערט. „ווונדערלעך, ווונדערלעך. דו האָסט דאָ סײַ זילבערנע „גלעקעלעך“, סײַ קופּערנע און אײַזערנע, און יעדעס גלעקל האָט זײַן אייגן קאָל. ווי גוט עס זײַנען צוגעפּאַסט די קלאַנגען, דער ריטם! אָ, סאַראַ גרויסע קראַפט עס שטעקט אין די ווערטער“, — האָט ער פאַרגאַפט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, פאָכנדיק מיט די הענט.

איזי כאַריק איז געווען זייער פילבאַר צו פּאָעטישער פאָרם. אין זײַן דיכטונג קאָן מען, לויט מײַן מיינונג, אויסטיילן דרײַ גרונט־אייגנשאַפטן: לירישקײַט, פּאַטאָס און דראַמאַטיזם. ער האָט ליב געהאַט מוזיק. ער האָט געהאַלטן, אַז די מוזיקאַלישע אופווירקונג פון וואָרט אָרגאַניזירט די שטימונג, דערנענטערט דעם לייענער צום פּאָעט. נאָר דערבײַ מוז די מוזיקאַלישקײַט זײַן אַן אָרגאַנישע און אומיטלבאַרע. כאַריקס פּאַטאָס איז ניט די אויסגעטראַכטע רעטאָריק פון אַ דעקלאַמאַטאָר, נאָר דער פלאַמיקער רוף פון אַ מענטשן, וואָס איז טיף איבערצײַגט אין דער עמעסדיקײַט פון זײַן יעדן וואָרט. כאַריקס דראַמאַטיזם, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר די פּאָעמעס זײַנע, האָט זיך באַזירט אַף זײַן לעבנס־דער־פאַרונג, אַף די לעבנס־קאָנפליקטן און ווידערשפּרוכן, פון וועלכע ער איז געווען אַן איידעס.

דאָס הייסע לעבעדיקע האַרץ פונעם פּאָעט פילט זיך אין זײַן יעדער אָנגעשריבענער שורע.

עמעסע דיכטונג קאָן ניט פאַרטונקלט ווערן דורך דער צײַט. מיר האָפן, אַז אונדזערע איבערזעצער וועלן נאָך ברייטער באַקענען דעם ווײַסרוסישן לייענער מיט איזי כאַריקס ווערק.

כאַיִם מאַלטינסקי

אומרוּיִקער אומרו

הײַנט, אַף דער כאַריק־פײַערונג, דערמאָן איך זיך מיט אַלע איינצלהײַטן, וויִאַזוי איך — אַ קוטשעראַווע באָכערל, אַ סטודענט פון דעם וויטעבסקער פּעדאַגאָ־גישן טעכניקום — האָב מיט פערציק יאָר צוריק, אין אַ כיעסדיקן העלן פרילינג־טאָג, געטראָגן זיך איבער די געסלעך פון מײַן היימשטאָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פרייד — ס׳איז צו מיר קיין גלײַכן ניט געווען: איך האָב באַקומען פון איזי כאַריקן אַ פּאָסט־קאַרטל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „ליבער כאַווער מאַלטינסקי...“

דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָט מען זיך צו מיר געווענדט ווי שוין צו אַ דערוואַקסענעם, זעלב־שטענדיקן, איך וואָלט געזאָגט, פאָלנעם מענטשן, און ווער? — דער באַוווּסטער און באַליבטער דיכטער איזי כאַריק, וועמענס „מינסקער בלאָטעס“, „קאַטערינקע“, „ברויט“, „מיט לײַב און לעבן“ איך האָב געהאַלטן אין איין לייענען און לייענען.

כאַריק, וואָס האָט אין מינסקער „שטערן“ אָפּגע־דרוקט מײַנע ערשטע לידער, האָט אין זײַן קאַרטל מיך דערמונטערט צו ווײַטערדיקער שאַפונג, גערופן מיך ניט באַרויִקן זיך און אָנגעשטרענגט שלײַפן מײַנע פערזן. איך האָב אַט דאָס טײַערע קאַרטל פאָרזיכטיק צונויפגעלייגט אינצווייען און זאָרגזאַם עס געהאַלטן אין דער ברוסט־קעשענקע פון דעם האַלב־מיליטערישן כאַקי־העמדל צוזאַמען מיט מײַן קאָמיוגישן בילעט.

אין 1935 יאָר האָט כאַריק רעדאַגירט מײַן ביכל לידער „אָן אַ שאָטן“. די טעג, וואָס איך האָב צוזאַמען מיט אים געאַרבעט בא זײַן טיש, זײַנען געבליבן אין מײַן זיקאָרן ווי די סאַמע רײַכע גאָלדענע טעג אין מײַן לעבן. כאַריק האָט פון מיר, ווי פון אַ פּריש־קעזל „געפּרעסט די וואַסערדיקע סראָוועטקע“. לויט זײַן נאַטור איז ער געווען אַ ביטערער סוינע פון „בײַן מאָס רייד“. נאָר ער האָט רעדאַגירט איידל, אומבאַ־מערקט פאַר מיר אַליין, מיט קיין האָר ניט אָנגערירט מײַן פּאָעטישע ווערדע. און איך פלעג זײַנע גערעכטע, צומאָל שאַרפע באַמערקונגען אָנעמען בעהאַוואָ.

בא געוויסע באַמיִונגען קאָן איך זיך דערמאָנען אַ סאך מענטשן, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו באַ־געגענען אין מײַן לעבן. נאָר קעדיי עס זאָל פאַר מיר אַרויסשווימען כאַריקס געשטאַלט, דאַרף איך מײַן דימיען

ניט מאטערן. און ניט בלויז איך דערזע טייקעף פאר זיך געגנט זיינע געזיכט-שטריכן, זיין טאמיד זייטלדיקן קוק, ווי פארביי די פענסנע-גלעזלעך, זיין מאדנע אומרויִקן בליק, נאר איך דערשפיר מאמעש די פיבער-דיקע האסטיקייט פון זיין אפגעהאקטן אטעם, דעם אומגעצוימטן דראנג פון זיינע טריט. איך האב קיינמאל ניט געזען, אז כאריק זאל גיין מיט א שטילן, גע-מאסטענעם טראט. ער האט שטענדיק זיך געאיילט, אן אימפעטפולער, אנגעלאדענער מיט אומרו: עס האט אים געטראגן א גרויסע אינערלעכע קראפט, דער אימפעט פון א פאלק.

בא קיינעם פון די סאוועטישע יידישע דיכטער איז ניט געווען אזוי פארשארפט דער פארגעפיל פון פיין און שוידער, ווי בא כאריקן נאך מיט יארצענדליקער צוריק:

ווינטן אין די הימלען מישן אויס די שטערן,
ברעכן זייער קלארן, קיילעכדיקן גאנג...
ביז אנגעשפיצטער טויבעניש באלד וועל איך דערהערן —
וויסן בראך פון הימל, שוידער און געזאנג.

כאריק האט קיינמאל ניט פארגונען זיך סתם אזוי א שפיל טאן מיט א ליד. עס איז אים געווען דערווידער א ליד — א צאצקעלע, א ווערטער-שפיל. דעריבער איז בא אונדז אזוי איינגעבאקן אין הארצן זיין גרויסע, טיף-מענטשלעכע דיכטונג.

אין דעם פולגעפאקטן זאל זע איך איצט פאר זיך א סאך ליבע פנימער, לייענער, וואס האבן, אזוי ווי איך, געהערט און געקענט דעם טייערן איזי. וויל איך אייך דא מעכייע זיין מיט א נייס, אז אינגיכן וועט אין דעם מאסקווער פארלאג „סאוועטסקי פיסאטעל" דער-שיינען אף מאמעלאשן א באנד איזי כאריקס געזאמלטע ווערק. פאר אונדז, מינסקער, וועט דאס זיין א טייערע מתנה.

ארן ווערגעליס

כאריק שטעלט פאר אונדז פראבלעמען

ווען מיר לייענען היינט נאכאמאל כאריקס דיכטונג, העלפט עס אונדז צו גע-פינען אן ענטפער אף א ריי וויכטיקע ליטעראטור-פראבלעמען פון אונדזער צייט.

כאריקס לירישער העלד האט געהאט אן אייגענע געאגראפיע, א שטענדיקן אדרעס. זיין לאנד איז געווען ווייסרוסלאנד. ער האט גערעדט יידיש ניט אזוי ווי מארקישעס וואלינער יידן, אפילע ניט ווי קולבאקס „ליטוועקעס", ווי מיר רופן היימיש די יידן ארום דער ווילִיע. זיינע כאראק-טער-שטריכן האבן מער אנטשפרעכט דעם וואלדיקן קילבלעכן האלבטאגיקן פאלעסיער לעבנס-שטייגער, איידער דעם באגינענדיקן העל-זוניקן מאלדאווישן אדער דארעם-אוקראִינישן לעבנס-שטייגער. דער מינסקער יונג פיניע איז עטוואס געזעצטער, פאמעלעכער, איידער די יאטן פון פעפערס קאנט, ער איז אנגעטאן ווארעמער, אין זיינע רייד הערט זיך דער סווישטשענדיקער סאמעך פונעם ווינט אף די פאלעסיער זומפן. די שכיינים זיינע — די בעלארוסן — האבן אים, ווייזט אויס, אזוי טיף ארייַנגעצויגן אין זייער שטייגער-וועלט, אז אפט מישן זיי צונויף זיין לאשן מיט זייער לאשן, זייערע לעגענדעס מיט זיינע לעגענדעס...

כאריקס ליד האט זיך אויסגעפיקט פון ארטיקע קנאספן, זי האט קונציק דערגרייכט מיט אירע ווארצלען צו די זאפטן-רייכע טיפן פון דער ווייסרוסישער ערד. דעריבער איז, פון איין זייט, אומעגלעך זיך פארשטעלן, אז כאריק זאל קאנען איבערפארן, לאמיר זאגן, קיין מאסקווע און דארט שאפן „מינסקער בלאטעס" אדער „אף א פרעמדער כאסענע", פון דער צווייטער זייט, איז ניט שווער צו פארשטיין, פארוואס די ווייסרוסן האלטן אים פאר א ווייסרוסישן פאעט, האגאם ער האט געשריבן אין יידיש, פונקט ווי מיר, יידן, האלטן בא-בעלן פאר א יידישן בעלעטריסט, האגאם ער האט געשריבן אין רוסיש. פארשטייט זיך, אז דער דאזיקער איניען איז ניט אזא פאשעטער. כאריקס דיכטונג איז א הונדערטפראצענטיקע נאציאנאל-יידישע, אבער די נא-טירלעכקייט, מיט וועלכער עס נעמט זי אוף דער ווייס-רוסישער לייענער, ברענגט אונדז צום געדאנק, אז ס'איז שוין צייט, ווייזט אויס, אנאליזירנדיק די שאפונג פון אזא דיכטער, ווי כאריק, זיך פרווון אויסמאלן דאס גע-שטאלט פון א שרייבער, וועלכער איז געקומען פון א געוויסער נאציאנאלער סוויווע, געבליבן טריי דער דאזי-קער נאציאנאלער סוויווע, און איינצייטיק באוויזן צו ווערן א זינגער און א שילדערער אויך פון א צווייטער נאציאנאלער סוויווע. לויט מיין איבערצייגונג איז עס איינע פון די קאנקרעטע רעזולטאטן פון רעאליזירן דעם טעארעטישן טעזיס וועגן דער צונויפגיסונג אין דער קאמוניסטישער צוקונפט פון אלע קולטורן און שפראכן אין איין קולטור, אין איין שפראך.

איך האב אויבן געזאגט, אז כאריקס לירישער העלד איז „צוגעשריבן צו קאנקרעטן אדרעס", ער איז „געאגראפיש-דאקומענטאל. פאר די לעצטע יארן, דוכט זיך מיר אויס, איז דער העלד פון אונדזער יידישער דיכטונג, — איך רעד דא בלויז וועגן דער יידישער, כאטש די כאוויירים בעלארוסן האלטן, אז עס האט אויך א געוויסע שייכעס צו זייער פאעזיע, — דער העלד פון אונדזער דיכטונג ווערט פאר די לעצטע יארן אלץ מער און מער א טרעגער פון די „אייביקע טעמעס": ער האט ליב, ער האלט פון יושער, ער זאגט ארויס פילאסא-פישע עמעסן, ער איז, מוז מען מודע זיין, רויִקער און געבילדעטער, און אפילע ווייטזעעוודיקער פון כאריקס פיניע, — אבער וויאזוי זעט אויס די גאס, אף וועלכער ער לעבט? אין וואסערע קליידער איז ער אנגעטאן? וויאזוי רעדט ער: צי זאגט ער „אטכייען די נעשאמע", צי „מעכייע זיין זיך די נעשאמע", „בולבעס", צי „קאר-טאפליעס", „זשיפעצע", צי „זיפיצע"? הינטער וועלכן בוים זעצט ער זיך אוועק אפרוען: הינטער דעם אוקראִי-נער קליאן, בעסאראבער בוק, צי הינטער דער ווייסרו-סישער אסינע, צי עפשער זעצט ער זיך שוין אפטער אוועק זיך אפרוען הינטער אן אוראלער צעדער, אדער

לעם אָן ערשט פאַרזעצטן בערעזקעלע אין אַ מאָסקווער אָדער לענינגראַדער מיקראָ־ראַיאָן?..

אַ סאַך, זייער אַ סאַך פּראָבלעמען שטעלט אוועק כאַריק פאַר אונדזער הײַנטצײַטיקער ייִדישער פּאָעזיע. און דאָס באַטײַט, אַז כאַריק איז געווען אַ גרויסער דיכטער פון זײַן צײַט, און אַז ער בלײַבט אין דער ליטעראַטור — ניט קעדיי מע זאָל פּראַווען יובילייען פון זײַן געבורט און פון זײַן אומקום, אויך ניט קעדיי ערודירטע ליטעראַטור־קענער זאָלן דערציילן וועגן אים ניסים, — ער בלײַבט אין דער לעבעדיקער ליטע־ראַטור ווי אַ לעבעדיקער שעפערישער קויעך, ווי אַ פּראָבלעמען־שטעלער.

אין דעם, טײַערע פרײַנט, איז דער עמעסער טאָך פון אונדזער הײַנטיקער כאַריק־באַגעגעניש.

מיקאָלאַ כוועדאָראָוויטש

באַגעגענישן, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרגעסן

מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט איזי כאַריקן האָט זיך אָנגעהויבן אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען מיר זײַנען געווען אַקטיווע טוער פון דער ווײַסרוסישער אַסאָציאַציע פּראָלעטאַרישע שרײַבער. כאַריק איז דעמלט געווען אָנפירער פון דער ייִדישער סעקציע. אָפט פלעגן מיר דורכפירן געמיינזאַמע ליטעראַרישע אָוונטן אָף די נײַ־בויונגען און אין די אַרבעטער־קלובן.

אין ווײַסרוסלאַנד לעבן פון טאָמיד אָן די ווײַסרו־סישע, ייִדישע, רוסישע שרײַבער ווי איין מישפּאָכע. זיי באַרײַכערן שעפעריש איינער דעם אַנדערן, איבער־זעצן פלײַסיק די ווערק פון איין שפּראַך אָף דער צווייטער. איזי כאַריק האָט אַליין איבערגעזעצט די לידער און פּאָעמעס פון יאַנקאַ קופּאַלאַ, יאַקוב קאָלאַס, אַנדריי אַלעקסאַנדראָוויטש, מיכאַס טשאַראָט, דמיטראָק ביאַדוליאַ און געהאָלפן רעדאַגירן די איבערזעצונגען, וועלכע עס האָבן געמאַכט אַנדערע ייִדישע דיכטער.

כאַריק האָט זיך פאַרקריצט אין מײַן זיקאָרן ווי אַ שטענדיק זוכנדיקער, פאָרשנדיקער מענטש, וואָס איז אומצופרידן מיט זיך, אַ מענטש, וואָס זײַן בליק איז געווענדט צום נײַעם, צום אומבאַוווסטן. טאָמיד אומ־רויִק, מאַמעש אַ שטיק קוועקזילבער — פול מיט שעפערישן ברען, איז כאַריק געווען אַ נאָוואַטאָר לויט דער נאַטור.

די קוטשמע געקרויזטע האָר, שוין עטוואָס באַזיל־בערט, פלעגט שטיפעריש פאַרדעקן זײַן הויכן שטערן. ער פלעגט ריידן הילכיק און אײַליק, איין געדאַנק פלעגט אָניאָגן דעם צווייטן. ער האָט געזוכט אייגנטימ־לעכע פאַר אים ווערטער מיט אַ באַזונדער פּאָעטישן גלי און שעפערישער בריישעסדיקײַט.

באַם אַרויסטרעטן פאַר אַ גרויסער אַאודיטאָריע פלעגט כאַריק זיך דערפילן ווי אַ פיש אין וואַסער, ער האָט געוווסט די קונסט פון צוציִען צו זיך די אויפמערקזאַמקײַט פונעם עולעם, פון פאַרכאַפּן דעם צוהערער.

עס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט איינע אַזאַ באַגעגעניש פון איזי כאַריקן מיט די שילער פון דער ליאָזנער מיטלשול, וויטעבסקער געגנט. אין זאַל זײַנען געווען אויך די עלטערן, זיידעס און באָבעס פון די שילער. ווי הייס זיי האָבן אַפּלאָדירט דעם פּאָעט! נאָכן אָוונט האָבן זיי אונדז אײַנגעלאַדן אַהיים צו איינער אַ מיש־פּאָכע און מעכאַבעד געווען אונדז, ווי אייגענע זין.

איך קאָן אויך ניט פאַרגעסן דעם ליטעראַרישן אָוונט אין שטעטעלע קאַלישק. געבראַכט אַהין האָט אונדז דער סעקרעטאַר פון ליאָזנער ראַיקאָם פון פּאַרטיי. אינעם פיזקולטור־זאַל פון דער שול איז געהאַנגען כאַריקס אַ פּאָרטרעט, געמאָלט פון אַ באַגאַבטן שילער. די פּיִאָנערן האָבן אונדז אָנגעטאָן רויטע האַלדזטיכלעך, פאַרגעלייענט לידער אָף ייִדיש און ווײַסרוסיש. דערנאָך האָבן מיר געהערט אַ מאָנטאַזש פון כאַריקס שאַפונג. איך האָב באַמערקט, ווי כאַריק האָט געקנייטשט אין די הענט זײַן נאָזטיכל, ווישנדיק די פײַכט געוואָרענע גלעזלעך פון די פּענסנע.

איזי כאַריקס געשטאַלט איז שטענדיק פריש אין מײַן זיקאָרן.

*

ארן ווערגעליס

געדאַנקען וועגן מאַרקישן

פּערעץ מאַרקיש האָט געשריבן קימאַט אין אַלע ליטעראַרישע זשאַנרען. ער האָט פרײַ באַזיצט סײַ די שפּראַך פון עפּישער דיכטונג, סײַ די שפּראַך פון ליריק, בעלעטריסטיק, דראַמאַטורגיע, פּובליציסטיק. דער דיכטער איז דערשינען אויך ווי אַ פּראָזאַיִקער, עסעיִסט, טעאַטער־פאָרשער, זשורנאַליסט, קריטיקער. ער איז געווען ענלעך אַף אַן אָראַטאָר, וואָס רעדט פאַר אַ פיל־נאַציאָנאַלער אַאודיטאָריע, און דעריבער כאַזערט ער איבער די גרונט־געדאַנקען אַף פאַרשיידענע לעשוינעס.

עס געדענקט זיך: אין דער צווייטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן האָבן די רוסישע צײַטונגען „פּראַוודאַ" און „איזוועסטיִאַ", און אַוואַדע אויך די ייִדישע צײַטונגען אין מאָסקווע, קיִעוו, מינסק, געדרוקט בײַ יעדער געלעגנהײַט, אַף דער ערשטער זײַט, מאַרקישעס אַקטועלע דיכטערישע אָפּרופן אַף וועלט־געשעענישן און זײַנע פּאָעטישע ווידמונגען די רעוואָלוציאָנערע יאָמטויווים. ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דער אווטאָר פון די דאָזיקע פּובליציסטישע מאָטיוון איז אַ הונדערטפּראָצענטיקער טריבון, און דאָס גאַנצע פײַער פון זײַן האַרצן, די גאַנצע באַגאַבונג זײַנע ווידמעט ער בלויז אָט דעם זעלטענעם באַרוף. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט דער „עמעס"־פאַרלאַג אַרויסגעלאָזט מאַרקישעס מאָנאָגראַפיע וועגן מיכאָעלסן און זײַן ראָמאַן „דאָר־אויס, דאָר־אײַן", אין אַ ריי טעאַטערן האָט מען רעפּעטירט זײַן נײַע דראַמע „מישפּאָכע אָוואַדיס", זשורנאַלן האָבן אָפּט געדרוקט לירישע ציקלען זײַנע און אַ סעריע ראָמאַנטישע באַלאַדעס...

פּונקט אַזוי פילפאַניק איז פּערעץ מאַרקיש געווען אויך אין לעבן. פאַר אַ זײַטיק אויג האָט ער געכער פון אַלץ אויסגעזען ווי אַן עקסטראַוואַגאַנטער מענטש, שטענדיק — אויפגעבראַזט, עקזאַלטירט, אויסערלעך קיינמאָל ניט באַרויִקט. האַלטנדיק זיך טאָמיד ווי פאַר אַ שפּרונג, האָט ער בעשאַס אַ שמועס מיט עמעצן געשאָטן מיט ווערטלעך, אַנעקדאָטן, פּסוקים און איז געווען אין יעדער מינוט גרייט — אָדער סאַרקאַסטיש אויסלאַכן זײַן מיטשפּרעכער, אָדער, פאַרקערט, אַ קלאַפּ טאָן אים איבערן אַקסל און אים שטאַרק אַ לויב טאָן. זײַנע רייד זײַנען געווען עמאָציאָנעלע, איבערגעזעטיקטע מיט בילדערישקייט, אָפט אַרויסרופערישע, די געדאַנקען — אַזוי שיין און טרעפלעך אַרויסגעזאָגט, אַז זיי האָבן מאַמעש היפּנאָטיזירט, זײַנע זשעסטן — ניט קיין פאָרויסגעזעענע, צומאָל ניט קיין געוווּנטשענע, אָפט אַפילע טעאַטראַלע.

און דאָך — פרעגט בײַ מאַרקישעס נאָענטע פרײַנט, וועלן זיי אײַך אָנמאָלן אַ פּאָרטרעט פון אַ מענטשן, וואָס אין מינוטן פון „אויג־אַף־אויג", פון פאַרטרוילעך אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, איז ער שטיל אַרײַנגעטאָן אין ראַיוינעס, הערט זיך אײַן אין יענעמס רייד, ווי אין קלאַפּן פון אַ דויפּעק, רעדט אַליין מיט אַ ראַכוועסדיק־ברייטן שעפּטשען און צעפירט בייסמײַסע מיט די הענט, ווי גלײַך ער וואָלט געהאַלטן צוגעדריקט צו דער ברוסט אַ בלאָזזאַק אַף צו אונטערהאַלטן דאָס פײַער פון די געפילן...

פּערעץ מאַרקישעס אופטו אין דער ייִדישער דיכטונג איז נאָך ווי געהעריק ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן. מאַרקיש האָט, ווי קיינער ביז אים, פאַרברייטערט די טעמאַטישע און זשאַנער־מעגלעכקײַטן פון אונדזער פּאָעזיע. די עפּישע דיכטערישע פאָרם (לעמאָשל, די עפּאָפּיי, וועלכע איז אָנגעזעטיקט מיט שטייגערישע דעטאַלן, דראַמאַטישע קאָליזיעס, פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן, ליבע־היסטאָריעס אדג.) באַווײַזט זיך בײַ אונדז דאָס ערשטע מאָל אין מאַרקישעס ווערק. פאַר דער ווײַטזעעוודיקער ייִדישער קריטיק איז נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן קלאָר געווען, אַז אָט דער דיכטער מיט זײַן שימשן־האַגיבעררדיקער בילדערישער מוסקולאַטור, מיטן אויסערגעוויינלעך ברייטן אָטעם און מיט די מײַלן־גרויסע שפּאַן ברענגט אַרײַן אין דער פליסטערנדיקער קליינשטעטלדיקער דיכטונג אַזעלכע מאַסשטאַבן, אין וועלכע דאָס שטעטעלע מיטן גאַנצן האַקל־פּאַקל איז בלויז אַ היימיש פענצטערל, וואָס האָט זיך פאַרטײַעט בײַ דער פּראָבלעמען־מאַגיסטראַל, פינקטלעכער גערעדט — אַ קליין טיילעכל פון דער גרויסער וועלט.

די טעמפּעראַמענטפולע, אַזעספּאָנעמדיק־פרײַדענקע־

רישע פּאָעטיק מארקישעס האָט געמאכט דעם ייִדישן
פּערז אַזוי בייגעוודיק און שטײַף, אַז ער איז שוין
געווען מעסוגל צו איבערגעבן ניט נאָר דאָס פּרעמד־
שטייגערישע בילד פון דער אוקראַיִנישער אָדער רוסי־
שער סוויווע, נאָר אויך דעם וויכערדיקן לויף פון א
טאטשאנקע, דעם סטאַלינגראַדער מעהומע־צונויפשטויס
פון צוויי וועלט־אַרמייען אאוו. דערבײַ האָט מארקיש
זײַן פּאָעטישן דימענט געבראַכט פון אַזעלכע ווײַט־פאַר־
באָרגענע „נאציאָנאַלע שאַכטעס“, אַז מיט אים האָט ער
א באַליביקן מאַטעריאַל געשניטן אַף דעם אינטימלעך־
ייִדישן אויפן. בלויז א דיכטער פון די נאַציאָנאַל־ייִדישע
טיפענישן האָט געקאָנט, לאָמיר זאָגן, א פרעג טאָן
וועגן דער רויטער רײַטער־אַרמיי פונעם לעגענדאַרן
קאָמבריג גײַ, וואָס האָט געפירט רויטאַרמייִשע לאַווי־
נעס אַף צו אײַנעמען וואַרשע, מיט אַזאַ לאָשן: „וועל־
כער גײַ? וואָסער גײַ? גײַ שאָ גײַ, גײַ שאָ גײַ...“

אויך פאָרמעל איז מארקיש געווען דער סאַמע דריי־
סטער רעפאָרמאַטאָר פונעם ייִדישן פּערז. ער האָט
ארײַנגעטראָגן דעם אַסאָנאַנס, די אָפן ערשטן קוק אומ־
גלייבלעכסטע מעטאַפאָרן; מיט זײַן הילף האָבן זיך
אַקלימאַטיזירט אין אונדזער פּאָעזיע ניט־פּינקטלעכע
גראַמען, אומגעריכטע איבערגאַנגען אין דעם ריטם, קאָ־
סמישע פאַרגלײַכן.

די ניט־געצוימטע לײַדנשאַפט, דער צײַטנווײַז אַנט־
בלויזטער נאַטוראַליזם פון דעם יונגן מארקישן האָבן
זיך דורכגעשלאָגן דורך דער לײַטיש־באַלעבאַטישער
געמאָסטנקײַט פון דער פאַר־אָקטיאַבערישער ייִדישער
דיכטונג, ווי א גוטער גוסרעגן דורך די מיט שפּינוועבס
פאַרצויגענע, פאַרשטויבטע קרוינען פון א שלאָפנדיקן
וואַלד. אין יענע שטורעמדיקע רעוואָליוציע־יאָרן האָבן
מארקישעס איראָנישע טײַטשונגען פון דער ריטועלער
אַפּאָריסטיק, זײַן גוטברודערישער און פאַריסענער טאָן,
זײַנע אַפּצולאָכעס־רייד אויסגעזען בא די לייענער ווי אַן
אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן די אַלטע נאָרמעס.

מארקיש איז געווען דער ייִדישער דיכטער פון די
סאַמע ברייטע מאַסשטאַבן, ער איז געווען דער סאַמע
אוניווערסאַלער און פּראָדוקטיווער ייִדישער דיכטער. אָפט
האָט מען אים די דאָזיקע אייגנשאַפטן אויסגעוואָרפן, ווי
שוואַכקײַטן. געוויסע קריטיקער האָבן געטײַנעט, אַז פאַר
מארקישעס קינסטלערישער מאַניר איז כאַראַקטעריסטיש
אַבסטראַקטקײַט, איבערגעטריבענע פּאַטעטישקײַט, אַז
דער דיכטער האַלט זיך אין איין אַרומטראָגן אין די
הימלען. מע האָט ניט באַמערקט פילצאָליקע ווערק, אין
וועלכע מארקיש האָט, טיילמאָל אַף א שעטעך פון
צענדליקער בוך־זײַטן, ניט אַרויסגעבראַכט קיין איין
הויך וואָרט. ס'איז אָבער א פאַקט, אַז אַזעלכע פּאָעמעס,
ווי „דעם באַלעגופס טויט“ אָדער „ניט געדײַגעט“, זײַ־
נען ווערק טיף־שטייגערישע, און די מאַניר איז אין זיי
א מאָלערישע, און זיי זײַנען פול מיט ניט אײַליקע
מאַכשאָוועס. פאַרשטייט זיך, אַז מארקיש האָט געהאַט
אויך ניט ווייניק שטריכן פון א דיכטער, וואָס גייט אום
איבער דער ערד מיט גיגאַנטישע טריט און שפּאַרט אָן
מיטן קאָפּ אַזש אין הימל. מע דאַרף אָבער ניט פאַר־
געסן, אַז מיט זײַן היפּערבאָליזירטן דענקען, מיט די
קאָסמישע אַסאָציאַציעס האָט מארקיש אויסגעדריקט דעם
גײַסט פון דער צײַט, ווען דער יונגער סאָוועטישער גי־
גאַנט האָט אָקאָרשט דעראָבערט די וועלט.

פּערעץ מארקיש מאַכט ניט נאָך מאַיאַקאָווסקין, ער
קאָפּירט ניט זײַן פּאָעטיק און זײַנע אויסדריק־מיטלען.
ס'איז אָבער פאַראַן בא אָט די צוויי פּאָעטן א טיפע
קרויוועשאַפט, וואָס נעמט זיך פון אַלציינעם געמיט־
צושטאַנד.

אין מארקישעס שאַפונג, וואָס איז, לאָמיר עס ספּע־
ציִעל אונטערשטרײַכן, אויסדריקלעך פּובליציסטיש, גע־
פינען מיר די אָפּקלאַנגען פון גרויסע קלאַסן־שלאַכטן,
דעם רעוואָלט קעגן דער פאַרגאַנגענהײַט, דעם סאַרקאַזם
און די פלאַקאַטישקײַט אַלס מיטלען פון אָט דעם רע־
וואָלט. און באַגלײַך דערמיט געפינען מיר אין מאַר־
קישעס שאַפונג געדולדיקע אַרגומענטאַציע און אָביעק־
טיווע באַווײַזן, — אַז, לעמאָשל, די אָדער יענע סיטואַ־
ציע איז גערעכטיק און אַז זי דרינגט אַרויס פון דער
היסטאָרישער נויטווענדיקײַט. עס דערשיטערט מאַמעש,
וויִאַזוי דער פּאָעט קאָן איבערצײַגן זײַנע לייענער, ברענ־
גענדיק ניט איין אַרגומענט, און ניט גראָד יענעם, וואָס
פירט גלײַך צום אויספיר, מאָביליזירנדיק אין קינסטלע־
רישן אַרסענאַל ניט איין מעטאַפאָרע, ניט איין פאַרגלײַך,
נאָר איינציײַטיק עטלעכע, א גאַנץ בינטל, און אַזעלכע
טרעפלעכע, אַזעלכע אומדערוואַרטע, אַז דער לייענער
ווערט מיטגעריסן, און ער גלייבט. ער גלייבט דעם דיכ־
טער, וואָס איז אַזוי קאָנטעט מיט וועלט־ און נאַטור־
זאַכן, אַזוי ברייטהאַרציק באַם טיילן זיך מיט דעם, וואָס
ער ווייסט און וואָס ער האָט אַזוי אומדערמידלעך,
שאַרפזיניק, פריילעך אַרויסגעבראַכט. ווען מארקיש טוט
א וואָרף אַרויס א לאָזונג, איז אָט דער לאָזונג פּונקט
אַזוי צום אָרט, ווי דער הײמישער זאָג מיט א רעגע צו־
ריק, אָדער ווי די אָקאָרשט־געבראַכטע ביבלישע סענ־
טענץ. ווען מארקיש רעדט מיט א הויך קאָל, ווייסן אַלע,
אַז איידער זיך צו „צעטומלען“, איז דער דיכטער א
לענגערע צײַט געווען רויִק, פאַרטאָן אין זיך, און דאָס
גיט אים די מעגלעכקײַט צו ריידן הויך.

פּערעץ מארקישעס שאַפונג שפּיגלט אָפּ אין איין
שפּיגל דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער נאַציאָנאַלער פאַר־
שלאָסנקײַט און דאָס אָפּהיטן דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט
פונעם ייִדישן פאָלק. אין מארקישעס ווערק פאָרן זיך
צונויף די ריטמען פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע מיט
דעם געמיט־צושטאַנד פון די מענטשן, וועלכע זײַנען
ביז דער רעוואָליוציע געווען פאַרשטויסן און פאַריאָגט
און איצט טײַעט בא זיי אָפּ די נעשאָמע.

צווישן מארקישעס קריטיקער טרעפן מיר אַזעלכע,
וואָס היטן אָפּ אייפערזיכטיק דעם מיניאַטור־זשאַנער,
און זיי וואַרפן אויס דעם עפּישן דיכטער, אַז האָבנדיק
א נייגונג צו געניויע שילדערונגען, וויל ער ניט שרײַבן
קורץ. מוז מען דאָ אָפּגעבן זיי גערעכט: מארקיש איז
טאַקע „שולדיק“. ס'קאָן אפילע זײַן, אַז די עפּאָפּיי
„מילכאָמע“ (זי האָט 25 טויזנט שורעס!) וואָלט מען
געקאָנט אָנשרײַבן שפּאָרעוודיקער. ס'איז אויך עמעס, אַז
אייניקע העראָיִשע באַלאַדעס און „צײַטונגס־לידער“ פון
די דרײַסיקער יאָרן האָט מארקיש אָנגעשריבן מיט א
צו צעוואָרפענער האַנטשריפט. אָבער — בא וועלכן
גרויסן קינסטלער איז ניט געווען קיין „איבערפּראָדוק־
ציע“? איך צווייפל ניט, אַז די קומענדיקע דורעס לייע־
נער וועלן לויבן דעם דיכטער פאַר דעם, וואָס ער האָט
געשילדערט זײַן צײַט מיט פּראָטים. לויט זײַנע ווערק
וועט מען, אַזויאַרום, קאָנען פּינקטלעך אופשטעלן א
גרויסע צאָל מענטשן־כאַראַקטערס מיט זייערע לעשוינעס
און געוווינהײַטן, מע וועט קאָנען ווידער זיך אויסמאָלן

די מידעס און די זיטן, וועלכע דער האסטיקער שטראָם פונעם לעבן האָט שוין פארענדערט.

צי דען וועט אין דער ווײַטערער צוקונפט ניט זײַן אינטערעסאנט צו וויסן, וויאזוי אין די צוואנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָט אָנגעהויבן זייען זײַן אייגן ברויט דער וואסערפירער מענדל פון „ניט געדײַגעט“? געשיקט זיך, וועט מען ניט וועלן זיך דערגרונטעווען צו די כאראקטער־שטריכן פונעם זאליאזניק און באַלעגוף, דעם קלוגן און שטארקן אייגנטימער אנשל? צי ס'איז טאקע ניט אזוי וויכטיק צו וויסן, וויאזוי עס זײַנען געווען געקליידט, און מיט וואָס עס האָבן זיך געשפײַזט, און וויאזוי סע האָבן זיך באצויגן איינער צום אנדערן, און אויך וויאזוי עס האָבן גערעדט, זיך געשאָלטן, זיך געפרייט די דעמלטיקע ייִדן?

בא פּערעץ מארקישן וועט דער לייענער געפינען גענויע שילדערונגען פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן אין לאנד. ווייניק ווער פון די ייִדישע שרײַבער האָט מיט אזא מײַסטערשאפט, ווי מארקיש, באוויזן, וויאזוי דאָס פארוואָרפענע קליינע אוקראַיִנישע שטעטעלע, די טכום־פּראָווינץ, וואָס איז געלעגן אין א זײַט פון די לאנד־קאָמוניקאציעס, האָט זיך ארײַנגעצויגן אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע און איז שפּעטער געוואָרן די ארענע פאר היסטאָרישע איבעראנדערשונגען אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פונעם ייִדישן פאָלק. און געפינענדיק אין מארקישעס ווערק הונדערטער און הונדערטער דעטאלן און שטריכן פון אָט דער סוויווע און פון אָט דער צײַט, — צי וועט דער לייענער ניט מויכל זײַן אים, מארקישן, וואָס דאָס שילדערן די דעטאלן נעמט צו אָרט אין דער סוזשעטישער קובאטור פונעם ווערק?

א גרויסע צאָל „בילדער פון דער נאטור“, אנדערש גערעדט — בילדער פון דער צײַט, האָט איבערגעלאָזט מארקיש: אזעלכע, אָנגעשריבענע פּונקט ווי מיט אייל־פארבן, בילדער, ווי לעמאָשל, דער טיפּאָזנע פּאָיעזד אין „ברידער“, די שטייגערישע פראגמענטן „ראָדי“, „דער פעטער שמוליק“, „באבי־יאר“ (אין „מילכאָמע“) — בילדער, וואָס זײַנען אזוי מאמאָשעסדיק, אז מע קאָן זיי, דאכט זיך, ארײַנשטעלן אין א רעמל און פארגלאָזן מיט גלאָז, ווי רעפּינס „זאפּאָראָזשיער“.

מארקישעס אָפּאָנענטן, וועלכע האָבן אים באשולדיקט אין פארנאכלעסיקן די קליינע לירישע פאָרם, זײַנען אָפּט געבליבן אָפּהענטיק און פארשעמט, — געטראָפן פון אן אומגעריכטער „קונץ“, וואָס דער דיכטער האָט באוויזן. עס פלעגט געשען אזוי, אז נאָכן פארעפנטלעכן א ברייט פּאָעטיש לײַוונט, ווען מע האָט אין די קולוארן, און ניט נאָר דאָרט, שוין אומצופרידן געשושקעט זיך, אז, זעט איר, פּערעץ מארקיש האָט נאָך אלץ ניט געכאפּט דעם „סמיק“, וויאזוי אָנשרײַבן א ליריש ליד, — פּונקט דעמלט, ניט אראָפּגייענדיק, אזוי צו זאָגן, פון דער בוי־פּלאָשטשאדקע פונעם גרויסן ווערק, האָט ער, ווי דערעכאגעוו, א באווײַז זיך געטאָן פארן לייענער מיט א גאנצן בוך ליריש־פילאָסאָפישע מיניאַטורן. אזוי איז געשען, לעמאָשל, אין 1947, ווען מארקיש האָט אָקאָרשט פארענדיקט זײַן גיגאנטיש ווערק „מילכאָמע“. די אָפּאָנענטן האָבן געוואָרטשעט: א צווייבענדיקע עפּאָפּיי מיט 162 קאפּיטלען, מיט א גרעסערער צאָל שורעס, איידער אין „אָדיסייע“ און „איליאַדע“ צוזאמען גענומען... ווו זשע איז די ליריק? ווען וועט פּערעץ מארקיש באווײַזן, אז ער קאָן ארבעטן אויך ווי א יוועליר? און אָט — אומגעריכט פאר אלעמען, — ס'האָט נאָך ניט באוויזן אויסטריקענען די פארב אף די זײַטן פון „מילכאָמע“, האָט מארקיש געבראכט אין פארלאג א בוך ליריק. פאר אן אנדער דיכטער וואָלט אזא גרויסע לידער־זאמלונג, קאָן זײַן, באטײַט ניט ווייניקער ווי א „פּעריאָד“ אין זײַן שאפונגס־ביאָגראפיע, נאָר מארקיש האָט געקוקט אף דעם, ווי אף א שעפערישן עפּיזאָד, און, אָפּגעבנדיק שוין דערווײַל דעם „גאָסעט“ זײַן נײַע דראמע „אופשטאנד אין געטאָ“, האָט ער זיך ארומגעטראָגן מיט נײַע פּלענער (שפּעטער, שוין נאָך זײַן טויט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז ער האָט אין יענער צײַט געשריבן דאָס פּראָזאַיִשע עפּאָפּייווערק „טראָט פון דורעס“).

עס קאָן אוואדע זײַן, אז אליין מארקיש האָט אונטערגעזאָגט אייניקע ליטעראטור־מעווינים די באציִונג צו זײַן ליריק ווי צו עפּעס צווייטראנגיקס. איבעריק צו זאָגן, אז דאָס איז ווײַט־ווײַט ניט אזוי.

אין די איצט שוין לעגענדארע טעג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז מארקיש אלט געווען 22 יאָר. דער יונגערמאן, וואָס איז אויסגעוואקסן אין פּאטריאַרכאלן וואָלינער קאנט, איז שוין צו יענער צײַט דורכגעגאנגען א היפּשן לעבנס־וועג. א מעשוירער אין דער פריִער יוגנט, איז ער אפן צווייטן יאָר פונעם וועלטקריג מעגולגל געוואָרן אין א סאָלדאטישן „זאפּעוואלע“. קורץ נאָך דעם, ווי מע האָט אים דעמאָביליזירט פון דער ארמיי, איז ער אויסגעווען א וועלט — געלעבט אין אָדעס, יעקאטערינאָסלאוו, קיִעוו, וווּ אין יענער צײַט האָט שוין געבושעוועט דער רעוואָליוציאָנערער שטורעם. בײַם די ארומוואָגלענישן פון שטאָט צו שטאָט האָט ער אויסגעזונגען זײַנע ערשטע לידער. אין 1919 זײַנען זיי אין קיִעוו ארויס אין א באזונדער ביכעלע, וואָס האָט געהייסן „שוועלן“. ווען מע פארעכנט הײַנט מארקישן צו דער „קיִעווער גרופּע“ יונגע ייִדישע שרײַבער, טוט מען עס טאקע אפן סמאך פון אָט דעם ביכעלע. אין זעלבן 1919 יאָר גיט מארקיש ארויס אין יעקאטערינאָסלאוו מיטאמאָל נאָך פיר זאמלונגען — „אינמיטן וועג“, „נאָכן טעלערל פון הימל“, „פּוסט־און־פּאס“ און „שטיפעריש“. ווי מיר זעען, ווײַזט ער פון סאמע אָנהייב ארויס יענעם גרויסן טעמפּעראמענט, וועגן וועלכן אין די קומענדיקע יאָרן וועט מען פיל ריידן און שרײַבן.

און ניט נאָר זײַן שפּעטערדיקן טעמפּעראמענט און די גוואלדיקע ארבעטזאמקײַט ווײַזט מארקיש ארויס פון זײַנע ערשטע טריט. דאָס, וואָס איך וועל דאָ ווײַטער זאָגן, האָט א שײַכעס ניט נאָר צו אים, צו זײַן בערייִשים. אָפּט בלײַבן די שפּעטערדיקע דוירעס ייִדישע שרײַבער שטיין אין פארלעגנהײַט: צי האָבן האָפשטיין, אָדער מארקיש, אָדער קולבאק געהאט ווערק, וועלכע מע באצייכנט געוויינלעך ווי אָנפאנגערישע. געשיקט זיך, האָט דער יונגער מארקיש, קומענדיק מיט זײַנע ערשטע לידער, גלײַך א רעד געטאָן מיט אזא רײַפער דיכטערישער שפּראך:

> פארגאָסן האָט א ווייכע פינצטערניש די וועלט שוין
> ביזן קאָפּ.
> פארענדיקט דער פארנאכט זײַן גאָלדן בענטשן —
> שטיל און — אָפּ...

גייט

אנטקעגן אים די נאַכט פון אַלע זײַטן —
פון אונטער דר׳ערד, פון הימל, פון די ווײַטן,
און אונטער איר צעלאָזטער שוואַרצער העמד
באַהאַלט אים שטילערהייט.

און אַלצדינג שווײַגט און הערט,
אי מענטש, אי פערד...
נאָר ווינטל בלאָנדזשעט אום און רעדט צו ווענט,
און שטומע ווינטמיל מאַכט צום הימל עפּעס מיט
די הענט...

שווער צו זאָגן, וויאַזוי דאָס איז געשען אין די ווײַטע אָנהייבן פון אונדזער ליטעראַטור. ס׳קאָן זײַן, אַז די צײַט איז געווען אַזאַ — אַ צײַט פון אויסערגעוויינלעך גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פונעם יונגן דאָר, אַ צײַט, ווען יונגע טשאַפּײַעווס האָבן גראַמירט אַלטע גענעראַלן און אָפּגענומען בײַ זיי שטאָט נאָך שטאָט, ווען לענין איז אַלט געווען קאַרגע פופציק יאָר און אייניקע זײַנע פאָלקס־קאָמיסאַרן האָבן נאָך ניט צעביטן דאָס דריטע צענדליק, ווען מאַיאַקאָווסקי און יעסענין, די „אַלט״־באַוווּסטע דיכטער, די הערשער פון די מוי־כעס, האָבן נאָך ניט צעזעגנט זיך ווי ס׳געהער צו זײַן מיט זייער יוגנט. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר סײַ מאַרקיש, סײַ קושניראָוו, סײַ האָפשטיין, סײַ שוואַרצמאַן, סײַ האַלקין האָבן ניט פּובליקירט קיין אָנפאַנגערישע שירים. פּערעץ מאַרקיש איז גלײַך אַרײַן אין דער ליטעראַטור מיט זײַן רײַף־אויסגעפורעמט וואָרט, מיט זײַן אייגענעם דיכטערישן כאַראַקטער, מיט די כאַראַקטעריסטישע פאַר אים מאַסשטאַבן, מיט אַלע זײַנע שעפערישע פליוסן און מינוסן. ס׳וואָלט בעפּיירעש געווען נוצלעך, ווען עס מערקן דאָס אָפּ פאַר זיך אייניקע הײַנט שוין באַאַרטע שרײַבער, וועלכע קענען נאָך אַלץ, ביזן פופציק־זעכציקיאָריקן עלטער ניט איבערטרעטן די שוועל פון אָנפאַנגערישקײַט, און זיי טרייסטן זיך מיט דעם, וואָס זיי שרײַבן „אַזוי ווי האַלקין האָט געשריבן״, אָדער אין זייערע ווערק טרעפן זיך אַזעלכע מעטאַפאָרן, „מיט וועלכע עס וואָלט זיך ניט געשעמט אַליין מאַרקיש״...

דער לירישער העלד פון פּערעץ מאַרקישעס ערשטע לידער האָט ניט אָנטיילגענומען, ווי שוואַרצמאַנס לירישער העלד, אין דעם אָקטיאַבער־אופשטאַנד, אָבער זײַן געמיט־צושטאַנד האָט אַנטשפּראָכן די שטימונגען פון דער רעוואָליוציאָנערער צײַט. מע דאַרף גוט וויסן די טכום־אַטמאָספער, קעדיי די צעכראַסטעטקײַט פונעם יונגן מאַרקישן, דער „ווינט אין קאָפּ״ בײַ אים, זאָלן זיך ניט אויסדוכטן ווי עפּעס „סטאַם״, וואָס איז אָנגעווייעט פון „פּוסט־און־פּאַס״, — האַגאַם ניט נאָר די גראָדליניקע קריטיק האָט עס אַזוי קוואַליפיצירט, נאָר, ווײַזט אויס, אויך ער אַליין, מאַרקיש, לויט ווי ער האָט אָנגערופן זײַנע פריִע לידער־ציקלען. ניין, דאָס איז ניט געווען „סטאַם״ אַזוי אַן אַרומטראָגן זיך „פּוסט־און־פּאַס״. ס׳האָט געבלאָזן אַ ווינט פון פרײַהײַט, אויף וועלכן עס האָט זיך דערפילט גוט דער קויכעספולער, געזונטער, יונגער מענטש, אַ פאַרשפּאַרטער ביז איצט אין שטיקנדיקע דאַלעדאַמעס. פּונקט ווי די ייִנגלעך אין שטעטל, די ייִנגערע פון מאַרקישן, די ווײַסעכעוורע־ניקעס — פּונקט ווי די פרײַע, הוקענדיקע און פײַפנדיקע, ערעוו־באַוווּסטזיניקע ייִנגלשע כאָפּטעס, וואָס האָבן באַגלייט די בודיאָנאָווצעס בײַ זייער דורכגאַלאָפּירן דורך די שטעטלעך, — פּונקט אַזוי האָט דער יונגער פּאָעט ערעוו־באַוווּסטזיניק פּראָקלאַמירט די רעוואָליוציאָנערע שטימונגען, ווי בײַ אַלעקסאַנדער בלאָקן אין דער פּאָעמע „צוועלף״, אַזוי האָט אויסגעזען בײַ מאַרקישן דער קלוימערשט סטיכייִשער (אַפילע, פלעגט מען זאָגן, אַנאַרכיסטישער) גאַנג, וועגן וועלכן ער האָט שפּעטער געשריבן:

דזשאַז און גוסליעס, בלוט און סאַמאַגאָנקע,
פריידיקע מאַטראָסן־טענץ, מעסערס אין די
כאָליעוועס;
— פריילעך איז אַ באַרוועסן אויף וועגן דײַנע
בלאָנקען,
בלאָנקענען און אָנקומען אויף בייזוואונדערס
מעלאַנכאָלישע!

היץ און פרייד פון פלאַמיקע פאַרשווערונגען,
קוואַלנדיק געזאַנג פון זוניקער האַרמאָניק.
— ווער ווייסט, וואָס זיסער איז און וואָס
געפערלעכער:
דײַן זיסער גיפט צי דײַן פאַרסאַמטער האָניק?

שײַטערס ליכטיקע און אויסגעזעצטע שפּיגלען,
טליִענדיקער אַש פון סרייפעס און פון בלײַ;
— איך טראָג דיר נישט קיין ליים, איך
טראָג דיר נישט קיין ציגל, —
אָן אָנגעצונדן האַרץ אויף צינדן פונדאַסנײַ!..

דזשאַז און גוסליעס, בלוט און סאַמאַגאָנקע,
פריידיקע מאַטראָסן־טענץ, מעסערס און געזאַנג;
— פריילעך איז אַ באַרוועסן אויף וועגן דײַנע
אָנקומען,
אָנקומען, פאַרבלאָנקען און פאַרלירן זיך אין
גאַנג!..

מאַרקיש האָט אין „שוועלן״ ניט געזונגען, ווי האָפשטיין און קושניראָוו, קיין פײַערלעכע לויבגעזאַנגען (אָדעס) דעם אָקטאָבער, ער האָט ניט געשריבן קיין לידער, וויגנדיק זיך, אַזוי צו זאָגן, אין רויטאַרמייִשן זאָטל, ווי שוואַרצמאַן, פּעפּער, כאַריק, — אָבער פון יענער זײַט „שוועלן״ האָט שוין געוואַרט מאַרקישעס קלאַסיש־רויטאַרמייִש ווערק „ברידער״, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אויף די רעוואָליוציאָנערע ווינטן פון זײַנע, מאַרקישעס, ערשטע „סטיכייִשע״ לידער־ציקלען. זײַן דיכטונג פון די יאָרן 1917 — 1918 — דאָס איז אַ פריידיקער אויסגעשריי פון אַ יונגן וועזן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויס אויף דער פרישער לופט, דערזעענדיק פאַר זיך ברייטע ראַכוועסן. פרײַהײַט האָט פאַר מאַרקישן אין יענע טעג באַטײַט — פרײַ ליב האָבן, פרײַ דענקען, פרײַ זינגען אויף אַ קול, פרײַ וואַלגערן זיך אין גראָז, פראַנק־און־פרײַ אַרומגיין איבער דער ערד, פרײַ און שטאָלץ דעקלאַרירן:

...כ׳טראָג אונטער פּאַכווע
אַ שטראַל, ווי אַ בושל,
אים וועל איך צערײַסן אויף טויזנטער הערצער
און זינגען מיט בלוט דאָס געזאַנג פונעם לעבן!

מאַרקישעס וועג נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז ניט געווען קיין גלאַטער. דער אומענטשלעכער אויפברויז פון דערצאָרנטקײַט — ביז צערײַסן אויף זיך דאָס העמד, ביז צעבײַסן די אייגענע הענט, — אָט די דערצאָרנטקײַט אין דער פּאָעמע „די קופּע״ שטימט, עמעס,

אינגאַנצן מיט מאַרקישעס כאַראַקטער, ווי איך האָב אים אויבן געמאָלט, אָבער פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם גרויסן דיכטער איז „די קופּע" געווען אַ געצוווּנגענע פּאַוזע, אַ גאַנץ געפערלעכע, ווײַל אין 1921, ווען די פּאָעמע איז אָנגעשריבן געוואָרן, האָבן די געשילדערטע אין איר פּאָגראָמען ניט געטאָרט אָפּווענדן מאַרקישן פונעם הויפּט־מאָטיוו פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג פון יענער צײַט. ס'איז געווען קלאָר, אַז קעדיי דער פּעלקער־מאָרד זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, באַדאַרף מען קוידעמקאָל דערשלאָגן די לעצטע רעשטלעך פון דער קאָנטררעוואָליוציע.

„די קופּע" איז געקומען ווי אַן אָפּרוף אויף דעם נאַציאָנאַלן אומגליק, וואָס איז געווען אַ שטראָף־אַקציע פונעם אונטערגייענדיקן עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס. אין דער הינזיכט האָט די ליטעראַטור־קריטיק פון די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן ניט גענוג דורכדרינגלעך אָפּגעשאַצט סײַ „די קופּע", סײַ קושניראָווס „האַזקאָרע", סײַ האָפשטיינס „טריסטיאַ". כאַראַקטעריזירנדיק די פּאָגראָם־ליריק, ווי אַ דורכויס נעגאַטיווע דערשײַנונג, האָט זי ניט גענוג פּילבאַר דערזען איר פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַלער פּראָבלעם פון יענער צײַט. ווען די קריטיקער האָבן זיך אַזוי שאַרף אָפּגעקערט פון מאַרקישעס פּאָעמע „די קופּע", האָבן זיי אומגערן דורכגעלאָזט אַפילע אַזאַ דערשיטערנדיקן אַקאָרד אירן, ווי דעם סאָנעט „ס'איז הײַנט אַ מילעכיקע נאַכט", וואָס קלינגט אין פולן אוניסאָן מיט ביאַליקס שכיטע־שטאָט העט לויט דער אופּרײַסערישער ווירקונגס־קראַפט, העט לויט דער גרויסער מײַסטערשאַפט:

ס'איז הײַנט אַ מילעכיקע נאַכט פון אײַנגע־
שטעלטן קריגעלע לעוואָנע־לײַב געראָטן,
דערשרעקט זיך ניט, אַ שוואַרצע קעץ, פאַר
אומרו פון מײַן טופען;
איך גיי אײַך אָנזאָגן אַ גזירע פון דער מאַלקע
קופּע:
— זי שלײַדערט דעם באַרג סינײַ אָפּ צוריק
די צען געבאָטן...

איר מויל זיך דאַרשטיק רויכערט, ווי אַ קראַטער
אַ צעגליטער,
און טרויעריק איר זויף, גלײַך ווי מיט שוואַרצן
מאַרך פאַרזאָטן;
— היי, בערג און מאַרקן! אַף אַ שווע רוף
איך מיט מײַן ליד אײַך,
די קופּע בלוטיקט דעם באַרג סינײַ אָפּ די צען
געבאָטן!..

צוויי פויגלען דרייען זיך אַרום איר מויל און
שפּרעכן, און באַשווערן
און וויקלען איבער הויך איר צונג, ווי אַ
צעפלאַקערטע מעגילע,
און לייגן אַף איר קאָפּ אַ קרוין פון שוימענדיקן
שטערן...

אָ, סינײַ־באַרג! אין איבערקערטער שאָל פון
הימל — לעק די בלאָווע בלאָטע!
און נעכנע, נעכנע, ווי אַ קאַץ, אין האַלבנאַכטישער
טפילע,
— די מאַלקע־קופּע שפּײַט אין פּאָנעם צ'ריק
דיר אָפּ די צען געבאָטן!..

ס'וועט קלינגען, קאָן זײַן, פּאַראַדאָקסאַל, נאָר עס איז אַ פאַקט, אַז אין אָט דעם קאָמפּליצירטן און ביז גאָר שווערן מאָמענט האָט מאַרקישן געהאָלפן זיך אויסהיילן פון דער דעפּרעסיע זײַן רײַזע קיין אויסלאַנד. דאָרט, אין וואַרשע, פּאַריזש, לאָנדאָן, נעאַפּאָל, ירושאָלאַיִם, רוים, שרײַבט ער לידער, וואָס זײַנען פול מיט בענקשאַפט צו דעם לאַנד פון אָקטיאַבער, און איינצײַטיק קלינגען זיי, ווי פּאָעטישע דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען וועגן דער אווערדיקער צעפוילטקײַט פון דער אַלטער אָפּגייענדיקער וועלט. אין 1926, אומקערנדיק זיך קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַלט ער צו מיט אַלע איירורים צו דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. און ווען עס באַווײַזט זיך די לירישע פּאָעמע „כאַרקאָוו" (1927), איז דער לייענער מאַמעש געפּלעפט, ער דערקענט ניט מאַרקישן: אָנשטאָט דעם צעכראַסטעטן יונגן דיכטער, דערזעט ער פאַר זיך אַ רײַפן קעמפער מיט שטאַנדהאַפּטיקע אידעאָלאָגישע איבערצײַגונגען און מיט אַן אויסגעפורעמטער קינסטלערישער און אידייִשער פּלאַטפאָרמע.

די ווײַטערדיקע שעפערישע ביִאָגראַפיע מאַרקישעס — דאָס איז שוין אַ ביִאָגראַפיע פון אַ גרויסן סאָוועטישן שרײַבער, וואָס לעבט און שאַפט אין איינקלאַנג מיט דער צײַט און באַרײַכערט די ליטעראַטור מיט ווערק, וואָס וועלן געלייגט ווערן אין פונדאַמענט פונעם קינסטלערישן שאַפן פון אונדזער פאָלק.

פראנץ קאפקא און זײַן ראָמאן „דער פּראָצעס“

פראנץ קאפקא איז געווען אן אָנגעזעענער שרײַבער. זײַנע ווערק, געשריבן אין דײַטש, זײַנען איבערגעזעצט אין פיל שפּראכן. קאפקאס דערפאָלג איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס זײַן שאפונג איז דורכגעזאפט מיט די סאָציִאלע ווידערשפרוכן פון זײַן צײַט, האגאם די הויפּט־אופמערקזאמקײַט האָט דער שרײַבער קאָנצענטרירט אף די פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען פון באזונדערע אינדיווידוומען און אליין איז ער ביזן סאָף פון זײַן לעבן פארבליבן א פּעסימיסט, באצִיענדיק זיך צו די ארומיקע געשעענישן פּאסיוו.

קאפקאס ווערק זײַנען פול מיט טרויער און אויסוועגלאָזיקײַט. זײַנע העלדן זײַנען עלנטע מענטשן, וואָס לעבן אין שטענדיקער שרעק און אין אומזיכערהײַט, זעען ארום זיך בלויז שלעכטס. אפילע די נאטור ארום זיי איז דורכגעזאפּט מיט שמוץ און בלאָטע: עס טריפט אָן אופהער א רעגן, עס טרייסלט פון קעלט, עס איז פינצטער און עס הערט זיך, ווי מײַז דראפּען. אין זײַן נאָוועלע „בא דער כינעזישער וואנט“ שרײַבט קאפקא: „אלץ איז העוול־האוואָלים, מיר ווערן אלט, דערנעענטערן זיך צום טויט, אונדזערע קענטענישן האָבן קיין ווערט ניט, ביכלאל איז אלץ שלעכט, קיין גוטס איז אין לעבן ניטאָ“.

ניט געקוקט אָבער אף אזא אינהאלט, זײַנען די בילדער, וועלכע קאפקא מאָלט, הויכקינסטלערישע, דער סטיל — געטאָקט און באהויכט מיט טרויעריקן פּאָעטישן כיין. ווען קאפקא באשרײַבט אפילע גאָר א קלײנעם עפּיזאָד, שילדערט ער אלע זײַנע פּראָטים, די מינדסטע דעטאלן: די מעבלירונג פון צימער, ווו ווער עס זיצט, ווי איז צעשטעלט דאָס מעבל, וועלכע פאָרהאנגען זײַנען אף די פענצטער, און ענלעכע אײנצלהײַטן. און באלד אפן אָרט גיט ער טאקע צו וועגן דעם טרויעריקן בילד, וואָס מע זעט פון פענצטער: וועגן דעם אומעט אין גאס, דער סומנעקײַט אין הויף אאוו. אין די ראָמאנען, דערציילונגען, נאָוועלן און מעשאָלים פון פ. קאפקא טרעפט זיך דער לייענער אָן מיט סימבאָליק, אלעגאָריעס, אבסטראקציעס. זײַנע העלדן וואנדערן ארום אויסער צײַט און רוים.

די ליטערארישע יערושע פון פראנץ קאפקא איז קאָמפּליצירט און שווער צו פארשטיין. א. פלאָרעס דערציילט אין זײַן בוך „די קאפקא־פּראָבלעם“, אז איינמאָל זאָל אלבערט איינשטיין האָבן געבעטן באם שרײַבער טאָמאס מאן, ער זאָל אים געבן אזא בוך, וואָס איז באזונדערס פּאָפּולער צווישן די לייענער. טאָמאס מאן האָט אים צוגעשיקט א באנד פון קאפקאס ווערק. איינגיכן האָט איינשטיין אָפּגעשיקט דאָס בוך צוריק, צוגעבנדיק, אז ער האָט גאָרנישט ניט פארשטאנען.

וועגן קאפקאן ווערן שוין צענדליקער יאָרן געפירט שטרײַטן. פאראן פאָרשער, וואָס האלטן, אז ער איז דער גרונטלייגער פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראטור פון דער נײַער פאָרמאציע, נעמלעך — פון דער ליטעראטור, אין וועלכער עס טרעט ארויס דער סוביעקטיוויזם אין ווידערשפּרוך צו די טראדיציעס פונעם רעאליזם.

פארשטייט זיך, אז עס וועט זײַן ניט ריכטיק צו זוכן א דערקלערונג פונעם שרײַבערס שאפונג בלויז אין די פאקטן פון זײַן ביִאָגראפיע, פון זײַן לעבנס־וועג. און דאָך מוז מען אָפּמערקן, אז ווען מע טראכט זיך ארײַן אין קאפקאס ביִאָגראפיע, ווערט קלאָרער דער זין פון א היפּשן טייל פון זײַנע ווערק. צו אזא אויספיר קומט די מערהײַט קריטיקער און פאָרשער.

פראנץ קאפקא איז געבוירן אין 1883 אין פּראָג. קאפקא רעדט זיך ארויס אין טשעכיש קאווקא, וואָס באטײַט א גאלקע (אזא פויגל). צווישן די טשעכישע יִידן איז דאָס א פארשפּרייטע פאמיליע.

אינעם טאָגבוך, וועלכן קאפקא האָט געפירט פון 1910 ביז 1924, לייענען מיר, אז א נאָמען האָט מען אים געגעבן אמשעל, נאָך דעם זיידן פון זײַן מוטער, א פרומען יִידן און א בארימטן טאלמודיסט. פראנצס מוטער יולי פלעגט דערציילן, אז די ווענט פון איר זיידנס דירע זײַנען געווען ארומגעשטעלט מיט פאָליִאנטן פונעם טאלמוד און פון אנדערע רעליגיִעזע ספאָרים. ער, דער זיידע אירער, און אויך דער עלטערזיידע (זייער פאמיליע־נאָמען איז געווען פּאָריאס) האָבן געוווינט אין פּאָדיבאר, א שטעטל באם ברעג פונעם טײַך עלבא. דער עלטערזיידע, נאָך פרימער פונעם זיידן, איז געווען א גרויסער קענער פון קאבאָלע.

קאפקאס פרײַנט, דער שריפטשטעלער מאקס בראָד, באשרײַבט אזוי די געשיכטע פון דער מישפּאָכע קאפקא: דער פאָטער הערמאן איז געווען א געזונטער, ברייטפּלייציקער מאן, א גאנץ באגרענעצטער, אָבער אדאנק זײַן ענערגיע, פעסטן כאראקטער און אומדערמידלעכקײַט אין דער ארבעט האָט ער אָנגעלעבט א גרויס פארמעגן. אין פּראָג האָט ער געפירט א ברייטן הורט־האנדל מיט גאלאנטעריי און זאָקן, ער האָט אויך פארמאָגט א ריי האנדלס־לאגערן. די מוטער יולי איז אין קעגנזאץ צו איר מאן געווען א שוואכע, א ווייכהארציקע, א געבילדעטע פרוי מיט א ברייטן קוק אפן לעבן.

אייניקע פאָרשער האלטן, אז פראנץ קאפקא האָט זײַן

כאַראַקטער געיאַרשנט פון די זיידעס, פון דער מוטערס מישפּאָכע, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען לאָמדים, פאַנטאַזיאָרן, עקסצענטרישע מענטשן, א טייל פון זיי האָט אפילע געהאַט א נייגונג צו אוואַנטוריזם, עקזאָטיק און היסבוידעדעס, צו פירן א לעבן פון פּרושים. איין זאַך איז אומבאַשטרײַטבאַר, נעמלעך — אַז פראַנץ האָט געיאַרשנט פון זײַן מוטערס זיידן און אורזיידן דעם גײַסט פון וועלט־טרויער, וואָס האָט מיט דער צײַט באַקומען א שטאַרקע אַנטוויקלונג אין זײַן שאַפונג. א בכאָר (ער האָט געהאַט דרײַ שוועסטערלעך, ייִנגערע פון אים), א שוואַך קינד, א טרוימער, איז ער געוואַקסן איינזאַם; אפילע אין שול האָט ער זיך קימאַט מיט קיינעם ניט געכאַוועט.

■

טיפע שפּורן האָט געלאָזט אין פראַנצס כאַראַקטער די אַטמאָספער, וואָס האָט אים קינדווײַז אַרומגערינגלט. אין יענע יאָרן האָבן פראַנצס עלטערן געוווינט אָף מאַיזעל־גאַס אין פּראָג — אָף דער גאַס, וואָס האָט געהערט צו דער געוועזענער מיטאַלטערלעכער ייִדישער געטאָ. ניט ווײַט פון זייער שטוב שטייט נאָך ביז איצט דאָס מיטלאַלטערלעכע ייִדישע ראָטהויז און דער עלטסטער אין אייראָפּע בעסמעדרעש, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין XI יאָרהונדערט. אָף די גאַסן אין דער אַלטער געטאָ קאָן מען נאָך ביז הײַנט זען שפּורן פון די ייִדישע ליידן אין מיטלאַלטער.

געפינענדיק זיך אין צענטער פון די האַנדלס־וועגן פון צענטראַל־אייראָפּע, האָט פּראָג בעהאַדראָגעדיק זיך אַנט־וויקלט אַלס איינער פון די צענטרען פונעם צווישנפעלקערלעכן האַנדל. שוין אין X יאָרהונדערט האָבן דאָ געוווינט ייִדן. אין 1096 האָבן די קרייצטרעגער אויסגעראָטן די פּראָגער ייִדן, בלויז געציילטע פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט. אין XIV יה. האָט אין אייראָפּע זיך צעבושעוועט די פּעסט־מאַגייפע, פון וועלכער עס זײַנען אומגעקומען אַרום 25 מיליאָן מענטשן — א פערטל־טייל פון דער דעמלטיקער באַפעלקערונג פונעם אייראָ־פּעיִשן קאָנטינענט. די פּעסט האָט זיך פאַרשפּרייט אויך אין פּראָג. האַגאַם די פּראָגער ייִדן האָבן ניט וויניקער, איידער אַנדערע, געליטן פון דער מאַגייפע, האָט מען זיי אָבער באַשולדיקט, אַז דאָס האָבן זיי זי אַרײַנגעבראַכט אין פּראָג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען. פיל טויזנטער ייִדן זײַנען אומגעקומען.

עס איז פאַרשפּרייט א לעגענדע וועגן דעם אַלטן פּראָ־גער בעסמעדרעש, וועלכע איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פונעם באַוווּסטן ייִדישן קאַבאָלע־קענער ליוואַ מאַהאַ־ראַל (1609—1512). דער מאַהאַראַל איז זײַן גאַנץ לעבן, טאָג־און־נאַכט, אָפּגעזעסן אין אָט דעם בעסמעדרעש און געלערנט געמאָרע און זויהאַר. מע האָט אים געהאַלטן פאַר א גרויסן לאַמדן און באַלמויפעס. איינמאָל איז אין פּראָג אויסגעבראָכן א פּאָגראָם אָף ייִדן, איז מען געקו־מען צו לויפן אין בעסמעדרעש צום מאַהאַראַל, געבעטן אים, ער זאָל באַווײַזן א נעס, אַז דער פּאָגראָם זאָל אויפהערן. דער מאַהאַראַל איז געווען פאַרטיפט אין זוי־האַר און האָט ניט איבערגעריסן דאָס לערנען. געענדיקט א פּאַרשע, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון באַנק, איז אַרויס אין גאַס, אויסגעקלעפּט פון ליים א גוילעם, אַרײַנגעשטעקט אים אין מויל אַרײַן א קאַמייע און גע־הייסן אים גיין שלאָגן די פּאָגראָם־לײַט. דער גוילעם האָט אויסגעהאַרגעט די פּאָגראָם־מאַכערס און האָט זיך אומגעקערט צוריק. דער מאַהאַראַל האָט א בלאָז געטאָן אָף אים, און דער גוילעם איז צעשאָטן געוואָרן.

אַלס אָנדענק פון אָט דעם מויפעס און אַלס אַכטונג צו דעם גרויסן צאַדיק, שטייט שטענדיק ליידיק דאָס אָרט אין פּראָגער בעסמעדרעש, ווו דער מאַהאַראַל פלעגט זיצן, און קיינער פאַרנעמט עס ניט.

צום מאָמענט, ווען די היטלעריסטן האָבן זיך אַרײַנגע־ריסן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, האָבן אין פּראָג געוווינט אַרום 40 טויזנט ייִדן. אויסער דער קליינער צאָל, וואָס האָט באַוויזן צו אַנטלויפן אָדער אויסבאַהאַלטן זיך, האָבן די נאַציסטן אַלע פּראָגער ייִדן אַוועקגעפירט אין דער שטאָט טערעזין און דאָרט זיי אומגעבראַכט. ס'איז באַוווּסט, אַז אומעטום, וווּהין די נאַציסטן זײַנען אַרײַן ווי אָקופּאַנטן, האָבן זיי כאָרעוו געמאַכט אַלע באָטעמעד־ראָשים, נאָר דעם פּראָגער אַלטן בעסמעדרעש האָבן זיי ניט געטשעפּעט: היטלער האָט באַפוילן אים איבער־לאָזן אַלס דערמאָנונג, אַז אייראָפּע איז „יודענריין“.

(מיר וועלן דאָ, אַגעוו, באַמערקן, אַז אין 1915 האָט קאַפקאַ אָנגעהויבן שרײַבן א נאָוועלע וועגן דעם גוילעם, נאָר ער האָט זי ניט פאַרענדיקט.)

אין פּראָג, ווו עס האָט יאָרהונדערטער געוועלטיקט דער דײַטשישער אַדל און עס איז מיט גוואַלד אײַנגע־פלאַנצט געוואָרן די דײַטשישע קולטור, האָבן די ייִדן ביזן סאַמע סאָף XIX יאָרהונדערט געהאַט אויסצושטיין אַנטיסעמיטישע רעדיפעס און פּאָגראָמען. פראַנץ קאַפקאַ איז אין 1898 אַליין געווען אַן איידעס פון א פּאָגראָם אָף ייִדן.

יאָ, די אַטמאָספער אָף דער ייִדישער גאַס, די נאַציאָ־נאַלע אונטערדריקונג פון די ייִדן האָבן געמאַכט אָף פראַנץ קאַפקאַן א טיפן רושעם. אין זײַן טאָגבוך שרײַבט ער: „די אַלטע ייִדישע קראַנקע שטאָט איז בא אונדז א גרויסע רעאַליטעט“. און כאָטש מיר געפינען אינעם זעלבן טאָגבוך אַזעלכע ווערטער, ווי: „וואָס פאַ־רייניקט מיך מיט די ייִדן? איך האָב קיין געמיינזאַמס ניט אפילע מיט זיך גופע, איך בין בלויז פרייִק שטיל צו פאַרקריכן אין א ווינקל, פרייענדיק זיך דערמיט, וואָס איך קאָן עטעמען“, האָט אָבער די ייִדן־פראַגע ניט אויפ־געהערט צו עגבערן זײַן געדאַנק. ער האָט געשריבן: „ניט געקוקט אָף די מאָדנע זאַכן, אין וועלכע איך בין זיך מוידע, האָב איך לאַכלוטן ניט פאַראַטן מײַן ראַסע“, „איך בין ווײַט דערפון“. און נאָך: „זייער א מאָדנער כאַראַקטער בא מיר, נאָר דאָס איז צו דערקלערן, לאָ־מיר דאָס ניט פאַרגעסן, מיט די באַזונדערע שטריכן פון מײַן פאָלק“.

■

אין עלטער פון 6—8 יאָר האָט קאַפקאַ באַקומען ייִדישע רעליגיִעזע בילדונג, לערנענדיק מיט א לערער אין דער היים. געוואָרן עלטער, האָט ער שטודירט העב־רעיִש, געמאָרע, די ייִדישע ליטעראַטור און איר גע־שיכטע.

פראַנצס פאָטער, הערמאַן, א מענטש א פּראַקטישער, האָט געהאַלטן, אַז אין פּראָג, ווו עס האָבן דעמלט גע־וועלטיקט די דײַטשן, איז בעסער, אַז זײַן זון זאָל באַ־קומען ניט קיין טשעכישע, נאָר דײַטשישע בילדונג. צו אַכט יאָר איז פראַנץ אָנגעקומען אין א דײַטשישער קלאַסישער גימנאַזיע, און דײַטש איז געוואָרן זײַן מו־טערשפּראַך.

קאַפקאַ האָט פון דער פריִער יוגנט אָן מאַמעש געשלונגען ביכער, אים האָט שטאַרק געצויגן צו ליטעראַרישער שאַפונג. נאָר לויט דער פאָדערונג פון זײַן פאָטער האָט ער נאָכן ענדיקן די מיטלשול געמוזט אָנקומען אפן יורידישן פאַקולטעט. פראַנצס טאַטע האָט געהאַלטן, אַז פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַרישער שאַפונג הייסט פאַטערן אומזיסט צײַט. ווען פראַנץ האָט אין 1914 אים געשענקט זײַנע אָן אָפּגעדרוקטע נאָוועלע, האָט יענער די נאָוועלע אפילע אין האַנט אַרײַן ניט גענומען.

אין 1906 האָט קאַפקאַ געענדיקט דעם אוניווערסיטעט מיט א דיפּלאָם „דאָקטאָר יוריספּרודענץ“, נאָר אַלס ייִד האָט ער אין עסטרײַך־אונגאַרן אף א מעלוכע־שטעלע ניט געקאָנט אָנקומען. ערשט אין צוויי יאָר אַרום, אין 1908, האָט זיך אים אײַנגעגעבן אָנצוקומען אין דער האַלב־מעלוכישער קאָנטאָר „סטראַכירונג פון אַרבעטער קעגן אומגליק־פאַלן“. אין אָט דער קאָנטאָר האָט ער אָפּגעאַרבעט א סאַך יאָרן. באַטאָג פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט די איניאָנים פון דער קאָנטאָר און אין די נעכט שרײַבן זײַנע ליטעראַרישע ווערק אָדער מאַטערן זיך פון שלאָפלאָזיקײַט און קאָפּווייטעק.

אין 1917 איז פ. קאַפקאַ קראַנק געוואָרן אף שווינדזוכט, עס האָט אָנגעהויבן גיין בא אים בלוט פון האַלדז. ער איז דעמלט אוועק פון דער אַרבעט און אָפּגעגעבן זיך אינגאַנצן דער ליטעראַרישער שאַפונג.

אין די לעצטע אַכט יאָר פון זײַן לעבן, אין 1917 — 1924, האָט ער אָנגעשריבן זײַנע בעסטע ווערק (ליידער, זײַנען זיי ניט פאַרענדיקט).

כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַפקאַס לעבנס־ביִאָגראַפיע איז אַזאַ פאַל. אין 1923, ווען ער האָט געוווינט אין בערלין, האָט ער זיך באַקאַנט מיט זײַן קינפטיקער פרוי דאָרע דיִאַמאַנט. פראַנץ האָט אָנגעשריבן א בריוו צו איר פאָטער, בעטנדיק, יענער זאָל געבן זײַן האַסקאָמע אף דער כאַסענע; צווישן אַנדערס האָט ער באַמערקט, אַז כאָטש ער, פראַנץ, איז אַן אַפּיקוירעס, אָבער פאָרט א ייִד. דאָרעס פאָטער האָט געפרעגט אַן אייצע בא א כסידישן רעבן, און יענער האָט געענטפערט: „ניין“. די כאַסענע איז אָבער יאָ פאָרגעקומען.

פראַנץ קאַפקאַ איז געשטאָרבן אין 1924 און געבראַכט געוואָרן צו קווורע אפן פראָגער ייִדישן בעסוילעם.

■

אין 1909 האָט פ. קאַפקאַ אָנגעהויבן דרוקן זײַנע קלענערע דערציילונגען („פאַרוואַנדלונג“, „דער ווערדיקט“, „דער דאָרפישער דאָקטער“, „אין דער שטראָףקאָלאָניע“ און אַנדערע). זײַנע הויפּט־ווערק אָבער, די דרײַ ראָמאַנען („אַמעריקע“, „דער פּראָצעס“, „די ווילע“), דאָס טאָגבוך, דער גרויסער באַנד בריוו, די נאָוועלן, וועלכע ער האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן, די מעשאָלים און אַפאָריזמען, זײַנען דערשינען ערשט נאָך זײַן טויט. צוגעגרייט זיי צום דרוק און אַרויסגעגעבן האָט מאַקס בראָד.

אינעם לעצטן בריוו צו בראָדן, אָנגעשריבן פאַרן טויט, האָט קאַפקאַ געבעטן, אַז נאָך זײַן טויט זאָל בראָד אויפקלײַבן אַלע זײַנע קסאָווים און בריוו און אַלץ פאַרברענען, גאָרנישט ניט איבערגעבן צום דרוק, און דאָס, וואָס איז שוין פאַרעפנטלעכט, — מער ניט איבערדרוקן. נאָר מאַקס בראָד האָט געקוקט אף דער דאָזיקער צוואָע, ווי אף א צופעליקן קאַפּריז, ער האָט געהאַלטן, אַז אונדזער דאָר וועט היפּש פאַרלירן, אויב קאַפקאַס ווערק וועלן צו אים ניט דערגיין.

די הויפּט־העלדן פון קאַפקאַס ראָמאַנען ווערן פּוסטריט פאַרפאָלגט דורך א גרויזאַמען גוירל. טראַגיש איז דער סאָף פונעם הויפּט־פּערסאָנאַזש פון ראָמאַן „דער פּראָצעס“ — יאָזעף ק. אף וויפל דער דערמאָנטער ראָמאַן איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַפקאַס שאַפונג, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אף אים א ביסל גענויער.

יאָזעף ק. פאַרנעמט א הויכן פּאָסטן אין א באַנק, ער איז אַרומגערינגלט מיט אַכטונג מיצאַד די באַנקירן און אַלע אַנדערע מענטשן פון זײַן סוויווע.

אין איינעם א פרימאָרגן, ווען יאָזעף ק. איז אופגעשטאַנען פון שלאָף, זײַנען צו אים אין דירע אַרײַן א געריכט־עקזעקוטאָר מיט זײַנע געהילפן. דער עקזעקוטאָר האָט אים געמאָלדן, אַז ער איז אַרעסטירט, נאָר ניט דערקלערט פאַר וואָס. דערבײַ האָט ער אים געזאָגט, אַז דער אַרעסט איז בלויז א פאָרמעלער, דה. אַז ער מעג גיין אף דער אַרבעט און לעבן ווי פריִער.

די ערשטע צײַט האָט יאָזעף ק. געמיינט, אַז די גאַנצע מײַסע איז ניט מער ווי א שפּאַס. ער האָט ניט געפילט אף זיך קיין שום שולד, וואָס צוליב איר זאָל ער דאַרפן אַרעסטירט און געמישפּעט ווערן. מיט דער צײַט אָבער האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז דער אַרעסט איז ווײַט פון א שפּאַס, אַז אים דראָעט א גרויסע געפאַר. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט א פּאַכעד, ער האָט מאַמעש דערפילט, ווי איבער אים פאַרהייבט זיך די שטראָפנדיקע האַנט פון א געהיימניספולן ריכטער. נאָר פאַר וואָס דאַרף מען אים מישפּעטן, ווייסט ער אַלץ ניט.

די ווירטן פונעם פּאַנסיאָן, וווּ יאָזעף ק. האָט געוווינט, פרוי גרובאַך, פלעגט זיך באַציִען צו אים מיט אָפענער סימפּאַטיע. ער האָט איר פיל מאָל אַרויסגעהאָלפן מיט געלט. נאָר זינט דעם פאָרמעלן אַרעסט האָט יאָזעף ק. דערפילט עפּעס נײַס אין איר באַציִונג צו אים. אַזוי, לעמאָשל, איז יאָזעף ק. איינמאָל שפּעט געקומען אַהיים פון באַנק און פאַרפירט א שמועס מיט פרוי גרובאַך. יענע האָט אים פרײַנטלעך געזאָגט, אַז ער, יאָזעף ק., איז א פײַנער מענטש, זי גלייבט ניט, ער זאָל זײַן אין עפּעס שולדיק. נאָר ווען ער האָט באַם זאָגן איר א גוטע נאַכט דערלאַנגט די האַנט, האָט זי דאָס ווי ניט באַמערקט: זי האָט מוירע געהאַט, אַז מע וועט זי כוישעד זײַן אין מיטגעפיל צו אים.

אף דער אַרבעט איז אַלץ געבליבן ווי פריִער: מע האָט אויך ווײַטער באַצויגן זיך צו אים מיט אַכטונג, ער האָט אפילע ניט געקאָנט דערקונדיקן זיך, צי איז זײַנע שעפן באַוווּסט וועגן דעם פאָרמעלן אַרעסט און אַז אים דערוואַרט א געריכט־אורטייל.

אין רעסטאָראַן האָט ער, ווי פריִער, זיך געטראָפן מיט אַלטע פרײַנט. צומאָל פלעגט ער אײַנגעלאַדן ווערן אף א מיטיק צו זײַנע שעפן, וווּ מע האָט אים אופגענומען ליבנסווירדיק. איין מאָל אין וואָך איז ער, ווי פריִער, געגאַנגען צו א באַקאַנטער עסטראַדע־זינגערן, וועלכע פלעגט אין איר אָפּרו־טאָג אופנעמען אים, ליגנדיק אין בעט (צו די פּראָבלעמען פון ליבע גייט קאַפקאַ צו אין זײַנע ווערק באַנאַל און ציניש).

פון שרעק פאַר דער זיך אָנרוקנדיקער טויט־געפאַר הייבט אים אָן צו דוכטן, אַז מע שפּירט אים נאָך. א יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם הויז,

ווו ער, יאָזעף ק., וווינט, האָט בא אים אַרויסגערופֿן אַ חשד, אַז ער איז אַן אונטערגעשיקטער, כאָטש דאָס איז געווען דעם דוואָרניקס זון, וואָס האָט דאָ געוואוינט אַף זײַן מוטער.

אין דער פֿרײַער צײַט פֿלעגט יאָזעף ק. אַרומלויפֿן איבער די לאַנגע קאָרידאָרן פֿון געריכט, איבער די שמוציקע און דורכגעזאַפּטע פֿון איפּעש און רויך ענגע געריכט־צימערן, ווו די באַשולדיקטע וואַרטן אַף זייער גורל.

גאָרנישט ניט דערשלאָגנדיק זיך אין די קאַנצעלאַריעס, האָט יאָזעף ק. אָנגעהויבן גיין צו אַדוואָקאַטן. יענע פֿלעגן כאַדאָשימלאַנג אַרומטראַכטן די מעגלעכקײַט צו באַקאַנען זיך מיט זײַן געריכט־איניען.

קאַפֿקאַ, אַליין אַ יוריסט און אַ גרויסער קענער פֿון די הינטערקוליסן, באַשרײַבט אין זײַן ראָמאַן מײַסטערהאַפֿט דעם ביוראָקראַטישן פּלאָנטער, די געהיימניסן פֿונעם געריכט און פֿון דער געריכטפֿירונג, און וויאַזוי די אַדוואָקאַטן טײַטשן קאַזויִסטיש די געזעצן.

מיט דער הילף פֿון זײַנער אַ געליבטער, וואָס אַרבעט אין געריכט אַלס אַן אויפֿראַמערן, דערשלאָגט זיך, ענדלעך, יאָזעף ק. צו דער מעגלעכקײַט אַרײַנצודרינגען אין דעם ריכטערס קאַבינעט. ער גיט זיך אַ וואָרף צו די פּאַפּירן, וואָס ליגן אַפֿן טיש, נאָר אויסער צייכענונגען, אַף וועלכע עס זײַנען באַוויזן נאַקעטע פֿרויען און אַנדערע יעיצערהאָרע־בילדלעך, האָט ער דאָרט גאָרנישט ניט געפֿונען. „אָט מיט וואָס עס פֿאַרנעמען זיך די ריכטער און אָט ווער עס זײַנען מײַנע ריכטער“, — האָט אַ טראַכט געטאָן יאָזעף ק.

לויט דער אייצע פֿון זײַנעם אַ באַקאַנטן האָט יאָזעף ק. זיך געווענדט צו איינעם טיטאָרעלי, אַ קינסטלער, אַ מעקלער, וואָס איז אַן אַרײַנגייער צום העכסטן געריכט־באַאַמטן. ער האָט געקויפֿט בא טיטאָרעלין עטלעכע בילדער און געבעטן, ער זאָל אים געבן אַן אייצע, וויאַזוי פּאָטער ווערן פֿון זײַן צאָרע.

טיטאָרעלי, וואָס האָט שוין לאַנג געוווּסט וועגן דעם אַרעסט, האָט אים געייצעט, ער זאָל זיך אָנערקענען פֿאַר שולדיק, כאָטש ער איז אין גאָרנישט ניט שולדיק. ווען דער געריכט וועט באַקומען פֿון אים אַזאַ מעלדונג, וועט זיך אָנהייבן אַ פּראָצעס. דעמלט קאָן זיך עפּשער אײַנגעבן צו אָפּציִען דעם איניען ביז אַ גינסטיקערער צײַט, אָדער דער איניען וועט אַ לאַנגע צײַט וואַלגערן זיך אין די געריכט־אינסטאַנצן, ביז מע וועט אין אים פֿאַרגעסן.

נאָר קיין גאַראַנטיע, האָט געוואָרנט טיטאָרעלי, איז דאָס ניט, מע קאָן אים אין איין שיינעם פֿרימאָרגן אַרעסטירן שוין ניט פֿאָרמעל און אַרויסטראָגן אים אַן אורטייל.

יאָזעף ק. האָט טיטאָרעליס פֿאָרשלאָג ניט אָנגענומען, און די שטראָפֿנדיקע האַנט איז ווײַטער געבליבן הענגען איבער זײַן קאָפּ.

איינמאָל האָט דער באַנק־פֿאַרוואַלטער אַרויסגערופֿן צו זיך יאָזעף ק. און געבעטן אים זײַן אַ גיד בא איינעם אַן אויסלענדער, אַ גרויסן באַנק־קליִענט, וואָס וויל באַקוקן די אַנטיקוואַרע זעלטנהײַטן פֿון שטאָט. דער אויסלענדער קען נאָר איטאַליעניש, און צווישן די באַנק־אָנגעשטעלטע איז ניטאָ קיינער, אויסער אים, יאָזעף ק., וואָס זאָל וויסן די שפּראַך.

אין יענעם פֿרימאָרגן, ווען יאָזעף ק. איז געקומען צו דער קאַטעדראַלער קירך, קעדיי זיך טרעפֿן מיטן אויסלענדער, איז געווען רעגנדיק, נאַס, כמורנע און עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. ער האָט לאַנג געוואַרט באַם אַרײַנגאַנג אין קירך, עס האָט אים געטרייסלט פֿון קעלט, נאָר דער אויסלענדער איז ניט געקומען. ווען ער איז אַרײַן אין קאַטעדראַל אָנוואַרעמען זיך, האָט דער גאַלעך, וואָס האָט נאָרוואָס געענדיקט די טפֿילע, אים צוגערופֿן צו זיך און געזאָגט, אַז ער איז דער קאַפּעלאַן פֿון טפֿיסע און ער וואַרט אַף אים.

„דו, — האָט געזאָגט דער קאַפּעלאַן צו יאָזעף ק., — ביסט פֿאַרורטיילט, גיב זיך אונטער“. און ער האָט פֿאַרגעזעצט: „גאָטס מישפּעט וואַרט אַף דיר פֿון דײַן געבורטסטאָג אָן. און ער וועט דיך פֿאַרלאָזן נאָר דעמלט, ווען דו וועסט שטאַרבן. נאָכאַמאָל, גיב זיך אונטער“.

די באַגעגעניש מיטן קאַפּעלאַן איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער באַנק־אָנפֿירונג.

איינמאָל אין אָוונט זײַנען צו יאָזעף ק. אין שטוב אַרײַן צוויי געריכט־עקזעקוטאָרן, גענומען אים אונטער די הענט און אוועקגעפֿירט צו אַ פֿאַרוואָרפֿענעם שטיינקאַריער הינטער דער שטאָט. דאָרט האָט אים איין עקזעקוטאָר פֿאַרדרייט די הענט אַהינטער, דער צווייטער האָט אים אַרײַנגעזעצט אַ מעסער אין האַרצן און לאַנגזאַם, ניט געײַלט, מיט שווערע פּײַניקונגען, אים דערמאָרדעט.

■

דער ראָמאַן „דער פּראָצעס“ האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע צאָל אָפּקלאַנגען. מע באַהאַנדלט אים, מע אַנאַליזירט אים קריטיש ביז איצט.

אייניקע האַלטן, אַז דער ראָמאַן איז אַן אויסדרוק פֿון פֿריידיזם. מאַקס בראָד האַלט, אַז קאַפֿקאַ האָט אינעם ראָמאַן אויפֿגעהויבן די אַלטע ייִדישע פֿילאָסאָפֿישע פּראָבלעם פֿון גוטס און בייז. יאָזעף ק., זאָגט בראָד, איז דער הײַנטצײַטיקער איִעוו. אַנדערע זאָגן אַרויס די מיינונג, אַז קאַפֿקאַ האָט אין זינען געהאַט די פּראָבלעם פֿון טאַטעס און קינדער.

צווישן די מאַרקסיסטישע קריטיקער גייען אויך שטרײַטן וועגן דעם ראָמאַן „דער פּראָצעס“. דער פֿראַנצויזישער מאַרקסיסט, דער פֿילאָסאָף ראָזשע גאַראָדי רופֿט זיך אָפּ מיט באַגײַסטערונג וועגן דער שאַפֿונג פֿון פֿראַנץ קאַפֿקאַ, ער זעט אין דעם ראָמאַן „דער פּראָצעס“ די אידיי פֿון קאַמף קעגן „אָפּפֿרעמדונג“. לויט מאַרקסן באַטײַט „אָפּפֿרעמדונג“, אַז אינעם באַוווּסטזײַן ווערן פֿאַרקריפּלט די רעאַלע פֿאַרהעלטענישן צווישן די מענטשן. מאַרקס האָט באַוויזן די „אָפּפֿרעמדונג“ אַפֿן בײַשפּיל פֿונעם סכוירע־פֿעטישיזם אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, ווו מע קוקט אַף סכוירעס, וואָס זײַנען פּראָדוקטן פֿון דעם מענטשנס מי, ווי אַף זאַכן, וואָס פֿאַרמאָגן אין זיך די איבערנאַטירלעכע אייגנשאַפֿט צו באַשטימען דעם גורל פֿון די מענטשן. עס באַקומט זיך, ווי די פֿאַרהעלטענישן צווישן זאַכן וואָלטן אַרויסגערופֿן געוואָרן ניט דורך די פֿאַרהעלטענישן צווישן די מענטשן, נאָר, פֿאַרקערט, די פּראָדוציר־פֿאַרהעלטענישן פֿון די מענטשן ווערן באַשטימט דורך די אייגנשאַפֿטן פֿון די זאַכן גופֿע. גאַראָדי האַלט, אַז יאָזעף ק. האָט געשטעלט פֿאַר זיך דעם ציל אויפֿצודעקן די „אָפּגעפֿרעמדקײַט“, די געהיימניס פֿונעם געריכט, וואָס שטייט איבער די מענטשן און איז אומאָפּהענגיק פֿון זיי. נאָר

יאָזעף ק. האָט אין אָט דעם קאמף גאָרנישט ניט דערגרייכט.

דער סאָוועטישער קריטיקער ב. סוטשקאָוו קריטיקירט ראָזשע גאראָדיס שטאנדפונקט און זײַן קאָנצעפּציע וועגן „אָפּגעפרעמדטקײַט". ב. סוטשקאָוו האלט, און גאנץ ריכטיק, אז פראנץ קאפקא דריקט אויס אין זײַן ראָמאן די „איבערצײַגונג, אז דער מענטש איז אומבאהאָלפן קעגן דער אלמעכטיקײַט פון אומבאוווּסטע קריכעס, וועלכע שטייען איבער אים, און דעם געדאנק וועגן דער פאטאלער שולדיקײַט פונעם מענטשן".

פראנץ קאפקא איז, ווי געזאָגט, געשטאָרבן אין 1924, ביז היטלערס קומען צו דער מאכט. אָבער אין דעם אומקום פונעם הויפּט־העלד פון דעם ראָמאן „דער פּראָצעס" איז ניט שווער אײַנצוזען אן אָנדײַטונג און א וואָרענונג וועגן דעם, צו וואָס עס פירט דער פאשיזם.

קאפקא האָט ניט גערופן צום קאמף קעגן בייז, קעגן דעם אָנקומענדיקן פאשיזם, קעגן די פינצטערע קרעפטן. דאָס בייז איז די הערשנדיקע קראפט אין דער וועלט, און מע קאָן עס ניט אויסמײַדן, דער גורל איז א באשערטע זאך. מע דארף זיך אונטערגעבן. דער אומקום פון יאָזעף ק. איז א נאטירלעכער, קיינער איז דערפאר ניט פאראנטוואָרטלעך. די אידיי פון פראנץ קאפקא, אז מע דארף זיך אונטערגעבן דעם בייז, אז דער מענטש איז אומבאהאָלפן קעגן די געהיימע קרעפטן, איז דער רעאקציאָנערסטער שטריך אין זײַן שאפונג.

קאפקא האָט געזען, ווי עס ווערט געבוירן און עס וויקלט זיך פאנאנדער די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אין רוסלאנד, נאָר ער האָט געקוקט אף די געשעענישן פאסיוו, ווי א זײַטיקער, ער האָט גאָרנישט ניט פארשטאנען אין דער אופוואכנדיקער סאָציאלער קראפט פון די פאָלקסמאסן. די סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעוואָליוציע האָט אראָפּגעריסן די געטלעכע געהיימניס פון דער הערשאפט פונעם בייז, דערנאָך האָט זי דעם פאשיזם איבערגעבראָכן דעם רוקנביין. זי זעצט פאָר דעם קאמף קעגן בייז און דעמאסקירט די שולדיקע אינעם מאָרד פון אומבאהאָלפענע מענטשן.

פראנץ קאפקא האָט זיך אינטערעסירט אויך מיט דער ייִדישער ליטעראטור, באזונדערס מיט דער שאפונג פון י.־ל. פּערעץ. ער האָט באהויפּט, אז י.־ל. פּערעץ געהערט בלויז צום ייִדישן פאָלק, אז ער איז ניט אריבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן נאציאָנאלער סוויווע. עס איז פאראן א גרונט צו האלטן, אז אליין קאפקא האָט זיך געפונען אונטער י.־ל. פּערעצעס אײַנפלוס, באזונדערס אונטערן אײַנפלוס פון פּערעצעס דראמע „באנאכט אפן אלטן מארק", וואָס איז אויך פול מיט שטימונגען פון אויסוועגלאָזיקײַט און פּעסימיזם.

פון דער צווייטער זײַט, זעען מיר דעם אײַנפלוס פון פראנץ קאפקאן אפן הײַנטיקן ייִדישן שרײַבער אנדרע שווארץ. א. שווארצס בוך „דער לעצטער פון די צאדיקים" (פאר אָט דעם ווערק האָט דער אווטאָר באקומען די גאָנקור־פּרעמיע אין 1964) איז דורכגעזאפּט מיט מיסטיק און מיט דער אידיי, אז דער גורל איז א באשערטע זאך און איז אומפארמײַדלעך, — דה. מיט די זעלבע שטימונגען, וועלכע מיר באגעגענען אין דער שאפונג פון פראנץ קאפקא.

יוינע טרעמבאָווליא

דעם אָנדענק פון א כאווער

נאָך א שווערער קרענק איז אין עלטער פון 56 יאָר געשטאָרבן דער ייִדישער זעצער יאשע ביגעל.

י. ביגעל שטאמט פון אָסטראָוו, ביאליסטאָקער גובערניע. אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער געדינט אין דער סאָוועטישער ארמיי, נאָך דער מילכאָמע געארבעט א ריי יאָרן אלס לינאָטיפּיסט אין מאָסקווער מעלוכעפארלאג „דער עמעס".

ווען עס האָבן ווידער אָנגעהויבן דערשײַנען ייִדישע ביכער, איז ביגעל געווען איינער פון די ערשטע זעצער, וועלכע האָבן מיט ענטוזיאזם זיך גענומען צו דער ארבעט.

קימאט אלע נומערן „סאָוועטיש היימלאנד", וועלכע זײַנען ארויס ביז איצט, האָט מיט זײַן האנט אויסגעזעצט י. ביגעל.

ביגעל איז געווען א גרויסער פרײַנט פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. ער האָט צוגעגרייט א היפּשע גרופּע יונגע ייִדישע זעצער, וועלכע פארבײַטן אים איצט.

ערע זײַן אָנדענק!

געשטאָרבן איינער פון די עלטסטע ייִדישע ארבקאָרן

אין אָדעס איז דעם 19 מײַ געשטאָרבן אין עלטער פון 78 יאָר איינער פון די עלטסטע ארבקאָרן פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע מוישע גענצלער.

אן אקטיווער געזעלשאפטלעכער טוער, איז מוישע גענצלער געווען נאָענט באפרײַנדעט מיט די שרײַבער עדוארד באגריצקי און איסאק באבעל, וואלענטין קאטײַעוו און קאָנסטאנטין פּאוסטאָווסקי, אָסטאפּ ווישניא, מאקסים רילסקי און פּאוולאָ טיטשינא, ער האָט זיך בעשײַטע געהאט באגעגנט מיט מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אלייכעם.

אין משך פון פיל יאָרן האָט מ. גענצלער געזאמלט מאטעריאלן וועגן באדײַטנדיקע טוער פון דער קולטור. 2500 העפטן מיט אזעלכע מאטעריאלן האָט ער איבערגעגעבן דער אָדעסער אקאדעמישער ביבליאָטעק אף מ. גאָרקיס נאָמען.

מ. גענצלער איז באלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן און מיט מעדאלן.

י. גירשמאן

אונדזער מיטײלונגען

צו דער געשיכטע פֿון ייִדישע פֿאַמיליע־נעמען

ראַשעטייוועסדיקע פֿאַמיליע־נעמען

אייניקע ייִדישע פֿאַמיליע־נעמען שטעלן מיט זיך פֿאָר א ראַשעטייוועס: די ערשטע אויסיִעס פֿון עטלעכע ווערטער ווערן פֿאַרייניקט אין א נײַ, קינסטלעך געשאפֿן וואָרט. מערסטנטייל באַטײַטן אזעלכע פֿאַמיליע־נעמען א פּערזענלעכן נאָמען, צו וועלכן עס איז צוגעגעבן דעם פֿאָטערס נאָמען. אמאָל איז דאָס א קירצונג פֿון דער באשעפּטיקונג אָדער שטאנד, צומאָל — א ראַשעטייוועס פֿון א פּאָסעק פֿון טאנאך אָדער פֿון א טפֿילע, פֿון א שפּריכוואָרט.

נאָך אין מיטלאלטער, פֿון XI יאָרהונדערט, ווערן גענוצט ראַשעטייוועסן, קעדיי צו באצייכענען די פּערזענלעכקײַט פֿון געלערנטע און ראבאָנים. אזוי, זײַנען ברייט באוווּסט די ראַשעטייוועסדיקע נעמען פֿון ראמבאם, 1135—1204 (רמב״ם — רבי משה בן מימון — רעב מוישע דער זון פֿון מײַמאָן), דעם ייִדישן פֿילאָסאָף, מעכאבער פֿונעם רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישן ווערק „מורה נבוכים“[1] און פֿון די 13 „אני־מײַמינס“ — דאָגמאטן פֿון ייִדישן גלויבן; פֿון ראשע, 1040—1150 (רש״י — רבי שלמה יצחקי — רעב שלוימע ייִצכאָקס), דעם קאָמענטאטאָר פֿון טאנאך און טאלמוד; פֿון ראבע, 1092 — 1167 (ראב״ע — רבי אברהם בן (איבן) עזרא — רעב אווראָהאָם דער זון פֿון עזרע — דער „עווען־עזער“), דעם גראמאטיקער, דיכטער און דענקער אין שפּאניע.

די אלע ראַשעטייוועסן זײַנען פּערזענלעכע נעמען. צו די ווײַטערדיקע דוירעס זײַנען זיי ניט איבערגעגאנגען. דעם ראמבאמס אָדער ראשעס זון האָט מען גערופֿן לויט דעם נאָמען, וואָס מע האָט אים געגעבן בעשאסן געבורט. צו אָט דעם נאָמען איז צוגעגעבן דעם פֿאָטערס געבורט־נאָמען, ניט דער געקירצטער ראַשעטייוועסדיקער.

אין XIX יאָרהונדערט, ווען קימאט אין אלע אייראָפּעיִשע לענדער, ווי אויך אין רוסלאנד (1804), האָבן די ייִדן געמוזט אָננעמען פֿאַמיליע־נעמען, וואָס זאָלן איבערגיין בעירושע צו זייערע קינדער און ווײַטערדיקע דוירעס, פֿלעגן די ראַשעטייוועסדיקע נעמען ווערן פֿאַמיליע־נעמען. אָט אזוי, לעמאָשל, זײַנען אנטשטאנען די פֿאַמיליע־נעמען מאהאראל (מהר״ל — מורנו הרב רבי ליוואָ — אונדזער לערער ראבי לעווע[2] — לייב) — אזוי האָט מען גערופֿן אין פּראָג דעם לעגענדאַרן שעפּער פֿונעם לײמענעם „גוילעם“ אין XVI יאָרהונדערט; מארשאק (מרש״ק — מורנו רבי שלוימע קלוגער) — א באוווּסטער ראָוו אין גאליציע, אָנהייב XIX יה.; מאזע (מזא״ה — מזרע אהרן הכהן — פֿון ארן האקויהענס קינדער) — דער נאָמען פֿונעם מאָסקווער ראבינער, וואָס האָט אָנטיילגענומען אינעם ביילים־פּראָצעס אין קיִעוו, 1913.

די ראַשעטייוועסדיקע פֿאַמיליע־נעמען, וואָס הייבן זיך אָן מיטן אָס „ב“ און האָבן ווײַטער דעם אָס „ר“, זײַנען קעסיידער פּאטראָנימישע[1]. דער אָס „ב“ באטײַט דאָס וואָרט „בן“ (בען — זון), און דער אָס „ר“ — „רבי“ (רעב). בעדערעך־קלאל ווײַזן אזעלכע ראַשעטייוועסדיקע פֿאַמיליע־נעמען אָן אף דער ראבאָנישער אָפּשטאמונג פֿון זייערע ערשטע פֿאַמיליע־טרעגער.

אָט אזוי זײַנען געבילדעט די פֿאַמיליע־נעמען: בארמאק, בארשאק, בארשײַ, באראָן (בראָן), בארו. צומאָל ווערט אָנשטאָט באר (אין העברעיִש בר, וואָס באטײַט „בן רב“ — דעם ראָווס זון) אָנגעווענדט „באָגר“ („בהר“), ווי, לעמאָשל, אין די פֿאַמיליע־נעמען באָגראָוו (בהרב), באָגראד (בען האָראוו רעב דאָוויד), באָגאָראז (בען האָראוו רעב זאלמען). דער העברעיש־ייִדישער קלאנג „ה“ (אנטשפּרעכט דעם לאטײַנישן, דײַטשישן «h») ווערט איבערגעגעבן דורכן רוסישן קלאנג «г».

מע דארף דערבײַ האָבן אין זינען, אז דאָס וואָרט „רעב“ איז ניט נאָר א טיטל פֿון א ראָוו. אין ייִדיש רופֿט מען מיטן צונאָמען „רעב“ יעדן עלטערן פֿון זיך צוליב קאָוועד און דערעכערעץ, פּונקט ווי אין רוסיש פֿלעגט צו דעם צוועק אָנגעווענדט ווערן דאָס וואָרט „גאָספּאָדין“ אָדער „סודאר“, אין פּויליש „פּאניע“, אין דײַטש „הער“, אין פֿראנצויזיש „מסיע“.

לויט דער באשעפּטיקונג זײַנען געבילדעט די ראַשעטייוועסדיקע פֿאַמיליע־נעמען: שאץ (שליח ציבור —

---

[1] מוירע נעוווּכים.

[2] דײַטש — Löwe.

---

[1] פּאטראָנימישע פֿאַמיליע־נעמען ווערן געבילדעט אפֿן יעסאָד פֿון פֿאָטערס נאָמען: אבראַם־סאָן, אבראַם־אָוויטש, אוורונ־ין (פֿון אוורומין), יאקאָבסאָן, קאָב־זאָן (פֿון יאקאָבזאָן), יאנקעלעוויטש, בענ־יאנקאָוו. פֿאַמיליע־נעמען, וואָס זײַנען געבילדעט פֿון ווײַבערשע נעמען — און דאָס איז א ספּעציפֿישע אייגנשאפֿט פֿון דער ייִדישער לעקסיק און וואָרטבילדונג — זײַנען דאָסראָוו מאטראָנימישע: סאָרק־ין, סירק־יס, סערק־יש, סירק־ין, ריוו־עס, ריווק־ין, ריוועל־יס.

שעליִעך פון דער געזעלשאפט). אזוי רופט מען א כאזן, וואָס דאוונט פארן אָמעד לויטן אופטראָג פון אלע מיספאלעלים; שוב („שוחט ובודק" — שויכעט אובוידעק), אויך שאבאד — פאמיליע־נעמען פון שאָכ־טים; מאץ און מאָץ (מורה צדק — מוירע־צעדעק — לערער פון גערעכטיקײַט, א טיטל פון א ראָוו); באַ־באד, אויך שאבאד („בן אב בית דין" — בען אָוו בעסדן — דער זון פון אָוו־בעסדן, אָנפירער פון גע־ריכט — און „שמש בית דין" — דער שאמעס פון בעסדן); פאק (פרנס קהל — פארנעס קאָהאָל — דער אָנפירער פון קאָהאָל), ראָם (ריש מתיבתא — רייש מע־סיווטאָ — דער ראָש־יעשיווע).

לויטן ייִכעס זײַנען געבילדעט די ראָשעטײַוועסדיקע פאמיליע־נעמען פון קויהאנים. קאץ (כ"ץ) באטײַט „כהן צדק", דער קויהען פון גערעכטיקײַט. פון דעם פאמי־ליע־נאָמען קאץ זײַנען ווײַטער געבילדעט די פאמיליע־נעמען: קאצ־מאן, קאצ־אָוויטש, קאצ־נעלסאָן.

א ראָשעטײַוועסדיקער פאמיליע־נאָמען פון א לייווי איז סעגאל (סג"ל) — „סגן לוי" — דער באהעלפער לייווי (די לעוויִים זײַנען באהעלפער פון די קויהאנים).

דער פאמיליע־נאָמען סעגאל קלינגט אין דער רוסישער טראנסקריפציע צומאָל ווי סיגאל, סעגעל, שעגאל, שא־גאל און אויך סיגאל־אָוו, סעגאל־אָוויטש.

דער ראָשעטײַוועסדיקער פאמיליע־נאָמען זאק („זרע קדושים" — די קינדער פון קדושים) שטאמט פון די צײַטן פון די פארפאָלגונגען אף ייִדן אין מיטלאלטער: די אומגעקומענע אף קידעש־האשעם און די קאָרבאָנעס פון די ייִדן־שכיטעס זײַנען אָנגערופן קדושים און זייע־רע קינדער זאק־ן. פון דאָזיקן שוירעש זײַנען אויך די פאמיליע־נעמען: זאק־אָוו, זאק־אָוויטש, זאק־ס, זאק־היים[1].

אפן זעלבן אויפן זײַנען געשאפן געוואָרן די פאמי־ליע־נעמען זאץ (זרע צדיקים — קינדער פון צאדיקים) און געץ — גאָץ[2] (גר צדק — גער צעדעק) — אזוי פלעגט מען אָנרופן ניט־ייִדן, וואָס האָבן אָנגענומען די ייִדישע עמונע (אין דער געשיכטע איז באוווּסט דער גראף פּאָטאָצקי, וואָס איז געוואָרן א גער־צעדעק אין XVIII יאָרהונדערט).

א באזונדערע גרופּע בילדן די ראָשעטײַוועסדיקע פא־מיליע־נעמען, וואָס באטײַטן א גאנצן פּאָסעק אָדער שפּריכוואָרט. פון דער בראָכע „ברוך הוא ברוך שמו" (געבענטשט איז ער, געבענטשט איז זײַן נאָמען) איז געבילדעט דער פאמיליע־נאָמען בארבאש; פון „ברוך יי לעולם אמן ואמן" (געבענטשט איז גאָט אף אייביק, אָמיין וועאָמיין) — דער פאמיליע־נאָמען בילאָוו; פון

[1] די פאָרשער פון ייִדישע פאמיליע־נעמען י.־כ. טא־וויאָוו און מ. סאמבאטיען באטראכטן דעם פאמיליע־נאָמען „זאקהיים" ווי א פארייניקונג פון ראָשעטײַוועס־דיקן „זק" און דעם העברעיִשן וואָרט „הם" — זיי (זקהם — „זיי זײַנען זאקן"). לויט אונדזער מיינונג שטעלט מיט זיך פאָר די ענדונג „היים", וואָס טרעפט זיך אָפט אין די פאמיליע־נעמען פון די דײַטשישע ייִדן, א סינאָנים פון „הויז": ארנהיים, גאָלדעסהיים אא. — באטײַט דאָס הויז, די מישפּאָכע פון ארן, גאָלדע. דער פאמיליע־נאָמען זאקהיים באטײַט — דאָס הויז, די מישפּאָכע פון זאק.

[2] גאָץ קאָן אויך זײַן געבילדעט פון גאָט'ס, gott's, אין דער רוסישער טראנסקריפציע איז די ענדונג „טס" פארוואנדלט געוואָרן אין „צ".

„אך טוב לישראל סלה" (נאָר וויל איז צו ייִסראָעל) — דער פאמיליע־נאָמען אטלאס. די פאמיליע־נעמען שאליט און שאליטא זײַנען געבילדעט פונעם ראָשעטײַוועס: „שיחיה לארך ימים טובים אמן" (א וואָרט, וואָס כסידים פלעגן צושרײַבן באם דערמאָנען זייער רעבן דעם צא־דיק). דער פאמיליע־נאָמען גאמזע שטאמט פון שפּריכ־וואָרט „גם זה לטובה!" (דאָס איז אויך צו גוטן!)

דער שטייגער אָנצורופן זיך מיט א ראָשעטײַוועסדיקן נאָמען אלס א ליטעראַרישן פּסעוודאָנים איז געווען אָנ־גענומען צווישן די ייִדישע שרײַבער אין XIX יאָרהונ־דערט און איז פארבליבן ביז הײַנטיקע צײַטן.

מוישע מענדעלסאָן (1729—1786) — דער פּיִאָנער פון דער האסקאָלע־באוועגונג אין דײַטשלאנד, דער מעכאבער פונעם „ביאור" (די דײַטשישע איבערזעצונג פון טא־נאך, וואָס איז געדרוקט מיט ייִדישע אויסיִעס), איז בא־וווּסט אין דער העברעיִשער ליטעראטור, ווי דער „רמבמן" — ראָשעטײַוועס פון רבי משה בן מנחם — רעב מוישע דער זון פון מענאכעם. ייִצכאָק־בער לע־ווינזאָן (1788—1860), דער באוווּסטער זײַל פון דער האסקאָלע אין רוסלאנד, פלעגט זיך כאסמענען ריב"ל. רעב נאכמען קראָכמאל, דער אווטאָר פון „מורה נבוכי הזמן"[1] (1785—1840), איז באוווּסט ווי ראנאק (רנ"ק). דער באוווּסטער העברעיִשער ליטעראטור־ און שפּראך־פאָרשער שמועל־דאָוויד לוצאטאָ — ווי שאדאל (שד"ל). שאָול־פּינכעס ראבינאָוויטש, דער איבערזעצער אין הע־ברעיִש פון ג. גרעצס „ייִדישער געשיכטע", איז בא־וווּסט אונטערן פּסעוודאָנים „שפר". דער רעדאקטאָר פון „הצפירה" כאים־זעליק סלאָנימסקי — כאזאס (חז"ס). דער שרײַבער יעהודע־לייב לעווין — יעהאלעל (יהל"ל).

קאָהאָלשע פאמיליע־נעמען

א טייל ייִדישע פאמיליע־נעמען טראָגן אף זיך א בוילעטן שטעמפּל פונעם אמאָליקן ייִדישן קאָהאָלשן לעבן. זיי זײַנען אנטשטאנען אין פארבינדונג מיט דער ייִדישער קאָהאָלשער זעלבסטפארוואלטונג אין רוסלאנד און ווײַזן אָן אף קאָלערליי באשעפטיקונגען, וואָס האָבן געהאט א שײַכעס צו קאָהאָל. אין זיי זײַנען ווי פאר־גליווערט געוואָרן באגריפן, וואָס זײַנען שוין אין לעבן לאנג אָפּגעשטאָרבן, נאָר פארבליבן ביז איצט אינעם שפּראך־אויצער.

קעדיי צו פארשטיין דעם זין און באטײַט פון דער דאָזיקער גרופּע פאמיליע־נעמען, וועלן מיר אינקורצן זיך אָפּשטעלן אף דער אנטשטייונג און אָרגאניזאציע פון אמאָליקן קאָהאָל.

אָפיציִעל איז די קאָהאָלשע זעלבסטפארוואלטונג אײַנ־געשטעלט געוואָרן אין רוסלאנד אין 1772 יאָר, ווען אין רעזולטאט פון דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן זײַנען צו רוסלאנד איבערגעגאנגען די ווײַסרוסישע וואָיעוואָדסטוועס, די שפּעטערדיקע מאָליעווער און פּאָ־לאָצקער גובערניעס, מיט א היפּשער ייִדישער באפעל־קערונג. די רוסלענדישע רעגירונג האָט פארהיט פאר אירע נײַע אונטערטאנער זייער אינערלעכע קאָהאָלשע אָרגאניזאציע צוליב שטײַער־צוועקן. לויט דער פאראָר־

[1] מוירע נעווּוכיי האזמאן.

דענונג, וואָס יעקאַטערינע II האָט געגעבן דעם ווײַסרוסישן גענעראַל־גובערנאַטאָר גראַף טשערנישאָוו דעם 13 סענטיאַבער 1772, איז פאַר די ייִדן אײַנגעשטעלט געוואָרן א קאָפּ־שטײַער צו 1 רובל פון א מענטשן, און ביכדיי צו פאַרזיכערן די אײַנקאַסירונג פונעם שטײַער, איז פאַראָרדנט געוואָרן „צוצושרײַבן אַלע ייִדן צו די קאָהאָלס, וואָס דאַרפן אײַנגעשטעלט ווערן לויטן אײַנזען פון די גובערנאַטאָרן און לויט דער באַדערפעניש"[1]. אַף די קאָהאָלס איז אַרופגעלייגט געוואָרן די היסכײַוועס אײַנצומאָנען דעם שטײַער, וועלכער איז פאָרויס אויסגערעכנט געוואָרן לויט דער צאָל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. די קאָהאָלשע פאַרוואַלטונג פלעגט מען אויסקלײַבן אַף א יאָר צײַט דורך צווייִשטאַפּלדיקע וואַלן: די שולן (סינאַגאָגעס), אַרום וועלכער די ייִדן זײַנען געווען אָרגאַניזירט לויטן פאַך (שנײַדער־שול, העקערשע שול), לויטן אָפּשטאַם (סאַוורונער, קאָדימער, סאַדיגערער) אָדער לויט דער אָנגעהעריקײַט צו א געוויסער כסידישער שיטע (טאַלנער, טולטשינער, כאַבאַדניקעס אאַוו.), פלעגן אויסטיילן בוירערים־וויילער, וועלכע האָבן דערנאָך דורך געהיימע וואַלן מיט געשריבענע צעטעלעך אויסגעוויילט די פאַרוואַלטונג פון קאָהאָל.

די אײַנגעשטעלטע אָרדענונג האָט געגעבן דער קאָהאָלשער פאַרוואַלטונג די נייטיקע פולמאַכטן און האָט געדינט ביזן 19 דעקאַבער 1844, ווען זי איז אָפיציעל אָפּגעשאַפן געוואָרן דורך ניקאָלײַ I. ניט אָפיציעל איז אָבער א געקירצטע קאָהאָלשע זעלבסטפאַרוואַלטונג אין די ייִדישע ייִשוּווים פאַרבליבן נאָך לאַנג נאָכן 1844 יאָר אַרום די שולן און די פיל ייִדישע כעווורעס, סײַ סטאַבילע, ווי כעווורע־קאַדישע מיטן בעסוילעם, האַכנאָסעס־קאַלע, האַכנאָסעס־אָרכים, ביקור־כוילים מיט זייערע אײַנריכטונגען, סײַ צײַטווײַליקע, ווי מאָעס־כיטים — צו באַזאָרגן די נויטבאַדערפטיקע מיט מאַצע אַף פּייסעך, מאָעס־אייצים — צו באַזאָרגן מיט האָלץ אַפן ווינטער.

איצט וועלן מיר איבערגיין צום עצעם איניען, צו די קאָהאָלשע פאַמיליע־נעמען, און פּרוּוון דערקלערן זייער זין און באַטײַט אין צוזאַמענהאַנג מיט די היסטאָרישע געוואָרענע באַגריפן.

קוילישער — אַט דער פאַמיליע־נאָמען איז געבילדעט פונעם וואָרט „קאָהאָל". אין ייִדיש־פּוילישן רעדנסאַרט ווערט דאָס וואָרט „קאָהאָלשער" אויסגערעדט ווי „קוילישער" און אין דער רוסיפיצירטער טראַנסקריפּציע ווי „קולישער", מיטן אַקצענט אַפן קלאַנג „ע" (לעמאָשל, פאַמיליע־נאָמען פונעם געלערנטן עקאָנאָמיסט און פאָרשער פון פאָלקס־געשיכטע — יוסעף קולישער[2]).

קאַגאַל־אָווסקי, קאַגאַל־ניק — פונעם זעלבן אָפּשטאַם. אין רוסיש ווערט דאָס וואָרט „קאָהאָל" אַרויסגעבראַכט ווי „קאַגאַל".

פאַרנאַס — א ריין ייִדישער פאַמילע־נאָמען, וואָס האָט קיין שום שײַכעס צום באַרג פּאַרנאַס אין גריכנלאַנד, אַף וועלכן עס האָבן געלעבט, לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע, דער גאָט אַפּאָלאָן מיט זײַנע זיבן מוזעס פאַר קונסט און וויסנשאַפט; שטאַמט פון ייִדישן וואָרט „פּאַרנעס" — אָנפירער פון קאָהאָלשער פאַרוואַלטונג, ראָש־האַקאָהאָל. ער האָט געזאָלט באַזאָרגן די באַדערפענישן פון דער קעהילע און זײַן איר פאָרשטייער פאַר די רעגירונגס־אָרגאַנען. צומאָל פלעגט דער פּאַרנעס אויספילן זײַנע פליכטן בלויז א כוידעש צײַט, און דאַן האָט מען אים גערופן פּאַרנעס־כוידעש, אָדער געקירצט אין ראָשעטייװעס „פּאַכ". אין רוסיש איז דער פאַמיליע־נאָמען טראַנסקריבירט מיט אַן אַקצענט אַפן לעצטן זילב, ווי „פּאַרנאַס".

פּאַק־אַס — ראָשעטייװעס פון „פּרנס קהל". אין דער ליטווישער רעפּובליק גיט מען צו צו דעם פאַמיליע־נאָמען „פּאַק" די ליטווישע ענדונג „אַס". פונעם זעלבן שוירעש איז דער פאַמיליע־נאָמען פּאַק־שוער — דער שווער (ווײַבס פאָטערס) פון פּאַק (געוויינלעך ניט „דאָס שווערע פּעקל").

טוּווים — אײנײנעם מיטן ראָש־האַקאָהאָל, דעם פּאַרנעס, פלעגט מען אויסוויילן אין דער קאָהאָלשער פאַרוואַלטונג, אים צו הילף, אַלס ראַטגעבער די כאָשעווסטע באַלעבאַטים, די טוּווים, דה. די בעסטע. אין גרעסערע ייִשוּווים — צו זיבן לײַט, די „שבעה טובי העיר" (שיווע טוּווײ האָיר), די בעסטע זיבן פון שטאָט.

די זעלבע באַדײַטונג פון ראַטגעבער אין דער קאָהאָלשער, נאָר אָפּטער אין דער אַלגעמיינער שטאָט־פאַרוואַלטונג — מאַגיסטראַט — האָבן די פאַמיליע־נעמען: ראַטנער, ראַטמאַנ־סקי, און רוטהײַזער.

באָרער, קאַלפאַ — די פאַמיליע־נעמען זײַנען פאַרבונדן מיט דער צווייִשטאַפּלדיקער וואַל־סיסטעם: פריִער פלעגט מען אין די שולן אויסקלײַבן וויילער, וועלכע האָבן געהייסן אין ייִדיש „בוירערים" און אין רוסיש — „וויבאָרשטשיקי". די וואַלן האָבן געהייסן „קאַלפּיי" — נאָכן נאָמען פון די וואַל־צעטלעך, „קלאָפּים" אָדער „קאַלפּין" (אין אַראַמייִש). דער פאַמיליע־נאָמען „באָרער" (בוירער) ווײַזט אָן נאָך אַף אַן אַנדער געשטאַלט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. א באָרער, אָדער א שאַליש, איז געווען א מין אַרביטער, א פאַרמיטלער צווישן שטרײַטנדע אין געלט־געשעפטן, וועמען די פּאַרינטערעסירטע פלעגן איבערגעבן צו דערליידיקן זייער סיכסעך. „באָרער" איז ניט צו פאַרבײַטן מיט „באַרער", וואָס איז פון געאָגראַפישן אָפּשטאַם און ווײַזט אָן, אַז דער מענטש קומט אַרויס פון דער שטאָט באַר, געוו. פּאָדאָליער גובערניע (רוסישע פאָרם פון דער פאַמיליע איז באַר־סקי).

ניימאַן, ווערניק — פיל מיינען, אַז דער פאַמיליע־נאָמען ניימאַן שטאַמט פון דײַטשישן Neu-mann א נײַער מאַן, אַן אָנגעקומענער פון אַן אַנדער וווינאָרט. דאָס איז ווײַט ניט ריכטיק. „ניימאַן שטאַמט פון העברעיִשן „נאמן", דה. באַגלייבטער, אָנפאַרטרויטער. אַזוי האָט מען גערופן דעם קאַסיר, וועמען מע האָט פאַרטרויט די געלטער פון קאָהאָל, פון דער כעווורע, פון דער שול.

אין רוסיש איז דער באַגריף „ניימאַן" איבערגעזעצט געוואָרן ווי „ווערניק".

פונעם זעלבן באַגריף שטאַמען די פאַמיליע־נעמען: קאַסירער און קאַסירסקי.

שולמאַן און שילמאַן (ייִד־פּוילישער דיאַלעקט), שקאָלניק. לינגוויסטיש ווײַזן אָט די פאַמיליע־נעמען אָן, אַז

---

[1] זע: Первое Полное Собрание Законов Российской Империи (ערשטע פולע געזעצן־זאַמלונג פון דער רוסלענדישער אימפּעריע), באַנד XIX, נומ. 13865.

[2] ניט צו פאַרבײַטן מיט די ענלעך קלינגענדיקע פאַמיליע־נעמען: „קאַלישער", וואָס ווײַזט, אַז דער מענטש שטאַמט פון דער פּוילישער שטאָט קאַליש; „קולעשאָוו" און „קוליש", געבילדעט פונעם רוסישן קולעש און אוקראַיִנישן קוליש (א מין שיטערע קאַשע).

זיי האָבן א שײַכעס צו דער שול (רוסיש «школа», דײַטש schule). די שולמאנס און שקאָלניקס זײַנען ניט געווען סטאם באזוכער פון שול. דאָס איז אין אָנהייב XIX יה. געווען א געזעלשאפטלעכער פּאָסטן אין דער קאָהאָלשער אָרגאניזאציע. דער שולמאן (רוסיש „שקאָלניק") איז געווען א פאָרשטייער פון שול (סינאגאָגע), וואָס פלעגט אָנטיילנעמען אין דער באשטײַערונג און אויספירן די באשלוסן פון קאָהאָל לעגאבע זײַנע שוללײַט.

אין דער רוסישער געזעצגעבונג פון XIX יאָרהונדערט ווען יידן טרעפט מען אָפט די טערמינען „שקאָלא" און „שקאָלניק" אין דעם אָנגעוויזענעם זין.

דאַזאָרעץ, דאָזאָרצעוו — דער פאמיליע־נאָמען, וואָס איז געבילדעט פון רוסיש, איז א ריין יידישער. צווישן די רוסן איז אזא פאמיליע־נאָמען ניט צו טרעפן. דאָס איז געווען א קאָהאָלשע פונקציע פון אָן אופזעער איבערן אָפּהיטן די יידישע דינים. די דאָזאָרצעס פלעגן אויך אויספילן פּאָליצײַישע פונקציעס: מאכן אונטערזוכונגען בא פארדעכטיקע אין אפיקאָרסעס יונגעלײַט אף צו געפינען און אָפּנעמען בא זיי טרייף־פּאָסלדיקע ביכלעך; ברענגען די „פארברעכער" פאר קאָהאָל; אין די פריערדיקע צײַטן — זוכן און אופדעקן די אָנהענגער פון שאבסי־צווי; בעשאסן קריג צווישן די מיסנאגדים און כסידים אין ליטע און ווײַסרוסלאנד — גערוידעפט די מיטפּילער און נאָכגייער פון דעם באוווסטן כסידישן רעבן שנייער־זאלמען (פון אים שטאמט די פאמיליע שנייערסאָן).

דײַען, דאַין, דאיאן און דאיאן־אָוו, פּויסעק. קאָהאָל האָט געהאט אַן אייגענע יוריסדיקציע. די מיטגלידער פון קעהילע פלעגן זייערע רעכטלעכע איניאָנים און סיכסוכים דערליידיקן באם דײַען, וואָס איז געווען א שטענדיקער אָנטיילנעמער אין דער קאָהאָלשער פארוואלטונג. אין קאָמפּליצירטע פאלן פלעגט צונויפגעשטעלט ווערן א בעסדן פון דרײַ פּערזאָן בעראָש מיטן דײַען, וועלכער פלעגט דעמלט אָנגערופן ווערן אָוובעסדן — דער עלטסטער פון געריכט, אָדער געקירצט אין א ראָשעטייוועס — אבאד (אב"ד), און זײַנע זין — באבאד (באב"ד), דה. בעניי אָוו־בעסדן — די זין פון אָוו־בעסדן.

דער פאמיליע־נאָמען „פּויסעק" איז א סינאָנים פון דײַען, וועלכער פלעגט פּאסקענען און ארויסטראָגן דעם פּסאקדין.

שטאדלאָן — מיטן אקצענט אפן זילב „אָ", באטײַט א פאָרשטייער פון קאָהאָל, וואָס פלעגט קומען אין פארבינדונג מיט דער רעגירונג און זיך מישטאדל זײַן אין די איניאָנים פון קאָהאָל: פארקלענערן די שטײַערן, אָפּשאפן א גזיירע, א בילבל, באקומען האנאָכעס, געבן דערקלערונגען אאוו.

די פונקציע פון שטאדלען פלעגט אויספילן דער פארנעס, נאָר אָפט פלעגן געשיקט ווערן צו די רעגירונגסאָרגאנען אלס שטאדלאָנים אויך אנדערע פאָרשטייער פון דער קעהילע.

כאפּער — אָט דער פאמיליע־נאָמען איז פארבונדן מיט א פינצטער קאפּיטל אין דער קאָהאָלשער הערשאפט. לויטן געזעץ פון 27 אווגוסט 1827 איז פאר דער יידישער באפעלקערונג אײַנגעפירט געוואָרן די רעקרוטן־פליכט אין נאטור און אף דער קאָהאָלשער פארוואלטונג איז ארופגעלייגט געוואָרן די אכרײַעס פאר צושטעלן די געהעריקע צאָל רעקרוטן. ביז 1827 האָט קאָהאָל ארײַנגעטראָגן נאָר א רעקרוטן־אָפּצאָל אין דער גרייס פון 500 רובל פאר א מענטשן. די הויפּט־סיבע דערפון, וואָס ביז דעמלט האָט עקזיסטירט נאָר א רעקרוטן־אָפּצאָל, איז געווען דאָס, וואָס אין דער ארמיי האָבן יידישע רעקרוטן ניט געהאט קיין מעגלעכקײַט אָפּהיטן שאבעס, קאשרעס אאוו. דאָס נײַע געזעץ איז כאל געווען אפילע אף מינדעריאָריקע, וועלכע מע פלעגט צומאָל פון 12 יאָר אָן נעמען אין דער ארמיי אלס קאנטאָניסטן. דערבײַ איז קאָהאָל דערלויבט געוואָרן אָפּגעבן פאר רעקרוטן שלעכטע שטײַער־צאָלער, בראָדיאגעס און אומרויִקע לײַט: בונטארעס, אזעסניקעס אאוו.

דאָס געזעץ האָט פארשטארקט די מאכט פון די קאָהאָלשע רעדלפירער און געבראכט צו פיל מיסברויכן: די רײַכערע פלעגן זיך אויסקויפן, און רעקרוטן פלעגט מען נעמען פון די אָרעמע, שוצלאָזע, אָפט יעסוימים. און קעדיי צו אויסזוכן די, וואָס פלעגן זיך אויסבאהאלטן, האָט קאָהאָל באשטימט ספּעציעלע „כאפּערס", זיי זאָלן די רעקרוטן אָפּזוכן, כאפּן און צושטעלן דער מיליטערישער מאכט.

די שפּראך איז א מערקווירדיקע דערשײַנונג אין דער מענטשלעכער קולטור. זי לעבט צוזאמען מיטן פאָלק און מיט דער צײַט. נײַע לעבנס־באדינגונגען שאפן נײַע באגריפן, און די שפּראך שפּיגלט זיי אָפּ דורך נײַע ווערטער און אידיאָמען. נאָר אין דער זעלבער צײַט פארהיט די שפּראך אויך די קולטור־יערושע, ווען זי ווערט פארעלטערט און אפילע אָפּגעשטאָרבן.

די פאמיליע־נעמען, וואָס ענדערן זיך ניט אין מעשעך פון דוירעס, בילדן א קאָנסערוואטיוון עלעמענט אין דער שפּראך. שעפּט אָן פון איר קוואל, זוכט אויס אלטע פאמיליע־נעמען, שטעלט זיי אויס אין א ריי — און פאר די אויגן וועלן אופגעלעבט ווערן גאנצע גאלערייען געשטאלטן, גאנצע גרופּעס באגריפן פונעם פארגאנגענעם געזעלשאפטלעכן, עקאָנאָמישן לעבן און קולטור־לעבן.

א. פּריבלודע

אין א שפּעריישער קאָמאַנדירונג...

עס דערציילט דער קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאַנייעץ

אין רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אָנגעקומען א בריוו מיט א פּאַטשט־שטעמפּל פון לײַפּציק. דער בריוו איז געווען אונטערגעשריבן פון דר. ווערנער גינצעראָדט — פּראָפעסאָר פון דער לײַפּציקער קאָנסערוואַטאָריע און איבערזעצער פון יידישער דיכטונג און פּראָזע אין דײַטש.

„אין לײַפּציק, — שרײַבט אין זײַן בריוו דר. וו. גינצעראָדט, — גרייט זיך אָן אָוונט צום 25־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ. אפן אָוונט וועט אויסגעפילט ווערן א ציקל זינגלידער „אונדזער פרילינג" אף די ווערטער פון יידישע דיכטער, צווישן זיי — י. קאַטליאַר, מ. מאַגילעוויטש, י. בוכבינדער און ר. באַליאַסנע פון סאָוועטנפארבאנד. מיר וואָלטן זייער געוואָלט, כּאָשעווע רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", זיך האלטן אָן אייצע מיט אײַערן א פאָרשטייער וועגן אָט דעם אָוונט".

די רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך פאַרבונדן מיטן קאָמפּאָזיטאָרן־פארבאנד און צוזאמען מיט אים אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. קיין לײַפּציק איז קאָמאַנדירט געוואָרן דער באַוווּסטער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאַנייעץ.

נאָך זײַן צוריקקערן זיך פון דער רײַזע האָט ז. קאָמפּאַנייעץ געהאט א שמועס מיט אונדזער מיטארבעטער יויסעף שוסטער.

— ווען מע האָט מיר באַוויזן דעם בריוו פון דר. גינצעראָדט, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אז דאָס מוז מיסטאמע שרײַבן א ייִד לויט דער נאַציִאָנאַליטעט, וואָס האָט, פאַרשטענדלעך, סענטימענטן צו יידישער מעלאָדיק. ארויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אז דר. ווערנער גינצעראָדט, מיט וועמען איך האָב זיך געטראָפן אין לײַפּציקער מוזיק־הויז, ווו דער אָוונט איז פאַרגעקומען, איז גאָר א יונגער דײַטש, א ליבהאָבער און קענער פון יידיש. אין זײַן היימישער ביבליאָטעק האָב איך געזען א פולן קאָמפּלעקט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און א סאָליד פעקל ביכער פון יידישע שרײַבער. דאָס האָט ער איבערגעזעצט אין דײַטש די זאמלונג פון 50 יידישע זינגלידער, וואָס איז ניט לאנג צוריק דערשינען אין לײַפּציק. ער איז אויך דער צונויפשטעלער פון דער פּראָגראַם פונעם אָוונט־קאָנצערט, געווידמעט דעם 25־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ. דער אווטאָר פון דער מוזיק צו די זינגלידער איז קאַרל־הײַנץ פּיק — אויך א יונגער דײַטש, א דאָצענט פון דער לײַפּציקער קאָנסערוואַטאָריע.

פּיקס מוזיק איז אָן אייגנארטיקע: די לידער זײַנען יידישע, די שפּראַך פון דער מוזיק — א דײַטשישע. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט עס מיר דערקלערט אזוי: יידישע מוזיק צו יידישע לידער קענען און וועלן שאפן י י ד י ש ע קאָמפּאָזיטאָרן. פאר מיר איז פיל נאַטירלעכער אונטערצוטראָגן דעם ציקל יידישע זינגלידער אף דער שפּראַך פון דער דײַטשישער מוזיק...

צי קאָן מען דערווידערן קעגן אזא ארגומענטאציע? לויט מײַן מיינונג, אין קיין פאל ניט.

ק. פּיקס מוזיק־שפּראַך איז א קלאָרע און א פאַרשטענדלעכע פאַר יעטווידן צוהערער אָן אונטערשייד פון דער נאַציִאָנאַליטעט. פּיקס מוזיק רופט זיך איבער מיט די קלאַסישע מוסטערן פון דער דײַטשישער וואָקאַלער ליריק.

אין דעם קאָנצערט האָבן אָנטיילגענומען דער פּראָפעסאָר פון דער לײַפּציקער קאָנסערוואַטאָריע, לאַורעאַט פון דער נאַציִאָנאַלער פּרעמיע יעווא פליישער (מעצאָ־סאָפּראַנאָ) און דער פּיִאַניסט — דירעקטאָר פון דער קאָנסערוואַטאָריע פּראָפ. רודאָלף פישער. דער קאָנצערט איז אויסגעפילט געוואָרן מיט גרויסער מײַסטערשאַפט.

דעם לײַפּציקער זאל „מעלאָדיע" האָט פאַרפולט א גרויסער עולם מוזיק־ליבהאָבער און פּאַשעטע פּאָלקסמענטשן. די צושויער האָבן הייס אַפּלאָדירט די טאַלאַנטפולע זינגער. פאַרן אָנהייב פונעם קאָנצערט איז דר. וו. גינצעראָדט ארויסגעטראָטן מיט אָן אויספירלעכן פאָרטראָג. דערנאָך האָט דער פאָרזיצער געגעבן א וואָרט מיר פאַר א באַגריסונג אין נאָמען פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און פון די מאָסקווער קאָמפּאָזיטאָרן.

אָן אויספירלעכער באריכט וועגן דעם קאָנצערט און וועגן מײַן שליכעס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער לײַפּציקער „פאָלקסצײַטונג".

פֿאַשיזם

אַנאָנימע ביכער

ליטעראַרישע מיסטיפֿיקאַציעס זײַנען אַלט ווי די וועלט. מערסטנטייל פֿלעגט דער מיסטיפֿיקאַטאָר אָנשטאָט זײַן עמעסער פֿאַמיליע פֿאַשעט שטעלן אויפֿן טיטל אַן אויסגעטראַכטע. נאָר די מיסטיפֿיקאַציע האָט געקאָנט זײַן אַ גרעסערע: ס׳פֿלעגט ניט ריכטיק אָנגעוויזן ווערן דאָס אָרט, וווּ דער בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, דאָס יאָר און די פֿאַמיליע פֿונעם אַרויסגעבער.

די מיסטיפֿיקאַציע פֿלעגט באַנוצט ווערן הויפּטזאַכלעך באַם דרוקן ווערק פֿון „קראַמאָלן“ כאַראַקטער, ווערק, וואָס זײַנען געווענדט קעגן די מאַכטהאָבער אָדער קעגן דער רעליגיע.

ווען אין XVIII יאָרהונדערט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די דײַטשישע איבערזעצונג פֿונעם אַנטירעליגיעזן פּאַמפֿלעט „וועגן דרײַ אָפּנאַרערס“ (געמיינט די גרונטלייגער פֿון דרײַ רעליגיעס — משה־רבינו, קריסטוס און מוכאַמעד), איז אויפֿן שאַרבלאַט געווען אָנגעוויזן רוים, כאָטש אינדערעמעסן איז דער בוך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בערלין; אַלס פֿאַרלעגער איז געווען אָנגעוויזן „די אַלמאָנע באָנאַ ספּעס“, ד.ה. אַ גוטע האָפֿענונג.

עס פֿלעגן פֿאַרמאַסקירט ווערן פֿיל אויסגאַבעס פֿון די רוסישע רעוואָליוציאָנערן אין אויסלאַנד. דאָס איז נייטיק געווען, כּדי פֿאַרגרינגערן די טראַנספּאָרטירונג פֿון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור קיין רוסלאַנד און איר פֿאַרשפּרייטונג. ביכער און בראָשורן, וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט אין לאָנדאָן און זשענעווע, האָט מען באַצייכנט ווי דערשינענע אין רוסלאַנד. אויף זיי פֿלעגט זײַן די אָנמערקונג: „לויט אַ דערלויבעניש פֿון דער צענזור“ אָדער אַפֿילו: „באַגיטיקט דורך דער צענזור“, האַגאַם קיין שום צענזור זײַנען זיי, פֿאַרשטייט זיך, ניט דורכגעגאַנגען.

ל. טיכאָמיראָווס און פּ. קראָפּאָטקינס בראָשור, וואָס האָט דערקלערט דעם עמעסן זין פֿון פּוגאַטשאָווס אויפֿשטאַנד, איז געווען פֿאַרמאַסקירט אונטערן נאָמען „יעמעלקאַ פּוגאַטשאָוו, אָדער די ליבע פֿון אַ קאַזאַק“. אויף דער בראָשור איז אויך געווען פֿאַלש אָנגעוויזן דאָס אָרט, וווּ זי האָט זיך געדרוקט: „מאָסקווע, נ. אי. קאָסאָווס טיפּאָ־ליטאָגראַפֿיע“, ווען אינעמעסן האָט די בראָשור זיך געדרוקט אין דער זשענעווער טיפּאָגראַפֿיע פֿונעם טשײַקאָווצעס־קרײַזל.

מאַסקירן זייער ליטעראַטור איז אויסגעקומען אויך די אַנטיפֿאַשיסטן אין איטאַליע באַ מוסאָלינין, אין דײַטשלאַנד באַ היטלערן. אויף די שאַרבלעטער פֿון אייניקע אַנטיפֿאַשיסטישע בראָשורן איז געשטאַנען „מײַן קאַמף“.

(לויט וו. דמיטריִעווס נאָטיץ אין „נידיעליאַ“)

אַ שיף, וואָס איז אַלט טויזנט יאָר

אויף דער טעריטאָריע פֿון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָבן די אַרכעאָלאָגן געמאַכט אַן אינטערעסאַנטע אַנטדעקונג. אויפֿן אינדזל ריוגען, אינעם אײַנגוס יאַזמונדער באָדען, האָבן זיי געפֿונען אַן אוראַלטע שיף. איר עלטער ווערט אָפּגעשאַצט אין טויזנט יאָר. די שיף געהערט צום פּעריאָד פֿון דער גרינדונג פֿון די סלאַווישע יִישוּווים אויפֿן אינדזל.

לויט דער מיטיילונג פֿון די ספּעציאַליסטן, האָט די שיף די זעלבע פֿאָרם, ווי די ווײַקינג־שיפֿן, נאָר אויסגעבויט איז זי געוואָרן אויפֿן אינדזל ריוגען.

לויט דעם טייל, וואָס איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פֿונעם וואַסער, קאָן מען רעכענען, אַז די שיף האַלט אין דער לענג פֿון צען ביז פֿופֿצן מעטער.

נאָך דעם ווי די שיף וועט מען אַרויסשלעפּן פֿון וואַסער און זי פֿאַרקאָנסערווירן, וועט זי עקספּאָנירט ווערן אינעם קולטור־היסטאָרישן מוזיי פֿון דער שטאָט שטראַלזונד.

אין די פֿישער־נעצן אַ... מאַמאָנט

באַם ברעגלאַנד פֿונעם אַזאָווער יאַם, ניט ווײַט פֿונעם אָרט, וווּ עס הייבט זיך אָן דער טײַך מאַלאָטשנאַיאַ, האָבן די פֿישער פֿון דער שיף „רזשאַנעץ“ אויפֿגעהויבן אין זייערע נעצן גרויסע ביינער, באַדעקטע מיט בינטלעך צונויפֿגעפּרעסטער וואָל. אָט דעם מאָדנע געפֿאַנג האָט דער עקיפּאַזש פֿון דער שיף באַוויזן ספּעציאַליסטן. דורכפֿירנדיק אַן אַנאַליז, האָבן יענע געפּסקנט: די ביינער זײַנען פֿון אַ מאַמאָנט.

דאָס געפֿינס איז אַן אוניקאַלס פֿאַרן דאָרעם פֿון אונדזער לאַנד. רעשטן פֿון אַ מאַמאָנט פֿלעגט מען געפֿינען אויך פֿריִער אויף דער טעריטאָריע פֿון דאָנבאַס, נאָר ס׳איז נאָך ניט געווען אַזאַ פֿאַל, אַז אין אָט די וואַרעמע ערטער זאָל זיך אײַנהיטן אויך די וואָל פֿונעם גיגאַנט. די מאַמאָנטן האָבן דאָך דאָ געלעבט מיט 5—7 יאָרטויזנטער צוריק. זעט אויס, אַז נאָכן טויט איז דער באַלעכײַמיטן שטראָם פֿונעם טײַך אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין יאַם אַרײַן, און די געזאַלצענע יאַם־וואַסער האָט אים „פֿאַרקאָנסערווירט“.

דאָס „געפֿאַנג“ איז איצט עקספּאָנירט אין איינעם פֿון די זאַלן פֿון קאַנטקענטעניש־מוזיי פֿון דער שטאָט זשדאַנאָוו.

זיי אַלע האָבן געליטן פון אויגן־קראַנקייטן...

בא דער מערהייט בארימטע מאָלער פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן זײַנען געווען די אָדער אַנדערע דעפעקטן פון דער ריִע, און דערמיט זײַנען שפּעטער דערקלערט געוואָרן אייניקע באַזונדערהייטן פון זייער אינדיווידועלן סטיל. צו אַזאַ אויספיר איז געקומען דער קאַנאַדער דאָקטער פרעד ווילער. באַטראַכטנדיק על גרעקאָס בילדער, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אָט דער קינסטלער האָט געמאָלט מענטשן מיט פאַלשע פּראָפּאָרציעס פונעם קערפּער. אַלע זײַנע פּאָרטרעטן זײַנען געווען, צום בײַשפּיל, מיט שמאָלע פּנעמער. פרעד ווילער האָט פאָטאָגראַפירט דעם קאַרדינאַל געוואַרס פּאָרטרעט דורך אַסטיגמאַטישע ברילן מיט אַ שטאַרקער דיאָפּטריע און האָט באַקומען די ווירקלעכע פּראָפּאָרציעס פונעם פּאָנעם פון אָט דעם מענטשן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז געוואַר איז געווען אַ גאַנץ שיינער מאַנצבל. פונקט אַף אַזאַ אופן האָט ווילער פעסטגעשטעלט סעזאַנס קורצזיכטיקייט און האָט אופגעשטעלט די פאַרקריפּלונגען פון זײַן אויטאָפּאָרטרעט.

דער ענגלישער מאָלער דזשאָן קאָנסטאַבל האָט, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, ניט אונטערשיידט קיין גרינע און רויטע פאַרבן. די האַרבסט־פאַרבן אַף זײַנע בילדער זײַנען געווען שטאַרק פאַרענדערט אין פאַרגלײַך מיט די נאַטירלעכע. מאָנע איז אַף דער עלטער אויך געוואָרן אַ דאַלטאָניקער, און דערפאַר זײַנען אַף זײַנע בילדער פון יענער צײַט ניט ריכטיק געשילדערט די זאַכן, וואָס זײַנען באַפאַרבט מיט רויטס.

אַן איבערזעצער אַ פאַנאַטיקער

אין סיגיזמונד ליבראָוויטשעס בוך „אַפן ביכער־פּאָסטן" ווערט דערציילט וועגן איינעם אַ מאַניאַקאַלישן איבערזעצער. אין זײַן אָפּשײַ פאַר געטעס „פאַוסט" איז ער דערגאַנגען ביז ליטעראַרישן פאַנאַטיזם. ער האָט איבערגעזעצט געטעס טראַגעדיע אין רוסיש זעקס מאָל נאָכאַנאַנד, און יעדער מאָל פונסנײַ.

— נאָכן ענדיקן די איבערזעצונג, — האָט ער דערציילט, — פלעג איך אַרײַנלייגן דעם מאַנוסקריפּט אין אַ גרויסן קאָנווערט, פאַרשטעמפּלען אים מיט זעקס טריוואַקסענע שטעמפּלען, באַהאַלטן אים אין איינעם פון די קעסטלעך פון מײַן שרײַבטיש, און דעם שליסל פון דעם קעסטל פלעג איך אַרײַנוואַרפן אין דער ניעווע, עס זאָל מיך ניט אָנעמען קיין כיישעק, בייס איך מאַך די נײַע איבערזעצונג, אַ קוק צו טאָן, ווי איך האָב פריִער איבערזעצט דאָס אָדער יענץ אָרט. אָט די פּראָצעדור האָב איך איבערגעכאַזערט זעקס מאָל אין מעשעך פון צען יאָר. ווען אין אַלע זעקס טיש־קעסטלעך זײַנען ענדלעך געלעגן צו איין גרייטער איבערזעצונג, האָב איך געהייסן זיי אופעפענען און האָב געמאַכט אַ סאַכאַקלדיקע, זיבעטע איבערזעצונג.

אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש סטרוגאָווטשיקאָוו — וועגן אים גייט דאָ אַ רייד — איז געווען איינער פון די בעסטע איבערזעצער אין רוסלאַנד.

אין 1877 יאָר איז באַם פאַרלעגער מ. אָ. וואָלף אופגעקומען אַ געדאַנק אַרויסגעבן געטעס „פאַוסט". ווען די פּראַגע וועגן דער נײַער אויסגאַבע איז אין פּרינציפּ געלייזט געוואָרן, האָט זיך וואָלף געווענדט צו סטרוגאָווטשיקאָוון, צי וועט ער ניט מאַסקים זײַן איבערגעבן דעם פאַרלאַג זײַן איבערזעצונג.

— איך בין מאַסקים, — האָט געענטפערט סטרוגאָווטשיקאָוו, — צי וועט אָבער אײַך קלעקן געלט אַף באַלוינען מיך פאַר דער אַרבעט?

— דאָס איז אָפּהענגיק פון דעם, וויפל איר וועט אָנבאָטן.

— אַ מיליאָן, און אַ קאָפּעקע ניט ווייניקער.

— אָבער אַזאַ האָנאָראַר האָט ניט באַקומען אַפילע אַליין דער אווטאָר פון „פאַוסט".

— יאָ, ער האָט באַקומען הונדערט מאָל ווייניקער, אָבער אויך אָנשרײַבן די פּאָעמע איז הונדערט מאָל גרינגער, איידער איבערזעצן זי, — האָט געענטפערט סטרוגאָווטשיקאָוו. — געטע האָט אָנגעשריבן די פּאָעמע פאַר איין יאָר, און איך האָב געאַרבעט איבער איר איבערזעצונג צען יאָר.

פאַרלאָרן די האָפענונג צו באַקומען סטרוגאָווטשיקאָווס איבערזעצונג, האָט וואָלף באַשטימט מאַכן אַ באַשטעלונג בא די דיכטער מינײַעוו אָדער וויינבערג. ווען עס האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט סטרוגאָווטשיקאָוו, האָט ער געמאָלדן, אַז ער גיט אָפּ זײַן איבערזעצונג אינגאַנצן אומזיסט. ער האָט אָבער קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכן וועלכע־ניט־איז אויסבעסערונגען אָדער ענדערונגען, פאַרופנדיק זיך אַף דעם, אַז ווען אַ מאָלער מאָלט אָן אַ בילד, טראָגט ער שוין ניט אַרײַן אין דעם קיין אויסבעסערונגען.

מיט גרויס מי האָט זיך אײַנגעגעבן סטרוגאָווטשיקאָוון אײַנרעדן, ער זאָל דערלויבן, אַז די פראַגמענטן פון דער פּאָעמע, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט, זאָל מען נעמען פון אַ גרייטער איבערזעצונג, וועלכע ס׳האָט געמאַכט גובער. דערבײַ האָט סטרוגאָווטשיקאָוו געפאָדערט, אַז אָט די דערגאַנצונגען זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן אַף פּאַפּיר פון אַן אַנדער קאָליר.

רעפּליקעס

וועגן „היימישער“ קריטיק

די „היימישע“ קריטיק ברענגט אָפּט צו העפּקייראָס. דאָס אָפּשאַצן ליטעראַרישע דערשיינונגען גליטשט זיך שוין קימאַט אַראָפּ צו גוטברודערשאַפט. קעדיי אויפֿהאַלטן אין אונדזער ליטעראַטור די אַטמאָספער פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, דאַרפֿן מיר ריידן וועגן דעם אָפֿן.

זאָלן קיין פֿאַריבל ניט האָבן אונדזערע פֿען־קאָלעגן אין אויסלאַנד, נאָר די גרייטקייט, מיט וועלכער זיי פֿאַרעפֿנטלעכן א באַליביק ליטעראַריש אַרטיקל, וואָס קומט פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, האָט ניט נאָר א פּאָזיטיווע, נאָר אויך א נעגאַטיווע אופֿווירקונג אויף דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

עס דערגייט ביז פּאַראַדאָקסן. אָט איז א ביישפּיל.

פֿאַראַן בא אונדז, ווי באַוווּסט, א דיכטער יוסף קערלער. אין 1944 איז אין „עמעס“־פֿאַרלאַג אַרויס זיין ערשט ביכעלע לידער „פֿאַר מיין ערד“. דער דיכטער־אָנפֿאַנגער האָט געבראַכט מיט זיך פֿון די שלאַכטן הינטער מאָסקווע א ריי אינטערעסאַנטע מאָטיוון. ווייטער, איבער אומשטענדן, וואָס זיינען פֿון קערלערן ניט אָפּהענגיק, האָט זיך זיין דיכטערישער וווּקס פֿאַרהאַלטן, קיין צווייט ביכל האָט ער אויף ייִדיש ניט אַרויסגעגעבן, און אַזוי, האָבנדיק פֿאַרעפֿנטלעכט פֿאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר אייניקע לידער — אַמאָל בעסערע, אַמאָל שוואַכערע, איז ער שוין פֿאַמעלעך אַלט געוואָרן פֿופֿציק יאָר. ס׳איז דעריבער א כידעש, וואָס פֿאַר זיינע ניט פֿאַרווירקלעכטע האָפֿענונגען סטאַרעט זיך אים געבן כאָטש א ביסעלע „קאָמפּענסאַציע“... די קריטיק. די „היימישע“ קריטיק, וועל איך צוגעבן.

יאָ, די „היימישע“ קריטיק האָט דאָ געקלאַפּט אַלע רעקאָרדן. נעמענדיק זיך צו שאַפֿן קערלערן א שטיקל ביאָגראַפֿיע, האָבן מ. כאַראַץ אין דער וואַרשעווער „פֿאָלקס־שטימע“ און י. דרוקער אין די ניו־יאָרקער „זאַמלונגען“ זיך אָנגעכאַפּט בא דעם ווייניק באַדייטנדיקן פֿאַקט, וואָס קערלער איז אַמאָל, ערעוו דער מילכאָמע, געווען א סטודענט פֿונעם טעאַטראַלן טעכניקום באַם מאָסקווער „גאָסעט“; און דאָס איז גענוג, מ. כאַראַץ זאָל אָן געפֿיל פֿון הומאָר מעלדן, אַז קערלער „באַקאַנט זיך נאָענט מיט שלוימע מיכאָעלסן“ (ווי אַזוי אַנדערש? מיכאָעלס האָט אין טעכניקום געלייענט לעקציעס, און קערלער, דער סטודענט, האָט די לעקציעס געהערט... — ד. ש.), און טאַקע פֿון אים אַליין, פֿון מיכאָעלסן, באַקומט קערלער „טאָפּלטע סמיכע פֿון א דיכטער און אַן אַקטיאָר“. דאָס זעלבע, דערצו נאָך מיט א קליינעם צוגאָב, כאַזערט איבער י. דרוקער אין די „זאַמלונגען“: „מיכאָעלס און סאַרע ראָטבוים, די לערערן פֿון דעם אַרויסלאָז־קורס (פֿון טעכניקום. — ד. ש.) גיבן אים (קערלערן. — ד. ש.) סמיכע מיט א ווונטש, ער זאָל שטענדיק און אומעטום שפּילן זיין ראָל אויסגעצייכנט“.

י. דרוקער גייט נאָך ווייטער: „ניט קיין אַנדערער, ווי שלוימע מיכאָעלס, — שרייבט ער שוין קימאַט אין א נעווייִשן סטיל, — האָט געקרוינט י. קערלערן מיט די ווערטער, וואָס דער טאַטע יאַנקעוו האָט אָנגערופֿן זיין שענסטן זון יוסף — בן פּרת עלי עין — יוסף איז א באַכיינטער זון, באַכיינט באַם ערשטן קוק אויף אים. און באַכיינט איז ער אַזוי, ווייל ער איז דיכטער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס...“

אויף וויפֿל ניט מ. כאַראַץ, ניט י. דרוקער ציטירן ניט י. קערלערס לידער אויף צו באַשטעטיקן זייער אָפּרוף וועגן קערלערן דעם דיכטער, וועל איך מוזן ברענגען א פּאָר ביישפּילן, וואָס באַווייזן, אַז די „היימישע“ קריטיקער וואָלטן געגעבן פֿיל מער נוץ י. קערלערן, ווען זיי העלפֿן אים קריטיש א קוק טאָן אויף זיין שאַפֿונג.

י. קערלער טרעט אָפּט אַרויס אין דער וואַרשעווער „פֿאָלקס־שטימע“. אָט איז זיינע א ליד פֿון דאָרטן:

א וואָרט וועגן וואָרט־מייסטערשאַפֿט

פֿאַראַן א „מעטר“ —
א זאַטער פֿעטער,
ער כאָליעט אויף זיינע
לאָרבער־בלעטער,
מיט גרויס האַנאָע
דאָס בייכל גלעט ער
און בלאָזט פֿון זיך...
א צווייטער „מעטר“ —
שוין דאַרלעך, זעט איר,
גלייך איינגעשלונגען
ער וואָלט א מעטער,
ווי פֿון אָלימפּ —
אַראָפּצו רעדט ער
און בלאָזט פֿון זיך...

און איך בין קיין „מעטר“,
פֿון אָנפֿאַנג איך קלעטער,
פֿאַרקאַטערט די נאָז איז
פֿון ווינטיקן וועטער...
כ׳בלאָז נישט פֿון גייווע
און אויך נישט פֿון שטאָלץ,
ווען כ׳ברי זיך אויף הייסן —
בלאָז איך אויף קאַלטס,
און איך בין קיין „מעטר“ —
צום טייוול די מי!
אַן אָנפֿאַנגער בין איך
פֿון פֿרי ביז צו פֿרי,
איך שטייג און איך שטייג
און בלייב אַלץ פֿאַר א באַרג.
דעם קאָפּ איך פֿאַרוואַרף,
אַזש סע ברעכט מיר דער קאַרק;
פֿאַרציִען די וווּנדן
פֿעלט שטענדיק אויס הויט...
אַזאַ איך פֿאַרבלייב שוין,
ווייזט אויס, ביזן טויט.

גיב איך אָפּ רעכט דער באַשיידנקייט פֿונעם דיכטער, וועלכער וויל ניט זיין קיין ליטעראַרישער „מעטר“ און דערקלערט זיך, עפּשער אַפֿילע שוין צו קאַטעגאָריש: „אַן אָנפֿאַנגער בין איך!“... און איך ווענד זיך צו די כאָשעווע געניטע מייסטערס פֿון דער ליטעראַטור מ. כאַראַץ און י. דרוקער: וואָס זאָגט איר וועגן אַזאַ ליד? צי האַלט איר זי קלאַל פֿאַר דרוקפֿייִק? די פֿראַגע איז אָבער — צי איז ניט דאָס „וואָרט וועגן וואָרט־מייסטערשאַפֿט“ א צ ו פ ע ל י ק ע אומבאַהאָלפֿענע ליד בא קערלערן? איז זייט זיך מאַטריִען, מ. כאַראַץ, און

לייענט דורך קערלערס ליד „וואָס רוישן די קליאַנען", וועלכע איז אָפּגעדרוקט אין דער „פאָלקס־שטימע" אַלס אילוסטראַציע, ווייַזט אויס, צו אַ ייַ ע ר אַרטיקל „אַ וואָרט וועגן יוסעף קערלערן", אין וועלכן איר באַהויפּטעט, אַז קערלער האָט איבערגענומען בא ש. האַלקינען „דעם דינוועכעזשבנדיקן טאָן". און איר, י. דרוקער, וואָס איר שרייַבט, אַז „קערלערס ליד האָט געשליפן די שווערד, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אים בעירושע פון אָשער שוואַרצמאַנען", — זייַט זיך מאַטריעך און לייענט אויך דורך אָט די ליד, אין וועלכער קערלער שרייַבט מיטן פולן ערנסט:

לאָזט מיך איבער מיט מייַן „פאָרשול־עלטער",
לאָזט מיט מייַן קליינוואַרג איבער מיך און — פאָרט!
צי זעט איר ניט, ווי ס'פּעלט זיי, אַך, ווי ס'פּעלט זיי
אַ ביסל אונטערוואַקסן,
כאָטש אָף דרייַ־פיר יאָר.

אָדער:

די זון אין הימל איז געפלויגן ווי אַ פּילקע,
און ס'האָט די פּילקע — ווי די זון געשטראַלט.

אַאוו. אדג.

אָנשטאָט צו באַווייַזן דעם גאַנצן האַרבן עמעס פון דעם דאָזיקן פאַל, ווען אַ יונגער טאַלאַנטירטער דיכטער האָט אין מעשעך פון לענגערע יאָרן ניט געהאַט קיין גינסטיקן באָדן אָף אָנעמען זיך מיט זאַפט און רייַף ווערן און איז איבער אָט דער סיבע (און אויך איבער אַ גאַנצער ריי אַנדערע, פון אים אַליין אָפּהענגיקע, סיבעס) פאַרבליבן אָפן ניוואָ פון אָנפאַנגערישקייַט, אָנשטאָט צו העלפן אים אַרויס פון דער שווערער לאַגע, — קומען די „היימישע" קריטיקער און „נאַרן אַ וועלט": קערלערס ביכעלע „פאַר מייַן ערד" (אַ פערטל פאָרמאַט, 40 זייַטלעך) רופט מ. כאַראַץ אָן „אַ באַנד מילכאָמע־לידער", אַליין קערלערן, שוין ווייַט ניט דעם ייִנגסטן אין אונדזער הייַנטצייַטיקער פּאָעטישער קאָהאָרטע, רופט י. דרוקער אָן „דער געראָטענער מיזיניק פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג"...

אָבער עפּשער וועט זייַן ניט ריכטיק צו זאָגן, אַז די „היימישע" קריטיקער „נאַרן אַ וועלט"? פריִער פאַר אַלץ נאַרן זיי אָפּ אַליין דעם דיכטער, וועלכן זיי פאַרשלעפּערן מיט לויבגעזאַנגען.

דאַניִעל שיידבערג

צו דער טעמע: שאָלעם־אַלייכעם אין רוסישער איבערזעצונג

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 1 פון 1968 איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון מוישע דובינסקי „שאָלעם־אַלייכעמס פראַזעאָלאָגיזמען אין דער רוסישער איבערזעצונג". איך בעט, אויב ס'איז מעגלעך, אָפּדרוקן מייַנע קורצע באַמערקונגען צו דער פּראָבלעם, וואָס דער אַוטאָר שטעלט אין דעם אַרטיקל.

די פאָדערונגען פון מ. דובינסקין צו דער איבערזעצונג, אַז זי „דאַרף אַנטשפּרעכן דעם אידייִש־קינסטלערישן טאָך פונעם אָריגינאַל, דעם אינדיווידועלן סטיל פונעם אַוטאָר, דער עמאָציִאָנעלער אָנגעזעטיקטקייַט, דעם נאַציִאָנאַלן אַראָמאַט און קאָלאָריט פונעם ווערק" (ז. 137), זייַנען ריכטיקע. מע קאָן אויך ניט דערווידערן קעגן דעם טעזיס, אַז פראַזעאָלאָגיזמען „זייַנען אין אַ געוויסער מאָס אַ קאָנצענטראַט פון ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון דער שפּראַך און זיי גיבן איר צו אַ כאַראַקטעריסטישן אַראָמאַט, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז דער דאָזיקער שפּראַך" (ז. 138). צום באַדויערן אָבער, טרעפט אַזוי, אַז דער אַוטאָר פון אַרטיקל טרעט אַליין אָפּ פון זייַנע טעאָרעטישע האַנאָכעס, בייס ער אַנאַליזירט געלונגענע און אומגעלונגענע בייַשפּילן פון איבערזעצטע פראַזעאָלאָגיזמען און ווען ער טראָגט אַרייַן זייַנע פאָרשלאָגן און אויסבעסערונגען. מ. דובינסקין געפעלט ניט, צום בייַשפּיל, די בוכשטעבלעכע איבערזעצונג פונעם אויסדרוק „בוירע מעוירע האָייש". ער האַלט, אַז דאָ וואָלט געפּאַסט „דער אַדעקוואַטער פראַזעאָלאָגיזם «пустить красного петуха», וועלכער פּילט אויס אין רוסיש די זעלבע פונקציע, וואָס דער פראַזעאָלאָגיזם „בוירע מעוירע האָייש". מיט דעם קאָן מען ניט מאַסקים זייַן. דער רוסישער פראַזעאָלאָגיזם איז ניט מער ווי אַ פיגוראַלער אויסדרוק, אַ פאַרשפּרייטער אין דער אומגאַנג־שפּראַך, מיט דעם זעלבן באַטייַט, וואָס דאָס וואָרט „אונטערצינדן".

אין שאָלעם־אַלייכעמס טעקסט האָט דער העברעיִשער אויסדרוק אַ באַשטימטע פונקציע. ער ווערט אויסגענוצט, ווי אַן אייפעמיזם, קעדיי ניט אָנרופן דעם טאַט פון אונטערצינדן מיט זייַן דירעקטן נאָמען. שיינע־שיינדל וויל, אַז מענאַכעם־מענדל זאָל זיך אַליין אָנשטויסן, אַז דער קאָרעוו האָט אַליין אונטערגעצונדן זייַן הויז, קעדיי באַקומען סטראַכאָווקע; זאָגן וועגן דעם אָפן דראָעט אַפילע מיט אַ געפאַר. הייסט עס, אַז דער רוסישער און ייִדישער פראַזעאָלאָגיזם פּילן אויס ניט די זעלבע פונקציעס. איבערזעצן שאָלעם־אַלייכעמס פראַזעאָלאָגיזם מיט אַן אויסדרוק, וואָס באַטייַט פּאָשעט „אונטערצינדן", אַנטשפּרעכט ניט סייַ דער אַדעקוואַטקייַט פון איבערזעצונג, סייַ דעם אינדיווידועלן סטיל פונעם אַוטאָר. וואָס שייַעך דעם נאַציִאָנאַלן קאָלאָריט, גיט דער פראַזעאָלאָגיזם «пустить красного петуха» געוויס איבער דעם נאַציִאָנאַלן קאָלאָריט פון דער רוסישער שפּראַך.

ס'איז אויך ניט פּאַסיק דער פראַזעאָלאָגיזם «Даю голову на отсечение», וואָס דער כ' מוישע דובינסקי לייגט פאָר אָנשטאָט דער אומגעלונגענער איבערזעצונג פון שאָלעם־אַלייכעמס פראַזע „מייַן קאָפּ מעג שוין דעמלט ליגן אין דער ערד, ווען ער וועט קאָנען זאָגן נאָך מיר קאַדעש".

לאָמיר זיך ווענדן דירעקט צו שאָלעם־אַלייכעמס קאָנטעקסט. עפּלבוים וויצלט זיך: „ווי געפעלט אייַך מייַן קאַדעש, רעב לייווי? אַ פייַנער טאַכשיט, קיין אייַנהאָרע, אַ מעשולעם! מייַן קאָפּ מעג שוין דעמלט ליגן אין דער ערד, ווען ער וועט קאָנען זאָגן נאָך מיר קאַדעש...

פונעם חיץ האָבן זיך אַלע צעלאַכט, און רעב לייווי אויך בעסויכעם" („פונעם יאַריד". מאָסקווע, 1946, ז. 400).

מיר קאָנען ניט אופנעמען שאָלעם־אַלייכעמס פראַזע ווי אַ שוווּע, ווי עס קאָמענטירט זי דער אַוטאָר פונעם אַרטיקל: „עפּלבוים שווערט זיך באַם לעבן, אַז זייַן זונדל וועט ניט קאָנען זאָגן נאָך אים קאַדעש" (ז. 137).

דאָ איז ניטאָ דער באַטײַט פון שטאַרקער זיכערקײַט, קאַטעגאָרישקײַט, וואָס ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן רוסישן פראַזעאָלאָגיזם. פאַרקערט, אין עפּלבוימס שפּאַס איז פאַראַן אַן עלעמענט פון האַשאָרע, צווייפל, „עס מעג שוין“, וואָס אַנטשפּרעכט אין דעם פאַל דעם רוסישן «возможно, должно быть».

די שווערקײַט פון איבערזעצן פראַזעאָלאָגישע אויסדרוקן באַשטייט אין דעם, וואָס אַפילע אין נאָענטע פאַר ביידע שפּראַכן פראַזעאָלאָגיזמען אַנטהאַלטן זיך אַזעלכע איידעלע סעמאַנטישע און סטיליסטישע ניואַנסן, וואָס זײַנען ניט באַמערקט, ווען מיר נעמען זיי איזאָלירט פון קאָנטעקסט, אָבער אין דעם אָדער יענעם ברייטערן קאָנטעקסט פונעם ווערק שרײַבן זיי זיך ניט אַרײַן. אָט איז, לעמאָשל, דער פראַזעאָלאָגיזם «На миру и смерть красна», וואָס דער כ' דובינסקי לייגט פאָר ווי „א גרייטן פראַזעאָלאָגישן אַדעקוואַט“ פאַרן ייִדישן „צאָרעס ראַבים — כאַצי נעכאָמע“ (ז. 143). אין דעם רוסישן אויסדרוק לאָזט זיך נאָך פילן דער באַטײַט פון באַזונדערע קאָמפּאָנענטן «мир», «смерть», וואָס רופן אַרויס געוויסע אַסאָציאַציעס. דער ייִדישער פראַזעאָלאָגיזם האָט א ברייטערן באַטײַט, ווי דער רוסישער, ער קאָן אויסגענוצט ווערן ברייטער, ווי דער רוסישער אַדעקוואַט (צום באַדויערן, איז אין אַרטיקל דער פראַזעאָלאָגיזם איזאָלירט פון קאָנטעקסט). דעם אויסדרוק „צאָרעס ראַבים — כאַצי נעכאָמע“ טרעפן מיר אין דעם זעלבן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“ אין יוסעף ראַבינס ראָמאַן „איך זע דיך, ווילנע...“. עס רעדט זיך וועגן דעם, ווי איציקל לעבט איבער, בייס ער דערוויסט זיך, אַז זײַן מאַמע איז אַוועק בעטן בא דער קעהילע א נעדאָווע אַף פּייסעך: „אין דער קעהילע טרעפט ער שכיינים פון זייער הויף שטיין צוזאַמען. טאַקע אַזוי, וויבאַלד אַלע זײַנען דאָ, האָט זיך יעדערער באַזונדער ניט וואָס צו שעמען, אַפילע פאַרקערט: „צאָרעס ראַבים — כאַצי נעכאָמע“ (ז. 75). דאָ פּאַסט זיך בעשום־אויפן ניט דער רוסישער «На миру и смерть красна» דאָס שטערבן צו זוכן אומבאַדינגט דאָרט, ווו ס'איז מעגלעך, א רוסישן פראַזעאָלאָגישן אַדעקוואַט ברענגט דערצו, אַז פאַרן רוסישן לייענער קאָן פאַרלאָרן ווערן אַן אינטערעסאַנטער באַגריף פון ייִדישער פאָלקס־כאָכמע, וואָס גיט זיך, אַגעוו, איין איבערזעצן בוכשטעבלעך אין רוסיש. אַזעלכע פראַזעאָלאָגישע באַהעפטן, וואָס לאָזן זיך איבערזעצן בוכשטעבלעך, זײַנען פאַראַן אין יעדער שפּראַך. צו זיי געהערן: „אַרומלויפן ווי פאַרסאַמטע מײַז“, „דער הימל איז נאָך צו דער ערד ניט געפאַלן“. צוליב וואָס דאַרף מען זיי פאַרבײַטן מיט רוסישע פראַזעאָלאָגיזמען «Мечутся, как угорелые» (ז. 140), «Свет клином не сошелся» (ז. 142). וואָס פאַר אַן אויסזען וואָלט, אַשטייגער, געהאַט ראָמען ראָלאַנס „קאָלאַ בריניאָן“, ווען אַלע פראַנצויזישע פאָלקסווערטלעך און פראַזעאָלאָגיזמען וואָלטן איבערגעזעצט ווערן דורך אַדעקוואַטע רוסישע ווערטלעך?

די אויסבעסערונגען, וואָס דער כ' דובינסקי לייגט פאָר אין זײַן אַרטיקל, פאַלן ניט צונויף מיט דער פאָדערונג, אַז די איבערזעצונג דאַרף אַנטשפּרעכן דעם „אינדיווידועלן סטיל פון אַוטאָר“. דער אויסוואַל פון שפּראַך־מאַטעריאַל איז אָפּטמאָל אָפּהענגיק ניט נאָר פון דעם, אַף וויפל דער איבערזעצער באַהערשט ביידע שפּראַכן, נאָר אויך פון זײַן שפּראַך־כוש, פון זײַן אינטויִציע. מיר, צום בײַשפּיל, דוכט זיך, אַז ווען אין שאָלעם־אַלייכעמס פּראָזע „הײַנט האַנדלט ער מיט אַלטע פּאָדקעוועס, אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס, עפּעס פּאַפּירלעך, פּאָרטפעלן, וועגעלעך...“ וואָלט מען די אויסדרוקן „אַלטע פּאָדקעוועס“, „אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס“ איבערגעזעצט אַזוי, ווי עס לייגט פאָר דער אַוטאָר: «Сейчас он торгует барахлом каким-то, отребьем всяким» — וואָלט פאַרלאָרן געגאַנגען שאָלעם־אַלייכעמס איראָניע. ווײַל גראָד די רוסישע ווערטער «отребье» און «барахло» ווערן אויפגענומען אין זייער דירעקטן באַטײַט — אַלטע אָפּגעניצטע זאַכן, אָפּפאַל, וואָס ס'איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר מענאַכעם־מענדלס געשעפטן. אין קאָנטעקסט פון שיינע־שיינדלס בריוו קלינגט אַפילע דאָס ניט געלונגענע «Сейчас он торгует сбитыми подковами, обтрепанными вениками» מער שאָלעם־אַלייכעמיש.

קעמפּנדיק קעגן קאַלקעס, טרעט דער כ' דובינסקי אָפּ אָפּ פון אָריגינאַל. בא שאָלעם־אַלייכעמען: „ס'איז דאָרט פאַראַן ביימער מישיישעס יעמיי ברײשיס“. אין דער איבערזעצונג: «Там имеются деревья, стоящие от сотворения мира», דה. אַז צווישן אַנדערע ביימער זײַנען דאָרט פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין זייער אַלט, „מישיישעס יעמיי ברײשיס“. די אויסבעסערונג: «Деревья там растут испокон веков» האָט גאָר אַן אַנדער אינהאַלט. דה., אַז ביימער וואַקסן דאָרט (אין אָנגערופענעם אָרט) ביכלאַל שטענדיק, מישיישעס יעמיי ברײשיס.

עס ווילט זיך נאָך מאַכן אויפמערקזאַם, וויִאַזוי דער כ' דובינסקי פאַריכט אויס גרײַזן אין רוסיש. ער שרײַבט, אַז אינעם אויסדרוק «Он томится по скрипке» האָבן די איבערזעצער „געזינדיקט קעגן רוסיש“, ווײַל «томиться чем», ניט «томиться по чему» (ז. 139). אָבער דאָס איז גראָד ניט קיין גרײַז. אין רוסישן ווערטערבוך «Слова современного русского литературного языка», ז. 597, ווערט געבראַכט א ליטעראַרישער בײַשפּיל:

«Только бы уцелеть из этого проклятого места — все возродится, пойдет по-новому. Во что он верил и по чем томился» (Дост. «Бр. Карамаз.», VIII. I)

אויב ס'איז ניט געלונגען, איז נאָר דער באַטײַט פון וואָרט «томиться» פאַרן ייִדישן „ער איז די קאַפּאָרע“, אָבער ניט דער «по».

די רוסישע קאָנסטרוקציע «Учителю приходилось не ударять лицом в грязь» איז ניט דערלאָזבאַר ניט דערפאַר, ווײַל „צווישן דעם ווערב «приходится» און צווישן ווערב «ударять» קאָן די נעגאַציע «не» ניט שטיין“, ווי עס דערקלערט דער כ' דובינסקי, נאָר דערפאַר, ווײַל אין רוסישן פראַזעאָלאָגיזם «Лицом в грязь не ударять» קאָן מען ניט ענדערן די פאָרם פון ווערב אַפן ניט פאַרענדיקטן אַספּעקט (несовершенный вид). דאָס איז א פאַרגליווערטער אויסדרוק, אין וועלכן עס איז פאַרלאָרן געוואָרן דער אינהאַלט פון די באַזונדערע קאָמפּאָנענטן: лицо, грязь, ударить נעמט זיך דאָ ניט אויף ווי א נעגאַציע «не».

ס. ראָכקינד

נאָטיצן פון א יידישן בוקיניסט

„מעשה בריעה וזימרה"

די פארשפּעטיקונגס־טעאָריע, וואָס באהויפּטעט, אז די באדײַטנדיקסטע דערשײַנונגען פון דער וועלט־געשיכטע האָבן אויסגעמיטן דאָס יידישע לעבן און אז די אידייען פון דעם אייראָפּעיִשן רענעסאַנס און אופקלערונג זײַנען צו אונדז ארײַנגעדרונגען מיט א פארשפּעטיקונג פון עטלעכע יאָרהונדערטער, איז ניט אימשטאנד צו שאפן אן אָביעקטיוו בילד פון די אנטוויקלונג־טענדענצן אין דער יידישער קולטור־געשיכטע.

וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע דענקמעלער זײַנען פארבליבן אומבאקאנט און ניט דערשאַצט, צווישן זיי אויך די פּרעכטיקע ראָמאנטישע נאָוועלע פון דעם 16־טן יה. „מעשה בריעה וזימרה".

מ. שטיינשנײַדער (1816 — 1907) און ע. שולמאן (1837—1904) האָבן, ניט קוקנדיק אפן בוילעטן ערא־טישן כאראקטער פון דער נאָוועלע, באוויזן צו געפינען אין איר סימאָנים פון רעליגיעזן אסקעטיזם, און מאקס עריק (1898 — 1937), וואָס האָט שוין געהאט א רעאַליסטישן און היסטאָרישן צוגאנג צו דער אלטער יידישער ליטעראטור, האָט אין טאָך באטראכט „מעשה בריעה וזימרה" ווי א סטערעאָטיפּישן וואריאַנט פון קעלטישע און גערמאנישע מעקוירים.

צום באדויערן, איז די פאָרשונג ניט ארויסגעגאנגען פון דער האנאָכע, אז קוידעמקאָל דארף מען זוכן אינערלעכע קוואלן און אז די אָריגינעלע נאָוועלע איז א טיפּישע דערשײַנונג פון דער יידישער ווירקלעכקײַט אין דעם 16־טן יה.

עס איז באשטימט קיין צופאל ניט, וואָס די ערשטע געדרוקטע אויסגאבע פון „מעשה בריעה וזימרה" שטאמט פון איטאליע און וואָס מע פילט אין אָט דער נאָוועלע די הייסע טעמפּעראטור פון דער איטאליענישער עראָטישער ליטעראטור אין יענער צײַט.

די ערשטע פאָרשער פון דער אלטער יידישער ליטעראטור זײַנען געווען גערמאניסטן. זיי האָבן מער אָדער ווייניקער אויסגעפאָרשט די אײַנפלוסן פון דער דײַטשישער שפּראך און ליטעראטור אף דעם אופקום און אנטוויקלונג פון דער מיטלאלטערלעכער יידישער ליטעראטור. עס האָט אָבער קיינער זיך נאָך ניט צוגערירט ערנסט צו די ראָמאנישע האשפּאָעס. איטאליע איז ניט נאָר געווען דאָס וויגעלע פון דעם יידישן געדרוקטן וואָרט, נאָר אויך פון די ערשטע באדײַטנדיקע וועלטלעכע ווערק אין דער יידישער ליטעראטור. אין איטאליע האָט געלעבט און געשאפן אזא פארביקע פיגור, ווי עליִיאָהו באָכער (לעוויטא, 1469 — 1549). ער האָט זײַן „באָווע־בוך" ניט נאָר איבערגעדיכטעט פון איטאליעניש, נאָר אים אויך געזונגען מיט א „וועלשן גיזאנג" (דה. מיט אן איטאליענישן ניגן), און צום סאָף פון דער פּאָעמע האָט ער אפילע באזונדער ארויסגעשריבן „די וועלשן ווערטער די דאָ שטייען אין מענכע ערטער, איך וויל זיי אין טײַטש בישיידן, מיט ליב און מיט פריידן". אין דער רעשימע זײַנען פאראן אזעלכע ווערטער, וואָס לעבן נאָך הײַנט־צו־טאָג אין דער יידישער שפּראך און האָבן פארהיט זייער קלאנג און באדײַט, ווי עליִיאָהו באָכער האָט זיי מיט איבער פיר הונדערט יאָר צוריק אופגעפאסט און פארפיקסירט („קאָנטעט — איך בין וויל צופרידן" אאוו. אדג.).

עס איז ניט פאראן קיין איין דערשײַנונג אין דער קולטור פון רענעסאנס, וואָס זאָל ניט האָבן קיין אָפּקלאנג אין די יידישע קווארטאלן פון איטאליע, אײַנשליסנדיק אפילע שווערדן־געפעכט און יעגער־ספּאָרט. אין ווענעציע האָט דער דרוקער יאקאָוו בען גערשן באק אין 1597 אָפּגעדרוקט פאר דער יידישער יוגנט די ערשטע אָריגינעלע ליבע־נאָוועלע „מעשה בריעה וזימרה". „וועלשע מוזיקאנטן און אנדערע געזעליקע און פריילעכע לײַט" האָבן דערטראָגן דעם ברייטן רענעסאנס־גײַסט אויך אין די שמאָלע יידישע געסלעך פון מיזרעך־אייראָפּע. זיי האָבן אהין מיט זיך געבראכט ייִצכאָק רויטלינגענס האנטשריפטלעכע קאָפּיע פון דער „מעשה בריעה וזימרה" (געשריבן אין 1580) און זי אָפּגעדרוקט אין פּראָג אין די יאָרן 1657 און 1662 און אין פראנקפורט־באם־אָדער אין 1732.

די טעמע און אויך איניקע סוזשעטישע מאָמענטן אין דער „מעשה בריעה וזימרה" רופן ארויס געוויסע אסאָציאַציעס מיט שעקספּירס „ראָמעאָ און זשוליעטע". דאָס איז, פארשטייט זיך, ניט קיין פּראָדוקט פון דירעקטע האשפּאָעס. גיכער פון אלץ איז עס א מערקווירדיקע אנאלאָגישע דערשײַנונג, וואָס איז אופגעקומען אלס רעזולטאט פון דעם, וואָס סײַ דער גרויסער שעקספּיר און סײַ דער אנאָנימער יידישער אווטאָר האָבן געשעפּט פון איינעם און דעם זעלבן קוואל, פון דער איטאליענישער נאָוועלע פון 16־טן יה.

אויך בריע און זימראָ ווערן פון זייער ערשטער באגעגעניש גאָלע ליבע. „זינטמאָל איך אײַך אָנגעזען האָב, זאָ בין איך מיט זאלבער ליבע באשטריקט, דאָס איך האָב קיין רו". זימראָ ווענדט אָן זײַן גאנצע קלוגשאפט און אײַנפאלערישקײַט צו ברעכן די אקשאָנעסדיקע אײַנגעשפּארטקײַט פון בריִעס פּאָטער. דער לעצטער, קעדיי פון אים פּאָטער צו ווערן, זאָגט אים צו זײַן טאָכטער פאר א פרוי, אויב ער וועט מאסקים זײַן פאָרן צום פּויפּסט קיין רוים און זיך דערשלאָגן, מע זאָל אָפּשאפן די אנטי־יידישע גזיירעס, וויסנדיק דערבײַ, אז ער שיקט אים אף א זיכערן טויט. זימראָ קערט זיך אומגעריכט אום מיט א גרויסן דערפאָלג. דער פּאָטער האלט ניט קיין וואָרט און פילט זײַן הייליקן צוזאָג ניט אויס. „דאָ ווייגען זיי ביידע זייער און טרײַבן אויך א גרויסן יאָמער. און זי פאל אים אום זײַן האלדז און קושט אים און זאָגט: ליבער זימראָה, גאָט זיי עס גיקליגט, איך וויס וואָל דאָס איך מוז שטארבן פאר לייד.

דאָ זאָגט זימראָה: דאָס זיי גאָט בעוואר! און ער קושט זי און זי קושט אים. עס וואר איין זאָלכעס גיקושט, ווען זי ניט שיין ווער גיוועזן, זאָ איז זי איצונדער שיין גיוואָרדן".

בריִע האָט אָבער לאנג די קוואלענישן ניט געקאָנט אויסהאלטן און איז געשטאָרבן. „דאָ טרײַב ער איין

יאָמער און רײַס זײַנע האָר פאר לייד. אזעלכן יאָמער איז נישט צו באשרײַבן".

דעם יאָמער צו באשרײַבן איז דער שרײַבער ניט געווען בעיכוילעס. ער האָט אָבער אויך ניט געקאָנט פויעלן בא זיך מיטן טויט צו פארענדיקן זײַן ליבע־געשיכטע. עס קאָן דאָך ניט געמאָלט זײַן, אז עכטע און געזונטע מענטשלעכע געפילן זאָלן אומבאשטראָפט דערשטיקט ווערן. כוץ דעם, האָט ער נאָך געוואָלט זײַנע מיטצײַטלער באווײַזן, אז ריינע ליבע איז ניט קיין זינד, און ער לאָזט זיך אוועק אין דער דיכטערישער וועלט פון פאנטאזיע צו געפינען אין איר א באשטעטיקונג פאר א פאָשעטן און רעאלן לעבנס־פאקט.

...עס באווײַזט זיך א לעגענדאר פערד, וואָס פירט זימראָן ארויס פון דער טרויעריקער און בייזער ווירקלעכקײַט, און אזויווי ער האָט נאָך קיינמאָל קיין זינד ניט געטאָן, כאפן אים טייקעף אונטער די מאלאָכים און טראָגן אים אוועק צו זײַן געליבטער און פראווען פאר זיי ביידן איין "היפּשע ברײַליפט" (כאסענע). מוישע און ארן פירן זיי אונטער דער כופּע, און גאָט אליין בענטשט זיי. דערנאָך האָט מען געגעסן, געטרונקען און געטאנצט. די מאלאָכים האָבן זיך אפילע פארשטעלט פאר לייצים און דעם אוילעם פארוויילט. "עס וואר אזעלכע קעסטלעכע ברײַליפט די ניא איז אין קיינער קעהילע גיוועזן". און אויסן איז דערמיט דער שרײַבער געווען, אז אויב אין דער אָנוועזנהײַט פון אזעלכע לײַט קאָן מען זיך קושן און ליב האָבן, פארוואָס זשע זאָלן עס אויך מענטשן ניט באווילין?

"נון, איר ליבע לײַט, האָט איר וואָל אין דעם ביכליין גילעזן, וואָס די גרויס ליבשאפט ברענגט. דערהאלבן איין איטליכער זיך פאר וואָל בידענקט וואָס דארויס מעכט ווערדן"...

די "מעשה בריעה וזימרה" איז זייער א בעקאָוועדיקער אָנהייב פון דער פירהונדערטיאָריקער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראריש־קינסטלערישער נאָוועלע.

ל. פאָדריאטשיק

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

"דער וועקער"

זיכרוינעס פון שאָלעם־אלייכעמס מיטצײַטלער

די צײַטונג דרוקט זיכרוינעס פון שאָלעם־אלייכעמס נאָענטע און פרײַנט, וועלכע דערציילן, וויִאזוי דער שרײַבער פלעגט שאפן זײַנע ווערק. מיר ברענגען דאָ אייניקע אויסצוגן פון די דערינערונגען.

ד ר. ק ו י פ מ א ן (שאָלעם־אלייכעמס איידעם):

"שאָלעם־אלייכעם פלעגט זיך ניט נייטיקן אין היסבוידעדעס פאר זײַן שאפן. אים האָט ניט געארט, אז מע פלעגט טומלען. פארקערט, ווען ארום האָבן געשפילט קינדער און געמאכט א טומל, האָט זיך אים געשריבן געשמאקער.

עס פלעגט טרעפן, אז אינמיטן א געשפרעך ווערט ער פלוצלינג פארטראכט, די אויגן קוקן ערגעץ ווײַט... אין אזוינע פאלן פלעגן זײַנע קינדער פרעגן: "טאטע, אין וואָסערע אוילעמס ביסטו איצט?" און ער איז גאָר דעמלט געווען אין קאסרילעווקע, צווישן זײַנע "קליינע מענטשעלעך".

ד ר. ש י מ ו י נ י:

"שאָלעם־אלייכעם האָט געדארפט האָבן דעם גרויסן פילפארביקן אוילעם, וואָס זאָל אים אָנרעגן, וועקן זײַן שאפונגס־קראפט און געבן איר שפּײַז. אפן פליאזש האָט מען אים שטענדיק געזען מיט מענטשן. אָט פארברענגט ער מיט קליינשטעטלדיקע ייִדן, אָט פארפירט ער א שמועס מיט א בערדיטשעווער רײַכער ייִדענע, מיט א רוסישן אָפיצער, מיט א יונגן פראָווינציִעלן סטודענט און מיט א גוויר, וואָס איז הויך און דיק און פילט שטענדיק, אז ער איז דער יעש. די אלע פארשיידענע פארשוינען זײַנען מאמעש געווען זײַן לופט. ער פלעגט זיי לאָזן ריידן, ער האָט פארנומען זייער שפראך, פארשטאנען זייערע אינטערעסן און שטרעבונגען, זייער גאנצן מעהוס... געארבעט, געשריבן האָט ער גאנץ אָפט פאר דעם אוילעם אין די אויגן".

דער סקולפּטאָר ב. פ א ט ל א ־ ז ש א ן:

"אָפט אינמיטן א שמועס אָדער צווישן איין געריכט און דעם צווייטן באם מיטיק פלעגט שאָלעם־אלייכעם מיטאמאָל אופשטיין פון טיש און שטילערהייט ארויסגיין פון צימער. ווען עמעצער וואָלט דעמלט נײַגעריק געווען א קוק טאָן אין זײַן צימער, וואָלט ער דערזען אזא בילד: שאָלעם־אלייכעם, מיט א ביסל אן אופגעהויבענעם קאָפּ, זיצט אויסגעצויגן אין זײַן לאנגן שטול, וועלכן ער פלעגט רופן "ארבעטס־קאבינעט", און האלט א קליין ביכעלע מיט בלעטלעך דינינקע, ווי פּאפּיראָס־פּאפּיר, וואָס איבער זיי איז א קליינער בלײַשטיפט אין א גלעזערן שיידל געפלויגן, ווי א קוריער־צוג.

אמאָל האָט דער דעפּוטאט ניסעלאָוויטש פאָרגעלייענט בא שאָלעם־אלייכעמען אין שטוב איינע א זאך, טאקע שאָלעם־אלייכעמס. מיר אלע האָבן געשמאק געלאכט, נאָר מער פון אלעמען האָט געלאכט שאָלעם־אלייכעם אליין.

— בייס איך שרײַב, — האָט מיר אמאָל געזאָגט שאָלעם־אלייכעם, — שמייכל איך. בייס איך הער — לאך איך. און ווען איך לייען פאָר, בין איך ניט קיין הערער און ניט קיין שרײַבער, קאָן איך דאן ניט לאכן, אפילע ניט שמייכלען..."

"א ייִשעווו"

אזוי הייסט די נאָוועלע פונעם דעמלט נאָך יונגן נויעך לוריע, וואָס איז געדרוקט געווען מיט קליינע פאָרזעצונגען אין דרײַ נומערן פון דער צײַטונג. עס פילט זיך, אז דאָס איז א מין סקיצע צו זײַן שפּעטערדיקן גרויסן הויכקינסטלערישן ראָמאן "אין וואלד", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין "סאָוועטיש היימלאנד" נומערן 7, 8 און 9 פון 1966. אויך דאָ גיט נויעך לוריע א רײַך בילד פון דעם לעבן פון די ייִשוווניקעס. דער לייענער טרעפט זיך מיט קרעפטיקע סמאָליארניקעס, די גוטמוטיקע הארציקע מענטשן.

כראָניק

אונדזערע לייענער טיילן מיט:

ז. בירגער, י. קיל (וויניצע). אין היגן זומער־טעאטער איז דער מאָסקווער ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל צוויי מאָל ארויסגעטראָטן מיטן ספעקטאקל „די קישעפמאכערן“. דער זאל, וואָס נעמט אריַין העכער טויזנט צושויער, איז געווען איבערפולט.

דער אנסאמבל האָט דעם זעלבן ספעקטאקל אויך באוויזן אין מאָלעוו, הײַסין, בערשאד און טולטשין.

●

נ. ליפשיץ (טשעליאבינסק). דער לענינגראדער ייִדישער אנסאמבל פון קאָמעדיע און וואָדעוויל האָט אין זאל פון דער היגער פילהארמאָניע אופגעפירט דעם ספעקטאקל „קאסרילעווקער גליקן“.

●

מ. כײַעט. גאסטפרײַנטלעך האָט די האָמליער ייִדישע באפעלקערונג אופגענומען דעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאטער. פאר די געסט איז אויסגעטיילט געוואָרן דער פאלאץ פון די אײַזנבאנער, ווו דער צושויערזאל נעמט אריַין העכער טויזנט מענטשן.

אויסשטעלונג פונעם קינסטלער אלעקסאנדער גלוסקין

די מאָסקווער אָפטיילונג פונעם פארבאנד פון סאָוועטישע קינסטלער האָט ניט לאנג צוריק אָרגאניזירט א פערסאָנעלע אויסשטעלונג פון אלעקסאנדער גלוסקין. אף די סטענדן זײַנען באוויזן דעם מאָלערס ווערק אין פארשיידענע פעריאָדן פון זײַן שאפן.

א היפשע צאָל פון גלוסקינס אקווארעלן און גראפישע ווערק זײַנען געווידמעט דער ייִדישער טעמאטיק (דאָס שטעטל אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, פאָרטרעטן פון ייִדן האָרעפאשניקעס אאוו.).

לעקאָוועד דעם יובּיליאר

אין ווילנע, אין רעפּובּליקאנישן קולטור־הויז פון די פּראָפאריינען, איז פאָרגעקומען א ליטעראריש־מוזיקאלישער אָוונט לעקאָוועד דעם 60־טן געבורטסטאָג פונעם דיכטער הירש אָשעראָוויטש. די לייענער האָבן הייס באגריסט דעם יובּיליאר און געווונטשן אים געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן. אין נאָמען פון „סאָוועטיש היימלאנד“ איז אפן אָוונט ארויסגעטראָטן יויסעף ראבין.

●

דער פּרעזידיום פונעם אויבּער־סאָוועט פון דער ליטווישער ססר האָט פארעפנטלעכט אן אוקאז פארן 17 יון 1968, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

„פאר דער לאנגיאָריקער ליטעראַרישער טעטיקײַט און אין צוזאמענהאנג מיטן 60־טן געבורטסטאָג באלוינען דעם שרײַבער אָשעראָוויטשוס הירשאס שאָלאָמאָוויטש מיט אן ערן־גראמאָטע פון פּרעזידיום פונעם אויבּער־סאָוועט פון דער ליטווישער ססר“.

מוסטערן פון ביכער־גראפיק

צווישן די עקספּאָנאטן פון דער הײַאָריקער אויסשטעלונג פון ביכער־גראפיק אין מאָסקווע זײַנען אויך פאראן אילוסטראציעס צו די ווערק פון ייִדישע שרײַבער.

די אופמערקזאמקײַט פון די באזוכער פון דער אויסשטעלונג ציט צו ה. אינגערס בעטהאָווען־פּאָרטרעט און זײַנע אילוסטראציעס צו י.־ל. פּערעצעס „וואָס אין פּידעלע שטעקט!“

נײַס פון אויסלאנד

אין קאמף פאר פּראָגרעסיווער קולטור

אין יִשׂראָעל איז געגרינדעט געוואָרן א נײַער פּראָגרעסיווער פארבאנד פאר קולטור־אונטערנעמונגען. אין דער פּראָגראם פונעם פארבאנד ווערט געזאָגט, אז זײַן ציל איז — פארשפרייטן די פּראָגרעסיווע קולטור צווישן די פאָלקסמאסן פון יִשׂראָעל אין גײַסט פון די אידעאלן פון שאָלעם, פרײַנטשאפט און פּראָגרעס.

אין דער אָנפירונג פון דער נײַער אָרגאניזאציע גייען אריַין דער באקאנטער פּראָגרעסיווער שרײַבער און שאָלעם־קעמפער מאָרדכע אווי־שאול (פּאָרזיצער), דר. קאלמען אלטמאן (לעקטאָר פון כײַפער טעכניקום), דר. מיכאָעל פּערלמאן, אדוואָקאט פּעליציע לאָנגער, דער באקאנטער אראבישער אדוואָקאט כאנא נאקארא, די געזעלשאפטלעכע טוער אווראָם נוימאן, גאוריעל קאָט אא.

די צאָל ייִדן אין פארשיידענע לענדער פון דער וועלט

400 יאָר ייִדישער יִשוּוו אין באָסניע

אין באָסניע און הערצעגאָווינע (יוגאָסלאוויע) ווערט הײַאָר אָפּגעמערקט דער 400־יאָריקער יובּילײ פונעם ייִדישן יִשוּוו. אין צוזאמענהאנג מיט אָט דער דאטע איז אין סאראיעוואָ פּאָרגעקומען א ספּעציעלע פײַערונג.

אין די 9 קעהילעס פון באָסניע און הערצעגאָווינע זײַנען איצט רעגיסטרירט 1530 ייִדן.

ייִדן אין צענטראל־אמעריקע

אין פאנאמע וווינען הײַנט־צו־טאָג בא 2 טויזנט ייִדן. 65 פּראָצענט פון זיי זײַנען ספאַרדים פון סיריע, 20 פּראָצענט אשקענאזים, 15 פּראָצענט שטאמען פון האָלאנד. אין קאָסטא־ריקאָ ציילט דער ייִדישער יִשוּוו 1500 פּערזאָן. אין גוואטעמאלא לעבן אן ערעך 1500 ייִדן. אין סאלוואדאָר — 270, וועלכע האָבן אײַנגעוואנדערט פון דײַטשלאנד און פראנקרײַך. אין האָנדוראס זײַנען פאראן 40 ייִדישע מישפּאָכעס, און אין ניקאראגוא — ניט מער ווי 26 מישפּאָכעס, אן ערעך 150 פּערזאָן.

●

נאָטיצן אפן קאלענדאר

שרײַבער און ווערק

מיט נײַנציק יאָר צוריק איז אין שטעטל ליאדי (ווײַסרוסלאנד) געבוירן געוואָרן דער יידישער שרײַבער ז. אַניכי (זאלמאן־ייִצחאק אַראָנסאָן).

ז. אַניכי האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין 1903 אין העברעיִש, אין 1905 — אין יידיש. ברייט באַקאנט צווישן די לייענער איז געוואָרן אַניכיס גרויסע סעריע מאָנאָלאָגן, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין פארשיידענע צײַטשריפטן און דערנאָך דערשינען אין א באזונדער בוך אונטערן נאָמען „רעב אבע“. דאָס דאָזיקע בוך האָט אויסגעהאלטן א סאך אופלאגעס. אין די מאָנאָלאָגן שילדערט דער אווטאָר געשטאלטן און שטייגער פון דער שוין דעמלט אונטערגייענדיקער פרומאקיש־יידישער וועלט.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און בירגערקריג האָט ז. אַניכי געוווינט אין סימפעראָפאָל. דאָ האָט ער אָנגעשריבן א רײַ ווערק, דערונטער די דראמע „טעלעג“. אין 1921—1922 האָט ער געארבעט אין ארכיוו פון יידישן קאָמיסאריאט אין מאָסקווע. ווינטער 1922 האָט ער עמיגרירט קיין ארגענטינע און אין 1924 — קיין פאַלעסטינע.

אין בוך־פאָרם זײַנען, אויסער דער זאמלונג „רעב אבע“, דערשינען אַניכיס „צווישן הימל און ערד“ (1909), „רעב עלכאָנען“ (1911), „ווינטער“ (1911) און אנד.

ז. אַניכי איז געשטאָרבן אין פאַלעסטינע דעם 15 אָקטיאבער 1947.

דעם 7 יול ווערט 70 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן די דיכטערין יודיקא (יעהודיס ציק).

יודיקא שטאמט פונעם ליטווישן שטעטל גאָרושד. יידישע לידער האָט זי אָנגעהויבן שרײַבן אין גאָר יונגן עלטער. בעשאס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען זי האָט זיך געפונען אין דײַטשישער געפאנגענשאפט, האָט זי געשריבן אין דײַטש, נאָר אָנהייבנדיק פון 1917 איז זי ווידער אריבער צו יידיש.

נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט יודיקא זיך באקאנט אין כארקאָוו מיטן שרײַבער מוישע טײַטש און אונטער זײַן ווירקונג זיך דערנעענטערט מיט דער קאטערינאָסלאווער יידישער דיכטער־גרופע (פערעץ מארקיש, כאנע לעווין, שמועל ראָסין און אנד.). שפעטער האָט יודיקא זיך געדרוקט אין די יידישע צײַטונגען פון סאָוועטן־רוסלאנד און אין דער קאָוונער יידישער פעריאָדישער פרעסע. פון 1929 וווינט יודיקא אין קאנאדע.

די דיכטערין האָט ארויסגעגעבן פאָלגנדע ביכער: „נײַע יוגנט“ (קאָוונע, 1923), „מענטש און צײַט“ (א דראמאטישע פאָעמע, קאָוונע,

1926), „וואנדערוועג“ (מאָנטרעאָל, 1929), „שפליטערס“ (טאָראָנטאָ, 1946), „צאר און פרייד“ (טאָראָנ־טאָ, 1949).

עס ווערט זעכציק יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער ווילנער יידישער דיכטער שאָלעם זשירמאן.

שאָלעם זשירמאן האָט זעלטן געהאט די מעגלעכקייט צו פארשרײַבן זײַנע לידער. א מעסירעסנעפעשדיקער קעמפער קעגן דעם ווילקיר פונעם פילסודסקי־רעזשים אין פוילן, איז דער דיכטער קימאט אלע יאָרן, ביז דער באפרײַונג פון מײַרעוו־ווײַסרוסלאנד, אָפגעזעסן אין טורמע. נאָך אין 1929, ווען זשירמאן איז



אלט געווען סאכאקל 21 יאָר, האָט מען אים פארמישפעט צו זעקס יאָר שווערער טפיסע. אָפגעזעסן דעם טערמין, איז ער אין עטלעכע כאדאָשים ארום ארײַנגעשלײַדערט געוואָרן אין גרויליקן קארטוז־בערעזער לאַגער.

אין 1940 האָט שאָלעם זשירמאן, שוין קראנק און טויב, זיך געײַלט פארשרײַבן די געשאפענע לידער. דער מאָסקווער „עמעס“־פארלאג האָט דאן ארויסגעלאָזט זײַן זאמלונג „דורך גראטעס“. דער אווטאָר האָט געגרייט צום דרוק א צווייט ביכל און א דראמע.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע, לאָזט זיך שאָלעם זשירמאן אוועק צו די פארטיזאנער, נאָר אין וועג פאלט ער ארײַן אין די נעגל פון געסטאפאָ און קומט אום מיט א שוידערלעכן טויט.

דעם 3 יול ווערט אלט פופציק יאָר דער סאָוועטישער קריטיקער הערש בעריאָזקין.

ה. בעריאָזקין איז א געבוירענער פון מאָליעוו, א דערצויגלינג פון דעם מינסקער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט. בעריאָזקינס ליטעראַרישע טעטיקײַט האָט זיך אָנגעהויבן אין 1935. אין א יאָר ארום, אין 1936, איז ער ארויסגעטראָטן אין מינסקער כוידעש־זשורנאַל „שטערן“ מיט צוויי גרעסערע ליטעראַריש־קריטישע ארטיקלען — וועגן כאנע לעווינס לידער־בוך „די ייִנגערע פון מיר“ און וועגן האלקינס „קאָנטאַקט“. די דאָזיקע ארויסטרעטונגען פונעם יונגן קריטיקער האָבן צוגעצויגן די אופמערקזאמקײַט פון דער ליטעראַרישער געזעלשאפטלעכקײַט.

די לעצטע יאָרן איז ה. בעריאָזקין טעטיק דעריקער אין ווײַסרוסיש און רוסיש. ער איז אווטאָר פון א היפּשער צאָל קריטישע ארבעטן און מאָנאָגראַפיעס וועגן דער הײַנטצײַטיקער ווײַסרוסישער סאָוועטישער פּאָעזיע. אין ווײַסרוסיש זײַנען אין א בוך־פאָרם דערשינען זײַנע ארבעטן „די פּאָעזיע פון עמעס“, 1958 (וועגן שעפערישן וועג פון די דיכטער פּ. בראָווקא, א. קולישאָוו, פּ. פּאנטשענקאָ און מ. טאנק), „די באגלייטערן פון דער צײַט (א שמועס וועגן פּאָעזיע)“, 1961. אין 1960 איז אין רוסיש פארעפנטלעכט געוואָרן בעריאָזקינס קריטיש־ביבליאָגראַפישע פארצייכענונג וועגן ארקאדי קולישאָוון.

הערש בעריאָזקין האָט געדרוקט אין די רוסישע זשורנאַלן א ריי ארטיקלען וועגן דער שאפונג פון עזראָ פינינבערג, מוישע טײַף, מאָטל גרוביאַן און אנדערע. אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט ער פארעפנטלעכט א גרעסערע אָפּהאנדלונג וועגן כאַיִם מאַלטינסקיס שאפן.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания восьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 28-27-91; ответственный секретарь — 94-46-69; отделы прозы и поэзии — 28-49-42; отдел критики — 23-96-07.

Художеств. и техн. редакция И. Шустер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 17/VI 1968 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 10(14,35). Бум. л. 5+2 вклейки. **Цена 50 коп.** Зак. 338.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 7

1 9 6 8

В НОМЕРЕ:

75-я годовщина со дня рождения Владимира Маяковского

Г. Ременик. Великий поэт революции.

Владимир Маяковский в гостях у еврейских рабочих Нью-Йорка (из книги В. Катаняна «Маяковский. Литературная хроника»).

Е. Фаликман. Черный ветер (роман. Третья часть).

Стихи М. Грубиана, И. Бухбиндера, Я. Штернберга, Ш. Ройтмана, Л. Кацовича.

Я. Якир. Мать (рассказ).

А. Гонтарь. Тропою памяти.

ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА. БИБЛИОГРАФИЯ. ВОПРОСЫ ИСКУССТВА

А. Вергелис. Мысли о Маркише.

И. Трембовля. Франц Кафка и его роман «Процесс».

Реплики. Наши сообщения. Заметки букиниста. Разное. Хроника. Заметки на календаре